STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01882

A LIKHT BRENT

Isaiah Rabinovich

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ישעיה ראַבינאָוויטש

אַ ליכט ברענט

דאָס בוך ווערט אַרויסגעגעבן
דורך דער פרוי שרה ראַבינאָוויטש און דעם זון שלמה ראַבינאָוויטש

ישעיה ראבינאוויטש

א ליכט ברענט

ספורי מעשיות

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל

תל־אביב, תשל"ה — 1975

YESHAYAH RABINOVICH

A LICHT BRENT

(A Candle Is Burning)

STORIES

ישעיה ראַבינאָוויטש / אַ ליכט ברענט (דערציילונגען)

I. L. PERETZ Publishing House
31, ALLENBY St. TEL-AVIV

פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב, רח׳ אלנבי 31

©

Printed in Israel 1975

נדפס בישראל תשל״ה

דפוס „אור״ בע״מ, שד׳ הר־ציון 104, תל־אביב, טל. 822481

ישעיה ראַבינאָוויטש ז״ל

גענבוירן אין כאַדאַרקאָוו, רוסלאַנד, י״ד בכסלו תרס״ה — 1904

געשטאָרבן אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע, ז׳ באב תשל״ב — 1972

אַ נשמה־ליכט
לזכר אבי־מורי
יצחק אייזיק הלוי
און לזכר אמי־מורתי
ש י י נ ד ל —
זכרונם לברכה.

צום לייענער

די דערציילונגען אין דעם בוך דארפן ניט באַטראַכט ווערן ווי אַ טייל פון דעם מחברס ביאָגראַפיע, אויך ניט אַפילו ווי ביאָגראַפישער מאַטעריאַל, נאָר בלויז טאַקע ווי ספורי־מעשיות. יעדע מעשה, טראַכט איך, פאַרמאָגט אַן עטוואָס־אַקטועלן קערן פון אַ „מעשה שהיה״: פון אָט־דעם קערן וואַקסט אַרויס דער דערציילערישער געוועב אירער. בלויז אויף אַזוי ווייט קאָן מען אָנווייזן אויפן „אמת״ אין דער מעשה — מער ניט. דער מחבר איז לחלוטין ניט ערב פאַר קיין אויטענטישקייט אין די „ספורי־מעשיות״ — אויב עמעצער וואָס האָט אַן אינטערעס וועט קומען און זאָגן אַז זיי זענען „אויסגעטראַכטע פון קאָפּ״, ווערט אים לכתחילה נאָך פאַרגעבן.

פון דעסטוועגן וויל דער מחבר אונטערשטרייכן, אַז ער זאָגט זיך לגמרי ניט אָפּ פון די „העלדן״ אין די מעשיות. ביי אים זיינען זיי אמתע געשטאַלטן, וואָס אַנטפּלעקן זיך צו אים פון די טיפענישן פון דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע. די כוונה פון „אַ ליכט ברענט״ איז מרמז צו זיין, אַז אין זיי אַלעמען האָט זיך טאַקע דאָס אינער־וויניקסטע ליכט זייערס זיך גאָר שטאַרק אַנטפּלעקט, אָדער אין באַהעלטעניש געצאַנקט. אויב דעם מחבר פון די מעשיות האָט זיך איינגעגעבן אין אַ געוויסער קינסטלערישער מאָס זייער געשטאַלט אויפצובויען, איז דאָס דער שכר זיינער.

דער נאָמען פון בוך „אַ ליכט ברענט״ איז גענומען פון דער באַרימטער אגדה איבער דעם ליכט וואָס ברענט איבער דעם קאָפּ פון דעם קינד פאַר זיין געבורט — אַ ליכט וואָס מ׳זעט מיט דעם פון איין עק וועלט ביזן צווייטן. אַ זאַץ פון דער אגדה ווערט געבראַכט איבער דער לעצטער מעשה אינעם בוך. אין זיין ערשטן גלגול איז דאָס בוך אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף העברעיש — „נר דולק״ האָט עס געהייסן — דורך דעם פאַרלאַג: „עם עובד״.

י. ר.

זייער זכות זאָל מיר ביישטיין

1. ס'איז איבער מיר אַדורך

מיין טאַטע האָט זיינעם אַן אייגענעם שיר אָנגעשריבן. ער פלעגט קיין מאָל ניט ריידן דערפון, פונקט ווי עס וואָלט ביי אים געווען אַ באַהאַלטענער סוד. בלויז איין מאָל, ווען ער האָט באַמערקט, אַז איך פאַרע זיך מיט די בלעטער פון „הצפירה" און אַפילו מיט די העפטן „השילוח", האָט ער מיר אַגב־אורחאדיק באַמערקט, אַז ער האָט אַ מאָל „גענומען די פען אין האַנט" און אָנגעשריבן אַ שיר אויף דעם שער־בלאַט פון נפתלי הערץ ווייזלס „שירי תפארת". איך אַליין האָב דעם שיר קיין מאָל ניט זוכה געווען צו זען. ער פלעגט אָבער מיט זיינע רייד אויף מיר אָנווייען פאַרשידענע קלערונגען נאָך דעם ווי ער האָט מעביר געווען די סדרה פון דער וואָך מיט אַלע זיינע זין און זיין פנים האָט אָפּגעשיינט מיט עפּעס אַן אינערלעכן ליכט. אין יענע שעהען פלעגט מיר זיך דוכטן, אַז זיין ליד טוליעט זיך צו די לאַנגע, וווּנדערלעכע זיילן פון די „שירי תפארת", ווי ער וואָלט זיך ביי זיי געבעטן, אַז זיי זאָלן אים אַריינ־נעמען אינעווייניק אין זיך, אָט אין יענע דערהויבענע ערטער, וווּ מוטער יוכבד גיסט אויס איר צעבראָכן האַרץ פאַר איר נאָר וואָס געבאָרענעם קינד וואָס שווימט אין אַ קעסטעלע ביים ברעג נילוס.

איך געדענק, אַז פון מאָל צו מאָל פלעגט אַ געוואַגטע מחשבה מיר אָנקומען, ווי אַ כוואַליע, אין קאָפּ: דער טאַטע וואָלט זיין שיר באַדאַרפט שיקן אין „הצפירה" אָדער אין „השילוח". איך האָב אָבער ניט געוואַגט דאָס אַרויפצוברענגען אָפן אויף די ליפּן: ערגעץ וווּ האָב איך באַהאַלטענערהייט געשפּירט, אַז איך קאָן נאָך פּוגע זיין אין דעם טאַטנס אַ חלום, וואָס קיין מאָל טאָר ער ניט אַרויסגערעדט ווערן. וואָס דאָס איז אַזוינס, האָב איך קיין מאָל קלאָר ניט געוווּסט:

עד היום האָבן זיך נאָך פון מיר ניט אָפּגעטאָן די וויטע, האַלב איינגעשטילטע, עכאָס פון טאַטנס ווערטער וועגן זיין שיר אויפֿן שער־בלאַט פון „שירי תפארת".

קליינע, דינע ביכעלעך פלעגן אים אין יענע טעג באַגלייטן אין זיין קעשענע אויף טריט און שריט. אין זומערדיקע שפּעטע נאָכמיטאָגס, ווען זיינע קונים האָבן זיך שוין אַלע אויסגעלאָזט, פלעגט ער מיר אַ ווונק געבן איך זאָל צוקומען. איך האָב שטענדיק שוין געוווּסט וואָס ער מיינט: כ'זאָל מיט אים צוזאַמען מעיין זיין אין יענע דינע ביכעלעך, וואָס זייערע גאָר קליינע און שאַרפע אותיות האָבן זיך אויסגעשטעלט אין זייער ברייטע שורות, ווייל דאָס וואָס די ווילן זאָגן איז זייער וויכטיק, זייער ברייט און טיף און מ'קאָן גאָרניט אויסמיידן זיך צוהערן צו זיי. דעם טאַטנס ווונק איז געווען אַ שטילער, אַן איינגעהאַלטענער און פלעגט שטענדיק אויפוועקן אין מיר אַ טראָפּן אומרו, וואָס עד היום לויערט ער אין מיר, אַ מאָל טיף באַהאַלטן אין פאַרנעפּלטע מרחקים, אַ מאָל מוראדיק אָפן און בולט שאַרף,ביים פאַרנעמען זיך מיט קינסטלערישע ווערק.

אין יענער צייט אָבער פלעג איך אין זומערדיקע נאָכמיטאָגס זיך אין גאַנצן איבערגעבן אַ מין ווונדערלעכע שלווה, אין וועלכער — אַזוי האָט זיך מיר דעמאָלט געדוכט — איך פלעג אין גאַנצן אַן זיך אַליין פאַרגעסן; אַ מין פאַרכישופטע באַהעפטונג מיט די זאַכן אַרום מיר — מיט בוים און גראָז, מיט שטיין און הויז און טייך — פלעגט מיך באַשלייערן מיט אַ ווונדערלעכער רו ווי אין אַ טראַנס. דאָך האָב איך קיין איין מאָל ניט פאַרפעלט אויפצוכאַפּן מיין טאַטנס ווונק, פונקט ווי אין מיר אַליין וואָלט ער אַלע מאָל באַהאַלטן געלעגן, וואַרטנדיק בלויז אויפן צייכן פון זיין פינגער. דער ווונק, פון זיין זייט, איז געווען אַ מין אָנזאָג, אַ רוף אַזעלכער צו שאַרפער וואַכזאַמקייט, וואָס איר גורל איז ווער ווייס ווו און וואָס.

דאָס זיינען געווען ביאַליקס „שירי הזעם", וואָס מיין טאַטע האָט מיט מיר דעמאָלט געלערנט. איך בין נאָך זייער יונג געווען; נאָך גאַנץ ווייט פון בר־מצווה עלטער.

באמת האָבן מיר ביידע יענע שירים געלערנט, ניט ווי מיר פלעגן לערנען אַן עמוד גמרא, אָדער אַפילו חומש מיטן אבן עזרא, אָדער גאָר מיטן אור החיים.

דער טאַטע פלעגט גאָרניט דערקלערן אָדער אָפּפרעגן אָדער פאַרענטפערן. ער פלעגט לייענען מיט אַ לאַנגזאַמקייט, אין וועלכער עס איז שטענדיק געווען איינגעהאַלטן אַ טראָפּן פייערלעכקייט: זיין לייענען איז געווען איינגעהילט אין אַ מין וווּנדערלעך דינער שטילקייט, וואָס שטענדיק האָב איך וועגן איר געטראַכט, אַז זי איז באמת אַן איינהאַרכן זיך, וואָס פליסט אַריבער פון די „שירי הזעם" אין אונדזער אייגענעם ווען. אַזוי האָט ער מיך אַרייַנגעפירט אין „קראו לנחשים" און „דבר" און אַנדערע „שירי הזעם" — ביז מיין האַנט האָט זיך שוין אַליין אָנגעהויבן שטרעקן נאָך יענע גאָר דינע ביכלעך, וואָס זייער באַנד איז אַ טונקל־גרינלעכער און דער פאָרמאַט זייערער איז בלויז פאַר די וואָס פאַרמאָגן אַ באַזונדערן געהער. ערשט דעמאָלט בין איך געוווּיר געוואָרן, אַז לערנענדיק מיט מיר, האָט דער טאַטע אַלע מאָל אויסגעמיטן צוויי זאַכן ביאַליקס: „ידעתי בליל ערפל" און „מגילת האש"; גראָד האָבן די ביכעלעך פון זיך אַליין זיך שטענדיק געעפנט אין יענע ערטער דווקא. עס זעט אויס, אַז דעם טאַטנס האַנט פלעגט זייער אָפט זיך אומקערן צו זיי; אַן אָנגעזעטיקטע מיט שווערער מי און אַ באַשאַנקענע מיט אַ טיפער שטילקייט, פלעגט זי רוען אויף זיי ווען איך בין בשעת־מעשה ניט געווען. האָבן שוין אין איינער אַ מנחה־שעה, ווען דער טאָג האָט זיך אָנגעהויבן איינהאָרכן אין זיין נאָך ניט אין גאַנצן אָנגעקומענער שקיעה, זיך אָנגעצויגן אויף מיר די פחדים פון ביאַליקס צאָרנדי־קער קינה:

ידעתי, בליל ערפל ככוכב אכבה פתאם,
ולא ידע כוכב את קבורתי.

גוט געדענק איך: אין יענע טעג פלעג איך זיך נאָכאַנאַנד אומקערן צו אָט די ערשטע ציילן פון דעם שיר; זיי פלעגן אין מיר

אויפוועקן אומקלאָרע גלוסטונגען אַריינצודרינגען אַלץ מער און מער אין יענע ווערטער פון אַ יידישן דיכטער, וואָס ווערט ווי אַ שטערן פאַרלאָשן, און קיין אַנדער שטערן ווייסט אַפילו ניט ווו זיין קבורה איז. איז עס צוליב אָט די גלוסטונגען וואָס דער טאַטע האָט פּרובירט אויסבאַהאַלטן דעם שיר פון מיר? האָט ער אויך געאָנט די פּחדים, וואָס ווי נעפּלען־כוואַליעס פלייצן זיי אָן אויף די וואָס לאָזן זיך אַריין אין אַזאַ מין לייענען? ווי די זאַך זאָל ניט געווען זיין — כ׳בין פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער אימהדיקער פּראַכט וואָס כ׳האָב צום ערשטן מאָל דערפילט אין יענע פּערזן. דער כישוף פון דעם אָקעאַנישן ריטם אין די פּערזן האָט מיך געהאַלטן אין איין אַרומנעמען, אַריינגעמען אין חלל פון דער אָנקומענדיקער נאַכט, מיך פאַרטראָגן ערגעץ ווו ווייט פון מיין אייגענעם קליינעם שטערן, וואָס פון זיינע מרחקים פלעגט ער זיך צעפּינטלען נאָר פאַר מיר אַליין און פאַרפירן אַ חברישקייט מיט מיר.

אין אָט אַזעלכע נעכט פלעג איך אַרומוואַנדערן ווי אייגער אַ פאַרזינדיקטער און פול מיט אַן אומקלאָרער חרטה אויף עפּעס, וואָס כ׳האָב בשום אופן זיך ניט געקאָנט דערקלערן. איך האָב ניט געקאָנט אָפּווענדן מיין זכרון פון דער מעשה מיט יענע, וואָס זיינען אַריין אין „פּרדס” און זיינען געשטרויכלט געוואָרן: איז אָט דער דיכטער, וואָס האָט די פּערזן געשריבן, אויך אַריין ערגעץ אין אַ פאַרבאָטענעם רשות — און דערפאַר מוז ער פּלוצלינג פאַרלאָשן ווערן ווי שטערן, אָן פאַרוואָס און פאַרווען? איז טאַקע יענע נאַכט, ווען כ׳האָב זיך צום ערשטן מאָל פאַרטיפט אין די פּערזן, געווען אַ קאַשמאַרן־נאַכט, וואָס אַזעלכע האָב איך פריער ניט געהאַט; עס האָט זיך מיר געחלומט, אַז כ׳שפּאַציר אַרום מיטן טאַטן; מיט אַ מאָל האָב איך זיך אַרויסגעריסן פון זיין האַנט און זיך אַוועקגעלאָזט נאָך מיין ווייטן שטערנדל; כ׳שטרעק אויס מיין האַנט אַרויף צו צום שטערנדל — די האַנט ווערט אַלץ לענגער און לענגער, ביז זי דערגרייכט דעם הימלישן נאַכט־בלוי, קלעטערט אַרום איבער טויזנטער שטערן און כאַפּט אַריין מיין שטערנדל און פאַרלעשט עס, פּונקט

ווי אַ מענטש פאַרלעשט אַ ליכט מיט זיינע פינגער. דעמאָלט איז שטאָק־פינצטער געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט. פון באַהאַלטענע היילן האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסציען קדמוניותדיקע נעפּלען און פאַרדעקן די ערד — און ווו דער טאַטע איז האָב איך ניט געוווסט. כ'האָב פּרובירט אויפהויבן מיין שטים און שרייען — איז אָבער מיין שטים פאַרשלונגען געוואָרן אין אַ נעפּלען־פאַרפלייצונג, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון די פּערזן „ידעתי, בליל ערפל”, און ס'איז מיר זייער שלעכט געווען. נאָר דעם טאַטנס געשטאַלט האָט זיך מיר ביסלעכווייז באַוויזן אַנקומענדיק און בולטער פון צווישן די נעפּלען, און צוזאַמען דערמיט האָט די נאַכט אַליין אָנגעהויבן וועבן איבער מיר איר אומגעהויערן רחמנות: זי האָט ווידער אָנגעצונדן מיין שטערנדל אויפן סאַמע עק הימל און דעמאָלט האָט זי מיך איינגעהילט אין אַ טיפן שלאָף. מאָרגן פרי אָבער בין איך אָן שום שהיות גלייך צוגעקומען צום טאַטן מיט אַ קלאָרער שאלה:

— טאַטע, וואָס איז דער פּירוש פון „ידעתי, בליל ערפל”?

ער האָט מיך באַטראַכט אַ קורצע ווײַלע, פּונקט ווי ער וואָלט שוין לאַנג דערוואַרט פון מיר אַט אַזאַ מעשה. נאָך דעם האָט ער אָנגעשטעלט אַ מינע, ווי באמת אַרט אים גאָרניט וואָס כ'פאַרנעם זיך מיט אַזעלכע זאַכן, אַז ער אַליין האָט גאָר פאַר די קיין צייט ניט און איז גאָר פאַרנומען מיט אַנדערע, גאָר וויכטיקערע סוגיות. סוף־כל־סוף האָט ער זיך אָנגערופן:

— נו, מילא. פאַר וואָס טאַקע ניט? אדרבא. אַ בחור ווי דו מעג טאַקע שוין אַ ביסל שטיין אויף זיינע אייגענע פיס. מוזט זיך טאַקע שטענדיק נאָכשלעפּן דעם טאַטן דיינעם? אלא וואָס: גוט איז, אַז אַ מענטש קען צוערשט אָפּלערנען אַ פּרשה חומש מיט רש"י כדבעי. הערסט וואָס איך זאָג דיר? בכובד ראש. נו, מילא. ווילסט דווקא לייענען יענע זאַכן — זאָל דיר ווויל באַקומען. פאָלג מיך: ס'וועט דיר אסור שאַדן; אדרבא. לאָמיר טאַקע זען ווי אַ בחור ווערט אַ גרעסערער למדן, מ'שטיינס געזאָגט, ווי זיין טאַטע. וועסט זען אויב ס'וועט מיך עפּעס אַרן. אַ דאַנק און אַ לויב דעם בורא

עולם, וואָס איך קען דיך נאָך לערנען ערגעץ ווו אַ פּסוק אָדער צווי. הכלל — פאַרנעם זיך דיר מיט דיינע געשעפטן. איך האָב, ווי דו זעסט, קיין צייט ניט. פרייטיק צו נאַכט וועלן מיר זיך „אָוועקזעצן צום סידור"...

דער זאָג „אָוועקזעצן צום סידור" פלעגט אָפט אַרויפקומען אויף מיין טאַטנס ליפּן, און אַ באַזונדערע צופרידנקייט האָט אין דעם געשטעקט: פּונקט ווי עפּעס אַ גרויסן זין איז ער מקיים מיט יעדן וואָרט פון דעם זאָג. זייער אָפט פלעגט ער מיך אָוועקזעצן פאַר ביאַליק און ראַווניצקיס „ספורי המקרא", נאָך איידער דער עול פון חדר איז אַרויף אויף מיינע פּלייצעס; מיט אַ לאַנגזאַמער לויטער־קייט פלעגט ער מיך לערנען ווי זיך טיף צוהערן צום קול פון דער חומש־מעשה. אַפילו נאָך דעם ווי יאָרן זיינען פאַריבער, און איך האָב זיך אָנגעהויבן ראַנגלען מיט סוגיות פון „עירובין" און „שבת", אָדער זיך צוהערן צו די גוטע מוסר־רייד פון דעם מלך שלמה, פלעגט דער טאַטע נאָך אַלץ מיך אָוועקזעצן, צוזאַמען מיט אַלע ברידער מיינע, צו דער פּרשה פון דער וואָך. צוליב עפּעס וואָס פלעגט ער ניט צו אָפט זיך ווענדן צו רש"י: מסתמא האָט ער אויף אַזוי ווייט זיך שוין סומך געווען אויף מיר, אַז כ'קאָן שוין אַליין אַרומשפּאַצירן אין דער רחבות פון דעם אַלטן פּרשן.

ער פלעגט מיט מיר אָנהויבן עפּעס אַ פּסוק אינעם אבן עזרא, מיט גרויס הנאה אויפדעקן יענעמס אָפט מאָל פאַרשטעלטע חידושים, און נאָך דעם זיך אין גאַנצן אַראָפּלאָזן „אונטן", אין די שטראָפּנדיקע פּירושים פונעם „אור החיים". עס האָט אים אָוודאי געצויגן צום סודותדיקן ליכט פון דעם מקובל, און צום סוף פלעגט ער אַליין באַשיינט ווערן פון יענעמס התלהבות. איך פלעג זיך אָפט וווּנדערן אויפן טאַטן, וואָס ער „צעמישט די יוצרות" אַריינקוקנדיק מיט מיר אין חומש: ער פלעגט זיך גאָר ניט רעכענען מיט דער סדרה פון דער וואָך, מאַכנדיק זיך אַ „היתר" און טאָן „ווי עס גלוסט זיך אים" אויפצומישן דאָ אָדער דאָרט — ער פלעגט זיך אָבער כמעט שטענדיק אומקערן דווקא צו דער פּרשה פון יצירה. אין אַ צייט

אַרום, ווען „מיין מזל האָט מיר אַ שיין געטאָן" און מ'האָט מיך אָנגענומען אַלס סטודענט אין אונדזער שטאָטישער גימנאַזיע, האָב איך אָנגעהויבן נאָכברומען וועגן „אַלערליי נאַרישקייטן" און נאָכקלערן נאָך מיין טאַטנס דרכים אין דער יצירה־פּרשה און „אור החיים". דעם טאַטנס איבערשאַפט איז אָבער קיין מאָל ניט אָנגערירט געוואָרן: אַ גוטע, איינגעהאַלטענע איבערשאַפט, וואָס קיין מאָל האָט זי זיך ניט געריסן כּלפּי חוץ; אַן איינגענומענע מיט אַן אינערלעכער חשיבות און אַ פליסנדיקע מיט אַ שבתדיקער אצילות איבער אַלע צימערן פון הויז. פלעג איך שוין אַפילו דעמאָלט זיצן ביי דער זייט פון טאַטן: צוערשט מיט אַ טראָפּן מורא אַריינצוקוקן אין די וונדער־וועגן פונעם „אור החיים", פונקט ווי עס וואָלט פאַר מיר געווען אַ סכּנה זיך אָפּצובריען אין דעם פלאַם וואָס נעמט געווינלעך אַרום זיין וואָרט; צום סוף אָבער פלעג איך פאַרכאַפּט ווערן פון זיין צעפלאַקערטן ליכט, וואָס האָט זיך אַריינגעוועבט אויך אין טאַטנס קול וואָס איז אַרומגעגאַנגען צווישן די פּסוקים פון דער יצירה־פּרשה.

אין אַזעלכע שעהען פלעגט זיך אָפּט טרעפן, אַז כ'האָב אין מיינע אייגענע אויגן אויסגעזען קליין און אָרעם און מאַכטלאָז. עס האָט מיך אָבער דערהויבן דעם טאַטנס אַ באַהאַלטענע בענקשאַפט, וואָס פלעגט ווי מקוים ווערן ביים לערנען יענע פּרשה. די בענקשאַפט זיינע האָט מיר דעמאָלט אויסגעזען, ווי זי שפּאַלט דעם סאַמע תוהו־ובוהו, רייסט זיך אַרויס פון דער חשכות פון די תהומות און טוליעט זיך צו גאָטס אַ ווייט ליכט, וואָס פליסט פון עפּעס אַ טיף־רחמנותדיק אויג אין הימלישע מרחקים. ניט־ווילנדיק פלעג איך דעמאָלט באַהאַלטענערהייט כאַפּן אַ קוק אין טאַטנס אויגן: זיין בליק איז דעמאָלט געווען אַן ערנסטער און לויטערער און פול מיט גוטסקייט — און זייער אַ שטילער; ווערטער און פּסוקים פלעגן שוין דעמאָלט אויף איין סעקונדע פאַר מיר ווי מטושטש ווערן; דעם טאַטנס קול איז ערגעץ אַוועק שוועבן אין די ווייטן, וואָס אַלע ערב־שבת האָבן זיי זיך מיר אויסגעמאָלט ווי „די פילע וואַסערן"

אָדער „די מעכטיקע וואַסערן" פון „יורדי הים באניות, עושי מלאכה במים רבים" און פון „מקולות מים רבים" אינעם ספר „תהלים". אַזאַ מין שבתדיקע נאַכט פלעגט מיך שטענדיק אויפרודערן, צוליב עפּעס אַ באַהאַלטענער גדלות וואָס פלעגט זיך אויפוועקן אינעווייניק אין מיר און מיך פאַנגען אין אַנטופיקע רעפלעקסיעס. דעם טאַטנס פינגער פלעגט מיך אָבער שטענדיק אַ ריר טאָן, אַזוי ווי ער וואָלט דערשפּירט אין מיר עפּעס אַ זאַך וואָס ער איז אין גאַנצן ניט גורס. נאָך דעם פלעגט שוין זיין קול זיך לאָזן אין הוילער קלאָרקייט. איך פלעג אים נאָכגיין מיט אַן איינגעהאַלטענעם ציטער: אַ גרויסער סוד, זעט אויס, ווערט פאַר אונדז אַנטפּלעקט אין די חומש־מעשיות, און אונדז איז פאַרזאָגט געוואָרן אים צו היטן, יעדער ביי זיך באַזונדער. די גרויסקייט פון דעם „אור החיים" פלעגט שוין ביי מיר אויסוואַקסן אָן אַ שיעור.

יענע וואָך, וואָס כ'האָב זיך אָנגעטראָפן אָן ביאַליקס „ידעתי, בליל ערפל", האָב איך דערוואַרט דעם פרייטיק צו נאַכט מיט גרויסן אומגעדולד. כ'האָב געפילט, אַז דער טאַטע וואַרט אויך אויף יענעם אָוונט, ווייל ער האָט מיר עפּעס וואָס צו זאָגן, וואָס איז לגמרי אויסער דער מאָס מוסר און דרך־ארץ ווי זיין שטייגער איז געווען מיט זיינע זין נאָכן מעביר זיין די סדרה. איך האָב פאַרויס געאַנט עפּעס, פאַר וועלכן איך האָב מורא געהאַט און וואָס האָט מיך אין דער זעלבער צייט אָן אויפהער געצויגן. ער האָט געעפנט דעם ספר „בראשית" אויף דער ערשטער זייט, און במשך אַ קורץ־שטילער מינוט האָבן זיינע אויגן אין זיך איינגעזאַפּט די פּסוקים; נאָך דעם האָט ער אָנגעהויבן לייענען מיט דער רויִקער לויטערקייט, וואָס עד היום עפנט זי אין מיר אַלע טיפקייטן פון געהער: „ורוח אלהים מרחפת על־פני המים". איך האָב געוואַרט, אַז ער זאָל אָדער אַריינשטעקן זיין מיטלסטן פינגער אין אבן עזרא, אָדער ער זאָל אין גאַנצן „אַראָפּגיין" צום „אור החיים" — ער האָט עס אָבער דאָס מאָל ניט געטאָן. בלויז די פולע האַנט האָט ער אויסגעשפּרייט אויף דער אונטערשטער העלפט פון דעם עמוד אין חומש: איז זי שוין

דאָרט געבליבן ווי אַן עדות, און ווי אַ חיזוק, פאַר די רייד וואָס דער טאַטע האָט ספּעציעל געווענדט צו עפּעס אין מיר.

נאָך היינט קוועלן מיר די ווערטער אין שעהען פון מענטשלעכער יתומ־שאַפט וואָס הענגען אויף האָריזאָנטן פון פאַרשווועכטע טעג:

— איי, רבון העולמים. זע נאָר וואָס פאַר אַ חשכות עס האָט זיך אַנגעקליבן אין אָט די ווערטער. תוהו ובוהו און תהום און וואַסערן וואָס האָבן גאָר קיין סוף ניט. ווי קען עס אַ מענטשנס מויל גאָר אַרויסזאָגן; וואָס פאַר אַ מין ערבוביה דאָרטן טוט זיך. אָבער, זעסט דאָך: דער רוח אלהים שוועבט איבער זיי אַלעמען, הגם זיי האָבן נאָך אַוודאי ניט דערקענט זייער בורא. הערסטו זיך גוט איין אין די פסוקים? דאָס האַרץ גייט זיי אויס נאָך די צוויי ווערטער זייערע: „יהי אור!" ווייל באמת בענקען זיי אַלע בכל נפשם ובכל מאודם צום רוח אלהים וואָס שוועבט שוין איבער זיי. דער ראשית זייערער קומט אַן אַ צעשטורעמטער און אַן אימות־פולער; אָבער אַוודאי האָט אים שוין אַנגערירט דער כנף־הרוח. זע נאָר, ווי ער צעבענקט זיך עס נאָך דער ווונדערלעכער רגע, ווען דער ערשטער שטערן וועט זיך באַווייזן אין די הימלען: אַ קליין ערשט שטערנדל — רייסט עס זיך אַרויס פון הינטער די געדיכטע נעפּלען, צעפלאַטערט זיך אין ווייטן שיין און שפּיגלט זיך אין די ראשיתדיקע וואַסערן, וואָס ווערן פון זיין כבוד וועגן אַלץ רו:קער און רו:קער. איי־איי, זאָג איך דיר: אַ מענטש דאַרף אַלע זיינע חושים האַלטן שאַרף אָפן, באַזונדער זיין חוש־השמיעה, זיין אויער אָנשטעלן, ווען ער לייענט אָט די חומש־פּסוקים. ס'איז שייך? און פון חומש־פּסוקים טאָר מען גאַרניט מינערן — און צוצוגעבן וואָס, איז שוין מער ניטאָ. ניטאָ. אפשר קאָן מען עטוואָס מפרש זיין: דאָס יאָ. דאָס איז עפּעס אַנדערש. אָבער צעברעכן דעם פּסוק — אסור ואסור. אַ מענטש וואָס וויס, וועט דאָס קיין מאָל ניט טאָן. אַפילו ווען ער איז אַ גרויסער משורר ביי יידן.

„זע נאָר זע: פיל גדולים וטובים — אונדזעריקע און זייערע — האַלטן זיך נאָך אַלץ איין פאַרנעמען מיט אָט דער קורצער

פּרשת־יצירה אונדזוערער, ווי זי וואָלט שטענדיק געהאַלטן אין איין ציען צו זיך אַ מענטשן. און מיר ווייסן דאָך, אַז אַ סך אוראַלטע ספרי־יצירה זיינען פאַראַן ביי די אומות־העולם. און בשבעים לשון. ס'איז אַ כלל גדול: פון אייביק אָן וויל דער מענטש דערקענען זיין באַשעפער. די חומש־פּרשה איז אָבער עפּעס אַנדערש: ניט עפּעס אַ מעשה פאַר קינדער וועגן געטער און בני־אלים, נאָר דאָס האַרץ אַליין פון דער וועלט, פון דער גאַנצער בריאה; דער עיקר — דער פּחד ווערט אַרויסגעטריבן פון דעם בראשית און עס שפּאַלט זיך אויף דאָס ליכט. דעריבער זאָג איך דיר: אַ ביטערן טעות מאַכט ער דער גרויסער משורר חיים נחמן ביאַליק; וואָס פאַר אַ ייד איז עס דער, וועלכער וויל זיך אַליין מחזיר זיין צום תוהו ובוהו? וואָס, זיין אייגענעם נפש וויל ער פאַרלעשן, ווי עס פאַרלעשט זיך אַ שטערן צווישן די געפלען? וואָס איז דאָס: אַ כליה איז ער, חס ושלום, גוזר אויף זיין אייגענער נשמה, אַ חושך הקדמון? די יצירה־פּרשה וויל ער, חס ושלום, סותר זיין? איי, איי... ווען דו וואָלסט נאָר וויסן, וויפל אהבת־נפש איך האָב ליב דעם משורר. קאָן דען זיין אַ ייד אַ משכיל און זאָל אים ניט ליב האָבן? יעדעס וואָרט זיינס שיינט דאָך כזוהר הרקיע. דאָ אָבער האָט ער אַ טעות געמאַכט, רחמנא ליצלן".

יענער פריטיק צו נאַכט איז אַוודאי געווען אַ גורלדיקער פאַר מיין שפּעטערדיקן, קינסטלערישן באַוווסטזיין. פריער פאַר אַלץ בין איך אַ צעטומלטער געזעסן: זע נאָר, האָב איך צו זיך אַליין גערעדט, דער טאַטע ווענדט זיך באמת צו דיר מיט כלערליי טענות, וואָס נאָר צו גרויסע מענטשן האָט מען זיי; ער פאָדערט עס ביי מיר אַ מין אחריות, וואָס אַפילו דער גרויסער דיכטער האָט אין איר טועה געווען. אפשר האָב איך טאָקע דעמאָלט דאָס ערשטע מאָל אָנגעהויבן דערשפּירן דעם זין פון אַ חטא, וואָס באַהערשט גרויסע טיילן פון דער מאָדערנער פּאָעטישער שאַפונג ביי אונדז און ביי דער וועלט. צי האָט אָבער דער טאַטע זיך מתכוון געווען מיר צו געבן אַ „לעקציע", אָדער זיין אייגן האַרץ האָט ער אויסגערעדט,

צוליב עפּעס וואָס איך האָב לחלוטין ניט פאַרשטאַנען? אַוודאי האָב איך דעמאָלט ניט געקאָנט אַנען, וואָס פאַר אַ טירן ער עפנט מיר אין טעג און אין יאָרן וואָס האָבן זיך אַריינגעפלאָכטן אין דעם לאַנגן יסורים־וועג אונדזערן. ער איז, זעט אויס, אַריינגעטאָן געווען אין אַן אויפשטראָם פון קלערונגען, וואָס געוויינלעך באַהאַלט ער זיי אין עפּעס אַן אייגענער גניזה זיינער; נאָר מיט ביאַליקס „ידעתי, בליל ערפל״ און „מגילת האש״ האָבן זיי זיך מיט אַ מאָל אַנטפּלעקט אין זייער גאַנצער אָנלאָד. ניט ווי זיין דרך איז געווען, האָט ער נאָך אַלץ ניט אָפּגעהאַלטן דעם פלוס פון זיין גערייד; אין יענע מינוטן האָב איך קלאָר געוווּסט, אַז ער פירט צו אַן אויספיר, וואָס האָט אויף מיר אָנגעוואָרפן עטוואָס אַ מורא. נאָך איידער ער איז אַרויס־גערעדט געוואָרן:

אַ נשמה פון אַ קדמון שטעקט אין אים, אין ביאַליקן. ער זעט, ווי ביטער עס גייט זיין פאָלק ישראל אין גלות — וויינט ער און קלאָגט און שטראָפט. ווי דער נביא ירמיהו אַליין. אַזוי איז טאָקע דער גורל פון אַ יידישן נביא, אַ יידישן משורר. איז אַ סימן, אַז אַלץ האָט זיך נאָך ניט אויסגעלאָזט אַפילו אין ביטערן גלות. וואָס האָט דען געטאָן דער ארי שבחבורה, יהודה לייב גורדון אַליין? טאָג און נאַכט נאָר גוואַלט געשריען. ווי אַנדערש האָט ער דען געקאָנט טאָן? האָט זיין שירה כמעט מקפּח געווען צוליב זיינע מלחמות. דער, אָבער, איז גאָר אַן אַנדערער: גרויס איז ער ווי אַ קדמון; ווי אַ בעל־אגדה אָדער גאָר ווי אַ מקובל; דאָ איז ער אָבער נכשל געוואָרן. דעם אמת דאַרף מען זאָגן: צעשפּאַלט זיך ווידער דער בראשית? רייסט זיך ווידער צום תוהו־ובוהו? אַן אדם גדול שטייט אַלע מאָל פאַר אַזעלכע סכנות; דווקא די גדולה זיינע שטעלט אים אַוועק אויף תהומות. עס קאָן גאָר אַנדערש ניט זיין מיט די וואָס וואַגן אַריינטרעטן אין פּרדס אַריין. דווקא אַ גדול. אָט דער חורבן, למשל, אַלע ווייסן מיר: חורבן הבית, חורבן האומה. און די שכינה — זי איז אויך אין גלות. נו, באַוויינען יידן די שריפה: ווער שטיל, ווער הויך. דער אָבער — דאָרט ווו מ׳טאָר

ניט גייט ער אַרום; ווייל מגלה זיין וואָס מ'טאָר ניט: „ימען פון פייער־פלאַמען" און „כמאַרעס אַנגעלאָדענע מיט פייער און בלוט". אַ „מגילה פון פייער" שרייבט ער — ניט מער און ניט ווייניקער. וואָלט היינט געווען ביי יידן אַ מורה־דרך ווי עס באַדאַרף צו זיין, וואָלט ער אַוודאי יענע ,מגילה' גאַנץ געוועזן.

ער איז שטיל געוואָרן — און אין זיין איצטיקער שטילקייט האָט געוירן אַ מין חרטה, וואָס האָט אויך מיך, ווי מיט צוואַנגען, געדריקט. ער האָט זיך ווי אומגעקוקט אויף מיר — און האָט אין דער זעלבער רגע אויך באַמערקט זיינעם אַ פינגער, וואָס האָט נאָך אַלץ געשטעקט אינעם „אור החיים". דאָס האָט אים עטוואָס צעטומלט. אין מיר אַליין איז אויפגעגאַנגען אַ טראָפּן שעמעוודיקייט, וואָס דער טאַטע רעדט אויס עפּעס אַ גרויסן צער זיינעם פאַר אַ יינגל וואָס קאָן אים נאָך ניט פאַרשטיין ווי געהעריק. ביז וואָס־ווען אָבער, און נאָך איידער מיין מאַמע האָט באַוויזן מיך „אַרויסצוראַטעווען" פון טאַטנס הענט, ווי איר שטייגער איז געווען, ווען זי האָט דערשפּירט, אַז אירע קינדער זיינען שוין גוט פאַרהאַרעוועט פון טאַטנס תורה, האָט זיין שטים זיך ווידער אָנגעהויבן הערן בניחותא און מיט ישוב־הדעת, פּונקט ווי ערשט איצט וואָלט ער זיך אַרויסגעראַטעוועט פון אַלע ספיקות און קלעמענישן, וואָס זיינען אים באַפאַלן דורך דער וואָך. אַפילו דעם „אור החיים" האָט זיין פינגער פאַרלאָזן: ער האָט אָנגעהויבן לערנען חומש מיט רש"י בתכלית הפשטות. איצט האָט ער שוין געלערנט בלויז פאַר זיך אַליין, פאַר זיין אייגענער נשמה וועגן. עס האָט מיר אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיך באַפרייט פון עפּעס, וואָס מיין שאלה וועגן פירוש אויף „ידעתי, בליל ערפל" און „מגילת האש" האָט נאָך הונדערט מאָל שווערער געמאַכט. דער שבתדיקער תענוג האָט איצט געריזלט פון זיין לייענען און אָנגעפילט דעם חלל פון אונדזער הויז מיט אַ יום־טובדיקער לייכטקייט. די אָוונטיקע שעה האָט זיך גע־הייליקט אין דעם פלאַטער פון זיין לויטערן ניגון. און ווען ער האָט די פרשה פאַרענדיקט, איז ער אויפגעשאַנען מיט אַ שמייכל

וואָס האָט זייער פאַרטיפט זיין לויטער, שטיל אויג. ער איז צו־געגאַנגען צו דער ביכער שאַפע און פון דאָרט אַרויסגענומען איינעם פון יענע קליינע ספרימלעך, וואָס זייער איינבונד איז אַ טונקל־גרינלעכער און זייערע שורות זיינען לאַנגע. איצט האָט ער מיך צוגערופן אָפּן, און ניט לויט אַ ווונק, ווי ער פלעגט אָפטער טאָן:

— קום אַ הער, בחור. עס וועט דיר גאָרניט שאַדן אַז דו וועסט זיך נאָך אַ פּאָר מינוט פאַרנעמען מיט תורה לערנען. כ׳נעם די עבירה אויף זיך. קוק זיך ניט אום אויף דער מאַמען דיינער נעבעך...

ער האָט מיך אַוועקגעזעצט ביי זיין זייט. זיין פינגער האָט ער אַוועקגעלייגט אויף די ברעגן פון דעם אָפענעם ביכל, וואָס האָט זיך צעגאָסן מיט זיין שורות־שטראָם, און אָנגעהויבן לייענען מיט אַ ניגון און גוט־מוטיקייט און טיפער כוונה:

חלפה על פני נשמת אַפך, אלהים, ותלהטני,
וקצה אצבעך החריד רגע מיתרי לבבי,
ואני זחלתי ואדם, ואכלא המית רוחי;
בתוכי התעטף לבי, וזמרתי לא שטפה פי:
במה אבוא אל הקדש ואיככה תטהר תפלתי?

2. אקדמות

מיין רבי, ר׳ שמחה, איז געווען אַ בויאַנער חסיד. צוליב עפּעס־וואָס איז דער ענין פּאָר מיר געווען פול מיט וווּנדער, הגם דעם בויאַנער אַליין האָב איך קיין מאָל ניט געזען און מיט זיינע חסידים בין איך קיין מאָל ביי איין טיש ניט געזעסן. עס פלעגן זיך מיר צעוווּנקען יענע מרחקים, צוליב וועלכע מיין רבי פלעגט פאַרלאָזן זיין „מאָקאַראָווער״ חברותא אין אונדזער שטעטל, גנבענען צוויי מאָל אין יאָר די גרענעץ ערגעץ ווו אין גאַליציע און זיך שטענדיק צוריקקערן פון דאָרט מיט אַ צעשיינטן קול און מיט אַ בויגזאַמען קערפּער — און מיט אַ נייער, פון־די־טיפן־פליסנדיקער מעשה, וואָס אַלע מאָל פלעגט זי מכפר זיין אויף דער האַרבקייט פון דער גמרא־

סוגיא און אַנווייען אַ מין ווייכקייט אַפּילו אויף דער פּאַרפּאַלענער שטרענגקייט פון די מפרשים. ביי זיין יעדן צוריקקומען פלעג איך זיך פאַרשטעלן די בויאַנער חסידים, ווי אַלע הויכע און בויגזאַמע ווי ר׳ שמחה אַליין, אַלע זיינען זיי באַשלייערט מיט עפּעס אַ באַ־האַלטענער הכנעה, וואָס קוועלט אין זיי, און דאָך הייבן זיי זייער קאָפּ מיט אצילותדיקער גדלות, פונקט ווי זיי וואָלטן אין זיך געטראָגן אַ פאַרכטפולן סוד, וואָס אויסער זיי וויס אים קיינער ניט. באַזונדערס פלעגט אָט די פאַרשטעלונג מיינע מיך אין גאַנצן פאַרכאַפּן, ווען איך האָב מיין רבין געטראָפן שטיין שמונה־עשרה. דעמאָלט פלעג איך זען די בויאַנער חסידים אין גאַנצן באַהאַפּטענע אין אַ טיף־שטילן לויטער מיט די שמונה־עשרה ברכות וואָס ציִען זיך אַלע צו דער השתחויה פון דער „מודים"־תפילה. מיין רבי פלעגט טיף־טיף איינבויגן זיין רוקן ביי „מודים" — און דאָך פלעגט זיין קאָפּ בלייבן אַן אַרויפגעהויבענער, ביז זיין גאַנץ געשטאַלט האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אויפהויבן העכער און העכער און צום סוף זיך אויסגעגליכן ווי אַ סטרונע. אַן עדה יידן וואָס פירט זיך אַזוי — פלעג איך מיט זיך אַליין איינטענהן — איז דאָך ווי אַן עדה בעריאָזעס וואָס שטייט אויפן האָריזאָנט פון אַ גאָלדענעם זומערטאָג און איר קאָפּ איז פאַרטאָן אין בלויע טיפן. באמת האָב איך געוווּסט, אַז דער משל איז שוין זייער אַן אַלטער, און פיל מאָל האָב איך אים געהערט זאָגן און אים אַוודאי פּיל מאָל געלייענט אין ביכער. איך קאָן אים אָבער אַפּילו איצט פון זיך ניט אַרויסנעמען, זיצנדיק איינער אַליין אין אַ זומערדיקער וועלט, און לאָזנדיק אַריינטריפן אין מיר טראָפּנס שלווה פון דער בלויער שטילקייט אַרום. די שלווה שיילט אָפּ פון מיר געוויכט נאָך געוויכט, און דער בוים אַנטקעגן ווערט אין גאַנצן דורכזיכטיק אין די בלויע טיפן, אין וועלכע ער איז פאַרטאָן ביי זיין „מודים"־תפילה. רבי, זאָג איך אים, די שעה איז שוין אַ שפּעטע און אויפן האָריזאָנט פאַרציט זיך אַ ראָזע ווייט־קייט פון אַן אָנקומענדיקער מנחה־שעה. ער שטייט אָבער און שווייגט, אין גאַנצן אַריינגעטאָן אין זיין שטילן דורכזיכט. רבי, טענה איך צו

אים, וואָס וועט זיין מיט דיין בלוי, ווען די רויטע שקיעה וועט אָנקומען און פאַרוואָרפן אירע שוואַרצע נעצן אויף דער ערד? רבי, שריי איך, די שקיעה וועט באַלד אַרויספאָרן מיט איר תליה איבער אַלע הימלען פון דער וועלט — און דיין קאָפּ שטעקט נאָך אַלץ אין טיף־בלויער איינזאַמקייט פאַר דער „מודים"־תפילה. רבי, רבי, ניטאָ מער די חסידים פון בויאַן און פון מאַקאַראָוו, און אויס־געלאָזט האָבן זיך משכילים פון טאַטנס הויז, און די אותיות זיינען אַרויסגעפלויגן פון דער סוגיא מיט מפרשים און פון משוררס שירים — און דיינע מעשיות הענגען געשאָכטענע אויף אַלע האָרי־זאָנטן. רבי, דיין קאָפּ פליסט אין בלויען — און די שקיעה קומט אָן אויף אים אין רויטער שוואַרצקייט. ער, אָבער, שמייכלט נאָך אַלץ אין זיין דורכזיכט און פאַרהאַלט עפּעס אַ חדווה וואָס פליסט אין זיינע בלוטן — פונקט ווי נאַר־וואָס וואָלט ער זיך אומגעקערט פון בויאַנער מעמד, אָדער גאָר גרייט ער זיך אין אַ לויטערן סיון־פרימאָרגן אַרויפצוקומען מיט איינגעהאַלטן־זינגעוודיקע טריט אויף דער בימה צו זאָגן „אקדמות" מיטן קהל. — — —

פון שטענדיק אָן איז עס זיין „חזקה" געווען צו זאָגן „אקדמות" שבועות אין דעם בית־המדרש ביי אונדז אין שטעטל. יענעם פריי־מאָרגן פלעגט ער איבערלאָזן זיין „שטאָט" אין דער מאַקאַראָווער קלויז און זיך אַוועקלאָזן אין בית־המדרש אַריין, ווו די מערסטע מתפללים זיינען געווען די „משכילים" פון שטעטל, און חסידים פון עפּעס ווייט־פרעמדע „הויפן". אָט די פלעגן זיך מתיחד זיין אין די ווינקלען פון דעם בית־המדרש מיט אַ מין מאָדנער התלהבות, וואָס פלעגט אָפּט מאָל אַריין אין אַ דביקות וואָס אין אונדזערע מקומות האָט מען זי ניט גורס געווען. פאַר וואָס דער רבי מיינער האָט דווקא זיך שטאָל און אייזן געהאַלטן ביי דער „חזקה" זיינער, איז מיר ניט באַקאַנט. זי איז אָבער ביי אים געווען ווי מן־השמים אַ געגעבענע, און קיינער האָט אויף דעם ניט געטאָרט מהרהר זיין. עס קאָן אָוודאי זיין, אַז אָט די „חזקה" זיינע האָט עס צוגעגעבן

זיינע טריט, ביים אַרויפגיין אויף דער בימה צו „אקדמות", אַ מין זיכערקייט, וואָס געוויינלעך האָט ער זי זייער זעלטן פאַרמאָגט. מיט אַ פייערלעכער גדלות פלעגט זיין הויכע פיגור אַרומקוקן דעם גאַנצן קהל וואָס האָט שטיל־שווייגנדיק אויף אים געוואַרט אָנגעצויגן און מיט אָן איינגעהאַלטנעם אָטעם. אַ קורצע ווילע בלויז פלעגט ער אַזוי שטיין — און דעמאָלט אָנהייבן באַוועגן זיין גאַנצן קערפּער ניט פאָרויס און אַהינטער, נאָר רעכטס און לינקס, און מיט אַ מאָל זיך אַוועקלאָזן מיט אַ התלהבותדיקער גבורה אינעם ים פון דער מעכטיקער שירה און אַזוי צערודערן דעם גאַנצן בית־המדרש ממסד עד הטפחות. מיר פלעגט זיך דעמאָלט דוכטן, אַז די „שטאַרקע וואַסערן" פון „בראשית", אָדער פון „תהלים", שטראָמען ארויס פון זייערע טיפענישן און האַלטן אין אָנקומען פון מרחקים אין בית־המדרש אַריין; אָדער אַז אוראַלטע ביימער האָבן זיך צערוישט אין אַלע אָנסופיקע וועלדער פון דער וועלט און אַלע שטורעמדיקע ווינטן קומען אָן מארבע רוחות השמים: זיי אַלעמען האָט ר' שמחהס „אקדמות" אויפגעוועקט און אַרויסגערופן; פול מיט מורא פלעג איך שטיין אָנטקעגן עפּעס אַ געוואַלדיקן אָנקום, וואָס אָט־אָט וועט ער מיך פאַרפלייצן צוזאַמען מיט מיין טאַטן און אַלע מתפללים אין בית־המדרש. אין דער זעלבער צייט אָבער פלעגט זיך ר' שמחהס הויכע געשטאַלט מיר באַווייזן אין דערהויבענער גדלות, וואָס צוימט מעכטיק איין אַלע ווילדע כוחות פון דער וועלט מיט זיין התלהבות פאַר דעם אייבערשטנס יצירה — אָט די התלהבות וואָס פלעגט אויך מיין טאַטן אָנפילן ביים לערנען די סדרה „בראשית" מיטן „אור החיים". אַזוי פלעגט שוין מיין רבינס „אקדמות" מיך איבער־פילן איינציייטיק מיט פּחד און אויך מיט חדווה און כ'האָב קיין מאָל ניט געוווסט וואָס מיט מיר טוט זיך. עס האָט מיר זיך צייטנ־ווייז געדוכט, אַז ר' מאיר דער בעל „אקדמות" אַליין שטייט דאָ בכבודו ובעצמו פאַרן קהל און צוימט זיין שירה, אַז זי זאָל ניט אויפגעריסן ווערן. אין יענע יאָרן בין איך נאָך פאַרכאַפּט געווען פון חלומות און דמיונות, און ס'האָט זיך מיר אַ מאָל, ביים לייענען

„אקדמות", געדוכט, אַז מיין רבי, ר' שמחה, וואַקסט פאַר מיינע אויגן אויס העכער און העכער איבער גאַנץ קהל, ווי אַ הויך־געשטאַלטיקע סאָסנע, וואָס הערשט איבער אירע „אונטערטאַנען" אין אַ געדיכטן וואַלד. דאָס האַלט עס ר' שמחה אָן מיט אַ געוואַלטיקער מאַכט אַלע ביימער־שפּיצן, אַז זיי זאָלן ניט איינברעכן מחמת זייער צעוויגן זיך צוליב דער גרויסער שטורעם־מיסטעריע וואָס קומט אָן איבער דער וועלט. זיין קאָפּ הייבט זיך אַלץ אַרויף צו, צו דער בלויקייט פון די שבועותדיקע הימלען, וואָס זיינען פאַרנומען אין פאַרטיפן זייערע מרחקים, און זיי אַריינוועבן אין זיין „אקדמות" לייענען. ס'האָט זיך מיר געדוכט, אַז זיין קאָפּ פלאַטערט אין דער יום־טובדיקער לופט, אַ באַגאַסענער פון דעם לויטערן שיין וואָס פליסט דורך די ברייטע שויבן אין בית־המדרש אַריין. די גאַנצע וועלט פלעגט אַזוי אַרום פאַרכאַפּט ווערן פון אַן אומגעהויערער פּראַכט, וואָס די שפּעט־פרילינגדיקע יום־טוב טעג פלעגן מיט זיך אָנטראָגן. איך פלעג זיך אָבער אָפּטרייסלען פון אָט די דמיונות מיינע ווייל דעם רבינס „אקדמות"־ניגון אַליין פלעגט שוין פליסן מיט אַ שלווה, וואָס ווערט אַלץ ברייטער און טיפער, פול מיט קרעפטיקער חדווה און ליבשאַפט, אויסזינגענדיק די מעשה וועגן דער טיטאַנען־שלאַכט פון דעם שור־הבר און דעם לוויתן. דער גדלות, וואָס האָט אים אין אָנפאַנג באַטריבן, פלעגט אויף אַ וווּנדערלעך־מיסטעריעזן אופן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ טיפער פראַכטפולער הכנעה, וואָס פירט גלייך צום סוף פון דער שירה מיט אַ צעשטראַלטן נצחון. אַזוי פלעגט מיין רבי, ר' שמחה, פאַראייניקן מיט זיין „אקדמות" זאָגן דעם גאַנצן קהל אין אונדזער בית־המדרש: די „משכילים" און די יוצאי־דופנדיקע חסידים — אַפילו אויך דעם איינציקן שטעטלשן „בעל־תשובה", וועמענס מעלאַנכאָליע פלעגט אין יענער שעה אין גאַנצן אויסגעוועפּט ווערן צוליב דער שירה, מיט וועלכער דער ערשטער שבועות־פרימאָרגן איז געבענטשט געוואָרן.

3. וואַנדערלעך איז דער דניעפּער (דניעפּער)

פון די אַרמענישע בערג איז ער פאַרוואַלגערט געוואָרן קיין רוסלאַנד ווען נאָך גאָר יונג — און די רעוואָלוציע האָט אים אַרומ־געשליידערט, ביז ער איז אַריינגעפאַלן אין אונדזער שטאָט און איז געוואָרן אַ ליטעראַטור־לערער ביי אונדז אין גימנאַזיע. שטענדיק האָבן מיר אים געשפּירט ווי אַ גערופענער אין מרחקים אַריין. ער איז געווען אַ הויך־געשטאַלטיקער און דאַרער, און זיין פּנים האָט געהאַט דעם קאָליר פון אַ טונקעלן איילבירט — און זיין גאַנצער ווען האָט אין די אויגן פון די נאָענטסטע פון זיינע תּלמידים פאַרמאָגט אַ מיסטעריעזע דורכזיכטיקייט. אויף אייניקע פון אונדז האָט זיין גאַנצער הילוך אָנגעוויעט אַ דערוואַרטונג: פּונקט ווי עמעצער אַ וואונדערלעכער דאַרף אונדז אָנקומען אַנטקעגן מיט אַ שטילער ברכה אויף די ליפּן און מיט אויגן וואָס טובלען זיך אין טיפקייטן. זיין פּנים האָט פאַרמאָגט אַ פּאָר קנייטשן וואָס האָבן זיך ווערטיקאַל געצויגן פוןביידע זייטן מויל. אין אָט יענע קנייטשן פלעגן פלאַטערן דורכזיכטיקע שאָטנס, וואָס פלעגן שטענדיק באַ־גלייטן זיין לאַנגזאַמען, איינגעשטילטן הילוך און פלעגן אים אין גאַנצן ווי איינהילן אין אַ סקעפּטישן שלייער פון יאָ־און־ניט־זיין. די דורכזיכטיקע שאָטנס, האָט זיך מיר אָפּט מאָל געדוכט, ריזלען לאַנגזאַמע און איינגעשטילטע אין זיין פאַרלייענען די לאַנדשאַפט־באַשרייבונגען פון גאָגאָלן: זיי אַלע פלעגן אַריינפליסן אין מיינער אַ „באַהאַלטענער סאַזשלקע" פון התפעלות, וואָס איך האָב זי גע־קאָנט אָנרופן ביים נאָמען זייט איך האָב באַוויזן זיך אָנצולייענען מיט ביאַליקס „הבריכה". דאָס פאַרלייענען זיינס האָט געשאַפן אַ מין אינערלעך־סודותדיקע פאַרבינדונג צווישן לערער און תּלמידים: ווי עפּעס אַ קהילה קדושה אַזעלכע זיינען מיר געווען, וואָס קומט זיך אָן אָפּגעזונדערטע צונויף אָפּצוריכטן אַן עבודה, אין וועלכער בלויז די געווילטע קאָנען זיך באַטייליקן. איך אָבער — פלעג צייטנווייז ניט קאָנען איינהאַלטן מיין התפעלות און „אַרויס פון די כּלים", ווען דאָס טיפע איינהאָרכן זיך אינעם ריטם, וואָס באַוועגט

יאָסיף וואָלעריאַנאָוויטשעס שטיל געריידן, האָט זיך אומגעהויער אָנגעצויגן. דעמאָלט פלעגט בּלויז איין וואָרט פון התפעלות זיך אַרויסרייסן, קעגן מיין אייגענעם ווילן, פון מיין מויל. דאָס האָט ווי צעשטערט די אָנגענומענע עבודה און עטוואָס מחלל געווען די הייליקייט פון סוד. קיינער פלעגט זיך אָבער ניט אומקוקן, עלעהיי ס׳האָט טאַקע גאָרניט געטראָפן. איך, אָבער, פלעג אין אַזעלכע פאַלן זיך אויסריכטן כלעריליי עונשין אָדער צונעמען, וואָס זאָלן מכפר זיין אויף מיינע פגימות אין דיסציפלין: איך האָב ניט געקאָנט איינשטילן אין זיך יענעם זיסן פיין, וואָס פלעגט אין מיר אויפגיין כל זמן דער אָרמענער פלעגט זיך פאַרנעמען מיטן פאָר־לייענען. הינטער זיין עפישן ריטם פלעג איך פאַרנעמען, ווי אור־אַלטע־ווילדע קולות רייסן זיך פון יעדן קלאַנג זיינעם און ווילן מיר צעפירן מיינע בּלוטן. ווייטע קדמונימדיקע וויזיעס און קלאַנגען האָבן געמאָנט פון מיר עפּעס, וואָס עד היום וואָרפט עס אויף מיר אָן אַן אימה, ווען איך לייען נאָר אַן עפּיש ווערק פון קינסטלערישער באַדייטונג. תוך כדי דיבור, אָבער, פלעג איך אָנגעפילט ווערן מיט געוואַלדיקער גדלות, צוליב די שרייבער אַליין, וואָס דערציילנדיק זייערע מעשות, שרעקן זיי זיך ניט פאַר די עלעמענטאַרע כוחות וואָס זיי טרייסלען אויף פון אוראַלטער געצוימטקייט. איך האָב זיך געגרויסט מיט זייער וואָרט־כישוף, מיט וועלכן זיי פאַרשפּאַנען דאָס געווילד פון מענטש און פון חיה און פון דער גאַנצער נאַטור, און צום סוף צעזינגען זיי זיך גאָר אין אַ געזאַנג פון דעם האַר — דעם שעפער. אָט דאָס געזאַנג האָט עס אָנגעצויגן מיין גאַנצן ווען אין געהאָרך נאָר צום פּלאַצן: אַ געזאַנג וואָס אָט איז ער אַ צעהוליעט־צעשטורעמטער, אין וועלכן אַלע חושים זיינען אַ געווירבל פון תהומותדיקן בּראשית אַליין; און אָט — אַן איינגעהאַלטן־שטילער, אַ פאַרנומענער אין אַ דין־דינעם אומעט, וואָס הויערט אין די סאַמע טיפענישן פון אַן אויפקומענדיקן מענטשן. איך בּין אַ יינגל אין יענער צייט געווען — כ׳בין נאָך פון דער בּית־המדרש באַנק ניט אַראָפּ — און די נייע וועלט, וואָס ליטעראַטור האָט מיר געעפנט,

האָט מיך אין גאַנצן צערוישט. דעריבער פלעג איך טאַקע אַ מאָל ניט קאָנען איבערטראָגן יענע שטילקייט, אין וועלכער עס פלעגט זיך איינוויקלען דעם אַרמענערס גערייד, וואָס רירט אָן די פאַר־באָטנסטע רשויות מיט אַזאַ מין פלאַטערנדיקער לייכטקייט און גייט זיך אַרום אין „פרדס", ווי עס זיינען אַ מאָל געגאַנגען תנאים, מקובלים און ניט נפגע געוואָרן. זיין געשטאַלט פלעגט מיר דעמאָלט עטוואָס פאַרטושירט ווערן, צוליב דער הוד־שבהוד־מיסטעריע וואָס האָט אָנגעפילט דעם חלל ביים פאַרלייענען די לאַנדשאַפט־באַשריי־בונגען פון גרויסע רוסישע דערציילער. און אין פרימאָרגן טאַקע, ווען ער האָט געהאַלטן אין מיטן גאַגאָלס „וואונדערלעך איז דער דניפּער אין אַ שטילן וועטער", איז זיך די מעשה פאַרלאָפן. כ'האָב בלויז זיין קול געהערט שטיל און קלאָר און שאַרף, אָבער די שטריכן פון זיין פּנים האָב איך כמעט ניט געקאָנט גענוג שאַרף באַנעמען. האָב איך מיט אַ מאָל דערפילט, אַז איך קאָן זיך ניט באַהערשן — און אַן אויסגעשריי „וואונדערבאַר" האָט זיך אַרויסגעריסן פון מיין מויל אין דעם חלל פון דעם צימער. כ'האָב אין יענער מינוט גע־וואָלט מיין קאָפּ אין דער ערד פאַרגראָבן מחמת בושה. דער אַרמענער, אָבער, איז צוגעקומען צו מיר, און זיין פּנים האָט געשמייכלט מיט אַ לויטער וואָס האָט זיך געטובלט אין אַלייבירט־טונקל. אַוודאי האָט ער גאָרניט געזאָגט: אין די קנייטשן פון זיין פּנים האָט בלויז געפלאַטערט אַ דין־דורכזיכטיקער שאָטן און אין זיינע אויגן האָבן אין דער שטיל געקוועלט פריינדשאַפט און נאָענטקייט און פאַר־שטאַנד און אַלע האָבן זיי זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין שמייכל פון פאַרגעבונג און אומעט.

אין טאָג האָט ער צוזאַמענגענומען די „אויסדערוויילטע" פון זיינע תלמידים און האָט זיי איינגעשטעלט אין אַ „קרייז פאַר מערב־דיקער ליטעראַטור". יעדער איינער פון זיי האָט יענעם טאָג אין זיך געטראָגן אַ מין באַזונדערע אצילות, וואָס האָט ערגעץ ווו גע־שטעקט אין זיינע יחידיש־באַזונדערע חלומות. די נעמען: איבסן, הויפּטמאַן, מעטערלינק און אַנדערע זיינען געוואָרן ווי כישוף־

ווערטער אַזעלכע, וואָס האָבן יעדן איינציקנס טראָט צוגעגעבן אַ מין באַזונדערער לעבנס־כּוונה. מיך אָבער האָט ער נאָך איבערגע־לאָזט אויף אַ באַזונדערן שמועס נאָך דעם ווי ער האָט אַלעמען צעלאָזט. ער האָט מיך אַריינגענומען אין זיין צימער, געעפנט אַ ביכער־שראַנק און שטילערהייט מיטן פינגער געצייגט אויף אַ קליי־נער ביכער־זאַמלונג, וואָס איז עטוואָס אָפּגעזונדערט געשטאַנען אין אַ ווינקל פון דעם שראַנק. דאָס איז טאַקע געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב זיך אָנגעטראָפן אָן דער עפּיש־דיכטערישער שאַפונג פון פאַרשידענע פעלקער. אָן ווערלכן ניט איז גערייד, האָט ער איינס נאָך איינס אַרויסגענומען די עפּישע געזאַנג־ביכער פון דרומדיקע פעלקער און צפונדיקע פעלקער, מיר שטיל־שווייגנדיק אויסגע־שטרעקט בוך נאָך בוך, ווי ער וואָלט אויסגעפילט אַן אוראַלטע הייליקע עבודה — וואָס טאָר מיט קיין וואָכעדיקן וואָרט ניט פאַר־שטערט ווערן. נאָך דעם האָט ער זיי פון מיינע הענט צוריק גענומען און זיי אַריינגעשטעלט אין שראַנק. אַ קורצע ווײַלע איז ער אַזוי שטיין געבליבן, אין זיינער אַן אייגענער יחידות, זיי אָנטקעגן. ערשט דעמאָלט האָט ער זיין פּנים אומגעקערט צו מיר, ווי ער וואָלט זיך וועגן עפּעס מיישב געווען, און תּוך כּדי דיבור האָט ער אַרויסגע־נומען פון דעם שראַנק אַ דין ביכל וואָס זיין איינבונד איז געווען אַ בלוילעך־גרינער און אַן אינדיאַנער שטייט דאָרט אויף איין קני ביי אַ ברעג פון אַ רוישיק־פאַלנדיקן שטראָם און צילט זיין פייל־און־בויגן ערגעץ אין אַ וואַלד אַריין:

„אָט דאָס. זאָל דאָס זיין דאָס ערשטע פון די וואָס שטייען דאָ. איינער אַן אַמעריקאַנער דיכטער האָט דאָס אָנגעשריבן. יענער האָט אוודאי גוט געקאָנט הערן — גלייך פון אינדיאַנער־מויל הייאַוואַטהאָס ליד געזונגען. איז געזעסן און האָט גוט געהערט. דעם לויטער פון דער זון געהערט, דעם געפּלאַטער פון אַ גרעזל, דעם פליסנדיקן זילבער־גלאַנץ פון טייכל — און די האַרציקע פרייד פון דעם יונגן הייאַוואַטה אין וואַלד און פעלד. לייען דאָס צוערשט. האָרך זיך איין אין דער חדווה וואָס פליסט אין די פערזן. ניט אַזוי די אַנדערע דאָ.

וועסט נאָך באַוויזן צו לייענען וועגן מענטשן און געטער דאָרטן אַ ביסל שפּעטער. לייען שטיל אויפן קול, אויב דו קאָנסט: ס'וועט די חדווה אַריין אין דיינע ווערטער, ווי זי איז אין הייאַוואַטהאַס. אַלע מאָל וווּנדער איך זיך: ווי קומט עס וואָס אַלע פּחדים זיינען ביי יענעם ייִנגל אין גאַנצן נעלם געוואָרן? אוודאי האָט דער דיכטער געמוזט אין זינען האָבן די ערשטע פּרשה פון „בראשית" ווען ער האָט הייאַוואַטהאַן באַזונגען. דער „רוח אלהים", דוכט זיך, שוועבט אַרום איבער אָט דעם דינעם ביכל: רירט ממש אָן דעם פליגל פונעם אָדלער וואָס לאָזט זיך פון פעלדזן אין די הימלען אַריין מיט אַ פרייד־געשריי. נאָך דעם וועל איך דיר אפשר געבן די „קאַלע־וואַלאַ": די צפון מענטשן האָבן זי געזונגען. אַז מיר וועלן אַהין צוקומען, וועלן מיר שמועסן. אַ מענטש בלאָנדזשעט דאָרט צווישן אוראַלטע היילן און פאַרטשעפּעט זיך מיט געטער. אָבער אַפילו דאָרט ווערט אַ מענטשנס אַ שמייכל ניט אין גאַנצן פאַרשוווּנדן. ווי אַ זונען־שטראַל רייסט ער זיך אַרויס דורך די פּחדים פון געדיכטע וועלדער אויף אַ שיינענדיק — אָפענער וועלט; ווי אַ וואַסערל וואָס פליסט אַרויס פון אונטער אייביקע גלעטשערס, ווו שניי־שטורעמס בושעווען, און צעשמייכלט זיך מיט אַ טיפער פרייד ווען עס קומט אַרויס צו דער זון אינעם גרין־גאָלדענעם טאָל. אַז מיר וועלן אַהין צוקומען, וועלן מיר מער דערפון שמועסן. אפשר וועסטו טאַקע אַ מאָל זוכה זיין זיך איינהאָרכן אין דער סימפאָניע פון דעם גרויסן פינלענדער, סיבעליוס. וועסטו שוין דעמאָלט אוודאי מער פאַרשטיין, ווי איך זאָג דיר דאָ. איך אַליין האָב זוכה געווען דערצו נאָך איידער דאָס הייליקע מוטערל רוסלאַנד האָט מיך פאַר־שליידערט אין פאַרשידענע גלותן. נו, זיי געזונט. עס וועט נאָך זיין גענוג צייט זיך צו פאַרנעמען מיט אַנדערע. זיי געזונט."

אַזוי פיל יאָרן פאַריבער און עס ציט זיך נאָך אַלץ מיין פען צו דער געשטאַלט פון מיין אַרמענישן לערער: פונקט ווי ער וואָלט נאָך איצט געזוכט אַ „תיקון" פאַר זיין פאַרוואָגלטער נשמה אין די שורות פון אַ יידישן שרייבער. ער האָט זיך לאַנג ניט געהאַלטן

ביי אונדז אין שטעטל. צווישן לייטן ביי אונדז האָט ער אויסגעזען אַ ביסל משונה מיט זיינע פּירעכצן. שטענדיק איז ער געווען אין אַ זייט: גייענדיק אויפן שאָסיי פון שטעטל האָט ער געמאַכט אַן איינדרוק פון אַן איינגעשרומפּענעם וואָס גייט אַרום צווישן מענטשן און זאַכן און רירט זיי אָבער קיין מאָל ניט אָן. צווישן די לערערס פון דער גימנאַזיע איז ער געזעסן אַן אַנטשוויגענער, איין־זיך־אַריינגענומענער; מיט זיינע יידישע תלמידים אָבער פלעגט ער זיך אָפּן חברן און אַרומדרייען ביז שפּעטע אָוונט־שעהען. אַזוי אַרום איז ער געוואָרן אַ „שם־דבר" פאַר יידן אין בית־המדרש אין בין־השמשותדיקע שעהען: אייניקע האָבן דערציילט מיט אַ פּאַרטיפּטער זיכערקייט, אַז עס נאָגט אים דער צער, צוליב יענע אכזריותדיקע מעשים וואָס די טערקן האָבן אָפּגעטאָן אין זיין לאַנד צווישן די הויכע בערג. און אַ יש אומרים האָט געהאַלטן: ניט נאָר די טערקן, נאָר אויך די רוסן. סיי די, סיי יענע פלעגן, ניט־וויסנדיק פאַר־וואָס און פאַרוועך, אויף זיך אַליין אָנווייען דעם צער פון דעם אַרמענער, פּונקט ווי ער וואָלט זייער אייגענער געווען. דער ענין איז אָבער קיין מאָל ניט קלאָר געוואָרן: אַפילו נאָענטסטע תלמידים וואָלטן ניט פאַרשוועכט דאָס שווייגן פון זייער לערער צוליב זייער נייגעריקייט. בפּו"ט אַז וואָס ווייטער, אַלץ מער האָט ער אַרויסגעוויזן אַ נייגונג צו אָפּגעזונדערטקייט. פון די גימנאַזיע־לערערס האָט ער זיך אין גאַנצן אָפּגעשיידט: זיין טונקל אַליוון־פּנים פלעגט ווערן אַשיק־גרוי, ווען יענע פלעגן ביי געוויסע זיצונגען ריידן מיט רמזים וועגן „פאַרשוועכטן רוסישן פּאַטריאָטיזם" און אַ „שוואַרץ־מאַהדיק" צישן פלעגט באַהאַלטערנערהייט אומגיין אין צימער. אין שטאָט אויפן שאָסיי פלעגט ער זיך זייער זעלטן באַווייזן: אויך זיינע פאַר־בינדונגען מיט זיינע יידישע תלמידים זיינען אָפּגעשוואַכט געוואָרן; מיר האָבן אַלע דערוואַרט, אַז עפּעס וועט אַוודאי אין גיכן געשען און אויפדעקן וואָס מיט אים קומט פאָר.

איין מאָל האָט ער אייניקע נאָענטסטע „אנשי שלומנו" איינ־געלאָדן צו זיך אין זיין וווינונג — אַ צימער אין הויז פון אַרטיקן

גלח. עס איז געווען שפּעט־פרילינג, אין אַ שבתדיקער מנחה־שעה, ווען מיר זיינען צוגעקומען צום גלחס הויז. מיר האָבן זיך עטוואָס אָפּגעהאַלטן אַריינצוקומען אין דעם הויף, וואָס אַ הויכער פּלויט האָט אים פון דריי זייטן אין גאַנצן פאַרשטעלט פון יידישע הייזער אין שטעטל, און פון דער פערטער זייט, הינטערן הויז און דעם קלויסטער, האָט ער זיך מיט זיין בית־הקברות אַוועקגעצויגן צו אַ רויטער שטומקייט פון פעלדישע האָריזאָנטן. מיר זיינען אָבער סוף־כל־סוף אַריינגעקומען און דער גלח האָט אונדז מקבל־פּנים געווען מיט זיין ברייט־פּראַוואָסלאַווישער באַגריסונג — און מיטן אַנטיסעמיטישן בלאַט „קיעווליאַנין" אין האַנט. האַלב־צעטומלטע האָבן מיר זיך נאָך דעם געשלייכט פון צימער צו צימער, וואָס זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט פרעמדע ריחות און מיט אַ דראָענדיקער שטילקייט, ביז מיר זיינען אַריין אין אַרמענערס צימער. ער האָט אונדז באַגעגנט מיט דעם זעלבן שמייכל וואָס איז אונדז געווען נאָענט פון אַלע מאָל: אַ געמיש פון באַהאַלטענעם ספק און לייכטן טרויער, און פון טיפער פאַרשטענדעניש און ליבשאַפט און רחמים. האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט אויף וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט. יעדן איינציקנס פּרצוף האַלב פאַרטושירט אין דעם בין־השמשות וואָס איז שוין כמעט פאַרצויגן געוואָרן אין דעם פולן אָוונט אַריין. עס איז טאַקע גאָר שנעל פינצטער געוואָרן, און יאָסיף, דער אַרמענער, האָט אונדז דערלאַנגט „כיבוד", וואָס זייער זעלטן וואָלט אַ לערער זיך דערלויבט אַפילו אין יענע ערשטע יאָרן פון דער רעוואָלוציע: אַן אַראָמאַטישן פּאַפּיראָס וואָס האָט געשמעקט מיט דער ווייטער אַרמעניע צווישן די הויכע דרומדיקע בערג. ווען אַ שוועבעלע האָט אָנגעהויבן צווישן אונדז אַרומגיין און אָנצינדן די פּאַפּיראָסן, האָט דער אַרמענער געלאָזט זיין שטים דורכצושניידן די אָנגעזאַמלטע פינצטערקייט מיט אַן אָפענעם און בפירושן צער:

„כ׳מוז זיך סוף־כל־סוף אָפּטראָגן פון דאַנען, אפשר נאָך איידער כ׳פאַרענדיק דאָס יאָר. זעט אויס, כ׳בין ניט קיין אדם מן הישוב. די בענקענישן מיינע, דער טייוול ווייסט זיי. אַ מענטש מוז דאָך

האָבן אַ פעיִקייט ערגעץ ווו זיך צו באַזעצן — מיר איז דאָס ניט געגעבן געוואָרן. אויך דאָס פּאַטערל, דער גלח, קוקט זיך לעצטנס צופיל צו צו מיר — עפּעס מוז אין גיכן אויספּלאַצן. און איך — מלחמות פירן קאָן איך ניט און כ׳וויל ניט. קאָן זיין: אַ פּוילקייט אַזעלכע שטעקט אין מיר. און אפשר איז גאָר ניט כדאי. ווי דער פּאָעט זאָגט: כ׳וועל אין גלות אַוועק אין פאַרבאָרגענע מרחקים. אַ מליצה. אַ וויטיק אַז ער פאַרקריכט אין די בלוטן, וועלן שוין קיינע טענות־ומענות ניט העלפן. אָ, כ׳וועל אַוועק פון דאַנען — אַ נייע היים זיך אויסזוכן ערגעץ״, האָט ער זיין גערייד געצויגן מיט אַן איראָנישן טרויער, פּונקט ווי ער וואָלט אָפּגעענטפערט עפּעס אַ באַהאַלטענער דערוואַרטונג צווישן זיינע תלמידים. „ניטאָ קיין היים פאַר אַ מענטשן אַן אונדזעריקן. ניטאָ. ניט ביי מיר, ניט ביי אייך. בערג זיינען פאַראַן, און סטעפּעס און טאָלן און ימים און תהומות — און בענקענישן וואָס פאַרסמען אַ מענטשנס בלוטן. איי, די בענקענישן. כ׳בין אויך אַ מאָל געווען דאָס וואָס ביי אייך גייט איצט: אַן אַרמענער אַ ציוניסט, מ׳שטיינס געזאָגט. און זעט וואָס פון אונדז איז געוואָרן. זעט וואָס מ׳האָט אונדז אין מוסאַ־דאַג אָפּ־געטאָן. אַפילו קיין קינה האָט נאָך קיינער ניט געזאָגט אויף מוסאַ־דאַג. אפשר וועט נאָך אַ מאָל קומען עמעצער און דערציילן, אויב ער׳ט האָבן כוח אַזוינס צו דערציילן. כ׳ווייס ניט. לעת־עתה לייען איך מיט יידישע שנעקעס גאָגאָלס ,ווונדערלעך איז דער דניפּער׳. נאָך דעם וועלן קומען די ברידערלעך־קאָזאַקעלעך פון דעם גרויסן מייסטער און וועלן טאָן מיט אייך וואָס מ׳האָט מיט אונדז געטאָן אין מוסאַ־דאַג. אַלע מיינע היימען און אייערע וועלן אויפגיין אויפן פייער. און ציוניזם, קיין ציוניזם — ציוניזם האָט קיין קליפּת־השום ניט די ווערט. בענקענישן בלויז — זיי זיינען די ממשות. די זיינען שטענדיק פאַראַן. ביי גאָגאָלן און זיינע קאָזאַקן אויך. ביי פּושקינען, ביי לערמאָנטאָוון, ביי דאָסטאָיעווסקין. דאָס ליטעראַרישע וואָרט דייערס שטילט אַ מאָל איין, ווי אָפּיום, דעם וויטיק. פּשוטע מענטשן — אָבער דעם וויטיק דייערן זויגן זיי אַריין אין די בלוטן פון דער

ערד. זייער שטומע בענקשאַניש שמעקט אין די טיפסטע וואָרצלען פון דעם דעמב. אַ מענטש אַ פשוטער — זיינע בלוטן דריקן אויף אים אַזוי שטאַרק, אַז אַפּט מאָל קאָן ער זיין אייגענע נשמה ניט איינהאַלטן אין קערפּער — פאַרשטעקט ער זיין מעלאַנכאָלישן קאָפּ אין דער ערד אַריין, אָדער ער שלאָגט זיין ווייב — און אַלע אָדערן זיינע קלאַגן אין אים; אָדער ער לאָזט יידישע הייזער אויפן פייער, און זיינע בלוטן צעהוליען זיך מיט פריידיקן געווילד".

מיט אַ מאָל איז ער שטיל געוואָרן און איז אַריינגעפאַלן אין טונקעלע קלערונגען. אונדז האָט זיך געדוכט, אַז עפּעס אַן אוראַלטע מחשבה ווערט אַלץ רייפער און רייפער אין דער יוירנדיקער פינצ־טער וואָס אין צימער. איינער צווישן אונדז איז אויפגעשטאַנען און געעפנט דאָס פענצטער אינעם גאָרטן אַריין, פונקט ווי ער וואָלט שוין מער ניט געקאָנט דערטראָגן די אָנגעלאָדענע דער־וואַרטונג, מיט וועלכער דער אָוונט איז געוואָרן אָנגעפילט. דער אַרמענער, זעט אויס, האָט דערשפּירט, אַז ערגעץ ווו האָט ער איבערגעכאַפּט די מאָס צווישן זיינע יידישע תלמידים וואָס זיינען דערדריקטע געזעסן און געשוויגן. האָט ער זיך אָנגעקגעזעצט צווישן אונדז ווי אַן אייגענער, און אין דער פינצטער האָבן מיר דערפילט זיין פאַרטרויערטן שמייכל אין די קנייטשן פון זיין פּנים:

„אָ, זיך פאַררעדט על העצים ועל האבנים, ווי אַן אמתער לאַ־יוצלה. מיינט ניט, אַז ס'איז טאַקע שטענדיק אַזוי. מיר טוט באמת באַנג, וואָס כ'מוז פאַרלאָזן גאָרניט קיין שלעכטע תלמידים. באמת. איך האָף, אַז איר וועט ממשיך זיין, ווי ביי מיר. ליטע־ראַטור איז די אייזערנע האַנט מיט וועלכער אַ מענטש צוימט זיינע צעווילדעוועטע בענקענישן. דאָס איז עס אפשר וואָס לייטן זאָגן: קונסט. אפשר טאַקע — שיינקייט. אַנדערע זאָגן גאָר: מאָראַל. דאָס ווייס איך ניט. איי, ווען איר וואָלט נאָר באַנומען וואָס ביי מיר אין האַרצן טוט זיך. מאָראַל. מוסאַ־דאַג און מענטשלעכע מאָראַל. ,וונדערלעך איז דער דניפּער' גאָגאָלס און קאָזאַקן און מאָראַל. איר

טוט בעסער אַכטונג אויף דעם גאָגאָל אייערן, אַז זיינע קאָזאַקעלעך זאָלן נישט אַרויס פון די כלים״.

„נאַרישקייטן״, האָט ער מיט אַ מאָל אויסגערופן און איז אויפֿגעשטאַנען און האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ. מיר זיינען אַלע מיט אים אויפגעשטאַנען, ווייל די צייט צו געזעגענען זיך איז שוין אַוודאי געקומען. הויך איז ער דעמאָלט געשטאַנען איבער אונדז און האָט זיך צוליב עפּעס־וואָס פאַרענטפערט:

„צערעדט זיך אַ מאָל ווי בלעמס אייזל, רחמנא ליצלן. און זאָל איך לחלוטין ניט אַרן וואָס כ׳האָב אָנגעפלוידערט וועגן ציוניזם. אדרבא: זאָל איך ווייל באַקומען. אפשר וועל איך אַליין נאָך אַ מאָל טאַקע זוכה זיין זיצן אויף דער שוועל ביי אייך אין אַ יידישער מלוכה. ווער קאָן וויסן, וווהין אַן אַרמענער ווי איך קאָן אַ מאָל אָנטרעפן. כ׳בין זיכער, אַז איר וועט זיך דאָרט אומקוקן אויף מיר. דערווייל דאַרף מען זיך טאַקע געזעגענען״.

ער האָט אונדז באַגלייט ביז צו דער טיר. ביים אַרויסגיין האָבן מיר זיך אַלע ניט־אָפּגערעדטערהייט עטוואָס פאַרהאַלטן. אַוודאי האָבן מיר עפּעס געהאַט אים צו זאָגן, און דאָס וואָרט איז אויף די ליפּן ניט געקומען.

„גוט, גוט״, האָט ער פאַרכאַפּט. „זייט געזונט. גריסט אייערע עלטערן״.

עפּעס האָט זיך צעליטערט אין זיינע אויגן: אפשר אַ לעצטער אָפּשיין פון שבתדיקער שקיעה אויפן האָריזאָנט. אַזוי האָבן מיר זיך צעשיידט. ערגעץ ווו איז דער אַרמענער פאַרזונקען געוואָרן אין דעם ים פון דער רעוואָלוציע, און מער האָב איך קיין מאָל אים ניט געטראָפן. בלויז מיין פּען האָט עטוואָס אַ פלאַטער געטאָן, באַרירנדיק די שאָטנס וואָס שוועבן אין די טיפקייטן פון זיין פּנים און דעם פאַרטרויערטן שמייכל וואָס שיינט אין זיינע אויגן.

מיין טאַטע, מיין רבי, מיין לערער — זייער זכות זאָל ביישטיין אַ יידישן שרייבער, וואָס מיט זיין פּען גייט ער אַרום אין לאַבירינטן.

גלוי וידוע

א

אויף מיין רבי, ר׳ שמחה, האָט געהאַט אַ רויטע פּאַטשיילע, אין גאַנצן אַ פּאַרדייטע מיט ווייסע פּינטעלעך. אמת איז: זי האָט קיין נסים ונפלאות ניט באַוויזן, אַ שטייגער אַזעלכע, וועגן וועלכער עס דערציילט ר׳ שמואל יוסף עגנון אין דער מעשה „בלבב ימים״ דהיינו, ווי יענער שפּרייט אויס זיין פּאַטשיילע איבערן ים און אויף איר מאַכט ער אַ קפיצת־הדרך אַזש קיין ארץ ישראל. ניין. ר׳ שמחה איז טאַקע געווען אַ גרויסער ירא־שמים און אַ בויאַנער חסיד, אָבער נאָך נסים ונפלאות איז ער ניט להוט געווען, אַוודאי ניט נאָך אותות ומופתים פון אַ רויטער פּאַטשיילע. דאָך האָט זי אים שטענדיק געמאַכט באַליבט ביי לייטן. ר׳ שמחה איז שטענדיק מוכן ומזומן געווען פאַרציִען אַ שמועס סיי אין דער חסידישער קלויז, סיי אינעם משכילישן בית־המדרש: זיין גערייד האָט זיך געוועבט אין עפּעס אַ לויטער וואָס אָט פליסט ער אָן אויף דיר פון מרחקים און פאַרוויקלט דיך אין ווונדערלעכע דמיונות, און אָט פליסט ער גאָר אָוועק פון דיר און הענגט שוין ווי אַ וויטע בענקעניש אויף זומערדיקע האָריזאָנטן. און וויל ר׳ שמחה פלעגט זיך קיין מאָל אַריינלאָזן אין שמועס מיט לייטן, סיידן זיין רויטע פּאַטשיילע איז ביי אים אין דער האַנט געווען — דער סאַמע מיטן אירער אַריינגעטאָן צווישן זיינע דין־דורכזיכטיקע פינגער און אירע עקן נאָכוויִענדיק זיך לויטן נוסח פון זיין ריידן — איז זי שוין געוואָרן אַ שם־דבר ביי אונדז אין שטעטל. עלעהיי, פלעגט מען אויף איר זאָגן, אַ לעבעדיקער איבר פון ר׳ שמחהס קערפּער.

דורך די זומער טעג פלעגט ר׳ שמחה אַריינקומען אין בית־

המדרש אַריין דאַווענען שחרית. דער זונענליכט אינעם בית־מדרש, פלעגט ער זאָגן, איז אויף אים משפיע ימים מיט חדווה בשעתן דאַווענען. יעדן פרימאָרגן, ביים אויסטאָן טלית־און־תפילין, פלעגט ער זיך נאָך פאַרהאַלטן אויף אַ קורצער ווײַלע לעבן איינעם אַ פענצטער אין דער מזרח־וואַנט און אַרײַנזאַפּן אין זיך די לויטערע שטילקייט פון דער וועלט. נאָך דעם פלעגט ער זיך אויף אַ רגע אָפּשטעלן ביי די בחורים, פאַרטיפטע אין זייער פרימאָרגנדיקן לערנען און מיט אַ שמייכל זיך לאָזן אַהיים.

איין פרימאָרגן איז ר׳ שמחה פאַרביי געגאַנגען די לערנערס, ווי זיין שטייגער איז געווען, און דאָס מאָל האָט ער אין זינען געהאַט זיך עטוואָס פאַרהאַלטן לעבן זיי. האָט זיך אָן איינעם, גראָד פון זיינע תלמידים מקורבים, אָנגעהאָנגען אין יענער רגע אַ טראָפּן שפּאַס, וואָס באמת האָט אין אים געשטעקט אַן איינגעהאַלטענע ליבשאַפט פון תלמיד צום רבין:

„אָט די פּאַטשיילע אייערע, ר׳ שמחה, איז נאָך אַלץ די זעלבע פּאַטשיילע. אין שטאָט איז מען מרמז, אַז זי איז גאָר אַ געהויבענע בת־יוחסין״...

האָט זיך שוין געעפנט אַ פּתחון־פּה אויף די ייִנגערע לערנערס, וואָס האָבן דעם חדווהדיקן פרימאָרגן ניט געקאָנט מער איינהאַלטן אין זיך — און אַ צווייטער האָט זיך אָנגערופן:

„לייטן ווייסן וועגן זאַכן. מ׳ווייס. אַנדערש, זאָגן זיי, פון וואַנען די דביקות וואָס ר׳ שמחה פאַרמאָגט כלפּי זיין רויטער פּאַטשיילע? איז דאָך עס פשוט בתכלית הפשטות: אַ סוד שטעקט אין איר; אַ כוח אַזעלכער מיט וועלכער דער בויאַנער אַליין האָט זי גע־בענטשט״.

און אַ דריטער, וואָס איז גאָר אין זיין יחידות צוגעשמידט געווען צו זיין שווערער סוגיא אין דער גמרא — זיין קול איז אַרויסגעקומען אַן איינגעהילטס אין באַהאַלטענע בענקשאַפטן און גלוסטונגען:

„אפשר ט אַ ק ע אותות ומופתים. ווער קאָן דאָס אַזוינס וויסן?

ס׳קאָן דאָך געמאָלט זיין, אַז ר׳ שמחה אַליין האָט דעם כוח פון זיין אייגענער פּאַטשיילע ניט תופס געווען״.

מיט אַ מאָל האָבן אַלע לערנערס דערפילט, אַז אומבאַוווּסטער־הייט איז ביי זיי געוואָרן אַ סאָה שנתגדשה: טיף־פאַרשטילטע האָבן זיי זיך צוריקגעקערט צום לערנען און אין זייער ניגון האָבן געטריפט טראָפּנס פון חרטה. ר׳ שמחה אָבער איז געשטאַנען זיי אַנטקעגן און געשמייכלט. נאָך דעם האָט ער פּאַטערלעך אַ לייכטן קלאַפּ געטאָן מיט זיין האַנט איבער דעם אַקסל פון איינעם אָדער צווי פון די לערנערס:

„איי, מחוצפים וואָס איר זענט. ס׳זאָל נאָר קיין אפּיקורסים פון אייך ניט אַרויסקומען, רחמנא ליצלן. האָסטו תלמידים זיך פאַרשאַפן. גדיים שנעשו תישים. נאָך אַ ביסל לאָז זיי נאָך, וועט שוין גאָר אַ הפקרות ווערן. איר וועט נאָך אייער שכר באַקומען, רבותי, אַז די צייט וועט קומען. דערוויל בין איך אייך מתרה: שמחה דער מלמד האָט נאָך אַ שטיקל כוח אין זיינע הענט. היט זיך פאַר דעם פּאַסיק וואָס קען נאָך אין אייך, גרויסע וואָס איר זענט, אַריינלייגן ווי אין פּסוק שטייט״.

תוך כדי דיבור האָט ער זיך אויסגעדרייט און זיך געלאָזט צו דער טיר. אויף דער שוועל האָט ער נאָך באַוויזן ווידער אַ בליק צו געבן אויף זיינע תלמידים און אַ מין התלהבות האָט זיך אין אים צעפּענט, אַנקוקנדיק די טייערע לערנערס. פון זיך אַליין האָט זיך דעמאָלט זיין האַנט אַוועקגעלאָזן אין זיין הינטערשטער קעשענע און האָט פון דאָרטן אַרויסגעצויגן זיין רויטע פּאַטשיילע. באַלד האָט ער דערשפּירט וואָס ער האָט געטאָן — און האָט זיך צע־שמייכלט מיט ווייטער התנצלות, וואָס האָט זיך ערגעץ ווו ביי אים אינעווייניק צעשפּילט. ער האָט אָבער נאָך באַוויזן פון ווייטנס אַ זאָג טאָן זיינע תלמידים:

„עט, נאַרישקייטן. שמחה מלמד האָט זיך איינגעשאַפן מפטיר: כל המינים געוווינהייטן טשעפּען זיך צו צו אַ מענטשן. פאַרגעסט ניט קינדער: דעם דאַנערשטיק קומט מען זיך צוזאַמען״.

ער איז אַרויס, כמעט אין איילעניש. די בחורים אָבער זײַנען נאָך לאַנג געזעסן פֿאַרשטילטע, פּונקט ווי זיי וואָלטן געקלערט וועגן עפּעס אַ פּגם וואָס איז פֿאַרגעקומען, ניט־וויסנדיק ווי־און־וואָס. נאָך דעם האָט יעדער איינער פֿון זיי זיך אָוועקגעלאָזט ביחידות אין זיין לערנען. אָבער אין דעם אָדער יענעם קול האָט וויבּרירט דער טרויער אַנטקעגן דעם צעלויטערטן פרימאָרגן פֿון דעם זומער־דיקן טאָג.

ב

איך בין שוין דעמאָלט געווען אין בר־מצווה עלטער. אין דער כיתה האָבן מיר נאָר וואָס געהאַט אָנגעהויבן הלכות בשר־בחלב אין „יורה דעה", און די „פּתיחה", מיט איר גרויסן און שרעקעדיקן, „דע" איז באַשטימט געוואָרן אַלס מיין בר־מצווה דרשה. מיין טאַטע איז צופרידן געווען פֿון דעם ענין ווי ער אַנטוויקלט זיך; אָבער אין מיטן דער וואָך פֿלעגט ער אָפּשפּאָרן עטלעכע שעהען, כדי מיך מכוון צו מאַכן דווקא צו יענע, וועגן וועלכע דער דיכטער האָט געזונגען: „יהי חלקי עמכם — — — חולמים נעלמים — — — ממעטי דברים ומרבי תפארת". דער אמת איז, אַז מיין בר־מצווה איז גאָר ניט באַשערט געווען געפּייערט צו ווערן, און זייער פיל וואָס מיין רבי האָט מיט מיר געלערנט איז שוין לאַנג ביי מיר פֿאַרגעסן געוואָרן, און אויף יענע שטעגן, מיין טאַטנס און דעם דיכטערס, וועלכע בלויז די „פֿאַרבאָרגענע טרוימער" קענען זיי, שפּאַנט אָפֿן אַרום דער יאוש. מיין מאַמעס געשטאַלט פֿון יענער צייט שוועבט אָבער אַרויס מיר אַנטקעגן אין פֿאַריתומטע נאַכטיקע שעהען: זי אַנטפּלעקט זיך מיר אָן איינגעהילטע ווי זי וואָלט געקומען פֿון יענער זייט זאַכן — ווי טרויער צעשפּילט זיך אויף גאָלדענע האָריזאָנטן, ווי אויף האַרפֿעס.

טעג עפֿענען זיך מיר פֿון יענעם עלטער מיינעם, ווי עס עפֿענען זיך טיפֿע ברונעמס וואָס האַלטן איין אין זיך די סודות פֿון אַלע בענקשאַפֿטן. אויף די זוימען פֿון אָט יענע טעג פֿלעגט מיין מאַמע

אַרומגיין, קוקנדיק אויף מיר פון איר ווייסער שטילקייט אַרויס, באַטראַכטנדיק מיך און מיינע בענקענישן. טייל מאָל פלעגט זיך מיר דוכטן, אַז איר געהאַרך גייט אַריבער אַזעלכע ברעגן, פאַר וועלכע איך האָב קיין נאָמען ניט געקאָנט געפינען. אַ מאָל פלעגט איר בליק פאַרפולט ווערן מיט אַ שמייכל כלפּי עפּעס אַ ציטער וואָס האָט אין מיר געוויגן לפני־ולפנים — עד היום באַגלייט מיך דער שמייכל אין מיינע חדרי־חדרים. איך האָב זיך אין יענע טעג קוים געהאַט אָפּגעטרייסלט פון מיינע חלומות אויף דער וואָך — זיינען אָבער אָנגעפלאָסן חלומות אויף מיינע נעכט, און מיין מאַמע פלעגט זיי פאַרגלעטן און זיי פאַרענטפערן מיט דער ליבשאַפט און מיט רחמים וואָס האָבן אָנגעפילט אירע לעצטע געציילטע טעג.

איך האָב יענע טעג דערגרייכט די מדרגה פון אַן עלטערן תלמיד. איין טאָג פלעג איך לערנען גמרא און „יורה דעה" מיט דעם רבין, און אַן אַנדער טאָג פלעג איך שוין שטיין אין מיין אייגענעם רשות און לערנען צוזאַמען מיט די בחורים אין בית־המדרש. טאַקע יענעם פרימאָרגן, ווען די בחורים האָבן עטוואָס איבערגעטריבן אין שייכות מיט ר' שמחה'ס פאַטשיילע, בין איך געזעסן צווישן זיי ביי דער מזרח־וואַנט. באמת בין איך אַליין ניט געווען צווישן די וואָס האָבן עפּעס געזאָגט. ווען איך בין אָבער געקומען אַהיים, האָט מיין מאַמע באַלד דערשפּירט אין מיר אַ באַהאַלטענעם דרוק. אַ לאַנגע צייט האָט זי זיך געראַנגלט, ביז זי האָט געפונען אַ שעת־רצון, וואָס זאָל מיר דערמעגלעכן אַרויס־צורײדן וואָס מיר אויפן האַרצן איז געווען. מער ווי אַלע אָוונטן האָט זי זיך מיט מיר פאַרנומען יענעם אָוונט, שווייגנדיק מיר דער־לאַנגט מיין אָוונטברויט — בלויז איר געהאַרך איז שטילער און טיפער געוואָרן. און אין אַ ווייטער נאַכטיקער שעה, רעכענענדיק אַז איך מוז שוין אוודאי שלאָפן, האָט זי זיך אויף די שפּיצן פינגער אַריינגעשלייכט צו מיר אין צימער און איז אַ קורצע ווײלע געשטאַנען ביי מיר צופוסנס און איז באַלד אַרויס. די עכאָס פון

אירע טריט זיינען נאָך ניט געווען פאַרגאַנגען — ווען זי האָבן מיך מיט אַ מאָל אַריינגעפירט אינעם חלום פון יענער נאַכט.

איך האָב געקלעטערט אויף טרעפּ פון ווייסן מאַרמאָר. די טרעפּ זיינען געשטאַנען אין מיטן דער וועלט, און זייער שפּיץ האָט ערגעץ דערגרייכט אַהין, פון וואַנען עס שיינט אָפּ אַ פאַרבאָרגענער לויטער. די טרעפּ האָבן אָבער ניט געהאַט קיין אָנלען, ניט פון רעכטס און ניט פון לינקס. אַזוי האָב איך געקלעטערט אויף די טרעפּ אין דער מיט און פון ביידע זייטן גייען זייער פיל מענטשן אַראָפּ און אַרויף; די גייען מיט זיכערקייט אַרויף, און די גייען מיט זיכערקייט אַראָפּ און זיי נייטיקן זיך כלל ניט אין קיין אָנשפּאַר און אָנלען. איך אָבער — ווען עמעצער וואָלט מיך נאָר עטוואָס צוגעהאַלטן, אָדער פאַרנומען מיין רוף נאָך הילף, וואָס איך קאָן אים בשום אופן ניט אַרויסברענגען אויף מיינע ליפּן, ווען עמעצער, לפחות, פון די גייער וואָלט כאָטש געוווסט, אַז איך מוז האָבן אַ חיזוק, אַז איך שריי — אַז מער ווי איך בעט אויף אַ חיזוק, בעט איך אויף מיין געשריי אַז ער זאָל אויסגעלייזט־ און דערהערט־ווערן. דערווייל אָבער האָב איך געקלעטערט אַרויף און אַרויף — ווי עס זאָל ניט געווען זיין, האָב איך געקלעטערט — ביז איך בין אָנגעקומען אויף אַן אָרט, וואָס אַלץ ווערט דאָרט פאַרשלונגען אין שיין — און ווערט ניט נתגלה אַפילו אין חלום.

ניט ווי מיין דרך איז שטענדיק געווען, האָב איך דאָס מאָל דערציילט דער מאַמען מיין חלום, מיט אַלע זיינע פּרטים. האָט זי זיך פאַרדאגהט צוליב דעם חלום מיינעם — זי האָט אויך מורא געהאַט, זעט אויס, טאָמער וועל איך אים דערציילן נאָך עמעצן אויסער איר. האָט זי, אויך ניט ווי איר דרך איז געווען, אויף מיר ממש גוזר שתיקה געווען וועגן אים. אַ חלום, האָט זי געזאָגט, דאַרף אַ מאָל אַפּגעהיט ווערן בלויז ביי דעם וואָס האָט אים גע־חלומט. דער חלום איז דאָך אַ גוטער, האָט זי געזאָגט, אַ בפירושדיק גוטער, און מ׳דאַרף אים אַפילו ניט פּותר־חלום זיין. וואָס ווייטער זי האָט אָבער גערעדט, אַלץ מער האָב איך געשפּירט די דאגה וואָס

דריקט אויף איר און כ׳האָב איר געוואָלט לייכטער מאַכן. האָב איך אָנגעהויבן דערציילן איר וועגן מיין לערנען און וועגן מיין דרשה, ביז כ׳בין אָנגעקומען צו יענעם פרימאָרגן אין בית־המדרש. מיט אַ מאָל האָב איך באַמערקט, אַז איר דאגה האָט זיך כמעט ווי אויסגעוועפּט, און כ׳האָב באמת ניט געוווסט פאַרוועז און פאַרוואָס. דער טאָג איז געווען אַ דאַנערשטיק, האָב איך זיך צוריקגעקערט צו די בחורים אין בית־המדרש. עס האָט מיר גאָרניט געקאָנט איינפאַלן, אַז מיין מאַמע וועט אַוועק צו ר׳ שמחהן און אים אַלץ דערציילן. עד היום איז מיר קשה דער ענין: וואָס פאַר אַ סמיכות הפרשיות האָט מיין מאַמע געפונען צווישן איר זונס חלום און ר׳ שמחהס פּאַטשיילע?

אין דעם צעהיצטן תמוז נאָכמיטאָג פון יענעם דאָנערשטיק האָבן מיר זיך צוזאַמענגענומען אין ר׳ שמחהס הויז. אַזעלכע בינוסים האָט ר׳ שמחה איינגעשטעלט אין די זומער־חדשים, ווען די שפּעטע נאָכמיטאָגן זיינען פריי פון חדר. צווישן מענטשן פלעגט ער דעם ענין דערקלערן אויף אַ ביסל צו אַ פשוטן אופן: די חברה, לאָז זיי נאָר אַרויס דאָס ציימל פון מויל, ווער ווייס וואָהין זיי וועלן פאַרקריכן; עס וועט זיי שוין גאָרניט שאַטן, אויב זיי וועלן איין מאָל אין וואָך אַריינקומען צו זייער אַלטן מלמד צום פאַרהערן. באמת איז אָבער זיין כוונה גאָר אַן אַנדערע און אַ גאָר וויטערע פון דעם וואָס ער פלעגט זאָגן לייטן. די מקורבים זיינע פון צווישן די תלמידים פלעגן שטילערהייט זאָגן: אָט דער ר׳ שמחה, וואָס שטענדיק טראָגט ער זיינע דיבורים מיט זיך אין אַרבל, ווען ער קומט נאָר צווישן מענטשן, קומט ער באמת קיין מאָל ניט על סיפוקו. און די פאַרקלערטערע צווישן זיי פלעגן שטילערהייט מוסיף זיין: ר׳ שמחה קאָן קיין מאָל ניט אָנרירן זיינע מעמקים אין זיין גערייד צווישן מענטשן. איך פלעג זיך פאַרוואונדערט צוהערן צו די רייד פון לערנערס און פלעג מיט פאַרוואונדערונג אָנפילן די טעג פון צעפלאַקערטע שקיעהס אין זומערדיקע חדשים.

עס איז שוין געהאָנגען דעמאָלט אַ בין־השמשותדיקע שעה

איבער די גרענעצן צווישן יענעם דאַנערשטיק און דעם אויפלויכט וואָס יעדער תלמיד דערשפּירט מיטן אָנקומען פון ערב־שבת. ר' שמחה איז אַגב־אורחהדיק צו צום פענצטער און האָט געוואָרפן אַ בליק אויפן שכנס הויז אַנטקעגן — אויף דער וואַנט וואָס איז האַלב איינגעהילט געווען אין תחנוגדיקן ליכט־און־שאָטן. תוך כדי דיבור האָט ער זיך צוריקגעקערט און זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש, אויבנאָן, ווו זיין גמרא איז געלעגן. אין יענער רגע זיינען מיר אָבער באמת שוין אין גאַנצן געווען אָפּגעריסן פון דער סוגיא אין דער גמרא. אַלע זיינען מיר געווען אַריינגעוועבט אין אַ מנחהדיקן שוויגן וואָס האָט אָנגעפילט דעם חלל פונעם צימער.

פינקלדיקע אָפּשיינען פון דער שקיעה האָבן זיך צעבלינצלט אין ר' שמחהס שוואַרצאַפּלען, ווי קלערונגען זיינע וואָלטן זיך צעשיינט אַנטקעגן זיינע תלמידים. זיין רויטע פּאַטשיילע איז געלעגן אַ צעפלאַטערטע אויף דער אָפענער גמרא: דאָס איז שטענדיק געווען אַ רמז אויף ר' שמחהס דרך, ווען ער פלעגט אַוועקלייגן דעם שיעור און זיך אַוועקלאָזן אין חסידישע תורה־רייד, אָדער אין ספורי־נפלאות וועגן זיין רבין אין בויאַן. יענעם דאָנערשטיק אָבער האָט די פּאַטשיילע אויסגעזען ווי זי וואָלט מרמז געווען אויף עפּעס אַן אַנטפּלעקונג וואָס האַלט זיך אין אויסוועבן אין דעם מלמדס דורכזיכטיקן געזיכט. ווי אַלע זומער־דיקע דאָנערשטיקס, האָט אויך היינט ר' שמחה אָנגעהויבן פּאַמעלעך באַוועגן זיין קערפּער, צוערשט אויף רעכטס און נאָך דעם אויף לינקס, ניט אַרויסלאָזנדיק קיין קלאַנג אַ גאַנץ לאַנגע ווילע, ביז ער האָט סוף־כל־סוף אַוועקגעלייגט זיינע אָרעמס איבער די עמודים פון דער גמרא, אַריינשטעקנדיק די פינגער פון דער רעכטער האַנט אין די פליגלען פון דער פּאַטשיילע. מיר האָבן אַלע געפילט, אַז דעם בין־השמשות וועט זיכער עפּעס פּאַרקומען: יענער שמועס אין בית־מדרש אין שייכות מיטן רבינס פּאַטשיילע האָט נאָך אַלץ געלאָזט אַ נאָגעניש אין האַרצן פון אַלע תלמידים. דעם רבינס רוקן האָט טאַקע שוין אויסגעלאָזט זיין לעצטע

באַוועגונג און ר׳ שמחהס געררייד האָט אָנגעהויבן פליסן בניחותא אינעם טונקל וואָס איז אָנגעקומען און אַרומגערינגלט אונדזער טיש:

„אַ מענטש איז שטענדיק אויסגעשטעלט אויף תרעומתן וואָס דערוועקן זיך ביי אים אין האַרצן. ס׳פאַראַן אַ תרעומת וואָס קומט אָן אַ ניט־געררופענער, פון זיך אַליין. ער רייסט זיך סתם אַרויס פון אַ מענטשנס טיפענישן, ווייל בלא־יודעים כאַוועט אַ מענטש אים אויס אין די חדרי־חדרים פון זיין נשמה. אַזאַ מין מענטש נויטיקט זיך אין פיל רחמים, און מוז קריגן אַ תיקון און אַ חיזוק. עס מאַכט זיך אָבער אַ תרעומת וואָס קומט אָן אין בייזן מדעת בעלים. אַזאַ מין תרעומת איז אַ מצווה אָפּצופּטרן — תיכף ומיד אָפּפּטרן. שאם לא כן, קאָן אַ מענטש עובר זיין כמה וכמה עבירות, און בעיקר איז ער עובר אויף בל תשחית. בל תשחית, האָט די תורה געזאָגט; אין זאַכן וואָס מ׳קאָן זיי באַנעמען מיט די חושים טאָר מען ניט, היינט בנפש, על אחת כמה וכמה...

משל למה הדבר דומה — נעמט מיך, אני עבדכם, שמחה דער מלמד. אַ קליין וואָלקנדל, ככף איש, איז אַ תרעומת מיר אַרויפגעקומען אויפן האַרצן. תרעומת מאי משמע? אַן ענין אַ גרויסער, זאָג איך אייך. צוליב עפּעס אַ פּאַטשיילע. און כ׳וואָלט זיך מער מיט דעם ענין ניט פאַרנומען, וואָס איז גאָר קיין עסק ועניין ניט. מיין כוונה איז אָבער אייך צו זאָגן: מיינט ניט אַז איך האָב טאַקע עפּעס תרעומת אויף אייך. לא היה ולא נברא. מ׳קאָן יאָ זאָגן: אַ טראָפּן תרעומת כלפּי־עצמי, אויף זיך אַליין. באמת ז׳טאַקע לעכערלעך אָט יענע געוווינהייט מיינע, און מענטשן ווייסן וואָס זיי ריידן...

כ׳האָב זיך אַריינגעטראַכט אינעם ענין, אים מהפך געווען לכאן ולכאן. דער בויאַנער פלעגט אַמאָל זאָגן: „עס איז גלוי וידוע אַז בדרך כלל דאַרף אַ מענטש האָבן אַ חיזוק״. פונקט ווי דער עיקר וואָלט געווען ניט אינעם חיזוק אַליין, נאָר טאַקע אין דעם וויסן, אַז דער מענטש נויטיקט זיך אין אַ חיזוק. פלעגט דער

צדיק דעמאָלט מכוון זיין אַלע כלים פון זיין נשמה כלפי דעם נגלה אין חסידות. ווער אַזוינס איז אַ חסיד? פלעגט ער זאָגן — דער וואָס קאָן הערן דעם צווייטנס נשמה יאָמערן: קום, חבר, זעץ זיך צו צו מיר; מיין נשמה גייט מיר אויס נאָך אַ ביסל ריידן, ווייל דאָס שווייגן דריקט אויף מיר ווי אַ שווערער שטיין, ניט איבערצוטראָגן; קום, מיין טייערער ברודער, טו מיר אַרויף דיין האַנט אויף מיין פלייצע און גיב מיר אַ שלום עליכם און זעץ זיך צו מיט מיר צוזאַמען. אַזוי פלעגט דער רבי זאָגן: דאָס איז אַן עיקר שבעיקרים אין חסידות — דאָס איבעריקע איז בלויז פירושים: דער ניגון; דער ריקוד; ספורי־מעשיות און דברי תורה; דעם צדיקס תורה אַליין. דאָס מיינט דער צדיק מיט טיש־פּראַוועץ. מער פון אַלעמען ווייס דער צדיק ווי אַ מענטש קאָן שרייען און מ׳זאָל זיין קול ניט הערן. ס׳איז גלוי וידוע. פאַר דעם וואָס פאַרשטייט, זיינען די זאַכן פשוטים בתכלית. חוני המעגל האָט שוין געזאָגט וואָס ער האָט געזאָגט און געטאָן וואָס ער האָט געטאָן. ווי קאָן עס אַ ייד אָנגיין אָן דעם יסוד פון „גלוי וידוע?"

פון הינטער זיין מחשבה האָט געפלאָסן אַ ווייטער אומעט און האָט איינגעהילט זיין גערייד. ער האָט ווידער אָנגעהויבן באַוועגן זיין רוקן אין ריטם פון יענער מחשבה; זיין קאָפּ, אָבער, איז געבליבן אויפגעהויבן ווי פריער, און אין זיין געזיכט האָט זיך רעפלעקטירט דער לעצטער שקיעה־פלאַטער. ערגעץ ווו האָט זיך צעציטערט אין ר׳ שמחהס וואָרט אַ באַהאַלטענע סטרונע פון יענעם אומעט — האָבן שוין די בחורים אַרום טיש זיך איינער נאָכן צווייטן איינגעהילט, יעדער איינער אין זיינער יחידותדיקער דביקות, אינעם ניגון פון יענעם אומעט:

„גלוי וידוע", פלעגט ער זאָגן. חסידים פלעגן טייטשן און אריינטייטשן אין אָט יענעם דגש וואָס דער רבי האָט אַריינגעטאָן אין זיינע ווערטער. וואָס איז דער דרך, לויט וועלכן אַ מענטש קאָן דערהערן ווי עס שרייט נאָך הילף די נשמה פון אַ צווייטן? אַזוי אַרום פלעגן מיר זיך אַריינטראַכטן אין די דרכים פון צדיקים און

חסידים. האָט זיך געטראָפן אַ מעשה, ווען קיין בויאַן איז פון ערגעץ ווו פאַרוואָרפן געוואָרן איינער אַ ייד, פון די בראַסלאַווער. איך האָב אים מקרב געווען, און ער פלעגט זיך האַלטן לעבן מיר און זיך צוזעצן צו מיר ביים רבינס טיש. ער האָט אָבער שטענדיק מיך ווי פוגע געווען, רחמנא ליצלן, צוליב אַ מין איינזאַמקייט וואָס ער האָט מיט זיך אַנגעטראָגן. ער פלעגט ריידן על הא ועל דא — און די איינזאַמקייט האָט זיך געקלעפּט אָן זיינע דיבורים ווי אַ געדיכטער שאָטן. ניט ער האָט געפראַוועט התבודדות מיין איך, כלומר: פון אייגענעם רצון, ווי חסידים טוען עס אָפּט און צוליב זייערע כוונות, נאָר אַ מין יתומדיקייט אַזוינע, רחמנא ליצלן. האָב איך זיך געווענדעט צו חברים, דעם רבינס מקורבים. האָבן זיי מיר געענטפערט: וואָס איז דאָ שייך צו זאָגן? אַ חסיד וואָס זיין רבי איז שוין אַזוי לאַנג נסתלק געוואָרן, און ער פאַרמאָגט ניט קיין מורה־דרך. וואָס זשע איז טאָקע דער וווּנדער? שטילערהייט אָבער האָבן זיי ניט געקאָנט ביישטיין דעם רחמים וואָס האָט זיך אין זיי דערוועקט, און האָבן מרמז געווען דעם רבין אויפן בראַסלאַווער.

איין טאָג איז ווידער אַרויסגעקומען יענער ענין פון גלוי וידוע. זייט כ׳קען זיך אַלס חסיד האָב איך ניט דורכגעלאָזן קומען צום רבין צוויי מאָל אַ יאָר. יענעם יאָר האָב איך אַפילו מוותר געווען אויף מיין אקדמות־חזקה אין בית־מדרש און האָב עולה געווען צום רבין אויף שבועות. עד היום דאַנק איך דעם רבון העולמים פאַר דער מחשבה וואָס ער האָט מיר דעמאָלט אין מיין האַרצן אַריינגעגעבן. אפשר איז דאָס געווען אַ ניצוץ פון דער שעת־רצון ביי תיקון ליל שבועות? עס איז דאָך ניט וואָס חיצוניותדיקע הימלען עפענען זיך פאַר אַ מענטשן אין יענער צייט; דאָס איז פּאַסיק פאַר קינדער און חסידים שוטים. אפשר איז דאָס דאָס האַרץ וואָס גייט אָפּ, ווען נפש איז נוגע בנפש און יעדער מענטש קאָן האָבן זיין אייגענעם גילוי אליהו.

נו, מילא. זיינען מיר אַזוי געזעסן און געשמועסט וועגן יענעם ענין גלוי וידוע. אויך דער בראַסלאַווער איז דעמאָלט געזעסן מיט

אונדז בחבורה אחת. כ'האָב געזען בפועל ממש, ווי עס גלייכן זיך ביי אים אויס די קרומקייטן פון פנים. אויפן אויבערשטן טייל פון זיין שטערן האָב איך דאָס ערשטע מאָל דערקענט ווי אַ התעוררות. ווען איך וואָלט דעם מענטשן ניט געקאַנט, וואָלט איך אים אפשר אויך חושד געווען אין אַ מין זחיחות הדעת. אַזוי איז ער געזעסן און האָט זיך איינגעהאָרכט וואָס דער זאָגט און יענער זאָגט, און מיר האָבן זיך געכאַפּט, אַז ער וויל אויך עפּעס זאָגן. הלוואי וואָלט איר זוכה געווען צו הערן ווי חסידים קאָנען שווייגן בשעת רצון.

האָט זיך אָנגערופן דער בראַסלאַווער: ברשותכם, רבותי; און כ'בעט דעם רבון העולמים, אַז ער זאָל איינשטילן יעדן זכר פון פּאַרדראָס אין אייער האַרצן כלפּי מיר, וואָס איך רייד בפני גדולים וטובים ממני. האָבן מיר אַלע אים געענטפערט: חס ושלום, אחינו אתה; האָט זיך זיין קול פאַרצויגן אין אַן אומעט פון אהבה און לויטערע טרערן האָבן געטריפט אין זיין גערייד. אמר, האָט ער געזאָגט: „איך נויטיק זיך אין אַ חיזוק, מייגע טייערע ברידער. אין מרחקים האָב איך געהערט וועגן אייער רבין, ווי ער זאָגט גלוי וידוע. האָב איך דאָרט געזאָגט צו אנשי שלומנו: כ'וועל זיך אַרויסלאָזן אויפן וויטן וועג, כ'וועל אויסשטיין אַלע יסורים, ביז כ'וועל אָנקומען אַהין — אפשר וועט מיך דער בעל הרחמים מזכה זיין מיט אַ טראָפּן נחמה". — אַזוי האָט ער געזאָגט, און איז גלייך אַנטשוויגן געוואָרן. מיר האָבן אָבער געוווסט, אַז אַ המשך וועט קומען. דער בראַסלאַווער האָט טאַקע ווידער אָנגעהויבן און זיין קול האָט געקוועלט מיט התעוררות וואָס חסידים קריגן אַמאָל ביי תיקון ליל שבועות.

אמר הברסלבי, האָט דער בראַסלאַווער געזאָגט: דער זקן פון אומאַן האָט איין מאָל געפרעגט: צוליב וואָס האָט ר' נחמן געשריען „געוואַלד, יידן, זייט זיך ניט מיאש?". — האָט זיך דער אָוונטדיקער טונקל צוגעקליבן צום איינציקן פענצטער אין צימער און זיך געטוליעט צום ווייטן ניגון וואָס האָט זיך געצויגן אין ר' שמחהס רייד. ר' שמחה האָט זיך איינגעהאַלטן געשאָקלט אויף רעכטס און אויף לינקס לויט עפּעס אַן אייגערלעכן ריטם זיינעם, און זיין גאַנצער

קערפער האָט געוועבט די ווערטער פון דעם בראַסלאַווער וועגן דעם זקן פון בראַסלאַוו:

ניט בקבלה האָבן מיר עס און קיין מסורה איז עס ביי אונדז — בלויז שמועות וואָס גייען אַרום פון דור צו דור: חסידים ראשונים ר׳ נחמנס פלעגן זיך צונויפקלייבן כיתותוויז צווישן זיך חוזר צו זיין אויף ר׳ נחמנס ספורי־מעשיות. איז דאָרט געווען איינע אַ כיתה צווישן זיי, וואָס ווען זי פלעגט אָנקומען צו „מעשה בז׳ בעטלערס״, פלעגן זיך אַלע אירע צעשרייען, אַז די וועלט האָט גאָר ניט געקאָנט אַזוינס ביישטיין. איז איין מאָל ר׳ נתן אַריינגעקומען צו זיי און געטענה׳ט: „וואָס איז דאָס מיט אייך וואָס איר געוואַלדעוועט אַזוי?״ ווייסט איר דען ניט וואָס דער רבי שיחיה האָט געטאָן? אַ גרויסע נגינה האָט אים געברענט אין זיינע ביינער און זי פלעגט שרייען מסוף העולם עד סופו. האָט ר׳ נחמן מורא געקראָגן, טאָמער וועט דער געוואַלד זיינער חרוב מאַכן די וועלט, האָט ער זיך גענומען אין די הענט און איינגענומען זיין קול און אים איינגעבעטן און איבערגעבעטן מיט די ספורי־מעשיות. און מער פון אַלץ האָט ער עס געטאָן אין זיין „מעשה בז׳ בעטלערס״; האָבן חסידים ראשונים דאָס געהערט און האָבן פאַרשטאַנען וואָס זיי האָבן פאַרשטאַנען, וכבשו פניהם בקרקע. איז דעמאָלט איינער אַ חסיד אויפגעשטאַנען און זיך צעיאָמערט כלפי ר׳ נתנען: „וויי־וויי, ר׳ נתן — מיר נייטיקן זיך אין אַ גרויסן חיזוק, אַ תיקון מוזן מיר האָבן!״ האָט אים ר׳ נתן אויסגערעדט און געזאָגט: „וואָס פאַר אַ יחוס איז דאָס מיט אייך? עס איז גלוי וידוע, אַז די גאַנצע וועלט דאַרף אַ חיזוק און אַ תיקון; וואָס זשע האָט איר זיך אַזוי צעלאָזן?״. האָבן זיי אַלע זיך געבעטן ביי ר׳ נתנען: ווען נאָר מיר קומען צו צו דער פרשה פון „מעשה בז׳ בעטלערס״, רייסט זיך אַרויס אַ געוואַלד פון דעם וואָס זאָגט די פתיחה און מיר קאָנען זיינע ווערטער ניט הערן און דעמאָלט הייבט אָן יעדער איינער פון אונדז דערציילן די מעשה פאַר זיך אַליין און יעדער איינער הייבט אָן פאַר זיך שרייען און דעמאָלט צעברעכט שוין אונדזער געוואַלד די הייליקע פסוקים און די ווערטער ווערן,

רחמנא ליצלן, חרוב און עס לאָזט זיך אויס אַ מענטשנס קול פון דער גאַנצער וועלט.

דער ניגון אין ר׳ שמחהס רייד האָט שוין איצט געקוועלט ווי אַ טיפע אוראַלטע קינה, אָבער דער אָפּשיין פון דער שוין פון לאַנג־פאַרגאַנגענער זון האָט זיך נאָך אַלץ געמיניעט אויף זיין אויסגעדאַרטן פּנים. מיר אַלע האָבן אַוועקגערוקט אונדזערע אויגן פון אים, פּונקט ווי מיר וואָלטן דערפילט, אַז עפּעס רוט אים איבער זיין געשטאַלט, וואָס איז אסור בראייה. יעדער איינער פון אונדז האָט דעמאָלט זיך אַריינגעטאָן אין זיך, איינהאָרכנדיק זיך אין זיין אייגענער קינה איבער יענע חסידים ראשונים וואָס דאָס קול איז ביי זיי אָפּגעגומען געוואָרן פון מויל און די פּסוקים פון „מעשה בז׳ בעטלערס״ זיינען ביי זיי צעשמעטערט געוואָרן אין זייער גוואַלד. ביני־לביני האָבן מיר אָבער דערשפּירט ווי עפּעס אַ נייער אויפוואַך צעאָטעמט ר׳ שמחהס גערייד, גלייך פרישע בשורות טובות וואָלטן אָנגעקומען אויף דער וועלט.

ווידער האָט דער בראַסלאַווער חסיד געזאָגט בשם דעם זקן פון אומאַן: אַ גרויסער צער האָט זיך דעמאָלט אויסגעלייגט אין ר׳ נתנען. איז ער אַוועק צום רבין ר׳ נחמנען און האָט זיך אויסגערעדט פאַר אים. האָט דער רבי, זכותו יגן עלינו, געזאָגט: גיי נעם מיר צוזאַמען די מקורבים שבמקורבים מיינע. זיינען זיי אָנגעלאָפן דער־שראָקענע צו אים אין חדר אַריין. האָט ער זיי גלייך געזאָגט: כדאים אתם, אַז מיר זאָלן צוליב אייך גוזר תענית זיין. איז זייער האַרץ אַריין אין חלשות, וכמעט שפרחה נשמתם. האָט ער זיי ווידער געזאָגט: דאָס גרויסע ליכט כידוע, איז דאָך נגנז געוואָרן נאָך פון ששת ימי בראשית — בלויז אָן אחד משׂשים איז געגעבן געוואָרן די אמתע צדיקים. אַזוי אויך דער ניגון וואָס ציט זיך פון דער יצירה אָן אין אחרית הימים. פון דעמאָלט אָן דריקט דאָס ליכט אומגעהויער אויף דעם צדיקס אויגן און דער ניגון שפּאַלט זיינע ביינער. דעם אמת זאָג איך אייך: אַלע יאָרן מיינע האָב איך מורא, טאָמער וועל איך, חס ושלום, עפּעס אָפּטאָן מענטשן צוליב זיי.

האָב איך זיך געבעטן ביים רבונו של עולם: רבונא דעלמא כולא, באַהיט מיך פון צופיל סטרא ימינא דיינער, אָט ווי דו היטסט מיך פון דיין סטרא אחרא. און ער ברוך הוא, צוליב זיין רחמים וואָס איז טיפער פונעם ים, איז מיר בייגעשטאַנען און האָט מיר אַריינ־געטאָן ספורי־מעשיות אין מויל אַריין, זיי זאָלן אין זיך אַריינזאַפּן דאָס ליכט אין דעם ניגון.

אָבער טוט נאָר אַ קוק וואָס חסידים טוען אָפּ מיט מיינע מעשיות. האָבן שוין די מקורבים געקראָגן אַ פּתחון פּה און האָבן זיך ביי אים געבעטן: אָך און וויי די חסידים ר׳ נחמנס וואָס אַזוינס איז זיי געשען. וויפל טבילות מיר האָבן זיך עס געטובלט, וויפל כוונות מיר האָבן מכוון געווען, כדי צו דערגרייכן די „מעשה בז׳ בעטלערס״. טו אַרויף אויף אונדז אַ האַרבע תשובה, וועלן מיר זי מקיים זיין, רעכן אונדז אויף שווערע סיגופים, וועלן מיר זיי מקבל זיין. האָט זיי ר׳ נחמן געענטפערט: איידער איר הויבט זיך אָן מתעסק זיין מיט סיגופים, גייט בעסער זעצט זיך צווישן מיינע חסידים און לערנט מיט זיי אַ פּסוק חומש מיט רש״י. זיינען די מקורבים געבליבן שטיין פאַרוווּנדערטע. האָט ער זיי געזאָגט: זייט וויסן, אַז כביכול בכבודו ועצמו שרייט פון יעדן איבר זיינעם אין דער וועלט. נאָר דער רבונו של עולם וויל דאָך אַז זיינע באַשע־פעלנישן זאָלן אַ קיום האָבן, און קיין מענטש קאָן דאָך קיין קיום ניט האָבן סיידן ער פאַרנעמט קלאָר דאָס קול פון באַשעפער; האָט זיך דער באַשעפער פון דער וועלט אַוועקגעשטעלט און האָט איינ־גענומען זיין געשריי און אים גונז געווען כל מיני גניזות אין די ניגונים וואָס מ׳קען הערן פון סדרי־בראשית סיי ביי לעבעדיקע באַשעפענישן, סיי אין געוויקסן, סיי אינעם דומם. די אמתע צדיקים אויף דער וועלט, אפשר אויך טאָקע גרויסע חסידים אויך, ניט נאָר האַלטן זיי שטענדיק די אויערן אָפן פאַר יענע ניגונים, נאָר אַלע זייערע יאָרן זיינען זיי מתקדש צו דעם סדר וואָס אַ מענטש קאָן פאַרנעמען אין דער נגינה, וואָס איז גאָר פלאַי־פּלאָים, און זיי דאַנקען און לויבן

דעם בורא פֿאַר זיין כוח און גבורה איינצושטעלן די היוליותן און קדמוניותן וואָס ברויזן אויף אין אַ מענטשנס נשמה.

איבער דער וועלט אָבער זיינען פֿאַראַן זייער פֿיל מענטשן וואָס דורך די טעג זיינען זיי געבעך פֿאַרטראָגן מיט אַלערליי עסקים, יאָגן זיך נעבעך נאָך אַ שטיקל ברויט און האָבן פֿאַר זייער אייגענער רוחניות קיין איין רגע ניט; אָבער נאָך דעם ווי דער טאָג פֿאַרגייט, קומט אויף זיי אָן אַ ירידה און זיי נידערן אין קדמוניותדיקע דרגות און ניט וויסנדיק, גייען זיי אַריין אין תהומות און לאָזן זיך נאָך דעם געשריי וואָס שפּאַרט אַרויס פֿון זייערע פּנימיותן; און אין דעם געשריי וואָס וויל זיך אַליין אויסשרייען, האָט שוין דער מענטש קיין כוח ניט צו הערן ניט זיין אייגן קול און ניט אַ צווייטנס קול — און אויך דאָס קול פֿון דעם חנון ורחום אַליין גייט, רחמנא ליצלן, ביי אים לאיבוד.

דער רבונו של עולם אָבער קוקט זיך שטענדיק אום אויפֿן צער פֿון זיינע ברואים, דעריבער האָט ער דאָך זיי געשאַפֿן דעם ספר בראשית און די אַנדערע ספרים פֿון דער הייליקער תורה, און האָט די ספרים אָנגעזאַפּט מיט זיין ניגון דורך די רייד וואָס ער רעדט צו די אבות און צו משה רבנו — דער עיקר דורך די מעשיות וואָס ער, ברוך הוא, דערציילט דאָרט. און דער ניגון איז דאָרט, חס ושלום, ניט קיין באַהאַלטענער און פֿאַרבאָטענער; מיט זיין פּנימיותדיקן סדר איז ער משפּיע אויף יעדן איינעם וואָס לערנט תורה. אַ ייד, אַז ער לערנט חומש מיט רש״י, הערט ער צוערשט מענטשלעכע קולות: ווי מענטשן באַגייען זיך איינער מיטן צווייטן; ווי מענטשן האַנדלען און וואַנדלען; זוי זיין וואַנדערן און זוכן — נאָך דעם הויבט ער שוין טאַקע אָן פֿאַרנעמען דאָס קול פֿונעם כביכול אַליין, פֿאַר ווען די וועלט איז אַ ניצוץ פֿון זיין אספּקלריה, ווי ער קוקט אַריין אין דער וועלט און זינגט דעם ניגון פֿון דורי־דורות, וואָס דער מענטשלעכער שכל קאָן זיי ניט איבערציילן, ניט אין דער פֿאַרגאַנגענהייט, ניט אין דעם עתיד. און צוזאַמען מיט דער נגינה אַליין ווערט איבערגעגעבן דער סדר פֿון

דער נגינה ניט נאָר דעם שכל פון אַ מענטשן, נאָר אויך אין זיין פלייש און אין די עצמות און אין דעם דם — הוא הנפש — דאָס איז דער סדר וואָס באַרויקט זייערע קדמוניותדיקע דרגות און שטילט איין זייער היוליותדיקן געשריי, ווי דער בורא יתברך שטילט איין דעם חומר היולי און פורעמט אים אויס אין אַ געשטאַלט דורך די מעשי־בראשית. — —

האָבן זיך ר' נחמנס מקורבים באַרויקט און אַ נחמה האָט זיי געגלעט זייער האַרצן און זיי האָבן שוין בפירוש כמעט געמאָנט ביים רבין: ווייז אונדז אַ דרך ווי צו לערנען חומש מיט רש״י.

האָט ער זיך צעשמייכלט זיי אַנטקעגן און זיך אָנגערופן: ראשית חכמה, טרייבט פון זיך די געשרייען אייערע מיט העק און מיט שטעקנס. ווייל געשריי האָט אַ דרך זיך מיט כלערליי תחבולות און קונצן אויסצודרייען זיך פונעם שכל, און שטעלט אָפט מאָל אָן אַ פנים פון רזין דרזין, און פאַרוויקלט זיך אַפילו אין אַן איצטלא דקדושה און הייבט אָן רעכענען דעם קץ הימין. בעיקר איז ער אויסן מבזה צו זיין און מכשיל זיין מעשי ידיו של הקדוש ברוך הוא. יהי רצון, רבותי, גוטע פריינד מיינע, אַז אַלע יאָרן, זאָלט איר זוכה זיין צו דערקענען די דרגה פון קדושה אין דעם נגלה. ווייל יעדער נגלה איז באמת אָנגעזאָפּט מיט אַ שכל המאיר אין זיין פנימיות, ווו דעם בורא עולמס בראשיתדיק ליכט און געזאַנג איז נגנז געוואָרן — און דער נגלה איז טאַקע דער סדר וואָס ער ברוך הוא האָט איינגעפירט אין זיין יצירה. ומי לנו גדול אין נגלה ווי דער מענטש אַליין מיט זיין נפש און זיין גוף. איך, נחמן בראַסלאַווער, זאָג אייך אָן: זאָל יעדער פון אייך זיך אַליין מקבל זיין, ווי עס האָט יעדער ייד מסוף העולם ועד סופו מקבל געווען די תורה פון באַרג סיני. ועוד זאָג איך אייך: שאָפט זיך אַליין אַ חיזוק, יעדער איינער פון זיין אייגענער נשמה, ווייל דער ווילדער געשריי לאָקערט אויף אונדז אַלעמען אין באַהעלטענישן. שאָפט זיך יעדער איינציקער פון אייך אַן אייגענעם סדר, וואָס איז דאָך אַ ניצוץ פון דעם ברוך הוא'ס סדר. זאָל יעדער פון אייך זיך אָנהאַלטן אין די ד' אמות פון זיין

שכל און פון דאָרטן קוקן טיף אַריין אין די מעשי־בראשית. ווייל דער שכל איז דאָך אַ מידה וואָס דער בורא עולם האָט געגעבן אַ מענטשן אַז ער זאָל שטיין בײַ דער טיר פון זיין נשמה און זי היטן פון כלערליי סטרא אחראדיקע פגימות. און דאָס איז דאָך טאַקע דער סוד פון מיינע ספורי־מעשיות: די אחיזה און דער חיזוק. צוערשט דערציילט די מעשה זיך אַליין; און אַז איר וועט קלאָר דערהערן אייער אייגענעם קול, איז אַ סימן אַז איר באַנעמט דעם סדר פון דער מעשה און איר קענט שוין ווערן חוזרים אויף פאַר אַנדערע. זיכער איז: ניט יעדער איינער איז זוכה צו באַנעמען דעם אמתן זין פון דעם נגלה אין מעשי־בראשית, און ניט יעדער איינער קאָן קומען און נעמען. אָבער אַ סימן אָדער אַ שמירה קאָן יעדער איינער זיך פאַרשאַפן. אַוודאי ניט יענע מטבע־שמירה פון בעלי־מופתים וואָס פאַרנעמען זיך מיט שטותן און פאַרפירן חסידים שוטים — נאָר אַ סימן וואָס אַ מענטש פאַרשאַפט זיך אַליין אין זיין לעבן. אַ בן־אדם קען אַפילו אָן יעקב אבינוס חלום זיך אָנהענגען אַלס אַ סימן איבער זיין לעבן. יעדער איינער קען אוודאי חלומען כיעקב אבינו בשעתו, דהיינו — ער קלעטערט אויף אַ לייטער אָדער אויף טרעפּ, וואָס מ׳קאָן גאָר זייער שפּיץ ניט כאַפּן, און ער האָט ניט אויף וואָס זיך אָנצושפּאַרן ניט רעכטס און ניט לינקס, און ער קלעטערט אַלץ אין גרויסער איינזאַמקייט, רחמנא ליצלן, וואָס דאָס איז דאָך דער שווערסטער נסיון פון אַלע נסיונות, און די פיס ברעכן זיך אונטער אים און ער נויטיקט זיך אין גרויסן רחמים, און עס דוכט זיך אים אַז קיין בריאָה אויף דער וועלט פאַרנעמט ניט זיין קול — און ער איז באמת אין אַ געפערלעכער צרה. אויב אָבער ער איז משיג איין ניצוץ פון דעם וויטן ליכט וואָס רוט איבערן לייטער, און ער האַלט זיך אַליין אין איין דערציילן דערפון, קריגט ער אַן אחיזה אין זיך אַליין, און מענטשן דערהערן טאַקע זיין קול, הגם אים זעט אויס, אַז קיינער הערט אים ניט. משמעות: אויב אַ בן־אדם איז נאָך גאָר יונג, אַ יינגל ממש, קאָן ער זיך אַוודאי אַזאַ מין חלום פאַרוואַנדלען אין אַן אמתער שמירה; און אַז ער ווערט

שוין גאָר אַלט, קאָן זיך אַוודאי טרעפֿן, אַז דער חלום זאָל אים צוריקקומען אויף דער וואָך און אים שומר ומציל זיין פון יאוש, ווייל דער דרך פון אַן אַלטן מענטשן איז אַז זיין נשמה בענקט אומגעהויער נאָך עמעצן וואָס זאָל דערהערן זיין מידן קול און זאָל צוקומען צו אים און זיך אָוועקזעצן ביי זיין זייט. אַזאַ מין מענטש איז קיין מאָל ניט מבטל זיין לעבן ומיתתו בנשיקה. אויב ניט אַזאַ חלום, קאָן אַ מענטש זיך אויסקלייבן אַן אַנדערן. ווייל די חז״ל האָבן דאָך אונדז שטענדיק געלערנט, אַז די בחירה איז אין מענטשנס הענט. זאָג איך אייך בהן שלי און ווי איך בין אַ ייד, אַז איידער איך הויב אָן דערציילן מיינע ספורי־מעשיות דערשרעק איך זיך פֿאַרן געשריי וואָס הייבט מיר אָן רייסן די עצמות, נעם איך דעמאָלט אַרויס מיין רויטע פֿאַטשיילע — פון מיין זיידן, דעם בעש״ט הקדוש, איז זי מיר בירושה געבליבן — און כ׳האַלט זיך אָן אָן איר מיט מיין גאַנצן כוח וואָס איך פֿאַרמאָג נאָר און זי באַשיצט מיך מיט איינעם אַן עק אירן און איז מאחה כל הקרעים וואָס דערוואַכן אין מיין פנימיות. אַפילו אַ פֿאַטשיילע, אבי מ׳וויל נאָר, קאָן אַזוינס טאָן, און אַ חסידישע פֿאַטשיילע, אל אחת כמה וכמה. גוואַלד, יידן, זייט זיך ניט מיאש!

אָט אַזוי האָט דער וואַנדערנדיקער בראַסלאַווער חסיד זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן יענע שבועות־נאַכט. ער האָט, זעט אויס, דערפילט אַן אמתע קירבה צווישן אים און אנשי שלומנו. ביים סוף שוין האָט ער נאָך צוגעגעבן; דער זקן פון אומאַן האָט אונדז מתרה געווען: זעט, נעמט ניט אָן מיינע רייד ווי עפּעס אַ מסורה אָדער אַ קבלה בעל־פה אָדער בכתב. עס קאָן זיין אַז מעשה שהיה לא כך היה. און אפשר האָט דאָס גאָר ניט דער רבי, זכרונו לברכה, געזאָגט, און אויך ניט ר׳ נתן, נאָר גלאַט אַזוי אַ פּירוש געוואָרן צווישן חוזרים אויפן רבינס ספורי־מעשיות. ווייל מיר זיינען זיך בלויז סומך אויף די ספורי־מעשיות אַליין ככתבם וכלשונם און אויך אויף די „ליקוטי מוהר״ן״ און די אַנדערע ספרים וואָס רבי נתן האָט אונדז איבערגעלאָזט בירושה. און אויסער זיי, און כמה וכמה תפילות

אונדזערע וואָס מיר זאָגן ביי די ספורי־מעשיות, פאַרמאָגן מיר גאָרניט. אלא וואָס: שמועות אַזעלכע גייען אַרום, והמבין יבין. דעמאָלט האָט מיט אַ מאָל דער זקן זיך צו מיר געווענדט און זיך אָנגערופן: מיר אַלע זיינען דאָך יורשים פון יענער שרייענדיקער כיתה. דאַרפסטו דעריבער זיך גאָרניט שרעקן: השם יתברך וועט העלפן. כ׳הער מענטשן ריידן הינטער דיינע פּליִיצעס, אַז קלייבסט זיך אַוועקגיין, אַ ביסל גלות פּראָווען. נו, מילא. אפשר וועסטו אָנקומען צו אַ מורה דרך; אפשר טאַקע צו יענעם וואָס אויף אים זאָגט מען, אַז ער האַלט פון וואָרט גלוי וידוע. עס זעט אויס אַז יענער איז אַן אמתער צדיק, אויב ער איז משיג דעם גלוי וידוע פון שכל המאיר. משמעות, ער ווייס עפּעס אין דער טיף.

נו, צאתך לשלום ובואך לשלום. יהי רצון אַז ביי די חסידים דאָרטן זאָלסטו טאַקע אַן אמתן חיזוק קריגן. איך זע שוין פון אַ צייט, אַז דו האָסט קוים כוח אָנצוגיין אַן אַ מורה־דרך שבעין און נויטיקסט זיך אין עמעצן וואָס זאָל דיך פירן ביי דער האַנט. וואָס קענען טאַקע „טויטע חסידים" עפּעס געבן בעולמנו הרע? נו, מילא. און פאַר אַ סימן טוב גיב איך דיר צוויי רויטע פּאַטשיילעס „צידה לדרך": אַ ירושה מיינע פון בני בניהם של מקורבים פונעם רבין זצ"ל. איינע נעם פאַר זיך, און די צווייטע גיב אַוועק עמעצן אין יענעם מקום. בעזרת השם וועסטו זיך פאַרשאַפן דאָרטן אַ נאָענטן חבר. וועסטו אים בשעת רצון אַוועקגעבן די פּאַטשיילע. זאָג אים: אַ מתנה פון אַן אַלטן זקן צווישן די „טויטע חסידים" פון אומאַן.

„זעט נאָר עד היכן הדברים מגיעים", האָט סוף־כל־סוף ר׳ שמחה געענדיקט. צוליב עפּעס וואָס האָט ער זיך אין זיך צעשמייכלט און איז אויפגעשטאַנען און האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ. „עס איז שוין אַוודאי שפּעט", האָט ער באַמערקט: „מיר דוכט זיך אַז כ׳האַלט שוין ביי חצות. פון דעסטוועגן — אויב איר ווילט, וועל איך זיך אַ ביסל דורכגיין מיט אייך אין דרויסן. שוין לאַנג ניט געווען צווישן לייטן".

פון יענעם אָוונט אָן איז מיין חלום מיר געבליבן, ווי מיין רבי

רבי האָט געזאָגט, אַ סימן, אַ שמירה, אפשר אויך ווי אַ נאָכאַנאַנדיקע בשורה. וויפל חלומות עס זיינען שוין אָנגעקומען אויף מיר פון טאָגיקע תחומים און פון נאַכטיקע רשויות — טייל פון זיי זיינען גאַנץ געוואָרן אין די תהומות פון זכרון און בלויז פון צייט צו צייט באַווייזן זיי זיך בלויז ווי זיך־באַוועגנדיקע נעפּלען אויף פאַרגעסענע פעלדער; און צייטנווייז בליצן זיי אויף אומגעהויער פאַרביקלקלאָרע, ווי כ׳וואָלט זיי אַרויסגענומען פון עפּעס אַ רייכן אוצר וואָס איז ביי מיר פאַרבאָרגן. דער חלום אָבער מייַנער, וואָס ר׳ שמחה האָט אים אַרויסגעוועבט פון די רייד פון אומאַנער זקן, איז מיר אָפּט ווי אַן אָפּענער קוואַל וואָס טוט זיך ניט אָפּ פון מיינע טריט. אַפילו אין מיטן אַ וואָכעדיקן טאָג צעווונקט ער מיר זיך פון צייט צו צייט, פונקט ווי ער וואָלט געהיט דעם וועג־און־שטעג מיינעם.

אַוודאי: אַ מאָל ווען דער טאָג פאַרגייט און אַן אומבאַשטימטער אומעט לייגט זיך מיר אַוועק אויפן האַרצן, צעפלאַטערט זיך פאַר מיר מיין חלום אַרויס פון דעם סאַמע לעצטן נאַכשיין פון דער פאַרגאַנגענער זון. זע נאָר זע, זאָג איך צו זיך אַליין, אפשר איז ער די רעטעניש דיינע און אויך איר לייזונג, די חומרה פון דיין שווערער סוגיא און איר פּירוש, דער תכלית און זיין מוסטער, דער גורל און די כוונה. וויפל אָבער קאָן אַ מענטש אַרומטראָגן זיין חלום אין זיך און אים פאַרשווייגן. תיקו. אַ מענטש וואַנדערט אויס זיין גאַנצן טאָג איבער גאַסן און מאַרקן, זוכט אַ שטיקל ברויט איינצושטילן זיין הונגער, זוכט אַ דאַך איבערן קאָפּ און אַ צודעק פאַר זיין גוף — וואָס קאָן נאָך פּשוטער זיין פון דעם? שטענדיק אָבער, ווען נאָר איך טרעף זיך אָן אַן באַקאַנטע מענטשן אויף דער שטראָמענדיקער גאַס, פאַלט מיט אַ מאָל אָן אויף מיר אַ מאָדנער פּחד. ווער קאָן מיר קאָווירן, טראַכט איך, אַז ווען דער אָדער יענער וואָלט געזעסן צווישן יענע חסידים ראשונים, וואָלט ער אויך זיך ניט צעשריען מיט דעם מוראדיקן געוואַלד פון יענער מאָדנער כיתה? דער מענטש אָבער גייט פון דעסטוועגן אַלע טאָג אַרויס אויף שטאָטישע געמאַרקן. אַלע מאָל, ווען די זון גייט אויף, גייט

ער אַרויס איר אַנטקעגן, ווי אַמאָליקע כהנים פלעגן אַרויסגיין צו זייער עבודה אין בית־המקדש, ווען אַ נייער טאָג פלעגט נאָר אויפבליצן אין הימל. גייט אויך זיין חלום אים נאָך טריט־נאָך־שריט און היט אים ער זאָל זיך ניט גאָכלאָזן זיין באַהאַלטענעם געשריי?

יענעם זומער האָט מיך אָן אומרו פאַרכאַפּט טאָג נאָך טאָג: אָט דער חלום מײַנער, וואָס באמת איז ער דאָך אין דער בחינה פון „נסתר" — אַ סוד אַזעלכער וואָס איז בלויז מיר פאַרטרויט געוואָרן, ווי קאָן איך עס אים אויפדעקן ברבים, אַז ר' שמחה זאָל אַזש אויף אים מרמז זיין אין זיינע רייד וועגן בויאַן? דער עניין, אַז מיין מאַמע איז עס געווען וואָס האָט מיין חלום געבראַכט ר' שמחהן, איז מיר מטושטש געוואָרן, און צייטנווייז האָט זיך מיר בפירוש געדוכט, אַז באמת האָב איך עס איינגערוימט דעם סוד אין מיין רבינס אָן אויער בשעת ער האָט דערציילט די מעשה מיטן בראַסלאַווער. אַ מאָל האָט זיך מיר אויך געדוכט, אַז ר' שמחה האָט בפירוש אַרויסגערעדט מיין נאָמען יענעם אָוונט. עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז איין מאָל בין איך צוגעקומען צו ר' שמחהן און אים אויסדערציילט מיינע דאגות. ער אָבער האָט, האַלב ערנסט, האַלב שמייכלענדיק, זיך אין זיין גאַנצער לענג אַוועקגעשטעלט מיר אַנטקעגן, אַרויפגעלייגט אַ ווייכע האַנט זיינע אויף מיין אַקסל און זיך צעמוסרט:

„אַ בחור ווי דו האָט שוין גאָר קיין אַנדערע עסקים ניט, סיידן זיך אַרומצוטראָגן מיט לײדיקגייערישע דאגות? הגם מ'קאָן אויף דיר ניט זאָגן, אַז ביסט אַ גרויסער תלמיד חכם, קאָן מען דיך דאָך אַוודאי ניט פאַררעכענען צווישן עם־הארצים — ואם כן, אויב די מעשה איז טאַקע יאָ אַזוי, וואָס האַלטסטו זיך עפּעס פאַר אַ מין חד־בדרא, וואָס בלויז אים אַנטפּלעקט מען חלומות ווי דיינער? מיר האָבן שוין לאַנג געזען און אויך געהערט אַזעלכע זאַכן. דאַרפסט נאָר אויף איין רגע מעיין זיין אין חומש, וועסטו באַלד זען. יעקב אבינו האָט געחלומט, און יוסף הצדיק, און ווער דאַרטן ניט? מ'חלומט. אַפילו פשוטע מענטשן, וואָס קענען קוים פירוש המלות,

אין דאָווענען, קען זיך חלומען וואָס די אבות אונדזערע האָט זיך געחלומט. איז אויב יענע קדושים וטהורים האָבן זיך ניט גע־קווענקלט מגלה צו זיין זייער חלום — ווער ביסטו אַזוינס, זאָג מיר, כ׳בעט דיך, וואָס דו האַלטסט זיך פאַר אַזאַ מפונק? און פון וואַנען ווייסטו, אַז יענעם אָוונט האָב איך זיך אויף דיר מתכוון געווען, און ניט אויף חילק ובילקן? זעט אויס, אַז האַלטסט זיך טאַקע פאַר אַן אדם גדול, וואָס בלויז אים איז מען מגלה כוונות און סודות. אפשר גם אני בחלומי? דאָס איז דיר גאָרניט איינגע־פאַלן! מ׳חלומט. אַזוי איז דער דרך ביי מענטשן. און דע, זיי וויסן, אַז עס איז פאַראַן אַ צד השווה צווישן אַלעמענס חלומות. מ׳קלע־טערט. אַז מ׳איז אַ מענטש, וויל מען ערגעץ אָנקומען. און אַלע נויטיקן זיך אין הילף, אין אַ חיזוק און אַ תיקון. ווענדט מען זיך ביים קלעטערן אַהין און אַהער, מ׳בעט אַ טראָפּן הילף. ווער האָט עס ניט מורא גייענדיק, טאָמער בלייבט ער איינער אַליין און קיינער הערט אַפילו זיין קול ניט? מ׳הערט אָבער. ניט נאָר דער וואָס רוט אין די שבעה רקיעים הערט, נאָר אַפילו מענטשן, פרעמדע מענטשן אויך. אַזוי גייט מען, מ׳קלעטערט און מ׳ווערט נכשל, מ׳ווערט נכשל און מ׳הייבט זיך ווידער אויף, ווייל קיין מאָל ווערט דער לעצטער טראָפּן חיזוק ניט אויסגעטרוקנט ביי אַ מענטשן — אַפילו אַז ער האַלט שוין, רחמנא ליצלן, ביי דער דרגא פון איבוד עצמו. און אַלע מענטשן דערציילן זיך אַליין זייער אייגענעם חלום, סיי אַלס אַ חלום, סיי אַלס אַ פּתרון. נעם אַ מענטשן וואָס קאָן נעבעך ניט איינשלאָפן, ווייל ווי אַ שטיין דריקן אויף אים זיינע אָפענע און באַהאַלטענע דאגות; בתוכי־תוכו רופט ער זיין חלום צו הילף — און יענער אַנטפּלעקט זיך אים סוף־כל־סוף און טריפט אַ טראָפּן נחמה אויף זיין האַרצן און איז אים מגלה זיין אייגענעם דמות־דיוקנו ווי ער קלעטערט אויפן לייטער פון יסורים און עליה. אַ מאָל טרעפט זיך אַזוינס מיט אַ מענטשן אַפילו אין מיטן טאָג אין מאַרק. געבענטשט אָוודאי איז דער, וואָס זיין חלום איז אויך זיין פּתרון. ווייל מיר האָבן דאָך אַ כלל גדול, אַז אַ מאָל איז אַ חלום זיבן און

זיבעציק מאָל אמתער ווי כל מיני עסקים און געשעפטן. זיי גוט מעיין אינעם ענין, וועסטו זען, אַז ער איז זייער אַ פשוטער, ממש בבחינת גלוי וידוע. און אויב ס׳איז טאַקע גלוי וידוע, וואָס זשע פאַר אַ חששות ווימלען זיך דאָס ביי דיר, דו בר־מצווה בחור?״

זיינע רייד האָבן זיך מיר געדוכט ווי זיי רינגלען מיך אַרום, קומען אָן פון ערגעץ אַ באַהאַלטן־טיפן קרייז און ברייטערן זיך אַלץ אויס קרייז־אין־קרייז, ביז זיי פאַרכאַפּן דעם גאַנצן זומערדיקן נאָכמיטאָג און דערגרייכן אַזש די בלויע הימלען. ער אַליין איז אָבער געשטאַנען גלייך, אויסגעצויגן כמעט. ווי כ׳האָב ניט געוווּסט, אַז צו מיר זיינען זיינע ווערטער געווענדט, האָב איך קלאָר געקאָנט אָנען, אַז זיין פּנים איז ווי פאַרצויגן אין זיך אַליין. אַזוי אַרום האָב איך שוין זיין גערייד פאַרנומען ווי אַ געוועב פול מיט פליאותדיקע חלומות און פּתרונות וואָס טובלען זיך אין אומענד־לעכע שייכותן. אָבער איידער וואָס און ווען, האָב איך דערפילט, אַז ר׳ שמחה צעבלאָזט יענעם געוועב, ווי עס צעבלאָזן זיך געוועבן אין שפּעט־זומערדיקע טעג. כ׳האָב חושד געווען, אַז ער שמייכלט איבער עפּעס אַ ייִנגלשקייט מיינס. ער אָבער האָט גאַנץ ערנסט געזאָגט:

„פון דעסטוועגן, זאָג איך דיר, ווייס קיינער ניט וועגן דיין חלום, אויסער מיר און דיין מאַמע. אַזוי אַז דאַרפסט זיך ניט זאָרגן. טו גוט אַכטונג אויף דיין מאַמען. אַ פשוטע פרוי — און איר האַרץ איז מרמז אויף טיפע זאַכן. כ׳זאָג איר: וואָס פאַר אַ בהלה מאַכט איר עס זיך אַליין פון עטלעכע פסוקים וואָס זיינען אייער זון מגולגל געוואָרן אין אַ חלום? זאָגט זי מיר: איר זענט אַוודאי גערעכט, ר׳ שמחה — אַלץ וועט זיך אויסלאָזן צום גוטן. מיין מאַן, זאָל לעבן, האָט מיר אַ מאָל אַ זאָג געטאָן: דער בן־יקיר אונדזערער גראָבט זיך שוין צופיל אין פסוקים און ספורי־מעשיות — אַן אוצר אַ טייערן, זעט אויס, זוכט ער דאָרטן... האָב איך איר גע־זאָגט, דער מאַמען דיינער: במחילה מכבודך — אייער מאַן אַליין ווייס, אַז אַ גרויסער אוצר, וואָס מען קאָן אים גאָרניט אָפּשאַצן,

ניט מיט גאָלד און ניט מיט זילבער איז דאָרטן פּאַראַן, פּלאַי־פּלאַים טאַקע. רופט זי זיך אָן: כ׳האָב אַ ביסל מורא פאַר מיין קינדס חלומות. האָב איך ערשט דעמאָלט דערפילט אירן אָן אי־נערלעכן ציטער, האָב איך איר באַרוּקט ווי נאָר כ׳האָב געקאָנט. איך האָב איר אויך אַ זאָג געטאָן: אייער מאַן ווייס וואָס ער טוט — איר מעגט זיך אויף אים פאַרלאָזן. ערשט דעמאָלט איז זי אַוועק אַ היים מיט אַ רויקערן געמיט. איך אָבער זאָג דיר: כמה וכמה זאַכן, אָפענע און באַהאַלטענע, זיינען פאַראַן אויף דער וועלט — און אין „קוהלת" שטייט געשריבן, „את העולם נתן בלבם", אַפילו פון פשוטע מענטשן. נו, מילא. כ׳בין דיר מוחל פילאָזאָפיע און חקירה. זאָלן זיי זיך דאָרטן חקרנען און פילאָזאָפירן וויפל נאָר זייער האַרץ גלוסט — איך פאָר צום רבין, עס בענקט זיך מיר זייער נאָכן צדיק, ווייסט דאָך ווי ער זאָגט „גלוי וידוע". אַז מ׳דער־גרייכט אָט די מדרגה פון ז י י ן גלוי וידוע, דאַרף מען שוין מער פאַר קיין חלומות זיך לגמרי ניט שרעקן. מיר אַליין, אַזוי מיין איך, וואָלט גאָר ניט געשאַדט אַ ביסעלע חיזוק. אַז כ׳וועל, אם ירצה השם, צוריקקומען פון בויאַן, וועלן מיר זיך צוזאַמענקומען מיט דיין טאַטן און מירן אַלע פאָרן אויף די שבעת ימי המשתה וואָס דיינער אַ קרוב מאַכט אין דאָרף. אם ירצה השם. קודם וויל איך אַ ביסל זיצן ביים רבינס טיש. מירן זיך זען, אם ירצה השם, ותהיה השמחה במעונו. זאָג דעם טאַטן: שמחה בעט מ׳זאָל קומען אויף אַלע שבעת ימי המשתה. ער ט׳עס מסתמא אַזוי טאָן, דער חסיד בצורת משכיל. און טו גוט אַכטונג אויף דער מאַמען, דו מיט די חלומות דיינע. נו, גוט, גוט. זיי געזונט".

נאָך דעם זעלבן אָוונט איז ער אַוועק צום גאַליציאַנער גרענעץ. זיינע רייד האָבן מיך אָבער ניט אָפּגעלאָזט: מיר האָט זיך געדוכט, אַז זיי פירן מיך, ווי אין אַמאָליקע יידישע מעשיות, טיפער און טיפער, לפני־ולפנים פון חדר בחדר. כ׳האָב זיך ניט געקאָנט דער־וואַרטן אַז ער זאָל שוין צוריקקומען פון רבינס הויף: די שבעת ימי המשתה אין דאָרף האָבן מיר פון וויטן אָנגעוווּנקען ווי אַ נייע

בשורה — עלעהיי אַ פּתרון אָן אמתער אויף מיין יינגלשן חלום.

אין יענער צייט האָט מיין טאַטע מיך אַריינגעפירט אין אַ נייער וועלט, וועגן וועלכער ער האָט אַמאָל מסתמא אַליין שטילער־הייט געטרוימט: ער האָט מיך פאַרשריבן אין דער גימנאַזיע. דער גאַנצער ענין איז אויף פאַר מיר געווען אַ פאַרחלומטער: די פרילינג רעוואָלוציע, נאָך איידער אירע אָקטאָבערישע שטורעמס האָבן זי דערשטיקט, האָט דער יידישער שטאָט־ און־שטעטל איינגעם תחום־המושב געעפנט טיר־און־טויער אין אַ נייער וועלט אַרויס. דעם אמת זאָגנדיק, האָט אָט די נייע וועלט אָנגעוואָרפן אויף מיר, אין איין־און־דערזעלבער צייט, עפּעס אַן אינערלעכע, קוים איינגעהאַל־טענע, חדווה, ווי אויך נייע, טיפע פחדים, וואָס ביאַליקס „שירי הזעם" האָבן זיי גאַרניט פאַרמאָגט. מיין מזל האָט מיר צוגעשפּילט, און מ'האָט מיך אַריינגענומען אין אַ העכערן קלאַס אין דער גימ־נאַזיע — בין איך מיט אַ מאָל אַוועקגעשטעלט געוואָרן פונעם אַרמענישן ליטעראַטור־לערער אויף דער שוועל פון ליטעראַריש־קינסטלערישע לאַבירינטן.

עס איז געווען דער אַרמענער וואָס האָט דערשפּירט אין מיר עפּעס אַ באַזונדערע, אים גאָר־נאָענטע, סענסיטיוויטעט — און ער האָט עס דערלאָזט, אַז דער געקלאַנג פון הויפּטמאַנס „פאַרזונקענער גלאָק" זאָל אויף מיר אָנווייען מאָדנע אימות אַזעלכע, וואָס אַפּט מאָל האָבן זיי זיך מיר געדוכט ווי זיי לויערן אויף די מעשיות פון חומש און אגדה און צדיקים און חסידים און ווילן זיי פאַרניכטן.

אָפט מאָל פלעג איך זיך איינהילן אין די ניט־יידישע גלוסטונגען וואָס יוירן אין דער מעלאַנכאָלישער זומפּן־שווייגעניש פון מעטער־לינקס דראַמען און לידער און עסייען. ניטשעס אַ וואָרט האָט נאָך אין יענע טעג ניט באַוויזן צו לעכערן מיר מיין אויער; אָבער דער פריסט בראַנד איבסענס האָט מיך פאַרפלייצט מיט דער פּראַכט פון בערגיקער וויסטעניש און מיך פאַרכאַפּט מיט זיין מאָראַליש־גדלותדיקן ניט־זיין און מיט זיין נביאישער שנאה לגבי דעם לעבן „אין־דער־נידער". מיט שאַרף־יינגלשער סענסיטיוויטעט האָב איך

אין זיך געהאַלטן אין איין אויפשטעלן הייליקע קולטן אַזעלכע פאַר אַט יענע „נייע וועלטן" וואָס ליטעראַטור האָט פאַר מיר אַנטפּלעקט.

עס האָט אָבער ניט לאַנג געדויערט, און די רעוואָלוציע האָט פאַרברענט דאָס גאַנצע שטעטל אונדזערס מיטן בית־המדרש און דער גימנאַזיע און מיט דער גאַנצער צויבער־וועלט וואָס זיי האָבן פאַר יידישע קינדער געוועבט. מיין אַרמענישער לערער פון ליטע־ראַטור האָט שוין אויף זיך גענומען עפּעס אַ וויטן און אומפאַר־שטענדלעכן גלות, נאָך איידער דאָס גאַנצע שטעטל איז אַוועק אויף די שריפות וואָס די פּעטלורישע באַנדעס האָבן געצונדן אינעם בירגער־קריג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. איך אַליין בין אַריינ־געשליידערט געוואָרן אינעם ווירוואַר פון גרויסע שטעט, ווו מענטש פאַרלירט זיין געשטאַלט אינעם אומאויפהערלעכן פלוס פון ליכט־און־שאָטן גערעַנגל אויף פון צעמענט־געגאָסענע טראָטואַרן.

דאַנק איך אַלע מאָל מיין באַשעפער, וואָס צוזאַמען מיט די גאָר פרעמדע קולות וואָס זיינען אויף מיר אַנגעפלאָסן פון דער וועלט־ליטעראַטור, און האָבן טויזנט מאָל פאַרגרעסערט מיינע פּחדים אין מיין גרויס־שטאָטישער איינזאַמקייט, האָט ער מיר אויך, ווי באַשערטערהייט, אַריינגעגעבן אין דער האַנט אַריין אַ ביכל לידער און פּאָעמען פון אַ דיכטער וואָס איז כמעט אין גאַנצן פרעמד געווען ביי אונדז אין הויז: די אידיליעס פון שאול טשערניכאָווסקי.

עד היום קוועלט אין מיר אויף אַט דער וווּנדער פון אַמאָל: וויפל אַנהאַלט קאָן אַ מענטש שעפּן אין זיין טיפן איינזאַם פון איינער, איין העברעיִש־געשריבענער, דיכטערישער אידיליע! אין פילע פאַרנאַכטן אָבער, ווען טאָג האָט זיך גענומען איינשרומפּן אויף יענער זייט אינסופיקע טראָטואַרן, פלעג איך זיך אָפּט כאַפּן אַ גייענדיקן, אָן אַ פאַרוואָס און פאַרוואָן, פונקט ווי דער גאַנצער לאַנג־רוישיקער טאָג איז מער ניט ווי איין זינלאָזע ליידיקייט, און אַז אויך מאָרגן וועט אַזוי זיין, און אַז דער אָפּקלאַנג פון מיין טראָט האָט זיך אָפּגעטאָן פון מיין אייגענעם אויער, און אַז דאָרטן, ביים

סוף פון טראָטואַרן, וואָרט אַ תהום. עד היום דינט עס פאַר מיר ווי אַ מיסטעריע פון דער השגחה אַליין: דווקא אין אַזעלכע פאַר־נאַכטן פלעגט מיר ווי אָנקומען אַנטקעגן אַ „געזאַנג" פון טשער־ניכאָווסקיס „עלקעס חתונה". איך פלעג זיך דעמאָלט איינהילן אין אָט יענעם געזאַנג, פונקט ווי מיין טאַטע־מאַמעס הויז וואָלט ניט חרוב געווען, און מיין שטעטל מיטן בית־מדרש און ר׳ שמחהן, און די גימנאַזיע מיט דעם אַרמענישן ליטעראַטור־לערער, וואָרטן נאָך ערגעץ אַלץ אויף מיר און האַלטן מיין אויער אָפן. איז עס דערפאַר וואָס די פּאָעמע איז די איינציק־פאַרבליבענע אילוזיע פון אָט יענע שבעת ימי המשתה, אויף וועלכער מיר זיינען אַלע גע־פאָרן ווען ר׳ שמחה האָט זיך צוריקגעקערט פון יומטובן ביים רבין אויף שבועות? — — —

עס איז גאָר געווען שהשמחה במעונו אויף דער חתונה. זי איז פאָרגעקומען אין אַזאַ רוימיקן שאַלאַש, אַזש דאָס אויג האָט ניט געקאָנט פאַרכאַפּן אַלע זיינע אַריינגענג און אַרויסגענג. גאָר אין גיכן האָט דאָרט די שמחה זיך אָוועקגעלאָזט אין כוואַליעס פון דערהויבונג וואָס האָבן פאַרפלייצט אַלעמענס הערצער. די כוואַליעס האָבן זיך אויסגעלאָדן אין הסידישע „לחיימס", וואָס פלעגן זיך אַלע מאָל אַרויסרייסן אין אַ התלהבות פון געזאַנג און דביקות פון ניגון, און, סוף־סוף פאַרכאַפּן דעם ריזיקן עולם אין אַ שווונג, וואָס האָט זיך מער ניט געקאָנט איינהאַלטן אין מענטשנס עצמות און זיך אַרויסגעריסן אין אַ צערוישטן טאַנץ. מענער האָבן געטאַנצט, און פרויען האָבן געטאַנצט — צוערשט די באַזונדער און יענע באַזונ־דער, נאָר קינדער פלעגן אַלע מאָל זיך אַריינרייסן מיט זייערער אָן אייגענער פריידיקייט, זיך דרייען פון קרייז צו קרייז — אָט אין דעם און אָט אין יענעם, הין און צוריק, אַזוי אַז די קרייזן האָבן שוין אויסגעזען ווי זיי גלוסטן איינער צום צווייטן, טאָקע פאַרבונדן איינער מיטן צווייטן, אָט עטוואָס דערווייטערט, און אָט שוין גאָר נאָענט, אָדער שטענדיק אָנגעהאַלטן איינער אָנעם צווייטן. איך בין עטוואָס איינער אַליין געשטאַנען און געקוקט אויף דעם

„פריילעכס", ביז איך בין אויך אַריינגעפּלאָכטן געוואָרן אין התלהבותדיקן ים, זיך פאַרדרייט אין אַן עיגול, וואָס מיט אַ מאָל האָט ער זיך מיר אויסגעדוכט ווי דער עיגול מיט וועלכן ר' לייב שרהס פּלעגט זיך באַשיצן פון כלערליי שדים און מזיקים וואָס ווילן אים פאַרכאַפּן. און אפשר איז גאָר דער משל פון ר' לייב שרהס מיר אויפן זינען געקומען ניט דעמאָלט דווקא, נאָר גראָד אין פיל שפּע־טערע יאָרן, ווען אַנדערע שטורעמס — שניי־שטורעמס און פייער־שטורעמס — האָבן מיך געהאַלטן ביים פאַרשלינגען, איז ער מיר געקומען אין מיין פען אַריין. על־כל־פּנים, דער גאַנצער גרויסער און הייליקער קהל האָט זיך צעשטראָמט אין „פריילעכס" מיט אַ מסירות־נפש, אין וועלכער איין מענטשנס פּנים האָט מען ניט געקאָנט דער־קענען פון אַ צווייטנס. מיט אַ מאָל אָבער האָב איך דערשפּירט ר' שמחהן, ווי אין סאַמע געווירבל פונעם ריקוד טיילט ער זיך אָפּ פון דעם עולם און לאָזט זיך געלאַסן, און מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, צום צענטער פון עיגול.

ערגעץ ווו האָט דער טאַנץ־געריש אָנגעהויבן פון־זיך־אַליין ווייכער ווערן, און דער ניגון האָט זיך אָנגעהויבן איינגעמען. אָבער ביידע — סיי דער עיגול, סיי דער ניגון — זיינען ניט איבערגעריסן געוואָרן: האַנט־אויף־אַקסל האָבן זיך די מחותנים באַוועגט, דער מענערישער קרייז אַרום שמחהן, דער ווייבערישער קרייז לעבן אים, און די קינדער, איצט אין זייער אַן אייגענעם קרייז, אינעווייניק, אָט אין ווייבערישן, אָט אין מענערישן, איינס צום צווייטן מיט האַנט־אויף־אַקסל באַהעפטעט, פונקט ווי מיט זיבן אויגן וואָלטן זיי געהיט ר' שמחהס עיגול, אַז קיין ברוך זאָל אין אים, חס ושלום, ניט געשען. אָבער ר' שמחה אַליין — די פּאָלעס פון זיין קאַפּאָטע זיינען געווען פאַרשטעקט אין זיין זיידענעם שוואַרצן גאַרטל, אַזוי אַז די יום־טובדיק־אָפּגעפּוצטע שטיוול זיינע האָבן זיך אַנטפּלעקט אין זייער פולער פּראַכט. דער גראָבער פינגער פון זיין רעכטער האַנט איז פאַרשטעקט געווען אין זיין גאַרטל, און דער לינקער אָרעם איז אויסגעשטרעקט געווען אַרויף צו, צום הימל איבערן דאַך פונעם

שאַלאַש, מיט די צעצווייגטע פינגער פון זיין האַנט. אַ ווייס־דורכ־זיכטיקע האָט די האַנט געהויערט איבער די קעפּ פון די טאַנצנדיקע מהותנים, און צווישן איר גראָבן און מיטעלן פינגער האָט געפלאַ־טערט ר' שמחהס רויטע פאַטשיילע אַ באַזייטע מיט ווייסע פינטעלעך, זיך באַוועגט, ווי פליגל פון אַ טויב, וואָס טובלט זיך אין דעם זומער־דיקן בלוי פון די ווייטע הימלען און דער קלענסטער גערויש הערט זיך פון איר ניט. אַ קורצע ווײַלע איז ר' שמחה געבליבן באַוועגלאָז, זיין גאַנצער דין־געשטאַלטיקער קערפּער אָנגעצויגן אַרויף צו: זיין קאָפּ וואָס האָט זיך געהויבן אַנטקעגן עפּעס אַן אצילות וואָס האָט זיך פאַרוועבט אין דעם חלל פונעם שאַלאַש, און זיינע האַלב פאַר־מאַכטע אויגן געווענדט צו דער פאַטשיילע וואָס האָט געפלאַטערט אין זיינע פינגער. באַלד אָבער האָט ער זיך גענומען באַוועגן עטוואָס־געהויבענער טראָט־נאָך־טראָט, ווי ער וואָלט אַליין געמאַכט אַן עיגול אַרום זיך אַליין און אַן עיגול בתוך עיגול — און קיין שטילסטער גערויש האָט זיך פון טראָט ניט פאַרנומען.

דעמאָלט האָט זיך מיר געדוכט, אַז אין אָט דער באַוועגונג זיינער נעמט ער צוזאַמען די גאַנצע התלהבות, וואָס אין דער רחבות פונעם שאַלאַש האָט זי געהאַלטן ביים „אַרויס פון די כלים": ער זאַמלט זי צונויף פון דעם טאַנץ־און־געזאַנג געשטורעם, ווי ער וואָלט איינגענומען אַ האַלב־ווילדע הילולא וואָס האָט געהאַלטן ביי „שבירת הכלים".

אַזוי האָט ער געהאַלטן אין איין שמעלער מאַכן זיינע עיגולים, ווי אַרומרינגלען זיך מיט אומגעזעענע סייגים, ביז ער האָט פאַר זיין גאַנצן וועזן געפונען איין־און־איינציקן פונקט — דאָרטן איז ער פאַרבליבן אַ יאָ־און־ניט שטייענדיקער, זיין פוס, דוכט זיך, באַוועגט זיך ניט, און דאָך איז ער ממשיך זיין ריקוד. ער איז, זעט אויס, זיך מצמצם אין זיינע אייגענע ד' אמות — און פון דעסט־וועגן איז ער אין גאַנצן אַ באַהערשטער פון אַ גוואַלטיקער וועלט־התעוררות, וואָס קוועלט אין יעדן צעל פון זיין קערפּער און פאַר־כאַפּט אים אין אַן עליה־צויבער פון תפארתדיקער דביקות, מיט

וועלכער זיין אומגעהויער וואַבער קערפּער ציט זיך, און אין וועל־כער זיין וויס־דורכזיכטיקע האַנט מיט דער רויטער פּאַטשיילע שוועבט אַן אויפהער.

דער גאַנצער עולם האָט שוין דעמאָלט געהאַלטן אין איין איינ־הילן זיין אייגענעם ניגון אין הילעס פון טיפער שטילקייט, אין גאַנצן אַן איינגעהאַרכטער אין ר׳ שמחהס ריקוד, אַ באַהאַפטענער מיט יעדן באַוועג פון זיין קערפּער, מיטן שמייכל וואָס שיינט אַרויס פון זיין דביקות און באַלויכט דעם געשטאַלט פון זיין פּנים.

די גאַנצע שאַלאַשיקע רחבות האָט זיך אין יענער שעה דורכ־געדרונגען מיט אַ טיפן מיין וואָס פליסט פון ר׳ שמחהן אַרויס אין דעם הויכן הימלישן בלוי ביז צו די ווייטע האָריזאָנטן פון יענער זייט דאָרף און טייך און וואַלד.

צוליב עפּעס־וואָס האָט דעמאָלט אַ רגע כמימרא מיין חלום אויפגעבליצט אין מיר מיט אַן אומגעהויערער קלאָרקייט, וואָס אין ווייטערע יאָרן איז זי מיר זייער זעלטן באַשערט געווען. פּונקט ווי ר׳ שמחה איז עס דער וואָס איז מיר אין חלום אַנטפּלעקט געוואָרן ווי ער קלעטערט אויף די ענדלאָזע טרעפּ, און ניט איך. כ׳האָב זיך ממש דערשראָקן פון דער התגלות: היתכן אַז אַ ייִנגלס אַ חלום און זיין רבינס אַ חתונה־ריקוד זאָל זיין חד הוא? מיט אַ מאָל האָט עפּעס אַן אומגעהויערע שווערקייט אָנגעהויבן דריקן אויף מיר, האָב איך געוואָלט אָפּשטופּן דעם געדאַנק וועגן מיין חלום און האָב בשום אופן ניט געקאָנט. בכן, האָב איך געטאָן אַ זאַך, וואָס קיין ייִדישער בר־מצווה אין אַ ייִדיש שטעטל וואָלט אַוודאי קיין מאָל דאָס ניט געטאָן, און נאָך בפרהסיה: כ׳האָב זיך אָפּגע־טיילט פונעם עולם און בין צוגעקומען צו מיין מאַמען, וואָס איז עטוואָס פאַראיינזאַמט געזעסןביים פענצטער און האָב אַרויפגעלייגט מיין האַנט אויף איר אַקסל. פון די שוואַרצע פאַלדן פון איר זיידענעם שאַל האָט זי אַרויפגעקוקט צו מיר און, גאָר ניט זאָגנדיק, האָט זי איר געזיכט באַלויכטן מיט אהבה און מיט רחמים, מיט אַ פאַרשטאַנד וואָס זיינע טיפקייטן טובלען זיך אין באַהאַלטענעם טרויער.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט, און דעם עולמס שטילשווייגן איז אין גאַנצן אַנטבונדן געוואָרן: ר׳ שמחה איז שוין איצט אַרויס א ממשות־פייערדיקן טאַנץ — אַ מין לויב־געטאַנץ צו דער רויטער פּאַטשיילע וואָס האָט זיך איצט געקרייזלט אין זיין האַנט — און דעם עולמס ניגון האָט זיך ווידער צעגאָסן מיט אַן אויפגעלויכטענער חדווה וואָס האָט, ווי דער זומערדיקער טאָג אַליין, אָנגעפילט מיט פּראַכט גאָטס גרויסע וועלט.

אויך מיין טאַטע איז געווען צווישן די טאַנצנדיקע. נאָר ווען פיס זיינען שוואַך געוואָרן און הערצער האָבן צו שטאַרק געקלאַפּט, האָט דער טאַנץ זיך אָפּגעשטעלט, און אַלע עיגולים זיינען צונישט געוואָרן, ווייל באַלד האָט זיך „שלייער וואַרימעס״ באַדאַרפט אָנ־הייבן. דעמאָלט האָבן זיי זיך אַלע דריי געטראָפן — מיין טאַטע, ר׳ שמחה, און דער אבי־הכלה אַליין — ערגעץ אין אַ ווינקל אויף אַ „לחיים״. האָט דער טאַטע באַמערקט בניחותא און באַדאַכט און מיט ישוב־הדעת, ר׳ שמחהן:

„כ׳האָב זיך גוט צוגעקוקט צו אייך, ר׳ שמחה, ביי אייער חסידישן ריקוד: אויף יעקב אבינוס לייטער האָט זיך אייך פאַר־גלוסט אַרויפצוקלעטערן; זאָל אייך ווויל באַקומען. אַזוי איז מסתמא דער דרך פון גוטע חסידים. איך, ווי איר ווייסט, האָב זיך שוין פון לאַנג אָפּגעטאָן פון אַזעלכע זאַכן, הגם אויפן „אור החיים״ בין איך ניט גרייט כלל וכלל מוותר צו זיין. נו, מילא. אַ יידן ווילט זיך בוקע רקיעים זיין דורך התעוררות און דביקות, איז דאָך ניט שייך״.

„נו, מילא״, האָט דער אבי הכלה דעם טאַטן געשמייכלט אַנט־קעגן. „איר זענט דאָך אַ ייד אַ משכיל; ווי זשע קומט צו אַזאַ מין יידן, ווי איר, התעוררות, על אחת כמה וכמה דביקות. און וואָס איז שייך צום ענין פון בוקע רקיעים זיין — — —״

האָט אים דער טאַטע, ניט ווי זיין דרך איז שטענדיק געווען, איבערגעריסן מיט אַן אחד משׂשים פון געמאַכטער רוגזה:

„דו, במחילה מכבודך, פאַרנעמסט זיך שוין אויך מיט שטותן, עלעהיי אַ חסיד אַ „פליאַסקעדריגע״. מיר זענען עוסק אין זייער

אַן ערנסטן ענין. זאָגט מיר נאָר, איך בעט אייך, ר׳ שמחה — לחיים, לחיים — איר זענט דאָך אַ ידיד מיינער פון שטענדיק אָן, בעט איך אייך דעריבער מיר צו זאָגן: האָט איר טאַקע גאָר קיין מורא ניט געהאַט דאָרט אויבן, קלעטערנדיק אויף די גאָר הויכע בחינות אין אייער ריקוד? האָט איר גאָר קיין חשש ניט געהאַט, טאָמער, בדרך משל, רייסט איר זיך טאַקע אַ ביסל אָפּ פון אַט דער ערד, אויף וועלכער מיר שטייען, און וועט בלייבן הענגען אויף עפּעס אַ בלימה?״

„אַל תפתח פה לשטן״, האָט זיך דער אבי הכלה אָנגערופן מיט אַ טראָפּן ערנסטן תרעומת: „דעריבער טאַקע האָט ער, זאָל לעבן, געלערנט — — —״

„כ׳זאָג אייך דעם אמת״, איז דער טאַטע אים אַריין מיט אַ טראָפּן זחיחות־הדעת אין די רייד: „איין רגע האָב איך זיך געהאַלטן אין מיישב זיין, צי זאָל איך צוקומען צו אייך, ר׳ שמחה, און אייך בעטן: זייט ניט מגדיש די סאה, ר׳ שמחה. נאָר וואָס דען — מכיוון שראיתי אַז איר האַלט זיך אַזוי פעסט אָן אייער רויטער פאַטשיילע, נתיישבה עלי דעתי. אין דער רגע ווייס איך אַליין ניט דעם טעם דערפון. אַ מחשבה אַזעלכע, ותו לא. מסתמא שפּעטער מאַכן אַ שטיקל חשבון לדבר. אַ מענטש איז זיך אַליין מתקן אַן אחיזה אין אַ פאַטשיילע וואָס שוועבט איבער אים אין דער לופטן און באַשיצט אים און האַלט אים אָפּ אַז ער זאָל, חס ושלום, ניט נסתלק ווערן פון דער ערד אונדזערער כאליהו הנביא בשעתו. זאָג איך אייך ווידער און אָבער, רבותי, טייערע ידידים מיינע: ס׳טאָר ניט אַ מענטש, אַפילו ווען ער איז אַ פאַרברענטער חסיד, זיך נאָכלאָזן זיין יצר אַוועקצופליען אין די הימלען. און זאָגן זאָג איך אייך באמת: לחיים, רבותי, לחיים. ווען ניט די פאַטשיילע — — —״

„נו, ס׳איז דאָך ,גלוי וידוע׳,״ האָט ר׳ שמחה מיט פריינדשאַפט אַ לייכטן קלאַפּ געגעבן דעם טאַטן אויף זיין אַקסל: „ס׳איז ,גלוי וידוע׳, ר׳ אייזיק. לחיים, ר׳ אייזיק! לחיים, אבי הכלה! לחיים יידן!״

פון הינטער דעם גלעזל האָט אויף מיר אָפּגעבליצט זיין קוק פון ליבשאַפט און טיפן פאַרשטאַנד — און אַ כוואַליע פון וווּנדער־לעכער גדלות האָט מיך פאַרפלייצט אין יענער מינוט.

שניי

א

עס פאַלט אַ שניי.

ווי עס קומט נאָר אָן דער ווינטער, אַזוי טוט זיך אָפּ פון מיין קליין יינגעלע זיין געוויינלעכע געמיטלעכקייט. אַלע מאָל טוט עס אים אַ נעם אַרויס פון זיינע עסקים וואָס פאַרפילן זיין טאָג. ער דרייט זיך אַרויס פון זיינע באַליבטע שפּילעכלעך און שלייכט זיך צו צום פענצטער־שויב. לאַנגע מינוטן שטייט ער דאָרט אַזוי, אין גאַנצן אין־זיך אָן אַריינגעטומענער, אַ באַהערשטער פון אַ דערוואַר־טונג אויף אַ שניי־בשורה, וואָס הענגט די גאַנצע צייט איבער דעם חלל פון דער וועלט און דאָך ווערט זי ניט מקוים. אָט די דער־וואַרטונג באַגלייט אים דעם גאַנצן ווינטער און, אָפּט מאָל, ווערט דאָס גאַנצע הויז באַהערשט פון איר. ווען ער איז שוין אַ ביסל גרעסער געוואָרן, האָט ער זיך אָנגעהויבן באַטראַכטן ווי אַ „פּראָ־פעסאָר", וואָס פון זיין אויסקוק־טורעם הערשט ער איבער אומ־געהויערע מרחקים און זאָגט נביאות אויף ווינטן, וואָס טרייבן די גרויע וואָלקנס און צעזייען דעם שניי איבער גאָר דער וועלט. אמת איז: מיט דער צייט האָט ער אַליין דערזען, אַז זיין אָנגע־טראָגענע דערוואַרטונג איז אַ ביסל אָן איבערגעטריבענע — דער שניי מוז דאָך ווי עס זאָל ניט זיין קומען; צו וואָס זשע טויג דוחק זיין דעם קץ? נאָר ווען דער ווינטער־טאָג פלעגט זיך איינ־הילן אין געדיכטע שלייערן פון נאָכמיטאָגדיקער שטילקייט, פלעגט ער שוין מער ניט זיין בכוח איינצוהאַלטן זיין דערוואַרטונג וואָס זעטיקט אָן די האַלב־טונקעלע מנחהדיקע שעה. אים פלעגט זיך דוכטן, אַז קיינער באַמערקט עס ניט, און ס'איז בלויז אַ סוד אַזעלכער צווישן אים און דעם אָנקומענדיקן שניי. פלעגט ער זיך, כלומרשט, גלאַט אַזוי און אומשולדיקערהייט צושאַרן צום פענצטער

און אַ קאַרגע מינוט זיך מיישב זיין, צי ס׳לוינט זיך פֿאַר אַזעלכע „גאַרישקייטן". נאָך דעם פּלעגט ער אָפּדעקן אויף אַ טפח דעם פֿאַרהאַנג און לאַנג אַזוי זיך, אין זיינער אַן אייגענער איינזאַמקייט, אַרויסקוקן אויף גאַטס ווינטערדיקער וועלט. דער סוף איז שוין תמיד געווען, אַז ער האָט זיין אַנגעטראָגנקייט מער ניט געקאָנט איינהאַלטן אין זיך. דעמאָלט פּלעגט ער זיך ווענדן צו זיין מאַמען, וועלכע האָט געוויינלעך באַגלייט אָט די געוווינהייטן זיינע מיט אַ טראַפּעלע תרעומת און וווּנדער, און דערקלערן ערנסט־פייער־לעך: ביים עק הימל האַלט זיך אַ וואָלקנדל, דערוויל בלויז ווי אַ מענטשנס אַ האַנט די גרייס. דאָס וועט זיך אָבער אין גיכן שטאַרק צעוואַקסן, ווייל אַן „אמתער שניי" קומט אָן פֿונעם מערבדיקן הימל. מיט אַ מאָל פּלעגט ער זיך אין יענער מינוט באַרויקן און זיך אַריינלאָזן אין אַ וואַרעמער שלווה וואָס האָט אָנגעפּילט דאָס גאַנצע הויז.

געבענטשט איז ביי מיר די ווייסע שעה מיט וועלכער דער ווינטער באַשענקט מיין זון. אויף זיין וואָך שטיי איך אָפּט אין אַ תחנון־פולער מנחה־צייט. שנייעלעך אָן צאָל פֿילן אָן דעם חלל פֿון דער וועלט: צווישן זיי אַלעמען גייט אַרום גאָטס שלווה און פֿירט מיט זיי אָן; עס שנייט און שנייט, אָבער קיין קול הערט מען ניט; קיינער פֿרעגט איצט ניט קיין זאַך, און קיינער ענטפֿערט איצט גאָרניט. דאָס איז זי, די געגאַרטע רו. צעגאַנגען איז געוואָרן דער שווערער וואָג פֿון דער מחשבה. אַלע תחומים זיינען איצט געעפֿנט פֿאַר באַהאַלטענע קלערונגען: זיי פֿלאַטערן איצט אין דער לופֿט מיט די שנייעלעך צוזאַמען; זיי פֿילן אָן די וועלט, אָבער זייער קול הערט מען ניט.

אַ דאַנק דיר פֿאַר אָט דער מנחהדיקער שעה, וואָס דו האָסט דיין וועלט אַראָפּגעשיקט, האַר פֿון דער וועלט. אָט, דער טאָג איז שוין באַלד ניטאָ, און פֿאַרהאַנגען ווערן אַראָפּגעלאָזן — און מיין מחשבה שלעפּט זיך איבער זכרונות, ווי אויף פֿאַרהאַרטעוועטע ערד־שטיקער אין וויטע מדבריות. דער פֿענצטער אין מיין הויז

האַלט אין איין איינזאַמלען די געדיכטע פינצטערניש פון דער אַנקומענדיקער נאַכט, און פון יענער זייט פענצטער גייט אַ שניי. שטומע פאָרהאַנגען הענגען זיך איצט אויף, פאָרהאַנג הינטער פאָר־האַנג, איבער ווייט־באַשנייטע סטעפּעס. פון צווישן די פאָרהאַנגען פאַרנעם איך, ווי שטילערהייט מאָנט וואָס דער שניי ביי מיר, און כ׳ווייס קלאָרער און קלאָרער וואָס ער מאָנט.

עס דוכט זיך מיר: אָט וועל איך אויפשטיין און פאַרלאָזן מיין טיף־שווייגנדיקן צימער און אַרויס אין דער נאַכט אַריין צווישן די שטומע פאָרהאַנגען פון שניי. עס שלאָפט מיין זון, און אויך זיין מאַמע שלאָפט. אַ גאַנצן טאָג האָט אַ דערוואַרטונג באַהערשט דעם חלל פונעם הויז — איצט האָט זי זיך איינגעזאַמלט אין זיך, פאַרקליבן זיך אַ דערשראָקענע ערגעץ אין די ווייטע ווינקלען. אַלע ווייטקייטן טוליען זיך איצט צונויף איבער מיין קאָפּ אויפן שרייבטיש. אַלע וועגן זיינען פאַרשפּאַרט, אַלע קולות פאַרשטומט: דער חלל פון דער וועלט לאָזט זיך אויס; אַ מיסטעריעזע האַנט פאַרווישט איצט די צייכנס פון טריט וואָס ציִען זיך פון פאָרהאַנג צו פאָרהאַנג. עס גייט דער שניי און הערט ניט אויף. עמעצער רופט מיך פון הויז אַרויס אויפצודעקן די לעצטע טריט וואָס פירן אַהין, וווּ מענטשנס יתומשאַפט ברענט אויף נאַקעטע האָריזאָנטן.

ב

נאָכן „אָקטאָבער" האָט זיך אונדזער שטעטל איינגעהילט אין זיבן שלייערן פון שווייגן. פון ערגעץ ווּ זיינען אַרמייען געקומען, און אַוועק ווי קיין מאָל ניט געווען. דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך איינגעשרומפּן אין זיך, אַ פאַרגעסנס אין דער ווינטערדיקער וועלט אָן וועלכער ניט איז אייגענער „השגחה פרטית". אַלע פענצטער זיינען געווען פאַרקלאַפּט, אַלע טירן פאַרשפּאַרט, אַלע טויערן פאַררוקט. און דאָך האָט, אין אָט דער גאַנצער פאַרשלאָסנקייט זיינער, דאָס שטעטל אויסגעזען ווי אויפגעבראָכן פון אַלע זייטן און שלעכטע צוגווינטן בלאָזן דאָרט אומעטום אָן טעם און תכלית,

אַן אַן אויג וואָס זאָל אַכטונג געבן און אַן אַן אויער וואָס זאָל זיך צוהערן. אַפילו דער הונגער, וואָס האָט שוין פון לאַנג באַהערשט אַלעמען, אַן אויסנאַם, איז אויך צוליב עפּעס וואָס פאַרטעמפּט געוואָרן. אַ מאָל פלעגט נאָך אַ מענטשנס אַ האַנט זיך אויסשטרעקן נאָך אַ פאַרפרוירענעם קאַרטאָפל — אַ נדבה באַהאַלטענערהייט געבראַכט פון עפּעס אַ פויער אַ שכן, וועלכער איז אַליין אַזוי געבעכדיק געווען ווי נעבעכדיק זיין רחמנות אין די ביטערע צייטן. יענער פלעגט מיט זיינע פינגער־קנאָכן איין מאָל און צוויי מאָל באַהאַלטערנערהייט אַנקלאַפּן אויפן פענצטערשויב מיט אַ מין פאַר־יתומטן געקלאַפּ, איבערלאָזן זיין נדבה און באַלד נעלם ווערן. פון אינעווייניק פלעגט זיך דעמאָלט באַווייזן אַ האַנט אַן אײנזאַמע, ווי אַן אָפּגעטיילטע פון איר קערפּער און אַ פאַרלאָזענע אין אַ ליידיקער וויסטעניש, און נאָכזוכן דעם פאַרפרוירענעם קאַרטאָפל. אין שטעטל זיינען אָפּן אַרומגעגאַנגען קעלט, און הונגער, און טיפוס, און איבער אַלעמען — דאָס ווייסע שווייגן פון טיף־ווינטערדיקן שניי.

אַלע זיינען מיר געווען אויסגעלייגט קראַנקע אין אונדזער הויז — ווו איינער האָט זיך נאָר געקאָנט אַהינטאָן. אַלע חשבונות האָבן זיך אויסגעלאָזט אין דער גרויסער איינזאַם־קראַנקייט וואָס האָט פאַרפעסטעט דעם גאַנצן חלל פון אונדזער שטעטל. אַפילו די רעוואָלוציע אַליין האָט אויסגעמיטן אַריינצוקוקן אַהער, האָט געשטורעמט ערגעץ ווו אין סטעפּעס פון יענער־זייט וועלדער און דאָרט געפירט איר בירגער־קריג. בלויז פון צייט צו צייט פלעגט זי אונדז באַשענקען מיט אַ האַלב־פאַרשטומטן עכאָ פון אַ וויטן קאַנאָנען־שאָס — נאָך דעם פלעגט אַלעס איינגעשטילט ווערן און צוריק ווי געווען.

מיין טאַטנס ליכטיק אויג איז אָבער ניט פאַרטונקלט געוואָרן. וואָכן לאַנג איז ער ניט אַראָפּ פון זיין האַרטן אויסגעפּייניקטן בעטל, ווייל דריי מאָל האָט אים דער טיפוס ניט אָפּגעלאָזט. אַלע פרימאָרגן אָבער פלעגן זיינע פּסוקים תהלים פאַלן ווי פרילינגטוי איבער אַלע ווינקלען פון אונדזער הויז. אַ מאָל פלעגט זיך זיין טאַקע זיין ניגון

צעגיסן, ווי ער וואָלט זיך מתכוון געווען איפצושפּאַלטן די שטומ־קייט וואָס האָט ווי אַ שפּין זיך געוועבט איבערן געזיכט פון אַלע זיינע קינדער. אַ מאָל פלעגט ער זיין ניגון אַוועקלאָזן ברייט און טיף, און צימער פלעגט זיך דעמאָלט טוליען צו צימער, זיך איינ־הערן איינער אינעם צווייטן, אָנפילן איינער דעם צווייטן מיט עפּעס אַ גרויסן זין וואָס ערגעץ ווו וועבט ער זיך און וועט סוף־כל־סוף מקוים ווערן. אין אַזעלכע מינוטן פלעגט די ליידיקייט אין הויז ווי אויסגעוועפּט ווערן, און אַ טראָפּן פון אַ ווייטער חדווה פלעגט פלאַטערן אין די זונשטראַלן אויף די פענצטער־לאָדן. אַוודאי: אין איינעם אַ פרימאָרגן איז דער טאַטע מיט אַ מאָל אַראָפּ פון זיין געלעגער און מיט זיכערע טריט האָט ער געשפּאַנט צו איינעם אַ פענצטער. ער האָט שנעל פאַררוקט דעם פאָרהאַנג און האָט אָנ־געבלאָזן פון זיין וואַרעמען אָטעם אויף דעם פאַרפרוירענעם שויב. בלויז איין רגע האָט ער זיך דאָרטן פאַרזאַמט; נאָך דעם האָט זיין שטים זיך צעלאָזט אַ קלאָרע און פייערלעכע:

„שטייט אויף, לאַ־יוצלחס וואָס איר זענט! אַ רויטע פאָן פלאַ־טערט אין מיטן מאַרק!״

ערשט דעמאָלט, זעט אויס, האָבן מיר דערפילט די שטאַרקע קעלט וואָס האָט איינגעפּאַקט די וועלט. צי איז עס דערפאַר וואָס אַ מענטש האָט ווידער דערשפּירט, אַז בלוט רינט אים אין זיינע אָדערן, דערפילט זיין אייגענעם קערפּער, זיין נשמה? גאַנץ פרי האָט זיך געהאָט אָנגעהויבן אַ שניי־שטורעם איבערן שטעטל; איצט הוליעט ער שוין אין אָפענע גאַסן און אין פאַרשטעלטע געסלעך, רייסט זיך אין טיר און אין טויער. און אין סאַמע מיטן שטורעם באַוועגן זיך מענטשן. אַט קומען זיי זיך צוזאַמען און גיסן זיך צונויף ווי אין שטיק, אַט צעשיידן זיי זיך איינער פון דעם צווייטן, צעברעקלען זיך אין שניי־גלגולים. אָבער אַלע גייען זיי, אַלע קומען זיי אָן — און די פאָן אין דער שפּיץ. ווען זיי זיינען צוזאַמענ־געגאַסן, גייט די פאָן פאָרויס; און ווען זיי ברעקלען זיך פונאַנדער, גייט זי אויך אויבנאָן. באַגלייך מיטן שטורעם קומען זיי אָן, אין

די פאַלדן פון זייערע קליידער ברענגען זיי אים, זיי טראָגן אים אין זייערע צעאַקערטע פּנימער. האַרט זיינען זייערע געזיכטער אין זייערע אויגן ברענגען זיי אַ לעצטן באַפעל וואָס קעגן אים קאָן קיינער זיך ניט שטעלן. אַ מאָל אָבער באַווייזט זיך אַ שמייכל אין זייערס אַן אויג, און אַ ליכטפּונק צעפלאַקערט זיך דאָרט — דעמאָלט שטרעקט זיך אויס אַ האַנט אָפּצוגעבן שלום, ווי עס פירט זיך אַ מענטש מיט זיינעם אַ פריינד, אָדער מיט אַ ברודער זיינעם. אין אָט אַזאַ מין צייט קאָן אַפילו אַ מענטש אַרויפטאָן זיינע אַ האַנט אויפן שלאָס פון זיין טיר און זיך אַרויסדרייען אין דרויסן און אַליין אַרויס צום שטורעמדיקן שניי. דער שניי, ווי אַ מאַמע נעמט ער אים אַריין אין זיך, פאַרדעקט אים זיין פּנים און פאַרקערט די סימנים פון זיינע טריט. פון דעם סאַמע שניי־געווירבל דער־טראָגן זיך צו אים מענטשלעכע קולות און אַ מענטשלעך אויסזען. דעמאָלט צעלאָזט זיך ערשט אַ וואַרעמקייט אין זיינע פליסנדיקע בלוטן און זיין האַרץ קלאַפּט אים שטאַרקער אין דעם אכזריותדיקן שניי־שטורעם.

ג

אין אָוונט פון יענעם טאָג איז מיין טאַטע געזעסן ביים טיש, איינהערנדיק זיך אינעם שטורעם־געוואָי וואָס אין דרויסן. זיין פּנים איז דביקותדיק געווען פאַרטיפט אינעם פלאַם פון דעם קעראָסין־לאָמפּ, פונקט ווי ער וואָלט אַרויסגעשעפּט פון אים אַ חידוש אַזעלכן וואָס אַנטפּלעקט זיך און הערט גאָרניט אויף. דאָס לאַנגע זיצן זיינס איז אַליין שוין געווען אַ רמז אויף עפּעס אַ בשורה וואָס ווערט ערגעץ מקוים, ווער ווייס אויב ניט טאַקע איצט. ער איז געזעסן און געשוויגן. און נישט נאָר האָט זיין שווייגן ניט געדריקט אויף אונדז, נאָר זי האָט נאָך געהאַלטן אין איין אָנפילן אַלע ווינקעלעך פון דעם הויז מיט אַ וווּנדער־דערוואַרטונג. אַזוי איז ער שפּעט געזעסן און די שלווה וואָס אויף זיין פּנים איז ניט צעשטערט געוואָרן אַפילו ווען ס'האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער פויסטן־

געקלאפ פון דרויסן אויף די לאדן פון אונדזער הויז. דאס איז געווען א תקיפותדיקער געקלאפ וואס קען זיין אייגענע מאכט, און עזותדיקער געקלאפ וואס האט דורכגעריסן אפילו דעם שטורעם־געוואי, באגלייט פון דיבורים ווי הארמאטן, און דאך פארפולט מיט ווייטע עכאס פון באשטענדיקייט און אמונה, וואס האבן יעדן איינעם פון אונדז אויפגעהויבן פון זיין געלעגער. אזעלכע דיבורים זיינען יענע גאנצע נאכט צעפירט געווען איבערן שטעטל:

„עפנט, מענטשן וואס איר זענט! האבן זיך פארשטעקט אין די לעכער ווי די מייז. עפנט, זאגט מען אייך, אין נאמען פון דער רעוואלוציע!"

א רגע בלויז איז דעם טאטנס אויג געבליבן הענגען אויף דער טיר. נאך דעם איז ער לאנגזאם אויפגעשטאנען, און די שלווה איז נאכגעגאנגען זיינע טריט ווען זיין האנט האט זיך געלאזט צום שלאס ביים ארייננאנג. ער האט א גוטן שטופ געטאן די טיר, און דעם קאפ ארויסגעשטעקט דעם שניי־שטורעם אין רשות אריין. פון דארטן ארויס האט זיך טאקע דערהערט זיין לויטערער קול, ווי ער וואלט נאך פון פריער געהאט דערווארט עמעצן א גייער, וועלכער איז אים שוין פון יארן באקאנט:

„גיי אריין, קום אריין, דו מענטש איינער! וואס האסטו זיך עס צעלאזט מיט אזא מין רוגזה? קוק אים נאר אן: די טיר איז דאך גאר אין גאנצן ניט פארשלאסן!"

איז דער טאטע אריין אינעווייניק און דער פרעמדער נאך אים. ביידע האבן קיין דיבור בשעת־מעשה ניט ארויסגעלאזן. נאר שטייענדיק אזוי האט דער פרעמדער ארויסגעצויגן פון זיין ווינטערדיקן, און ערטערוויַיז נאך מיט שניי־באדעקטן מאנטל, א פעקל פאפיראסן. איין פאפיראס האט ער דעם טאטן דערלאנגט, און איינעם אריינגעשטעקט אין א ווינקל פון זיינע צוזאמענגעפרעסטע ליפן. נאך דעם האט ער אנגעצונדן א שוועבעלע און פייער דערלאנגט ביידע פאפיראסן — און אזוי זיינען זיי ביידע געשטאנען איינער קעגן צווייטן, זייערע געזיכטער עטוואס פארבויגן אין קעגנגעזעצטע זייטן,

ביידע שווייגנדיק־באַלויכטענע אין אַ ווונדערלעכער שותפות וואָס זיי האָבן אין יענער מינוט געשאַפן.

„אַ", האָט זיך סוף־כל־סוף דער פרעמדער אָפּגערופן: „אַ סוף־אַן־עק! אַ הויז. אַ מענטש קאָן דיר אָפּגיין תרפ"ט אלפים מײַלן אויף די וועגן און שטעגן פון דער רעוואָלוציע. ער גייט. ער און די חברים זײַנע ביי דער זייט. מיט אַ מאָל געפינט ער גאָר אויס, אַז ער האָט פאַרבלאָנדזשעט. אוודאי דוכט זיך אים אַזוי. פאַרלאָרן דעם וועג אין די געסלעך פון עפּעס אַ פאַרשטויסן שטעטל. אָ, די שדים וואָס טאַנצן דיר דאָ אַרום אין שניי־שטורעמס. נו, מילא. כ'זאָג אייך: די רעוואָלוציע בכבודה ועצמה נייטיקט זיך אין עפּעס אַ הויז. אין אַ הויז אַ יידישס דאַרף זי אַריינקומען, זאָגן ,שלום עליכם' און זיך אָפּרוען אַ ביסל".

ער האָט זיך שווער אַראָפּגעזעצט אינעם טאַטנס שטול און זיך אין אים אין גאַנצן אַריינגעלאָזן, אַזוי אויסגעמאַטערט איז ער געווען. אויף אַ זייער קורצער רגע האָט ער זײַנע אויגן צוגעמאַכט; נאָך דעם האָט ער זײַנע פויסטן אַראָפּגעלאָזט אויפן טיש און דעם קין אויף זיי אָנגעשפאַרט: אַזוי איז זיין גאַנצער פּנים אַריינגענומען געווען אינעם ליכטקרייז וואָס דער לאָמפּ האָט פאַר זיך געשאַפן איבערן טיש. אין יענע מינוטן האָט זיין פּנים אויסגעזען מאָגער און ווייט און דורכזיכטיק, און עכאָס פון ווייטע שטורעמס האָבן זיך נאָך, ווי שאָטנס, באַוועגט אויף אים. דער טאַטע איז לעבן אים געשטאַנען אַ שווייגנדיקער. דאָס ערשטע מאָל איז עס געווען, וואָס ס'האָט זיך מיר געדוכט ביי מיין טאַטן עטוואָס אַ פאַרלוירנקייט, פונקט ווי ער וואָלט ניט געווען קיין גוטער מכניס־אורח, וואָס געפינט די געהעריקע ווערטער צו מקבל־פּנים זיין זיין גאַסט.

„דער פּאַפּיראָס" — האָט ער זיך אָנגערופן צוליב עפּעס, וואָס דריקט אויף אים און קאָן צו זיין געהעריקן אויסדרוק ניט קומען — „דער פּאַפּיראָס איז אַ גאַנץ גוטער. שוין לאַנג אין מויל ניט געהאַט. כמעט פאַרגעסן די מלאכה פון רויכערן".

יענער האָט זיך עטוואָס אויפגעטרייסלט און האָט געעפנט אַ פּאָר

בלויע אויגן וואָס האָבן זיך צעשמייכלט מיט אַ מין כוונה, וואָס בלויז זיי איז זי געגעבן געוואָרן צו פאַרמאָגן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך אויסגעצויגן, און צעקנעפּלט זיין מאַנטל. ערשט איצט האָט זיין בליק אַרומגענומען דעם גאַנצן צימער. נאָך דעם איז ער צוגעקומען צום פענצטער און האָט פאַרהויבן די געדיכטע קאָלדרע וואָס האָט דעם שויב געדיכט פאַרדעקט, כדי קיין בייז אויג פון אַ סאָלדאַט אָדער פון אַ באַנדיט זאָל איבער זיין ליכט צו אים ניט צוגעצויגן ווערן. און ווען דער גאַסט איז אַהין צוגעקומען, איז ער שוין אַ לאַנגע ווײַלע דאָרט אַן איינזאַמער געשטאַנען, איינגעזאַפּט אין זיך די טיפע נאַכט־שעה און געצויגן פון פּאַפּיראָס, וואָס האָט אומזעבאַר כמעט פון צייט צו צייט אַ ציטער געטאָן צווישן זיינע פינגער.

שווייגנדיק האָבן מיר אַלע באַטראַכט וואָס דאָ קומט פאָר. דער טאַטע איז איצט איינער אַליין געשטאַנען ביים טיש מיטן פּנים צום לאָמפּ: ער האָט אונדז אַלעמען אויסגעזען ווי עס ווערט אים קלאָרער עפּעס אַן ענין, און אַ דינער שמייכל האָט קוים געריררט די ווײַעס פון זיינע אויגן. דער גאַסט אָבער האָט זיין פּנים איינגעגראָבן אין דעם נאַכטיקן שויב, און זיין גאַנצער קערפּער איז געווען פאַרהילט אין עפּעס אַ ווייטער מחשבה, וואָס פון רגע צו רגע גליט זי אויף, ווען ער טוט נאָר אַ ציִ פון זיין פּאַפּיראָס און באַלעבט זיין פייער פון אונטערן אַש. אַזוי האָבן זיי ביידע, דער טאַטע און דער גאַסט, צווישן זיך געוועבט אַ משמעות אַזעלכן אינעם חלל פון דעם צימער, וואָס האָט געהאַלטן אין איין רייף ווערן אין דעם זכרון פון אַלע בני־בית.

מיט אַ מאָל איז דער טאַטע צוגעקומען צום גאַסט און אים שטיל אַרויפגעלייגט די האַנט אויף זיין רוקן:

„שוין געגנוג שפּעט. דער סוף פון דער אַשמורה אַוודאי. אַ גוטער גאַסט ביסטו ביי אונדז. נעכטיק איבער און רו זיך אָפּ. נו. שוין צייט אויסצוטאָן דעם מאַנטל דיינעם. לאָז די רעוואָלוציע צורו אויף אַ ווײַלע — האָט ער זיך צעשמייכלט — זאָל זי זיך

היינטיקע נאַכט אָװעקשפּאַצירן װוּהין נאָר זי װיל. מירן זיך ביים זודיקן סאַמאָװאַר אַרום טיש זעצן און שמועסן װי אין די אַלטע גוטע צייטן. שוין זייער לאַנג אַז די זודיקע בריאה איז שוין אויף אונדזער טיש ניט געשטאַנען. זע נאָר: דער װינט האָט גאָר אויפ־געהערט. מיט אַ מאָל. פון־זיך־אַליין אויפגעהערט. בלויז דער שניי האַלט נאָך אין פאַלן. זעט אויס: אַ גאַנצע נאַכט װעט ער גיין. אַלעמענס טריט פאַרדעקט ער. אויף אַלעמען איז ער מכפר מיט זיין ענדלאָזער װייסקייט. אליהו הנביאס שניי איז עס. האָסט אָװדאי געהערט פון יענעם אַלטן יידן, װאָס אין יידישע שטעטלעך גייט ער אַרום איבער שנייען — מסתמא האָט דיר דיין טאַטע אָדער דיין רבי װען עס איז דערציילט. די רעװאָלוציע װעט דיר אָװדאי מוחל זיין", האָט זיך דער טאַטע צעלאַכט מיט אַ פולן געלעכטער, װאָס אַפילו אין נאָרמאַלע צייטן האָט ער עס זעלטן געטאָן. „כ'האָב נאָר דערזען אַ סאָלדאַט װאָס האָט אויף זיין פּנים דעם צלם אלהים, װי אַ ייד דאַרף זיין, איז מיר גלייך אליהו הנביא אַרויף אויפן זכרון. אַ נייעם גלגול אויסגעריכט פאַר יענעם אַלטיטשקן. און אפשר מיין איך גאָר איינעם פון יענע למד־װאָװניקעס, אָן װעלכע די װעלט װאָלט גאָר קיין איין טאָג מער ניט געקאָנט זיין. װי עס זאָל ניט זיין — דעם סאַמאָװאַר, קינדער!"

יענער האָט זיין קאָפּ אומגעדרייט, און זיינע אויגן האָבן זיך צעשיינט מיט אַ װאַרעמקייט, װאָס האָט זיך געלאָזט איבער זיינע מידע װו:עס און האָט באַלויכטן זיין גאַנצן צעװוינטיקטן פּנים. אַ לייכטקייט האָט מיט אַ מאָל אַריינגעשטראָמט אין גאַנצן קערפּער זיינעם און זיין װינטער מאַנטל האָט זיך פון אים אַראָפּגעגליטשט. זיין אַפּיצירישע היטל האָט ער אין גאַנצן אַ באַרו:קטער פאַמעלעך אַװעקגעלייגט אויפן געזימס פון פענצטער, װו ער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען, און איז אַזוי געבליבן שטיין אַנטקעגן אַלעמען אַ גראַציעז־הויכער מיט אַ שמייכל פון לאַנגאַנעדיקער היימישקייט. ער האָט פון זיינער אַ קעשענע װידער אַרויסגענומען אַ קעסטעלע מיט פּאַפּיראָסן; איצט אָבער האָט ער זיין פּאַפּיראָס ניט אָנגעצונדן

מיט אַ שוועבעלע, ווי ער האָט עס געטאָן ביים אַריינקומען: ער איז צוגעקומען נאָנט צום לאָמפּ אויפן טיש, און פון דעם פלאַם אַריינגעצויגן פייער. האָט זיך אין יענער קורצער רגע עפּעס אַ וווּנדערלעכער המשך פאַרוועבט ביי אונדז אין הויז, ווי פאַר־בלאָנדזשעטע טעג און נעכט וואָלטן ווידער אָנגעקומען און זיך אַריינגעשלאָסן אין אַ לעבנסזין, וועמענס רינגען האָבן זיך געהאַט צעשאָטן, און איצט האָבן זיי זיך ווידער פאַרבונדן. דער אָפּיציר האָט זיין פּאַפּיראָס אָנגעצונדן ביים לאָמפּ און באַגריסט די בני־בית — און דאָס הויז האָט מיט אַ מאָל דערפילט זיין באַשטענדי־קייט. כ׳געדענק גוט, ווי יעדער איינער פון אונדז האָט עפּעס געוואָלט זאָגן אַ וויכטיקע זאַך: פאַרן אורחס כבוד וועגן האָבן מיר זיך איינגעהאַלטן. איידער וואָס־ווען, האָט דער גאַסט זיך נאָך אַ מאָל באַוויזן ביים פענצטער. בלויז אַ מינוט איז ער דאָרטן גע־שטאַנען, ווי ער וואָלט באַוווּנדערט די פולע לבנה וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אַ שוועבנדיקע איבער די באַשנייטע דעכער פון שטעטל.

„איי, וועל איך קריגן מלקות״, האָט ער זיך צעשמייכלט אויפן קול. „מאָרגן, זעט איר, מוז איך צוריקגיין: די רעוואָלוציע פאָדערט שטענדיק אַ דין־וחשבון; כּל־זמן, דאַרף איך איר זאָגן; אין סאַמע מיטן נאַכט זיך פאַרבלאָנדזשעט. מיין האַרץ איז מיר אויסגעגאַנגען נאָך אַ הויז, נאָך אַ טיש און אַ לאָמפּ. נאָך מיין טאַטנס הויז האָט זיך מיר פאַרבענקט אין די טיפע אַשמורות. איי — זי, זאָג איך איך: כ׳פיל שוין איצט דעם צאַרן פון אירע ברעמען: ווי פאַר־בלאָנדזשעט עס אַ מענטש אין שטורעמדיקע נעכט אַזעלכע? וואָס פאַר אַ פּחד פאַלט עס אָן אויף אַ מענטשן אין סאַמע מיטן פון דער רעוואָלוציע? ווי שפּאַנט עס אַ קעמפער אין די שטורעם־נעכט פון דער רעוואָלוציע און מיט אַ מאָל פאַרפירט אים זיין האַרץ אַהין וואָס אַ מאָל איז עס געווען, און איז מער שוין ניטאָ?״

ער האָט זיך אָוועקגעריסן פונעם פענצטער און מתוך יאוש זיך אַראָפּגעלאָזט אויף איינעם פון די שטולן. איצט דינגען מיר שוין אַלע אַרום טיש געזעסן — ווי צו עפּעס אַ מיסטעריעזן סדר

אין מיטן ווינטער זיינען מיר געזעסן. דערווייל האָט דער סאַמאָוואַר זיך געלאָזט אין זיין צניעותדיקן ניגון, און דער לאָמפּ אויפן טיש האָט אים באַגלייט מיט אַ ליכט פול מיט חסד. און ער, דער גאַסט אונדזערער, זיין גערייד האָט אין אים געקוועלט צום אַקאָמפּאַני־מענט פון דעם סאַמאָוואַר און לאָמפּ. ווי אַ טיף־פאַרהאַלטענע כוונה, אַ ווייט־פאַרשטויסענע, האָט זיך אַנגעהויבן אַנטפּלעקן פון אינערלעכע תהומות און זיך אַריינגעוועבט אין זיינע ווערטער:

„אליהו הנביא, זאָגט איר. נו גוט. זאָל זיין אליהו. אָבער וואָס פאַר אַ שייכות איז ערגעץ ווו פאַראַן צווישן יענעם אַלטן און מיר? וויפל שנייען איך בין עס שוין ניט אַריבער, מיט וויפל שטורעמס בין איך עס שוין ניט געפּרוווט געוואָרן — יענער אַלטער האָט זיך מיר אַפילו איין מאָל ניט אויף מיין וועג ניט געטראָפן. אַפילו קינדער קאָן מען היינטיקע צייטן אַזעלכע זאַכן ניט איינרעדן. מיר איז ער אַפילו אויפן געדאַנק ניט אַרויפגעקומען אויף יענע ווייטע שניי־סטעפּעס. איי, וואָלט גוט געווען ווען ער קומט טאַקע אַ מאָל אַ מענטשן אַנטקעגן אין אַ וויסטער ווינטער־נאַכט פון יענער זייט הרי־חושך. ווער קאָן עס טאַקע באמת זאָגן, אַז אַליהו הנביא איז אַן אויסגעטראַכטער? אַז כ'האָב אים אַליין געשפּירט אַן איינזאַמען שפּאַנען אויף פאַרשלאָסענע האָריזאָנטן.

„אַ, זעט נאָר, וואָס מיט אַ מענטש אונדזערן קאָן זיך פון מידקייט אַ מאָל טרעפן. כ'בין אַ ביסל אַרויס פון די כלים — און באמת קומט מיר טאַקע שטראָף. אָבער וואָס קאָן טאָן, פרעג איך אייך, אַ מענטש, וואָס גיין גייט ער אַרויס ווייל די רעוואָלוציע רופט אים, און ווערט גאָר פאַרבלאָנדזשעט אין אַ וויסטער שטור־רעם־נאַכט אין אַ יידיש שטעטל? זאָל ער טאַקע ניט אַריינקומען אין עפּעס אַ הויז וואָס טרעפט זיך אים אויפן וועג? פאַר וואָס זאָל ער טאַקע ניט מכבד זיין אַ מענטשן אין יענעם הויז מיט זיין אַ פּאַפּיראָס אַ ביליקן און פאַרשימלטן? איך זאָג אייך: אַלערליי מזיקים זיינען שטענדיק גרייט אַנצופאַלן אויף אַן ערלעכן מענטשנס מחשבה און אים זיין שכל צעדרייען. אָט האָסטו דיר עפּעס אַ חרטה

וואָס קריכט מיר אין די ביינער און כ׳וויס אַפילו ניט פאַר וואָס. אַ שטות עפּעס. אַ קריכעניש אַזעלכע אין אַ מענטשנס געדערים. אָט האָט איר דאָך: כ׳ציגנד אָן אַ פּאַפּיראָס: דיינעם ציגנד איך אָן און מיינעם; מיט אַ שוועבעלע, אָדער גאָר איבערן ברענענדיקן לאָמפּ. נו איז וואָס? פאַר וואָס זאָל טאַקע אַ מענטש אונדזערער אַזוי ניט טאָן, ווען דער קאָפּ פאַרדרייט זיך אים איין רגע בלויז אַז ר׳קומט אַריין אין אַ יידיש הויז? עלעהיי אַ מין קאָמעדיאַנט, אַ כישופמאַכער, אַ וווּנדער אויפטוער? איר געדענקט יענעם בן־אדם, וואָס עפּעס אַ יידישער שרייבער האָט אים אויסגעטראַכט? פּרץ. טאַקע פּרץ. איי, ווען ניט די רעוואָלוציע וואָס האָט אַן אויג אויף מיר, וואָלט איך זיך מסתמא אויך נאַריש געמאַכט ווי יענע מאָדנע בריאה וואָס אָרעמע יידן האָבן זי אויסגעטראַכט. האָקוס־פּאָקוס, וואָלט איך געזאָגט. יהי אור: ליכטיק זאָל ווערן. זאָל אַ טיש ווערן, וואָלט איך געזאָגט, און אַ זודיקער סאַמאָוואַר און אַ לאָמפּ אויפן טיש! אַ הויז זאָל זיין, וואָלט איך געהייסן. אָ, די ווייסקייט די פאַרשאָלטענע פונעם שניי! עס קאָן אַ גוטן מענטשן פון זינען אַראָפּפירן. זעט ווי נאַריש כ׳מאַך זיך. צו לאַנג אַרומגעוואַנדערט אויף פאַרשטורעמטע וועגן. אַ מאָל זע איך גאָר זיך אַליין ווי כ׳וואָלט געשוועבט איבער שנייען, אָנקומענדיק פון באַהאַלטענע מרחקים, כדי כ׳זאָל אַריינקומען אין אַ הויז ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן יידיש שטעטל און אַריינזויגן דעם שטילן פלאַם פון דעם לאָמפּ אויפן טיש אין מיין פאַרשימלטן פּאַפּיראָס. איי, די אומגעהויערע ווייסקייט איז עס וואָס קריכט מיר אין די ביינער און וואַרפט אָן אַ מידקייט אויף מיר אין מיינע בלוטן. אַ מענטש, ווי איך, דאַרף זיך שטענדיק היטן, ער זאָל ניט געריט ווערן פון אָט דער ווייסקייט. נאָר זיך ניט אונטערגעבן: אויב ניט, איז ער אין גאַנצן אַ פאַרלוירענער. ער׳ט אין אַ נעץ פון פּוסטע מעשיות אַריינפאַלן. חלומות. מוז אַ מענטש פון זיין האַרצן פאַרטרייבן, פון זיינע געדערים זיי אויסברענען. האָסט אַ מלחמה, אַ רעוואָלוציע האָסטו — שטיי אויף און גיי. גיי, גיי, גיי. קוק זיך

נאָר אַרום, אַז קיינע אגדות זאָלן זיך אין דיר ניט אַנטשעפּן. זעט נאָר", האָט ער זיך געבעטן, „כ'בין גוט געווען אויף די וועגן פון דער רעוואָלוציע — און עפּעס האָט מיך אָהער פאַרפירט. אליהו הנביא, דער קונצמאַכער פון אַ בטלנישן שרייבער, וואָס כ'האָב אים שוין אַזויפיל יאָרן פון זכרון אַרויסגעריסן. מילא. עס טרעפט זיך אַ מאָל אַ מענטשן, אַז זיין קאָפּ פאַרדרייט זיך אים. פאַר וואָס אָבער מיר? האָט דען עמעצער אויף מיר געוואַרט אין אָט דער וויסטעניש, צו וועלכער עס האָט מיך געצויגן פון ווייטע שניי־שטורעמס, ימח שמם?"

דערווייל האָט דער סאַמאָוואַר זיך זיינס געטאָן: ער האָט די רייד פון אונדזער גאַסט באַגלייט מיט זיין שלווהדיקן ניגון און זיי איבערגעבעטן, איינגעשטילט, איינגענומען, איינגעפּאַסט אין אַ זין וואָס וועט זיך ווען עס איז אַנטפּלעקן. אַ שטיל געטרייע האַנט האָט דעם גאַסט צוגעשטעלט אַ גלאָז טיי. יענער האָט זיין שוין־היימיש־געוואָרענע האַנט אַוועקגעלייגט אויפן ברעג פון דער שימע־רירנדיקער גלאָז און האָט זיינע אויגן עטוואָס פאַרמאַכט: אַזאַ תענוג האָט ער דערפילט אין זיינע פינגער, וואָס האָבן אַ בשורה, שוין פון לאַנג אַ פאַרגעסענע, איבערגעשיקט איבער זיין גאַנצן קערפּער. אין יענער מינוט האָט זיך געדוכט: אָט וועט ער אויפ־שטיין און קידוש־מאַכן איבערן כוס, ווי מ'טוט עס יום־טוב ביים סדר. און דער טאַטע איז געשטאַנען אַנטקעגן אים אַ גלייכער, אַ דערהויבענער; ער איז געווען באַלויכטן פון אַ ווונדער אַזאַ וואָס האָט אינעווייניק אין אים געלויכטן. די שטילקייט, וואָס האָט געאָטעמט אין הויז, האָט אין אים געקוועלט און זיך געגאָסן אין דער נאַכטיקער אַשמורה וואָס האָט זיך באַוועגט אין לבנה־שיין איבער דער ווייסקייט פונעם שניי. בלויז ווען דער גאַסט האָט שוין טאַקע איינגעבויגן זיין קאָפּ און האָט אַ לייכטן זופּ געטאָן פון דער הייסער פליסיקייט, האָט זיך דער טאַטע אויך אַוועקגעזעצט, שטי־לערהייט אויך אַנגעהויבן הנאה צו האָבן פון זיין גלאָז, און זופּנדיק אַזוי האָט ער גלאַט־אַזוי־זיך אַ זאָג געטאָן:

„דער טאַטע דיינער — ווו איז ער?"

דער גאַסט האָט זיין קאָפּ ניט אויפגעהויבן און זיינע הענט ניט אַ ריר געטאָן פון גלאָז. עס האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט דעם טאַטנס פראַגע איבערגעלייגט אין זיין מוח הין־און־הער, נאָכגע־קלערט נאָך איר, און זי סוף־כל־סוף אָנגעהאַנגען אויף די וויעס פון זיינע אויגן וואָס זיינען עטוואָס פאַרמאַכט געווען:

„ווו איז איצט מיין טאַטע, אפשר ווייסט איר? דער טאַטע מיינער, ווו איז ער איצט? אַוודאי אויך פאַרשפאַרט ערגעץ, ווו די פענצטער זיינען מיט שמאַטעס פאַרשטעקטע און פאַרדעקטע. ער וואַרט מסתם אויך, אַז עמעצער זאָל קומען. אַ מבול איז איבער אים אַריבער — און ער וואַרט נאָך אַלץ אויף עמעצן וואָס וועט זיכער קומען. זיצט זיך איינער־אַליין, אויף זיבן שלעסער פאַר־שפאַרט אין אַן אויפגעריסענער וועלט, אין וועלכער אַלע שניי־שטורעמס ווילדעווען ווי חיות. דעם שפּאַן פון דעם גואל פאַרנעמט ער פון די סאַמע שטורעמס. ווייזט אויס: פון מיר זיך שוין לאַנג מיאש געווען. אַוועק איז דער זון און מער צוריק ניט געקומען. כ'בין זיכער, אַז ער האָט זיך מיאש געווען. אַ זון, אַז ער גייט איצטיקע צייטן אַרויס פון טאַטנס הויז, קומט ער שוין מער ניט צוריק — היינטיקע צייטן, האַלט ער מסתמא אין איין איינחזרן פאַר זיך אַליין: אַזוי איז עס איצט אויף דער וועלט, טראַכט ער. — — אין איינער אַ נאַכט וועל איך זיך נאָך אָנקלאַפּן אויף דעם טאַטנס טיר".

אין מיטן ריידן איז ער אַנטשוויגן געוואָרן. האָט אויסגעגלייכט דעם רוקן און אָנגעהויבן טרינקען זיין טיי מיט טיפע שלונגען. נאָך דעם האָט ער זיך אויפגעהויבן און זיך געלאָזט צום פענצטער מיט אָפּגעלאָזענעם טראָט, פונקט ווי די בלויע ווייסקייט פונעם שניי וואָלט אים באמת עפּעס אָפּגעטאָן. אַ לאַנגע ווײַלע איז ער דאָרט געשטאַנען, אין גאַנצן אַ נאָכגעלאָזענער דער ווייסער יתומ־דיקייט פון דער לבנה, אין גאַנצן אַן אָפּגעגעבענער דער איינזאַמ־קייט, וואָס אַ ווייס־פאַרפרוירענע איז זי געהאַנגען איבערן מאַרק

פונעם שטעטל. זיינע ווערטער זיינען איצט אָנגעקומען אין דעם חלל פון אונדזער הויז ווי פון ערגעץ אַ ליידיקן מדבר:

„משיחס טריט האָט מען אים אין האַרצן פאַרפלאָנצט. אַ וויסטן חלום אַריינגעגאָסן אין די געדערים פון דער וועלט. די רעוואָלוציע, מוזט איר וויסן, דאַרף אַוודאי אַריינקומען אין אַ יידנס אַ הויז, ,שלום׳ אָפּצוגעבן אַ יידישן מענטשן: משיחן האָב איך געבראַכט פאַר זיין כבוד וועגן; אָט איז ער. אָט איז ער, משיח. און זיי, בטלנים איינגעבאָקענע, אייביק זיצן זיי און וואַרטן. אין דעם שניי־געוואָי זיצן זיי און האַרכן: אָט, אָט איז ער. משיח. מ׳שטעלט אָן אַ פנים, אַז מ׳הערט ווי משיח גייט. עמעצער וואָלט באַדאַרפט אַריינקומען צו זיי און זאָגן: אַ פאַלשער קלאַנג איז צו אייך גע־קומען; ניט משיח איז עס וואָס גייט אַרום אין שטורעם; עס איז קאַטקאַ וואָס איז איבער דער וועלט אַרויס שפּאַצירן מיט וואַנקען. עמעצער מוז זיי דאָך מודיע זיין: אַ גרויסע שריפה קומט איצט פאַר אויף דער וועלט; ס׳איז שוין ניטאָ ווער עס זאָל פאַרלעשן. שריפה און שטורעם צעבלאָזן ביידע פונאַנדער. וואַנקאַ — ניט משיח. קאַטקאַ — ניט עפּעס אַ בלאָסע און בלוטלאָזע שרה בת טובים. למד־וואָווניקעס גיב זיי. האָט עמעצער פון אייך אַ מאָל געהערט דעם נאָמען פון מיין דיכטער? צוועלף! צוועלף גייען זיי ביי אים אין שטורעם. צוועלף. אויך אים האָט זיך משיח פאַר־שמעקט. אין דער שפּיץ גייט משיח.

„כ׳וועל קומען און זיך אָנקלאַפּן אויפן טיר ביים טאַטן און אַריינגיין. איי, וואָס פאַר אַ שטות עס דרייט זיך מיר אין קאָפּ די נאַכט. אַזאַ מאָדנע נאַכט האָב איך נאָך קיין מאָל ניט געהאַט. ווו בין איך שוין ניט איבערגעווען? עפּעס אַ משיח־דיבוק האָט זיך צו מיר צוגעטשעפּעט די נאַכט. כ׳דענק, כ׳בין עפּעס ניט געזונט: אַ היץ אַזעלכע גייט מיר איצט אַרום איבערן קערפּער. בעצם וואָלט טאַקע גוט געווען, ווען שרה בת טובים באַווייזט זיך מיר איצט, נעמט מיך אָן ביי דער האַנט און פירט מיך אַוועק אין טאַטנס הויז. ווי שטייט דאָרט ביי יענעם שרייבער געשריבן —

יענער פון קונצנמאַכער? איי, שרה בת טובים. זי'ט דעם טאַטן אין אויער אַריין זאָגן: אַט האָסטו דיר דיין בן־יקיר. ער האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט, וועט זי זאָגן, אין עפּעס אַ הויז וואָס איז ניט זיינס. איך בין חושד דעם שניי־גלאַנץ, אַז ער האָט מיר עפּעס אָפּגעטאָן היינט אָוונט — אַ דאָקטאָר דאַרף איך.

„נאַרישקייטן, זאָג איך איך. שרה בת טובים און אליהו הנביא און יענער קונצנמאַכער — לא היה ולא נברא. אויך יענער פון די צוועלף וואָס גייט אַן דער שפּיץ — הייבט זיך ניט אָן און לאָזט זיך ניט אויס. אָפּיום. אַן אדם גדול געוועזן, וואָס האָט אַזוינס געזאָגט. פון אייגענעם לייב־און־לעבן ווייס איך עס. אַלע יענע קאָנען אַפילו איין ווייטיק אַ מענטשנס ניט איינשטילן. לא היו דברים מעולם.

„צוליב וועלכן טעם בין איך עס היינט ביי נאַכט געקומען און צעטומלט אַזוי פיל מענטשן? צוליב וואָס שטיי איך עס דאָ אַנטקעגן דער ווייסער וויסטעניש און דערצייל איך שוין פון־לאַנג־פאַרגעסענע מעשיות?

„— — איין נאַכט זיינען זיי אַריינגעקומען צום טאַטן. דעני־קינער. אויך אַ פּאָר פון אונדזער אייגן שטעטל צווישן זיי. איינער פון זיי אַ פּאָעט. מיין חבר אין גימנאַזיע אַמאָל געוועזן. פלעגט חלומען וועגן „שוואַרצע רויזן" און וועגן עפּעס אַ דערהויבענער מאַטראָנע וואָס איר אַנטקעגן פלעגט ער זיך אין גאַנצן צעפלאַטערן. יידישע מיידלעך האָבן זיך געצויגן נאָך דעם מעלאַנכאָליע־הייטל אין זיינע אויגן און נאָכן ווייכן גאַנג פון זיינע פיס. אַ הילוך אַזאַ: אַ פּאָעטישער, אַ מעלאַנכאָלישער. אַ פירער ביי די דעניקין־פּאָג־ראָמשטשיקעס אין זיין אייגן שטעטל געוואָרן. זיינען אין אַ ביטערער ווינטער־נאַכט געקומען און האָבן דעם טאַטן אַרויסגעשלעפּט. אַ נאַ־קעטן און באָרוועסן האָבן זיי אים געטריבן איבערן שניי אינעם ליידיקן מאַרק. מיט פויסטן און ביקסן האָבן זיי אים אין קאָפּ און פּנים געשלאָגן — דער געלעכטער זייערער האָט זיך ווייט אָפּגעשלאָגן אָן שניי־ווייסקייט און לבנה־שיין. ער אָבער איז שטיל געגאַנגען.

ניט געבויגן און ניט צעבראָכן און ניט געפאַלן. אַ לאַנגע צייט אַזוי. נאָך דעם האָבן זיי אים איבערגעלאָזט איינעם אַליין אין סאַמע מיטן נאַכט אַ נאַקעטן. זיי זיינען ערגעץ ווו פאַרשוווּנדן געוואָרן — איז ער דאָרט געבליבן שטיין, ווי ער וואָלט איבער אַ נייס באַטראַכט די וועלט. כ׳האָב אים געזען, ווי ער קערט זיך אום צוריק, שפּאַנענדיק אויף די זעלבע טריט וואָס ער האָט געמאַכט אַהין צו וועגס. אויף יענע באָרוועסע טריט וואָס ער האָט אין שניי געלאָזט, האָט ער זיך אומגעקערט. איז ער אַריינגעקומען און האָט גאָרניט געזאָגט. שוין חצות געווען — האָט ער זיך אָוועקגעזעצט און אָנגעהויבן אויסנווייניק זאָגן תהילים.

„יענע נאַכט האָב איך מיין טאַטנס הויז פאַרלאָזן. אויף זיינע באָרוועסע טריט האָב איך אַ גאַנצע נאַכט אַרומגעוואַנדערט: אַהין און צוריק. ס׳קאָן זיין, אַז נאָך פון דעמאָלט אָן האַלט מיך דער שניי אַ ביסל געפאַנגען. אָט ווייזן זיך דאָ אויך מיין טאַטנס טריט: פון מיין פענצטער דאָ ציִען זיי זיך אַוועק ווייט אין שניי אַריין, פון יענער זייט מאַרק און שטעטל, אין דער ווייסער ווייסטעניש אַריין פון פעלדער און וועלדער און ליידיקע סטעפּעס ווו שטורעמס וואַיען. פון דאָרטן זעען זיך שוין ווייטע האָריזאָנטן, ווו גרויסע שטעט גייען אַוועק אויף וועלט־שריפות. רויטע האָריזאָנטן זיינען מיר פון דעמאָלט אָן אַריין אין מיינע בלוטן. אין יענער נאַכט איז מיר די רעוואָלוציע אין די ביינער אַריין.

„אפשר ווייסט דאָ עמעצער, צוליב וואָס כ׳בין נאָך ביז היינטיקן טאָג ניט צוריקגעקומען צום טאַטן מיינעם? אָ, ווי כ׳בין געפאַנגען אין שנייען פון דער רעוואָלוציע! פרילינגן פאַרגעסן. זומערן פאַרגעסן. שטענדיק אָנגעצויגן אויפן שניי. שניי. שניי. שניי גייט און הערט ניט אויף. נקמה גייט אין בלוטן ווי שניי גייט אויף דער וועלט. שניי הוליעט ווי בלוטן ווירבלען אין אָפּגרונטן פון קערפּער. אָ, וואָס מיט מיר האָט זיך היינטיקן אָוונט געטראָפן. בלויז איבערנעכטיקן. אַ גאַסט אויף איין נאַכט. מאָרגן גאַנץ פרי

וועל איך אָוועקגיין. נאָך אפשר איצט אַוועקגיין. אַ היים צום טאַטן. אויף טאַטנס שניי־טריט וועל איך צוריקגיין און אַריינקומען".

סוף־כל־סוף איז אויף אים אָנגעפאַלן אַ שטילקייט. חרטה געהאַט, זעט אויס, אויף דעם גערייד־שטראָם וואָס האָט אים פאַרכאַפּט. תוך כדי דיבור האָט ער זיך איינגעשרומפּן אין־זיך און איז פאַרזונקען אין שטומעניש. די שעה איז שוין זייער אַ שפּעטע געווען. קיינער אָבער האָט ניט צעשטערט די מעכטיקע וואַכזאַמקייט וואָס איז געהאָנגען אינעם גאַנצן חלל פון אונדזער הויז. בלויז דער קלענסטער פון אונדז, אַ גאָר יונג ברודערל, וואָס האָט שוין פון לאַנג באַדאַרפט איינשלאָפן, בלויז ער האָט זיך צוליב עפּעס וואָס אַ ריר געטאָן. ער איז אַראָפּ פון זיין געלעגער און שנעל צוגעקומען צום פאָטער ביים פענצטער. אַ רגע האָט ער אים נאָכגעקוקט אויף דעם שניי און, ווי אַגב־אורחאדיק, אים איינגע־רוימט:

„יענע מעשה מיט שרה בת טובים איז טאַקע אַן אמתע. כ'האָב מיין לערער געפרעגט, ער'ט געזאָגט: קאָן גוט זיין. אַ זייער אמתע מעשה, האָט ער געזאָגט".

און אויך ער איז אַנטשוויגן געוואָרן.

אַ זייער פריִע שעה ווערט איצט געבוירן אין די געמאַרקן. שטורעמס דרימלען איצט איבער דער וועלט. עמעצער שטייט הויך אויף אַ טורעם און פירט זיין בליק איבער מרחקים. אַ קליין וואָלקנדל, ווי אַ מענטשנס האַנט די גרייס, זעט זיך אויפן ברעג הימל און זאָגט זיך אַליין נביאות אויף אַ גרויסן שניי און אויף פאַרמאַכטע וועגן. אויף די האָריזאָנטן אָבער גייט שוין אויף אַן אָפּענע אַשמורה: זי קוקט זיך איין אין די טריט פון טאַטנס באַר־וועסע פיס, דעם מאָרגנשטערן טראָגט זי אויף איר אַ פליגל, און דאָס געשטאַלט פון שרה בת טובים ליכטיקט זיך אין אירע טיפן.

וואָס אַ דיכטער קאָן

אין שיינעם זומער־טאָג האָט זיך די רעוואָלוציע סוף־כל־סוף אויף מיר אומגעקוקט און מיך אַריינגענומען צו זיך: כ׳בין געוואָרן אַ קוריער אינעם „סאָוונאַרכאָז״* וואָס האָט געהאַט פאַר זיך פאַרנומען „די דריי הייליקע״ — דעם גרויסן מאָנאַסטיר, וואָס שטייט הויך ביים סוף פון דער גאַס און קוקט אַראָפּ אויפן דניפּער. אַזוי האָב איך שוין אָנגעהויבן אַרומשמייען איבער לאַבירינטישע קאָרידאָרן, שטענדיק אין שליחות פון איין צימער צום צווייטן און פון איין שטאָק צום צווייטן. די ערשטע טעג האָבן די ענדלאָזע רייען פון צעלן אויף מיר אָנגעוואָרפן אַן אימה. אָפט מאָל האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך ווער פון עמעצן געטריבן אין אויסלאָזע קרייזן אַרום עפּעס אַ פרעמדער וויסטעניש וואָס הויערט איבער מיר און וועט מיך סוף־כל־סוף אַריינכאַפּן. שפּעטער אָבער פלעגן זיך אַ מאָל די קאָרידאָרן פאַר מיר פּלוצלינג אַרויסעפענען, ווי אַ גאַס, אין אַ שטאַרק מיטאָגדיק ליכט פון אַ זומער־טאָג וואָס דרימלט אויף ביידע ברעגעס פון דעם דניפּער. און אַ מאָל פלעגן זיי מיר אויסזען ווי זיי פאַרוויקלען זיך איינער אינעם צווייטן, הערן זיך אָנסופיק אין איינער אינעם צווייטן, צוליב עפּעס אַ פאַרשלאָסענעם סוד וואָס נאָר די רעוואָלוציע אַליין מעג אים וויסן און אַרויסריידן. אין אָט די מאָנאַכיש־שטיינערנע קאָרידאָרן האָט זיך שטענדיק עפּעס געטאָן, אפילו ווען אַלץ האָט אויסגעזען באַוועגלאָז; אַפילו די אייביק־שווייגנדיקע ווענט האָבן געאָטעמט, אַז ערגעץ ווו, סאַמע אינעווייניק, געפינט זיך אַן עפּעס אָדער אַן עמעצער, וועמענס אויג דרינגט דורך אַלעס, אומעטום. אַ מאָל האָב איך געמיינט, אַז מיין נומער, וואָס פלעגט זיך זייער אָפט עלעקטריש באַווייזן אויף אַ וואַנט־טאָוול און מיך ערגעץ אין אַ צימער אַריין רופן, איז באמת אַ ווייטער

* ראָט פון פאָלקס־באַלעבאַטישקייט.

אָפּגלאַנץ פון אָט יענעם שאַרפן און שטרענגן אויג וואָס הערשט איבער אַלעמען. פלעג איך טאַקע אינערלעך פאַרציטערט ווערן, זיך ווי אַ בליץ באַוועגן פון צעל צו צעל, פון קאָרידאָר צו קאָרידאָר און פון שטאָק צו שטאָק אין אַ מין גורלדיקן שפּיל פון אַן עפענען־און־פאַרמאַכן וואָס די רעוואָלוציע שפּילט מיט מיר. דער סוף איז שטענדיק געווען, אַז כ׳פלעג זיך פאַרדרייען אין אַ קאַשמאַר פון פּאַפּירן, צימערן, שטאָקן. מיין ברודער איז אין יענער צייט געווען זייער אָנגענומען ביי דער רעוואָלוציע, און אין זיין זכות, זעט אויס, האָט מען מיך אַריינגענומען, ניט קוקנדיק אויף פאַרשידענע ספיקות וואָס זיינען ערגעץ ווו געהאָנגען אין דער לופטן וועגן מיר. האָט ער איין פרימאָרגן זיין האַנט אַרויפגעלייגט אויף מיין אַקסל און האָט מיט אַ באַזונדערער זיכערקייט דערקלערט:

„אָט, אַ שליח ביסטו געוואָרן ביי דער רעוואָלוציע״.

נאָך עד היום וווּנדער איך זיך אויף דער תמימות מיינער אין יענע טעג. אַז איך האָב שוין יאָ זוכה געווען און בין געוואָרן דער רעוואָלוציעס אַ שליח, האָב איך געטראַכט, קען דאָך אַוודאי ניט געמאָלט זיין, אַז זי זאָל ניט וואַרפן אַן אויג אויף מיר, און זאָל זיין אַפילו פון דער ווייטן, אָדער פון דער זייט. איך האָב זי זיך דעמאָלט פאָרגעשטעלט ווי אַ גרויסע מוטער, פון דרויסן אַ באַצאָרנטע, און אַ קוועלנדיקע מיט רחמים פון אינעווייניק — מיין האַרץ איז דאָך מיר דעמאָלט אויסגעגאַנגען נאָך מיין פאַרשטאָרבענער מוטער, וואָס זאָל מיך באַשיצן אַנטקעגן דער איינזאַמקייט וואָס באַגלייט מיינע טריט פון קינדווייז אָן עד היום. דערווייל אָבער בין איך געווען מער ניט ווי אַ נומער. אַ רגע נאָך אַ רגע צעבליצט זיך מיין עלעקטערישער נומער איבער דער וואַנט: אַ סימן אַז עפּעס אַ צעל רופט. אין יענעם צעל אפשר זיצט ער, דער איינער דער גרויסער, און ער וועט עס מיר אָנזאָגן דער רעוואָלוציעס אַ פאַרלאַנג. אָבער ווי כ׳האָב זיך ניט געאיילט פון באַאַמטן צו באַאַמטן, כדי אויסצופירן פאַרשידענע שליחותן, האָט קיין מאָל קיין אויג פון אַ מענטשן, וואָס זיצט ביי אַ טיש אין אַ צעל, מיך אַפילו ניט באַגריסט, אַפילו ניט

באַמערקט. אָט די אויגן אין די צעלן זיינען גאָר שטענדיק פאַררוקט ערגעץ אין־זיך, פאַרהאַקט אויף טויזנט שלעסער, און נאָר אַן אָנשטעל איז עס — דאָס קוקן זייערס אין די פאַפירן וואָס כ׳האָב זיי צו־געטראָגן. אַפילו די האַנט וואָס שטרעקט זיך אויס צו חתמענען אַ קבלה אויף אַ פאַפיר און גיט עס מיר צוריק אָפּ — אַפילו זי טוט עס אַליין, אָן איר באַלעבאָס וויסן. עס איז שוין אַ חזקה אַזעלכע, בין איך סוף־סוף צו דער דעה געקומען, אַז קיין באַאַמטער, אַ הויכער צי אַ נידעריקער, זאָל דיין פּרצוף ניט דערקענען, זאָל אַפילו ניט וויסן צי ביסט אַ מענטש. האָט זיך עס טאַקע ביי מיר איינגעשטעלט: כ׳בין געוואָרן אַ יוצא־ונכנס, אַ נכנס־ויוצא, געב אָפּ פאַפירן און נעם אָפּ פאַפירן — און פאַרזאָם זיך בלויז אַ רגע־כמימרא, פונקט ווי כ׳וואָלט עפּעס געהאַט וואָס צו זאָגן אָדער צו הערן אַ זייער וויכטיקע זאַך. איצט קאָן איך מער ניט ווי שמייכלען איבער זיך אַליין: ס׳האָט מיך דעמאָלט, זעט אויס, אָנגעכאַפּט אַ חשק אַרויס־צוזאָגן אַ פּשוטן גוט־מאָרגן, אָדער גלאַט אַזוי עפּעס צו זאָגן דעם מענטשן, וואָס איז אַנטקעגן מיר געזעסן, און אויף מיר אַפילו קיין קוק ניט געגעבן. אָבער די זאַכן זיינען קיין מאָל ניט מקוים געוואָרן. אַ מאָל פלעגט זיך איינעמס אַן אויג עטוואָס אָפּטיילן פון די פאַפירן אויפן טיש און וואַרפן אויף מיר אַ גרוי־טעמפּן פאַרוווּנדערונגס־בליק. פלעג איך זיך שוין שנעל אַרויסדרייען פון דאָרט און זיך אָפּטראָגן אין וויטערע שליחותן.

צייטנווייז אָבער, אין סאַמע הויכן זומערדיקן מיטאָג, פלעגט אַ טיפע מידקייט אַראָפּנידערן אויפן קנויל געביידעס פון דעם מאָנאַסטיר „די דריי הייליקע". ערגעץ ווו איז שטיל געוואָרן און די שטילקייט האָט זיך אַזוי געצויגן פון צעל צו צעל, זיך באַוועגט פון שטאָק צו שטאָק, ביז דער גרויסער קאָרפּוס פון אַלע בנינים האָט איינגעהאַלטן זיין אָטעם. אין אַזאַ מין שעה פלעג איך איינער־אַליין אַרומוואַנדערן איבער די לאַבירינט־קאָרידאָרן, אָן וועלכער ניט איז שליחות, אָן אַ „תכלית", זיך צוהערנדיק צו דער מאָדנער שטומקייט פון טישן און פאַפירן און שרייב־מאַשינען, וואָס דין־מידע פינגער

האָבן זיי אין עפּעס אַ וויסטעניש פּאַרלאָזן. דווקא איצט, ווען די צעלן זײַנען שווײַגנדיקע געשטאַנען, האָבן זיי זיך מיר אויסגעדוכט ווי אָפּענערהייט־שווײַגנדיקע, אָן סוד און אָן מורא. כ׳פלעג זיך דעמאָלט לאָזן פון שטאָק צו שטאָק איבער טרעפּ וואָס האַלב זײַנען זיי געווען באַשאָטנט פון די דיקע, בויגן־געשטאַלטיקטע. מאָנאַסטיר־רישע באַלקנס, און האַלב באַלויכטן מיט דעם זוניקן חסד פון דער זומערדיקער מיטאָג־זון. אין אַזאַ מין שטייענדיקער שעה פלעג איך אָפט מאָל באַמערקן, ווי איין מאָנאַך און אַ צווייטער שלײַכן זיך אַרויס מיט גניבהשן טראָט פון עפּעס אַ באַהאַלטענעם צעל, לויפן דער־שראָקן דורך דעם הויף, און ראַטעווען זיך ווידער אַרײַן, ווי עס ראַטעוועט זיך אַ ווילד חיהלע, אויף וועלכער אַ קוק פון פרעמדע אויגן איז געפאַלן. כ׳פלעג דעמאָלט זיך לאָזן צום אָפענעם טויער ביים סאַמע עק גאַס וואָס קוקט אַראָפּ אויפן דניפּער, זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן באַנק פון דעם וועכטער ביים טויער, און זיך אין גאַנצן אײַנהילן אין דער שטייענדיקער שלווה פון דעם אָנגעהיצטן טאָג.

אין אַזעלכע שעהען פלעג איך געוויינלעך זיצן און קוקן „אין דער וועלט אַרײַן". אַלע פראַגעס האָבן זיך אין מיר פון זיך אַליין אויסגעוועפּט; מײַן קערפּער אַפילו האָט, זעט אויס, היפּש פון זײַן וואָג פאַרלוירן. אונטערן באַרג פליסט שטיל דער דניפּער: ער פירט זײַנע פולע וואַסערן אָן אַ שאַרך, אָן אַ טרייסל, ווי עס האָט שוין לאַנג אים באַזונגען אָן אַלטער דיכטער, וועמענס ווערטער גייען נאָך היינט אויף פון ערגעץ ווען אין מײַן זכרון. אין באַרג־אַרויף צו, ביז צו די סאַמע האָריזאָנטן, פאַרגייט זיך די גרויסע שטאָט אין אַ מיס־טעריעזן געהאַרך, נעמט צונויף אַלע אירע גאַסן אין אַ ים פון טיפן שווײַגן, אין וועלכן דער דניפּער פירט אונטן זײַנע וואַסערן, און ווייסט ניט, צי גייט, צי גייט ניט זײַן וווּנדערלעך־שימערירנדיקער פאַס. דער מאָנאַסטיר פון די „דריי הייליקע", מיטן גאַנצן קאָרפּוס בנינים זײַנע, פאַלט אין גאַנצן צו צו אָט דעם געהאַרך, טוליעט זיך צו אים, לאָזט זיך דורכנעמען פון אים, פונקט ווי ערשט איצט וואָלט ער צו זיך געקומען. בלויז אויף דעם וועכטער ביים טויער לייגט זיך

דער געהאָרך אויס ווי אַ שווער געוויכט, לייגט זיך שווער אויף די ווי:עס פון זיינען אויגן און מאַכט אים זיינע מוסקלען שלאַבעריק — אַט־אַט און זיין ביקס וועט זיך אים פון זיין האַנט אַרויסגליטשן. אַ מאָל ווערט טאַקע יענער וועכטער איינגעדרימלט אויף אַ כהרף־עין — און כאַפּט זיך תיכף אויף אַ דערשראָקענער, ווי ער וואָלט עפּעס אַ חטא באַגאַנגען. נאָכגעלאָזן און מיד לאָזט ער זיך דעמאָלט אַראָפּ אויף דער באַנק לעבן מיר, און אַזוי זיצט ער אָפּ די מיטאָגדיקע שעה אַ פאַרכמורעטער און פאַרשטומטער.

אַ מאָל אָבער פאַרציט ער אַ גערייד. צוערשט קומען מיר זיינע ווערטער אָן סתם אַזוי, אָפּגעהאַקט, אָן אַ באַשטימטער כוונה. כ׳פלעג זיי אָפּט לאָזן אַרומבלאָנדזשען אַרום מיין אויער, עלעהיי די געוועב־פאָסן וואָס שוועבן אין דער לופט נאָך האַלבן טאָג אין טיפן זומער. ביי דעם פלעגט עס אָבער ניט בלייבן. סוף־סוף קלאַפּן זיינע ווערטער זיך אָן אָן מיר מיט עפּעס אַן אָנגעלאָדנקייט, וואָס וואַרפט אויף מיר אָן אַן אומבאַשטימטע מורא. זיי קומען שוין איצט אָנגעטראָגענע מיט שפּירונגען וואָס הויערן אויפן שוועל פון נאָך ניט קריסטאַליזירטן געדאַנק: עס פערמענטירן אין זיי אוראַלטע גלוסטונגען פון מענטשן, ווען שטאָט און רעוואָלוציע האָבן נאָך ניט באַוויזן אָפּצורייסן פון ערד און וואַלד; אַזאַ מענטש, האָב איך אָפּט געטראַכט, מוז אַוודאי זיין אונטערוואָרפן אַ גזירה פון שוויגן זיין מערסטע צייט. פלעגן טאַקע זיינע ווערטער פאַלן אין דער מיטאָגדיקער שעה — ווי עס פאַלן בלעטער פון שווייגנדיקעביימער אין טיפן וואַלד — אָנגע־טראָגענע פון דערוויל ווייט־באַהאַלטענע ווינטן וואָס וועלן זיכער נאָך קומען. איין טאָג אָבער בין איך כמעט ווי אויפגעטרייסלט געוואָרן פון אַ תביעה, וואָס קלאָרער און קלאָרער האָט זיך זיך צערודערט אויף זיין צונג וועגן די פירעכצן פון דער רעוואָלוציע. אַזוינס האָב איך זיך ניט געריכט צו הערן פון קיינעם אין די גרענעצן פון „די דריי הייליקע“. די שלווה פון דער הייס־זומערדיקער שטילקייט איז אינערלעך אין מיר צעריסן געוואָרן, פונקט ווי לאַנגאָניקע ווינטער שניי־שטורעמס וואָלטן זיך ערגעץ אין מיר אָנגערופן און כ׳האָב

ניט געוווּסט וואָס מיט מיר געשעט. און דאָך האָב איך געקלעפּט צו אָט דער שכינות וואָס האָט זיך געשאַפן צווישן מיר און דעם וועכטער. יענער, זעט אויס, האָט טאַקע דערפילט אַ באַזונדערע נאָענטקייט פון מײַן זײַט, האָט ער זײַן וואָרט פרײַ געלאָזט, ביז עס איז סוף־כל־סוף פאַרוואַנדלט געוואָרן אין עפּעס אַ משונהדיק־פרעמדער ווידוי, אויף וועלכער ער אַליין האָט זיך אפשר גאָרניט מתכוון געווען. אין אָנהייב איז די ווידוי נאָך געווען אײַנגעהאַלטן און אָפּט צעשטאַמלט; נאָך דעם האָט ער זיך צעלאָזט ווי אַ האָגל פון ווידערשפּעניקייט און ביטערן צאָרן, וואָס פלעגן ווידער אײַנ־צי׳ען זײַנע מעכטיקע מוסקלען און פאַרפּויסטן זײַן האַנט אַרום זײַן ביקס.

איך האָב מורא געקראָגן פאַר אָט דעם גערייד־סגנון מײַן שכנס — און דאָך האָב איך זײַן שכנותשאַפט געזוכט: עס קאָן אַוודאי זײַן צוליב דעם וואָס ער איז געווען דער אײנציקער וואָס האָט זיך אויף מיר אומגעקוקט און האָט מיך באַדאַרפט; ער האָט דערפילט די דערוואַכונג וואָס זײַנע ווערטער טראָגן אָן אין מיר — און שטיקלעך בילדער, רמזים, מחשבה, פלעגן זיך, ווי פייגל אויפן שטורעם, אַרויס־רײַסן פון זײַן מויל. כ׳האָב געזען פאַרנעפּלטע, זודיקע טיפענישן אין זײַן גערייד: אַ מאָל עפענען זיי זיך פאַר אים אין אַ קורצער רגע פון אַ ווונדערלעך־קלאָרן פאַרשטאַנד, און ווידער פאַרפלייצן זיי אים ווילד ווי אַ שוואַרצער תהום פון גרויסן ים. כ׳האָב גוט געשפּירט דעם ווייטיק וואָס גײט אים אַרום אין זײַנע בלוטן — אַ מין דאָרשט נאָך אַן אויסדרוק וואָס שוימט אין זײַן וועזן און ווערט קיין מאָל ניט מקוים צופרידנשטעלנדיק.

איין טאָג איז ער צוגעקומען און האָט זיך ניט אַוועקגעזעצט אויפן באַנק, ווי זײַן שטייגער איז געווען. ער איז געשטאַנען מיט אַ מין פרישער אויסגעצויגנקייט און אַ ווייטער שמייכל האָט ערגעץ ווי געקלעטערט איבער זײַן ווילדן פּרצוף. מיט אַ מאָל האָט ער אָנגע־הויבן מיט אַ קלאָרקייט וואָס האָט מיך ניט ווייניק דערשראָקן:

„אַ הונט, קומט אַ צײַט, ווערט ער אויך אַ מלך. כ׳זאָג דיר —

היינט בין איך אַ גאַנצער ,חי־וקיים׳ געוואָרן. ווייס־איך־וואָס! אַ מענטש דאַרף עולה לגדולה ווערן, דאַרף ער. דאָס איז די רעזאָלוציע וואָס טוט אַזוי. אַ מענטש שטייט זיך אַזוי אויף זיין פלאַץ — חדשים און יאָרן שטייט ער. אַט אַזוי: שטיי און היט, דו הינטישער זון! טעג שטיי, נעכט שטיי. דעם אַריינגאַנג פון טויער היט. וויל עמעצער אַריין אין דער רעוואָלוציע, אויף אַ פּאַפּיר פרעג! ווער קומט אַריין, ווער קומט אַרויס? גיי ווייס. אַ באַפעל איז עס — און אַן עק! פאַרשטאָפּ דאָס מויל דיינס און טו וואָס מ׳הייסט דיר. צום סוף אָבער האָט זי זיך אויך אויף מיר אומגעקוקט, די גרויסע צויג. פון דעם טירל וואָס אין דיין טויער קום אַרויף, זאָגט זי מיר, אויפן דריטן שטאָק קום אַרויף, הייסט זי. ערשטער שטאָק, צווייטער שטאָק, דריטער שטאָק. דאָרט זיצט זי טאָקע, זי אַליין די כּלבתא. בכבודה ובעצמה, די רעוואָלוציע. זיצט אינעווייניק און טראַכט. זיצט אינעווייניק און קוקט. אַלץ זעט זי, די מאַמע־רעוואָלוציע. אָ, מאַמעלע מיינע! איי, ברודערקע, אויף איר שוועל וועל איך שטיין און כ׳וועל זי היטן״.

באמת האָט ער גערעדט צו זיך אַליין: זיך אַליין דערציילט וועגן עפּעס וואָס אים איז געשען, ווען זיין האַרץ האָט אים אַפילו גאָרניט פאַרויס געזאָגט; אַ מין פאַרבינדונג, אַ שייכות אַזעלכע, האָט זיך געוועבט אין זיינע ווערטער און האָט דערוועקט אַלע חיותדיקע קוואַלן אין אים. צום סוף איז ער אויף אַ רגע אַנטשוויגן געוואָרן: זיך געוווּנדערט אויף דער דערלייזונג וואָס זיין געדריקט געמיט האָט מיט אַ מאָל באַקומען:

„אַ דיבוק אַ פלאַפּלער האָט אין מיר געמוזט אַריין״, האָט ער אָפּן געשמייכלט, „דער טייוול מעג מיך פאַרכאַפּן״. נאָך דעם האָט זיך אויסגעצויגן אַ שוויגעניש איבער זיין גאַנצן קערפּער. ווען ער האָט זיך אָוועקגעזעצט, האָט ער זיך שוין אין גאַנצן אָפּגעגעבן באַכקלערונגען, וואָס האָבן שאָטנס אַרומגעפירט אין זיין טיף־געקנייטשטן פּרצוף. אַ דינע, קוים־מערקבאַרע, קאָנוווּלסיע האָט וויברירט אין זיינע פינגער, וואָס האָבן מיט אַלע כּוחות זייערע

געדריקט אויפֿן ביקס צווישן זיינע קני. איין קליינע ווילע האָט ער זיין שווערן קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און דעם שטערן אָנגעלעגט אויף דעם שפּיץ פון ביקס; נאָך דעם האָט ער דעם קאָפּ אויפגעהויבן און אין זיינע גרין־בלוילעכע אויגן איז אָנגעקומען עפּעס, וואָס האָט געהאַלטן אין איין יוירן פון יענער זייט מחשבה און וואָרט. איך בין די גאַנצע צייט געזעסן ביי זיין זייט, צעשראָקן פון עפּעס אַן אוראַלטן שעטנז, וואָס גייט אויף אין די בלוטן פון אָט דעם גוטן פריינד מיינעם און וואַרפט אָן אַן אימה מיט זיין שווייגן. באַלד אָבער האָט ער ווידער גענומען אויסלייגן אַ שטעג פאַר זיינע ווערטער:

„נעם ניט פאַר אומגוט; אַ מענטש — אַלע זיינע יאָרן שווייגט ער. נו, גוט; רייד. צו אָט דער בולעווע אין די הענט ביי מיר ו'ייד. צו שטיינער און שטיקער ערד רייד. אַלע זיינע יאָרן שלעפּט זיך אַ מענטש נאָך דעם אַקער, זיין קאָפּ דעם אייגענעם אַקערט ער אין דער ערד אַריין, זיין אייגן מויל רייסט ער אויף מיט די ערד־שטיקער. דאָס האַרץ אָבער מוטשעט זיך, וואָיעט ווי אַ הונט קעגן דער לבנה. אפשר איז דאָס דער אָנגעבלאָזענער בויך וואָס גוואַלדע־וועט פון הונגער. איי, אַ פּיצל ברויט, אַ קערנדל זאַלץ. און אפשר סתם, גלאָט אַזוי זיך צעלאָזט, ימח שמו זאָל ער ווערן, צוליב גאָרניט. אונדזוערער אַ מענטש, שדים און מזיקים וווינען ביי אים אין די געדערים. קומט אַ טאָג ווען ער הויבט אָן וואָיען; ווי אַ קאַץ, ווען דער אשמדאי איז לייליתן מזנה, וואָיעט ער אין נעכט פאַרשאָלטענע".

ער האָט צו מיר אויסגעדרייט זיין פולן פּרצוף און זיינע גרין־בלוילעכע אויגן האָבן זיך אויף מיר אָפּגעשטעלט. קיין באַשטימטן אויסדרוק האָבן זיי שוין איצט ניט פאַרמאָגט: ניט קיין תביעה און ניט קיין קבלת־הדין; די אומשולדיקייט זייערע האָט מיך אָבער שאָקירט. ער האָט זיי, קוקנדיק אויף מיר, עטוואָס פאַרשזמורעט, און הינטער זיי — האָט זיך מיר געדוכט — לאָקערט עמעצער וואָס אָט־אָט און ער וועט, ווי אַ ווילדע חיה, פון דאָרט אַרויסשפּרינגען. מיט אַמאָל, און צום ערשטן מאָל, האָב איך בפירוש מורא געקראָגן פאַר מיין שכן און האָב זיך אויף אַ פּאָר פינגער אָפּגערוקט פון אים.

ער האָט עס יאָ־און־ניט דערשפּירט: דער אומשולד אין זיינע אויגן האָט זיך געהאַלטן אין איין אַריינשליסן הינטער דעם דינעם שפּאַלט צווישן זיינע וויִעס; דין וואָרט האָט איצט אין גאַנצן פאַרלאָרן וועלכן ניט איז קאָליר — אַ מין קדמוניותדיקע פּשטות האָט זיך געוויגט אין זיין גערייד און אַרויסגערופן די אימה, אַז זי זאָל אָנהייבן אַרומגיין איבער דער ערד:

„וועק זיך אויף, פאָלק — האָבן זיי גערופן. ז׳גוט, טאַקע גוט. ס׳פאָלק האָט זיך אַ טרייסל געטאָן. איי, ווי ס׳האָט דאָס פאָלק זיך צעטרייסלט. הינטערן דאָרף ברענען שוין די סקירדעס. פון געדיכטע וועלדער גייט שוין אויף דער פלאַם. אַלץ וועט פאַלן, אַלץ וועט פאַלן. אָ, רעוואָלוציע. גוט וואָס רעוואָלוציע. דיינס איז מיינס, מיינס איז דיינס. ניט מיינס, ניט דיינס — אין עקן וועלטן ברענען פייערן. קום נאָר, ברודערל מיין טייערס, ביקסעלע מיינס! אַ גרויסע הוליאַנקע וועלן מיר פירן איבער דער וועלט. קום, מיין טייער חברל, קום שפּאַצירן אויף רחבותדיקע שריפות. הערסט ווי אַ מענטש גייט איצט אַרום איבער וואַלד און פעלד? וועלט איז פריי איצט, און בלוט איז פריי. און ריידן — איי, דאָס וואָרט. זע נאָר, ווי עס לייגט זיך גלאַטיק אויף דער ליפּ פון אונדזערן אַ מענטשן. רייד, רייד, רייד. ווי ס׳ריידט די ביקס, אַזוי ריידט ס׳מויל. און די פיס — ווי אַ שטורעם. ווי אַ שניי־וויכער וואָס לאָזט זיך אַראָפּ אויף אַ צעפלאַמטן זומערדיקן נאָכמיטאָג. איז דאָך טאַקע גוט וואָס אַלץ איז גאָרניט, וואָס קיין זאַך איז ניטאָ. ניט קיין ברויט, ניט קיין זאַלץ, ניט קיין פלייש, ניט קיין צוקער. אויך קיין פרוי צו דיין בוזעם צוצוטוליען איז ניטאָ. גאָט, גאָט, האָב רחמנות אויף אונדז, גאָט דערבאַרעם זיך אויף אונדז — — —"

מיט אַ מאָל האָט ער זיך אַליין פאַרהאַקט און האָט אויפגעהערט: עלעהיי ער האָט עפּעס פּורץ־גדר געווען. ער האָט מסתמא מיך חושד געווען, אַז כ׳וועל אים ערגעץ קאַליע מאַכן זיין נייעם מעמד „אויף דער שוועל פון דער רעוואָלוציע". און אפשר האָט ער גאָר חרטה

געקראָגן אויף עפּעס אַ וויסטן חלום וואָס ער האָט ניט־וויסנדיק צעבלאָזן ?

„דער כוליגאַן אין מיר”, האָט ער זיך צו מיר געווענדט, ווי ער וואָלט ביי מיר וואָס געבעטן, „האָט ווידער אַרויסגעשטאַרצט זיין מיאוסן פּיסק. אין טאַטנס־טאַטן אים אַריין. מיין כוונה איז גאָר אַן אַנדערע געווען. אַ מענטש וויל עפּעס זאָגן מיט געדאַנק, מיט שכל — קריכט דיר דער שטן אַריין אין מיטן און פאַרקאַכט דיר אַ קאַשע אויף דיינע ליפּן”.

די תמימות אין זיינע גרינלעך־בלויע אויגן, וואָס האָט מיך געהאַט אַזוי אָנגעשראָקן, איז כמעט אָפּגעגאַנגען. איצט זיינען מיר שוין ווידער געזעסן אין דער שכנישאַפט וואָס אַמאָל. מסתמא האָט זיך ביי אים אויסגעוועפּט דער גאַנצער חשד כלפּי מיר, טאָמער כ'וועל אויף אים דערציילן. גאָר פאַרקערט: ער האָט זיך אַוועק־געלאָזט אין אַ מין צוטרוי צו מיר, און האָט זיך לאַנג פאַררעדט אין ענינים וואָס האָבן אויך מיך געהאַלטן געשפּאַנט יענע טעג. איידער וואָס־ווען, בין איך שוין געווען אַריינגעטאָן אין דער שטימונג זיינער: אַנשטאָט היוליותדיקע פּחדים וואָס האָבן פריִער זיין וואָרט געיאָגט, האָב איך איצט פאַרנומען ווי קלאָר עס וויקלט זיך אויס ביי אים אַ גירסא פון מענטשלעכער מחשבה:

„סאָוונאַרכאָז”, האָט ער אַרויסגעשפּריצט מיט ביטערלעכן שפּאָט: „ראָט פון פאָלקס באַלעבאַטישקייט”. „מ'צעקנאַקט דיר די ציינער מיט געררייד ווי שטיינער — „סאָוונאַרכאָז”. אַמער זאָג: פעלד, אַקער, תבואה, זאָג, ברויט. ברויט פאַר דעם אָרעמען פאָלק און אַ דאַך פאַר זיין צעשפּאָלטענעם קאָפּ. און אפשר טאַקע אויך אַ טראָפּן י"ש פאַר זיין צעוויטיקטן האַרצן. זיי אָבער — פּאַפּירלעך. אַזעלכע טייוולאָנישע נעמען וואָס זיי טראַכטן דיר אויס — „סאָוונאַרכאָז”, „סאָוונאַרקאָם”. דיין האַלדז ווילן זיי דיר דערוואָרגן. פּאַפּירן. מיט שמאַטקעלעך ווילן זיי דאָס פאָלק היילן. מ'שרייבט. אינטעליגענטן, רחמנא ליצלן. מ'שרייבט זיך. די גובערניע איז שרייבן אַוועק. אַט קומט צו דיר אַ מענטש פון דעם ישוב: כך וכך, אַן אַקער דאַרף איך, זריעה מוז איך

האָבן. מיינע אויגן קוק איך מיר אַרויס נאָך אַ ביסל זריעה. און זיי — מ׳פּאַפּירעווען. מ׳האַלט אין איין פרעגן. איינער אָפּגעפרעגט — אַן עק. זאָל שוין זיין אַן עק. ניין. צו אַ צווייטן גיי. פון טיש צו טיש, פון טיש צו טיש. מ׳באַטאַפּט דיך, מ׳באַקוקט דיך. אין די געדערים קריכט מען דיר אַריין. צום סוף נעמט מען גאָר ביי דיר אַוועק וואָס דו פאַרמאָגסט נאָר. דעם לעצטן קאַרטאָפל נעמט מען ביי דיר צו. איז דען אַ חידוש וואָס דאָס פאָלק לאָזט זיך אין די וועלדער אַריין?״

מיט אַ מאָל האָט ער זיך אויפגעשטעלט און זיך געלאָזט צום אַריינגאַנג פון טויער. ער האָט דערפילט, אַז די מיטאָג־שעה איז שוין אויסגעגאַנגען: דער גאַנצער קאָרפּוס האָט זיך ווידער אָנגעהויבן באַוועגן. קיינער איז ביים אַריינגאַנג ניט געווען, האָט ער זיך נאָך אויף אַ ווײַלע, אײדער איך אַליין ווער נעלם פון דאָרט, צוגעכאַפּט צו מיר. עפּעס אַ געדאַנק האָט ער געמוזט אַרויסריידן, פּונקט ווי ס׳וואָלט אים אין לעבן געגאַנגען:

„מ׳שרייבט, זאָג איך דיר. דאָס גאַנצע הויז טרייסלט זיך. די וועלט איז ווי אַ חיה וואָס איז אַרויס פון שטייג, און זיי — ס׳אַרט זיי גאָרניט. וואָס מאַכט עס טאַקע זיי אויס, אַז אַ מענטש אונדזערער וועט זיין טאָפּ לאָזן איבערזידן? דו שטיי נאָר און סאַלוטיר זיי. אָט אַזוי שטיי ביים טיש זיינעם. גלייך, ווי פאַרן קיסר דעם קרעציקן פון מאַמעלע־ראַסייע. אַפילו קיין גוט־מאָרגן וועט ער דיר ניט געבן. כ׳טענה: די רעוואָלוציע איז דען ניט אויך אַן אונדזעריקע? איז דען דאָס פּשוטע פאָלק ניט די רעוואָלוציע? און ער — גאָרניט. קוקט זיך ניט אום. ווי אמתע בורזשויעס, אין זייער מאַמעס מאַמען אַריין. ניט קיין זאַלץ און ניט קיין צוקער — און קיין לייטישן גוט־מאָרגן אויך ניט. בלויז אויף זייערע מאַשינקעס קלאַפּן זיי טאָג און נאַכט, זיי מיט זייערע גלאַטינקע מיידן, די שטאָטישע צויגן זייערע. קיין פּשוטן מענטשן דערקענט מען שוין ניט. גייט טאַקע דאָס פאָלק אַרויס פון די כלים און אַנטלויפט אין וואַלד אַריין״.

ער האָט זיך זייער געאײַלט. אָבער ענדיקן האָט ער געמוזט. האָט ער זיך איינגעבויגן צו מיר און סודותדיק אַרומגעלייגט זיינע

הענט ווי אַ שאָל איבער מיין רעכטן אויער, בשעת זיין ביקס האָט זיך פון זיין אָרעם אַראָפּגעגליטשט און אָנגערירט מיין לינקן אויער. האַלב אין שפּאַס און האַלב ערנסט האָט ער מיך געוואָרנט:

„וואָלסטו קיין שנעק ניט געווען, איינער פון די שטאָטישע שמעליגענטן, וואָלסטו אויך אַרויס צום פּאָלק. מ׳דאַרף אַ מאָל אַרומגיין צווישן פּאָלק, זיך צוהערן וואָס מענטשן ריידן. פּאָלג מיך. איך, דאָס לעצטע מאָל שטיי איך מיר דאָ ביים טויער. דו אָבער, ווי אַ מויז וועסטו נאָך לאַנג אַרומשמייען אויף אָט דעם אָרט, וואָס פאַרשטונקען איז עס געווען אַ מאָל און מנוולדיק איז עס היינט. מאָרגן גיי איך מיר אַרויף אויפן דריטן שטאָק, צו דער סאַמע רעוואָלוציע אַליין. אויפן שוועל ביי איר וועל איך שטיין און אין פּנים וועל איך איר אַריינקוקן. כ׳ווייס? אפשר מאַך איך גאָר איבערהויפּט אַ טעות? אַ ברנש ווי איך קען דאָך אַפילו זיין אייגענעם נאָמען ניט אונטערשרייבן. פּאָלג מיך: ס׳וועט זיין אַ טובה פאַר דיר, אַז זאָלסט אַרומגיין צווישן פּאָלק. אויב דו ווילסט, יידלאַק איינער, וועל איך דיך זונטיק נעמען מיט מיר צום טאַטן אין דאָרף אַריין. וועסט צווישן די פּאַראָבקעס זיצן. און אפשר טאַקע אויך צווישן אונדזערע מיידן. ס׳כדאי אַז אַזאַ אייזל בלעמס ווי דו זאָל אויך זיין מוחל עפּענען און מיטן פּאָלק צוזאַמען זינגען:

„די בורזשויעס צום קראַפּירן
מיר׳ן וועלט־שריפות צעפּירן״.*

מיט אַ מאָל איז ער ניט געוואָרן: ער האָט זיך אַ דריי געגעבן און איז אַנטרונען פון יענער זייט טויער.

ב

דעם קומענדיקן פרימאָרגן האָב איך אים שוין אין גאַנצן ניט געזען ביים טויער: ער איז טאַקע אַרויפגענומען געוואָרן אויפן דריטן שטאָק צו היטן דעם שוועל פון דער אויבערשטער קאָמאַנדע אינם „סאָוונאַרכאָז״. יענעם טאָג האָב איך זיך ניט איין מאָל אָפּגעשטעלט

* פון אַלקסאַנדער בלאָקס פּאָעמע „צוועלף״.

און זיך אַליין אַ זאָג געטאָן: זע נאָר ווי יענער ברנש פּעלט דיר אויס; אַן אַנלען אַזעלכער איז ער דיר געווען יענער גולמדיקער פּויער, וואָס דווקא פאַר דיר האָט ער אין זומערדיקע נאָכמיטאָגס אויסגעלאָדן זיין קדמונ׳יותדיקן פּיין. איצט איז ער שוין אויך ניטאָ. ער איז איצט אין גאַנצן איינגעשלונגען געוואָרן אין דער רעוואָלוציע. כ׳האָב זיך געפילט אין גאַנצן אָפּגעשטויסן, און האָב זיך געשעמט דערמיט. אין די ביינער מיינע האָט געגריזשעט אַ גרויע איינזאַמקייט, וועלכע כ׳האָב ניט געקאָנט איינשטילן אַפילו ווען כ׳האָב אויף זיך גענומען כלערליי טירדות און טירחות. כ׳האָב געמאַכט אַן אָנשטעל פאַר זיך אַליין ווי איך אייל זיך, בין אַרומגעלאָפן פון שטאָק צו שטאָק, און כ׳פלעג דערביי שנעל אַריבער איבערן פריינד מיינעם. וואָס מיר איז אין לעבן געגאַנגען זיך צו באַווייזן פאַר אים אַ זיך־איילנדיקער, איז מיר עד היום ניט קלאָר. צי איז עס דערפאַר געווען, ווייל כ׳האָב זיך דערפילט כלפּי אים אין גאַנצן אַ שייכותלאָזער? ווער ווייס עס? ער איז דאָרט געשטאַנען אַן אויסגעצויגענער, אַ קאָנצענטרירטער, פאַרהייליקט אין זיין נייער פונקציע. ער האָט געשוויגן, ווי עס פּאַסט פאַר אַ דערהויבענעם; אַפילו זיין ביקס האָט זיך אַריינבאַהאַפטן אין דעם שווייגן, אין וועלכן דער גרין און דער בלוי פון זיינע אויגן האָבן זיך געטובלט. בלויז אַ דין־דינער שמייכל ווי אַ פּעדער האָט אָנגערירט זיינע וויִעס. כ׳געדענק נאָך עד היום יענעם דינעם שמייכל: צוליב עפּעס וואָס פלעגט ער מיין גרויען איינזאַם פאַרטיפן אין מיין טראַט אין יענע טעג און נעכט.

מיט דער צייט האָט די רעוואָלוציע זיך אויך אָן מיר דערמאָנט און האָט אויך מיך אַרויפגערופן אויפן דריטן שטאָק. ערגעץ ווו האָט זיך אָן אויג אויפגעהויבן פון איבער די פּאַפּירן און האָט מיך דער־שפּירט. אַ פינגער האָט ערגעץ ווו מרמז געווען אויף מיר: כ׳בין דערהויבן געוואָרן אַזש ביז צום דריטן שטאָק און אין מיינע הענט זיינען געגעבן געוואָרן דרויסנדיקע שליחותן פון גרויסער חשיבות. פאַרזיגלטע טעקעס פּאַפּירן האָב איך געטראָגן פון אַנשטאַלט צו אַנשטאַלט און זיי אַלע פלעגן אויף מיר אָנווייזן אַ וווּנדערלעכן געפיל

פון זיך אָנגעהערן מיט עמעצן, פון עפּעס אַ גרויסן יחוס וואָס איז מיר ביי דער רעוואָלוציע פאַרשאַפן געוואָרן. זע נאָר, פלעג איך זיך אַליין זאָגן אין יענע טעג, ווי דו האָסט זיך אַרומגעפאָרעט מיט דיין איינזאַמקייט ווי אַן אמת־אויסגעכאָוועטער אינטעליגענט. ס׳איז לא היה ולא נברא. זע נאָר, פלעג איך איינגעשפּאַרטערהייט צו זיך אַליין ריידן, ווען מאָדנע בענקשאַפטן פלעגן מיך פאַרפליצן אין סאַמע מיטן אַרבעט מיינער, ווי גרויס עס איז דער רחמים פון דער וואָס מיר רופן זי רעוואָלוציע — זי איז טאַקע אַ מאַמע וואָס לאָזט קיין אויג ניט אַראָפּ פון אירע קינדער. כ׳בין אַן איינזאַם יינגל געווען, און כ׳האָב זיך זייער געניייטיקט אין אַ גלעטנדיקער האַנט פון אַ מאַמען.

ווייט אָפּגעפלאָסן זיינען שוין יענע טעג. איך באַטראַכט זיי איצט, ווי׳ עס באַטראַכט זיך אַ מענטש וואָס קוקט אַריין אין אַ שפּיגל אַנטקעגן אַ שפּיגל: ווי אַ קאָרידאָר אַנטקעגן אַ קאָרידאָר אַנטפּלעקן זיך מיר זאַכן פון יענע טעג. זיכער, האַלט איך זיך אין איין איינ־ריידן: עד היום איז דאָך אַ מענטש אויסגעשטעלט אויף אַ באַ־שטענדיקן שפּיל פון איינזאַמקייט און אָנגעהעריקייט. עס זיינען דאָך אויך איצט פאַראַן טעג, און נעכט זיינען פאַראַן אַזעלכע, אין וועלכע אַ מענטש בעט פון זיינע טיפסטע תהומות אויף אַ וואָרט אַ וואַרעמס, אויף איין בליק אַ פריינדלעכן — געגוג אויף אים צו אויסלייזן פון זיין טונקעלן אַנלאָד. זיכער, זיכער, זאָג איך מיין פּען אין איצטיקער שעה, ווען די האָריזאָנטן הילן זיך אין אַ ווייטן זין פון דער בלוי־און־פּערלמוטער שקיעה, וואָלט איך אַפילו היינט זיך אָנגעקלאַפּט אַן עמעצנס טיר — גלאַט אַזוי זיך אָנגעקלאַפּט, אָן אַ באַזונדער כוונה, נאָר סתם צוליב זאָגן: „גוט־מאָרגן, חבר״. אָבער וואָס טוט מען, אַז פון יענע טעג נאָך ציט זיך אַ קינה־פאָדעם אין מיין וואָרט אַריין: אין אַ תחנון־שעה בין איך אַריינגעקומען אויפן דריטן שטאָק מיט אַ שליחות צום חבר קאָמיסאָר; ער איז געזעסן אָנגעבויגן איבער זיינע פּאַפּירן, ניט וויסנדיק אַפילו, אַז די לעצטע שקיעה־שטראַלן האָבן זייער טראָפן רחמים אָוועקגעשענקט זיין עלנטן נאַקן.

איינגעבויגן איז ער געבליבן איבער זיינע פּאַפּירן און די אויגן טאַקע ניט אויפגעהויבן. בלויז פון זיינע ליפּן, שוין האַלב־באַשאַטנטע, האָבן ווערטער ניט־געמיינטע זיך אָפּגערופן: „גוטע נאַכט, חבר״.

אַן עני־ואביון בין איך ביים אויסגייענדיקן טאָג געבליבן אויפן שוועל. וואָס און וועמען האָב איך דאָ? וואָס פּאָר אַ תביעות און חשבונות קאָן איך אַהער ברענגען? אין דרויסן איז שוין אַלץ פאַר־שאָטנט געווען, ווי אין דער היים ביי נעילה. דער אָוונט אָבער האָט זיך הינטער מיר געעפנט מיט אימהדיקער ליידיקייט, אין וועלכער אַלץ ווערט איינגעשלונגען: דעם טאַטנס הויז, געשטאַלטן פון מענטשן, פון זאַכן, עכאָס פון געשעענישן, און אַפילו אינגערלעכע איבערלע־בונגען; אַלע האָבן זיי אָנגעהויבן פאַרפאַלן ווערן אין אַן ענדלאָזן בלויז וואָס האָט זיך אָנגעהאַנגען איבער מיין רוקן; אַפילו מיין טראָט איבערן טראָטואַר, ווען כ׳האָב שוין „די דריי הייליקע״ פאַרלאָזן, האָט זיין ממשותדיקייט פאַרלאָרן. עד היום איז מיר ניט קלאָר, ווי איך האָב עס באַוויזן אַהיימצוקומען אין מיין ווינקל וואָס מיין ברודער האָט מיר אָפּגעגעבן ביי זיך אין צימער.

יענעם אָוונט האָב איך זיך געהאַלטן אין איין איינחזרן: כ׳מוז זיך אומקערן אַהיים, פאַררוקן זיך ערגעץ אין אַ וויסטן שווייגן אין טאַטנס הויז. ווען כ׳בין אַריינגעקומען צו מיין ברודער אויף אַ גאָר הויכן שטאָק, איז דער גאַנצער צימער געווען אַריינגעטאָן אין אַ שטילקייט וואָס האָט זיך געוועבט אַרום דעם מעבל, די כלים, און דעם לעצטן אָפּשיין וואָס האָט זיך נאָך געהאַלטן ביי אַ וויַיטן האָריזונט, נאָך דעם ווי די שקיעה איז שוין באַלד אין גאַנצן פאַר־געסן געוואָרן. קיינער איז אין דער היים ניט געווען: בלויז דער גרויסער פּיאַנאָ האָט מיט זיין מאַהאַגאַני־גלאַנץ פּרובירט צוזאַמענ־ריידן וואַנט מיט וואַנט און שאַפן פון וואָס איז ניט אַ יש אינעם הלל פונעם צימער. האָב איך זיך אַוועקגעזעצט אויפן געזימס פון פענצטער, אַנטקעגן דער גרויסער שטאָט וואָס האָט געהאַלטן אין איין אָפּלויפן אין די וויַיטקייטן פון דער נאַכט אַריין, און זיך איינ־געשרומפּן אין מיין גרויער תפילה: מ׳דאַרף אַהיימפאָרן. דערווייל

האָט אָבער דער מאַהאַגאָני־גלאַנץ פון דעם פּיאַנאָ פאַרכאַפּט מיין אויג און ניט־ווילנדיק האָט זיין גלאַנציקער יש ביסלעכוויז אָוועק־געדרוקט מיין תפילה צו די וויטערע ברעגן פון מיין נאַכטיקן באַנעם. אין פּיאַנאָ־שיין האָט דערוויל אַ ווונק געגעבן עפּעס אַ דין ביכעלע: כ׳האָב זיך פאַרנעפּלדיק דערמאָנט, אַז עס ליגט שוין דאָרט, אויף יענעם אָרט, ממש אויפן פּיאַנאָ, גאָר לאַנג; ערשט איצט איז מיר איינגעפאַלן עס נעמען אין די הענט אַריין. כ׳בין שטענדיק געווען פאַרנומען מיט דער רעוואָלוציע און אירע שליחותן, מיט מיין וועכ־טער ביים טויער, מיט מיין אַרומלויפן פון שטאָק צו שטאָק און איבער אַלעמען, מיט מיין גרויער תפילה אַהיימצוקומען צום טאַטן — האָב איך זיך אין גאַנצן ניט אומגעקוקט אויף עפּעס אַ דין ביכעלע וואָס ליגט און שוויגט און וואַרט אויף עפּעס אַ האַנט וואָס זאָל קומען אין נאַכטיקן פּיאַנאָ־גלאַנץ און עס אָנרירן. איצט אָבער, אַז כ׳בין ליידיק געבליבן, און אַלע מיינע בענקשאַפטן האָבן זיך ווי אויסגעוועפּט פון אַלע כלים מיינע, האָט מיר שוין גאָרניט אויס־געמאַכט זיך אַראָפּצולאָזן פונעם פענצטער געזימס און מאַכן עטלעכע טריט צו דעם פּיאַנאָ צו און אָנרירן מיט די פינגער אַ ביכעלע וואָס רוט אין דעם טיף־שטילן מאַהאַגאָני־גלאַנץ. אַזוי האָב איך טאַקע געטאָן. און אַזוי האָב איך טאַקע צום ערשטן מאָל אָנגעהויבן לייענען די פּאָעמע „צוועלף״. אַלעקסאַנדער בלאָק איז איר מחבר געווען.

ווי קאָן אַ מענטש אויפלעבן אין אַ פיקסירט געשריבן וואָרט אַן איינצלנע רגע פון התגלות, וואָס בליצט אויף מיט אַ וויסן וואָס איין מאָל דעקט זיך עס אויף און ניט מער? קונסט אַליין מוז דאָך איבערגיין פאַרשידענע מדבריות און תהומות כדי ווידער אַ סימן דערפון צו דערגרייכן? ווער רעדט נאָך היינט, ווען מיר איז מער ניט געגעבן ווי בלויז זיך צו דערמאָנען: כ׳בין אַליין געוואָרן אַ גייער אין אָט יענער פּאָעמע „צוועלף״ וואָס איז מיר יענעם אָוונט אומדערוואַרט אַריינגעקומען אין מיין האַנט. ביים געזימס פון דעם נאַכטיקן פענצטער האָט אויפפּולסירט אין מיר אַ דערוואַכונג, כאַטש נעם און גיי אָוועק אין שניי־שטורעמס מיט די „צוועלף״ וואָס אין

דער פּאָעמע. כ׳בין נרעש ונפחד געוואָרן פון גרויסע צוגווינטן וואָס עפּענען טויערן פאַר אינערלעך־מענטשלעכע דערפאַרונגען וואָס פאַר מיר, אויב כ׳האָב זיי יאָ באַהאַלטענערהייט געאַנט, זייַנען זיי געווען אסור אַרויסצורײדן. דער צערודערטער ריטם און די צעמישטע ריימען פון דער פּאָעמע האָבן מיך אַזוי אַרייַנגעכאַפּט מיט אַן אינערלעכער גבורה פון פּרימיטיווע אויפגעוואַכטע זכרונות וועגן זאַכן וואָס כ׳האָב באַוווסטזיניק קיין מאָל ניט איבערגעלעבט, אַז מיין אָטעם איז מיר פאַרהאַלטן געוואָרן. עס איז דעמאָלט געהאַנגען איבער דעם גרויסן כרך אַ טיף־אוונטיקע אשמורה, אַ דין־מעלאַנכאָלישע צוליב דעם שקיעהדיקן נאָכגלי וואָס איז ניט־געבליבן. אין מיר אָבער האָט געפּלאָסן אַ בת־קול פון דערהויבנקייט, אָנגעפּילט מיט אַ מיסטעריעז־וווּנדערפולן פאַרשטאַנד — אַן אומגעהויערע קלאָרקייט אַזעלכע, פון וועלכער די פּחדים זייַנען שוין אין גאַנצן אָוועקגענומען געוואָרן און גרויע בענקשאַפטן זייַנען אויסגעוועפּט געוואָרן. דערציילט האָט דער בת־קול מיט אַ זיכערקייט אַזעלכער, ווי זיכער עס קאָן נאָר זיין דער דיכטער אַליין, און ניט קיין אַנדערער:

> אָוונט שוואַרצער.
> ווייסער שניי.
> ווינטן, ווינטן.
> **אויף די פיס קאָן אַ מענטש ניט שטיין.**

רזי־לי, רזי־לי. וואָס מער כ׳האָב זיך נאָכגעלאָזט דעם ריטם פון שניי־שטורעם אין דער פּאָעמע פון גרויסער איבערקערעניש, אַזוי קלאָרער איז מיר אַלץ געוואָרן דאָס קול פון דעם דיכטער אַליין. זיין געשטאַלט, האָט זיך מיר געדוכט, קומט אָן אַלץ בולטער פון הינטער דער פינצטערניש פון דעם אָוונט, שפּאַנט מיט געוואַלדיקער זיכערקייט אויפן צעוואָיעטן שניי, רופט צונויף אַלע ווינטן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעלאָזט פון אַלע וועלט־באַהעלטענישן, און זיין וואָרט הערשט איבער זיי. זיין אויער אָבער איז אָנגעשפּיצט אויף עפּעס אַ באַהאַלטענער זאַך וואָס יוירט לפני־ולפנים פון דער נאַכט. אַ רגע שטעלט ער זיך אָפּ און פאַרנעמט דעם קולות־געמיש וואָס רייסט

זיך צו אים פון באַשנייטע מרחקים, און אַ רגע בליצן זיך אין זיינע שוואַרצאַפּלען רויטע פלאַמען וואָס גייען אויף און פאַרכאַפּן אַלע האָריזאָנטן. באמת אָבער איז ער אין גאַנצן אַריינגעטאָן אין אַ טיפן געהער צו זיין אייגן וואָרט וואָס קלאָר און טיף באַהערשט עס און פאַרשפּאַנט אַלע יענע שטורעמס און פייערן מיט זיין שעפעריש־פּאָעטישן ווילן. דאָס האָט מיך אַזוי איבערראַשט, ווי עס האָט מיך אין מיין קינדהייט איבערראַשט די חומש־מעשה פון דעם מבול: ווי אַלע גרויסע וואַסערן און געווירבלען ווערן באַהערשט פון דעם וואָרט פון דער מעשה, ווי אַ גרויסע קלאָרקייט לייגט זיך אויס איבער דער וועלט פון דעם וואָרט פון דער מעשה. עד היום וווּנדער איך זיך איבער דער חדווה וואָס האָט מיך דעמאָלט אַרומגעכאַפּט, לייענענדיק צום ערשטן מאָל בלאָקס פּאָעמע. אָנגעהויבן האָט זיך די חדווה טאָקע מיט דעם אַרויסרייד פון דער היוליותדיקייט וואָס באַטרייבט יעדן איינציקן פערז מיט אַ פּרימיטיווער התלהבות:

„די בורזשויעס צום קראַפּירן
מיר'ן וועלט־שריפות צעפּירן — —"

אָבער איר אמתער שורש האָט געשטעקט אינעם עכאָ פון דעם דיכטערס שטים, וואָס באַגלייט דעם טראָט פון די צוועלף גייער פאַרויס דעם שניי־שטורעם. יענע שפּאַנען אין סאַמע געווירבל פון די אַלע ווינטן וואָס זיי האָבן אַרויסגערופן פון זייערע באַהעלטעניש: אין זייער איינגעשמידטן בליק איז איינגעהאַלטן די בשורה פון צע־שטערונג, און אין זייער טראָט וועבט זיך די נבואה פון חורבן און דער ווילדער טאַנץ פון אַן איבערקערעניש, וואָס אַלע צוימען זיינען פאַר איר צעשמעטערט געוואָרן. אָבער לפני־ולפנים ווערן זיי געטראָגן פון אַ וווּנדערלעכער דערוואַכונג אַנטקעגן עפּעס אַ נייעם מענטשן, וואָס קומט אָן פון הינטער דעם היוליותדיקן הפקר. אין־זיך בין איך גדלותדיק אויסגעוואַקסן מיט אַ מאָל, צוליב דעם וואָס כ'האָב מיט מיין אייגענעם כוח זיך דורכגעשלאָגן דורך דעם גאַנצן דעמאָנישן געווילד פון „צוועלף" צו אַ טיפן שיכט פון לויטערער שטילקייט ביי איר סאַמע מקור. אַזאַ מין שטילקייט פלעגט מיין טאַטע אַ מאָל

שעפּן פון דער יצירה־פּרשה אין ספר „בראשית" אָדער פון „אקדמות".

עס קאָן אַוודאי זיין, אַז צוליב „צוועלף" איז מיר אין גאַנצן אַרויס פון זינען יענער „מיאוסער עסק" מיינער: יענע מיאוס־גרויע איינזאַמקייט צוליב דעם וואָס דער קאָמיסאַר פון „סאָוונאַרכאָז" האָט מיר אַפילו אויף מיין „גוטן אָוונט" כמעט ווי ניט געענטפערט. כ'מיין ניט צו זאָגן, אַז כ'האָב עס טאַקע אין גאַנצן פאַרגעסן; נאָר די וויכטיקייט דערפון אַלס אַ צייכן פון אַן איינזאַמקייט, וואָס האָט גאָר קיין תּיקון ניט, איז אַלץ מער מטושטש געוואָרן און איז מער ניט געבליבן ווי אַן עפּיזאָד פון פיל אַזעלכע עפּיזאָדן וואָס האָבן זיך מיר אין יענער צייט געטראָפן. עס האָט מיר אויסגעזען, ווי בלאָקס פּאָעמע האָט מיך מיט אַ מאָל אַוועקגעשטעלט אויפן שוועל פון אַ מעכטיקער און פּראַכטפולער רעאַליטעט, אין וועלכער אויך איך, אַ קינד פון אַ יידיש שטעטל, וועמענס טעג זיינען געציילטע און וועמענס לעבעדיקער אָטעם ווערט אַלץ מער איינגעשרומפּן, האָב אַ חלק ונחלה. דאָס, האָב איך צו זיך אַליין גערעדט, איז די רעוואָלוציע. אַפילו דעמאָלט האָב איך שוין גוט געאַנט, ווי ווייט אַזאַ קינסטלערישע רעאַליטעט איז פון דער בפירושדיקער רעוואָלוציע. כ'בין זיכער, אַז נאָר די מעשׂות פון חומש, ווי מיין טאַטע האָט זיי מיט מיר געלערנט, האָבן דאָס אַזוי אין מיין קינדהייט געטאָן. אָבער, ווי האָט אַ מאָל געזאָגט דער אַלטער זיידע מענדעלע: ניט דאָס בין איך אויסן.

ג

איין טאָג האָט דער וועכטער פון דריטן שטאָק — ער מיט זיין ביקס — מיך באַגלייט אויף מיינער אַ שליחות. עס זעט אויס, אַז וויכטיקע פּאַפּירן זיינען געווען אין מיין טעקע, וועלכע איז מער ווי אַלע מאָל געווען פאַרזיגלט — דעריבער האָט מען באַשטימט יענעם מיך צו באַשיצן אויף די געפערלעכע שטעגן וואָס כ'האָב דעמאָלט באַדאַרפט דורכגיין. זיינען מיר בײדע טאַקע אַרויסגעגאַנגען פון „די דריי הייליקע" און אין דער פאַרנאַכטיקער שעה זיך געלאָזט אַראָפּ אַ באַרג, באַגלייך מיט די זון־פלעקן וואָס זיינען אויסגעשפּרייט

געווען אויפן שיפוע, הגם סאַמע אונטן אין שטאָט, לענג־אויס דער גאַס, איז שוין געווען גאַנץ שאָטנדיק. איך האָב נאָך געכאַפּט אַ קוק אויבן צו, צום „סאַוונאַרכאָ" — דער גאַנצער מאָנאַסטיר האָט זיך געהילט אין אַ מנחהדיקער שעה, און בנין האָט זיך געטוליעט צו בנין אַנטקעגן דעם אָוונט וואָס איז גורלדיק אָנגעקומען פון רויטע האָריזאָנטן. אַ לענגערע צייט האָבן מיר ביידע ניט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. דער וועכטער איז מיט זיכערע טריט געגאַנגען ביי מיין זייט; ער האָט אָוודאי געוווסט וווהין אונדזערע פיס וועלן אונדז פירן. אַזוי האָבן מיר אונטן איבערגעהאַקט די גאַס, וואָס ביי איר ברעג פליסט דער דניפּער, און זיך ווידער געלאָזט אַרויף — אַרויף אַ באַרג, ווו עס געפינט זיך די באַרימטע פאַרשטאָט פּ.

איך האָב זיך תמיד באַמיט אויסצומיידן אָט די פאַרשטאָט. עפּעס אַ פינצטערע יוירונג האָט שטענדיק אין איר זיך געווימלט, און די מעשות וואָס איך האָב זיך וועגן איר אָנגעהערט האָבן אויף מיר אָנגעוואָרפן אַן אימה. אַפילו לאַנג נאָך דער רעוואָלוציע זיינען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז באמת וואַגט ניט די מאַכט אַרויסצו־נעמען די „הייליקע ביינער" פון די אוראַלטע היילן אין דער פאַר־שטאָט — האָבן זיך פּילגרימען מאַסנווייז געצויגן אַהין, באַהאַלטע־נערהייט און אויך אָפן, פון אַלע עקן פון דער „הייליקע מוטערל ראַסייע". איבער די חורבות פון אָט דער פאַרשטאָט — אין פּאַלאַץ־לאַבירינטן וואָס זייער פּראַכט האָט זיך שוין לאַנג פאַרוואַנדלט אין אַ מין איינגעגעסענער, אוראַלטער מיאוסקייט פון צעפוילטע ווענט און טריפנדיקע באַלקנס און צעקאַלופּעטע מוראַלן — האָבן אָפן געבלאָזן שלעכטע צוגווינטן, פונקט ווי אַלץ וואָלט דאָרט געווען דורכגעלעכערט. אין אָט יענע חורבות האָט זיך נאָך, ווי אַ מאָל אין דער גלאָריע פון צאַר און קירכע, געראַיעט די „שוואַרצע מאַה". אמת איז: שוין לאַנג אַז די צו פּאַגראָם־רופנדיקע גלעקער זיינען אַנטשטומט געוואָרן; אָבער ווען נאָר איך האָב געמוזט אין מיינע שליחותן זיך דערנענטערן צו דער פאַרשטאָט, האָט זיך מיר געדוכט, אַז אָט־אָט וועלן זיי זיך ווידער אַרויסרייסן און אויפוועקן אַלע יענע,

ווייט־צעוואָרפענע גאַסן, ווו ביי טאָג איז שטיל ווי אין קבר, און ביי נאַכט ווימלט דאָרט דער גאַנצער שטאָטישער אָפּפאַל אין באַ־האַלטענע לעכער. אַ פאַרשימלטע, אַלטע אימה איז דעריבער געהאָנגען אין דער לופט פון דער פאָרשטאָט, איינגעקריצט אין די צעאַקערטע פּנימער פון האַלב־דעגענערירטע מענער מיט קאַלירלאָזע אויגן: שטענדיק פלעגן זיי זיך נאָר שלייכן ביי די ווענט פון די הייזער, פונקט ווי זיי וואָלטן זיך וועלן אַרויסדרייען פון עפּעס אַ רואה־ואינו־נראה אויג, וואָס פון אַ באַהעלטעניש דרינגט עס אין זיי אַריין און דערקענט זיי. אָט די אימה האָט ווי אַ שפּין זיך געוועבט אויף דין־פאַרזיגלטע ליפּן פון יונגע פרויען, וואָס האָבן אויסגעזען ווי זיי וואָלטן אַ נדר געגעבן מער ניט צו ריידן — דאָס גערייד אָבער איז זיי איינגעפרוירן געוואָרן אין די אויגן מיט אַן אומרייניעם גלאַנץ אַזעלכן, וואָס קערט איבער די געדערים ביי אַ יידישן מענטשן. אַ מענטש ווי איך קאָן אַ מאָל אָנקומען אין דער פאָרשטאָט מיטאָג־צייט, און מיט אַ מאָל זיך דערשפּירן אַ פאַראיינזאַמטער און פאַר־לאָזענער אין דער וויסטער, אומרייינער, שווייגעניש: פון אומעטום, שפּירט ער, שטעכן זיך אַריין אין זיין טראָט אויגן פאַרפלייצטע מיט שלאַנגישער שנאה; אומעטום, ווייס ער, באַוועגט זיך עפּעס אין פאַר־מאַכטע געסלעך און אין הייזער מיט ברעטער־פאַרקלאַפּטע טירן און פענצטער. דאָס איז דער אומרייינער אָטעם פון אָט דער פאָרשטאָט, די פּראַוואָסלאַוויש־צאַרישע און כוליגאַנישע אַפילו אין די יאָרן פון רעוואָלוציע און בירגער־קריג.

אין סאַמע מיטן פון אָט דער פאָרשטאָט האָט די רעוואָלוציע פאַר זיך אויסגעקליבן אירע אַ זייער חשובע דירה. ביי דעם פּאַלאַצן־אַריינגאַנג פון איצט־צעפוילטע אַריסטאָקראַטן זיינען נאָך אַלץ גע־שטאַנען געדיכטע ביימער, פאַרקלערטע, אויב איר ווילט, וועגן זייער יחוס־אבות וואָס איז אַזוי געפאַלן. אין די קליינע, מיט גרינס באַ־וואַקסענע געסלעך, ווו עס זענען געשטאַנען אָט די הונדערט־יאָריקע פּאַלאַצן, האָט די מאַכט פאַרנומען, אַן אַ רעש און אַן עסק גדול, אַ צאָל פון יענע בנינים. פון דעמאָלט אָן טאַקע פלעגן זיך גנבענען

קלאַנגען פון געסל צו געסל וועגן געוויסע ערטער, ווו די קעלערן זיינען דאָרט זייער טיפע און זייערע ווענט באַפעסטיקט־דיקע, אַזוי אַז קיין מענטשלעך קול, אַפילו ער זאָל בוקע רקיעים זיין, קאָן פון דאָרט ניט געהערט ווערן. די קלאַנגען האָבן אַרומגעפירט די אומ־געהויער־קלאָרע ידיעה, אַז גייט מען אַריין אין איינעם פון יענע בנינים, גייט מען שוין מער ניט אַרויס; אַז דאָרטן מוז מען בלויז ענטפערן אויף פראַגעס, אָבער קיין מאָל ניט פרעגן; אַז זען זעט מען דיך תמיד, ביי טאָג און ביי נאַכט, אָבער דו זעסט קיינעם ניט. ביי נאַכט פלעגן די פאַרשטאָט־באַשעפעניש צוליגן זייער אויער צו דער מאָטאָרן־טראַסקעניש פון געוואַלדיקע משא־אויטאָמאָבילן וואָס זיינען ביי יענע געביידעס געשטאַנען, און פון צייט צו צייט פלעגן זייערע אָנגעשפיצטע אויערן פאַרנעמען אַ האַלב־פאַרשטילטן שאָס פון אַ ביקס, וועלכן דער מאָטאָרן־רעש האָט דאָך ניט געקאָנט פאַר־שטעלן. די פאַרשטאָט האָט שוין גוט געוווּסט וואָס דאָס מיינט, און געשיפּעט מיט אַן אימפּאָטענטער שנאה. צו איינעם פון אָט יענע בנינים האָב איך זיך, מיט דעם וועכטער און זיין ביקס ביי מיין זייט, אין יענעם זומערדיקן בין־השמשות געלאָזט אין אַ שליחות פון „סאָוונאַרכאָז״ וואָס אין „די דריי הייליקע״.

מיר האָבן שנעל באַוויזן אַרויפצוקלעטערן אויפן בערגל צו דער פאַרשטאָט: דאָרט האָבן מיר טאַקע באַמערקט, ווי די זון איז שוין ווייט אַראָפּ הינטער דעם קאָרפּוס פון „די דריי הייליקע״ און אַז די ביימער־שפּיצן האָבן זיך שוין איינגעהילט אין אַ תחנון־יחוד פון דער שפּעטער שקיעה־שעה. אויף די מערב־האָריזאָנטן האָבן זיך צוזאַמענ־געגאָסן פּורפּור און בלוי אין אַ לעצטן דערוואַרטונג־פלאַטער ווייט פון יענער־זייט דניעפּער. צוליב עפּעס־וואָס האָבן מיר ביידע, דער וועכטער און איך, נאָך אַלץ מיט איין וואָרט זיך ניט פאַרביטן. גוט איז אוודאי, האָב איך אין זיך געטראַכט, וואָס עס איז שוין שפּעט, און אין יענעם בנין זיינען שוין אַלע מיד; וועלן מיר קאָנען זיך באַפרייען פון דאָרטן ווען דער שקיעה־נאַכגלי וועט נאָך באַווייזן אָנצורירן דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג ביים אַראָפּגאַנג. נאָך אַ פּאָר

געציילטע מינוטן האָבן מיר זיך טאַקע געלאָזט אַראָפּ־אַ־באַרג צוריק, און דאָס אויג פון דעם וועכטער האָט אויף אַ קורצער רגע אַ גלאַנץ געטאָן מיטן מיסטעריעזן שיין פון אַוונטיקן נאַכגלי. ער האָט זיך אָבער אַ בייג געטאָן צו מיר און האָט מיר זייער שטיל אַריינגעזאָגט אין אויער:

„דאָרט, ביי אונדז, האָט מען שוין פאַרשלאָסן. לאָמיר זיך דאָ אָוועקזעצן אויף אַ רגע. מיר'ן זיך עטוואָס אָפּרוען".

ער האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזן אויף איינעם פון די שטיינער אויפן שיפּוע פון בערגל און איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אַ שפּאַן אָדער צוויי אונטער אים, האַלב איינגעטונקען אין שאָטנס. כ'בין ניט זיכער, צי זיין בליק איז געווען אויף מיר געווענדט אָדער ניט, ווייל כ'בין פאַרכאַפּט געווען פון דער פּראַכט פון דער נאַכטיקער שטאָט. דאָך האָט ערגעץ אין מיין זכרון נאָך אַלץ זיך געמיניעט דער נאַכגלי־גלאַנץ פון זיינע אויגן און כ'האָב געוואַרט, אַז ער זאָל אָנהויבן ריידן דער ערשטער. פון הינטער מיר האָב איך געשפּירט ווי ער גוט זיך איבער די שאָטנס וואָס זיינען מיט אַ מאָל אָנגעטראָגן געוואָרן מיט געדיכטן פינצטער. וואָס וויטער אַ רגע בין איך אַלץ מער אָנגעשפּיצט געוואָרן אויף אַ וואָרט וואָס זאָל מיך דערגרייכן פון הינטן. גאָר איגגיכן טאַקע האָט זיין שטים זיך אויסגעלייגט אויף ווייט־טונקעלע שיכטן וואָס וואַרטן ערגעץ ווו הינטער דער שטילער אָוונט־שעה:

„די מאַמע מיינע", האָט ער געזאָגט און אויף אַ רגע געלאָזט די ווערטער הענגען אין דער אין־זיך־אַליין־איינהערנדיקער שטיל־קייט, „מיין מאַמעס אויג איז שטענדיק אַ פאַרצאַרנטס געווען. די קינדער אירע, ווי הינטלעך קליינע פלעגן זיי אָנפאַלן אויף אירע ברוסטן, אויסגעדאַרטע ברוסטן, ליידיקע. און דער טאַטע — אין דער ערד פלעגט ער שטענדיק גראָבן און שווייגן. איי, דאָס שווייגן, ווי סם־המוות אין אַ מענטשנס בלוטן. געוואָלט באַהאַלטן אַ ביסל גערשטן פון דער מאַכטס בייזן אויג, פלעגט ער גראָבן און שווייגן. אַ זאַק קאַרטאָפל געוואָלט ראַטעווען פון אונטער דער נאָז פון

רשעותדיקע באַאַמטע. צום סוף זיינען זיי גאָר געקומען, די הינטישע זין, און האָבן אַלץ צוגענומען. בלוט־הינט אַזעלכע, ימח שמם זאָלן זיי ווערן. די גערשטן מיט די קאַרטאָפל, אַלץ צוזאַמען. איינער אַ שטאָטישער — מ'דערקענט זיי, די ממזרים מיט די דינע ליפּן — האָט זיין אייגעלע אַ וואָרף געטאָן אַהין, אַהער — אַלץ האָט ער דערטאַפּט, דער שמיליגענט. האָט אַפילו קיין גוטן־טאָג ניט געזאָגט. וואָלט ער כאָטש אַ פרעג טאָן, וואָס מאַכט איר? ווי גייט עס ביי אייך מיט די בהמות? גאָרניט. די רעוואָלוציע האָט מיך געשיקט, זאָגט ער: אַ באַפעל איז עס. האָט דער טאַטע גענומען און אים אַלץ אָפּגעגעבן. געגראָבן אין דער ערד, אַרויסגענומען און אָפּגעגעבן שווייגנדיק. און די מאַמע מיינע — איר אויג איז שוואַרץ פאַרצאָרנט געוואָרן, ווי עס ווערט דער הימל פאַר אַ שטורעם. זי האָט אָבער געשוויגן. נאָר ווען דער קאָמיסאַר האָט זיך געלאָזט אַוועקגיין, האָט אים דער טאַטע איין מאָל געגעבן מיטן שאָפל איבער זיין שאַרבן. אַזוי איז דער קאָמיסאַר געבליבן ליגן אויף דער ערד ביי גערשטן און קאַרטאָפל; דער טאַטע אָבער איז אַוועק אין וואַלד אַריין. יענע נאַכט האָבן פייערן הינטערן וואַלד געברענט, און דאָס שטעטל דאָרט איז אַרויף אויפן פייער. אין דער פרי האָבן זיי אונדזער דאָרף אַרומגערינגלט — דער דאָרף אויך איז אויפן פייער אַרויף. גיי ווייס וואָס מיט מיין מאַמען האָט זיך יענע נאַכט געטראָפן. ווייס־איך־וואָס. די „הינטלעך" אירע האָבן זיך אַוודאי צעשפּרייט איבער דער גאַנצער לענג־און־ברייט פון מאַמעלע ראַסייע".

זיין היתוך הדיבור האָט זיך געצויגן מיט אַ מאָנאָטאָנישער זיכערקייט, וואָס איז מיר לחלוטין אומבאַקאַנט געווען פון מיינע פריערדיקע שמועסן מיט אים. דאָס אַליין האָט אין מיר דערוועקט אַ זיס־מיסטעריעזע און גורלדיקע מורא וואָס איינער קריגט אַ מאָל ביים אָנקומען פון שניי־שטורעמס פון ווייטע מרחקים. די נאַכטיקע פינצטערניש איז מיט אַ מאָל כמעט געוואָרן אַ געדיכטע, און מיין פריינדס פּרצוף האָט אָנגענומען אַ געשטאַלט פון אַ צעאַקערטן ערד־שטיק, וועמענס טיפע איינגראָבן ווערן אַלץ מטושטשער אין אַ נאַכ־

טיקער הוויה. די מאָנאָטאָנישקייט האָט אָבער נאָך אָנגעהאַלטן אין זיין חיתוך הדיבור, פּונקט ווי ער וואָלט געוואָרט אויף עפּעס, וואָס אין די ביינער איז עס פֿאַרשפּאַרט און באַטרייבט אַ קדמונימדיקן צאָרן אין אַלע בלוטן. מיט אַ מאָל האָט דער צאָרן זיך אָנגעהויבן אָפּן אַרויסרייסן:

„ווי די ווערים קריכן זיי אַוודאי אַרום, די טייוולשע זין אין די פֿאַרשטונקענע נאָרעס פֿון דעם גרויסן לאַנד. אָנגעפּלאָדיעטע ברידערלעך מיינע. טאַטע־מאַמע מסתמא שוין לאַנג פֿאַרגעסן, ממזרים אַזעלכע. באַנדיטן מיט בייכער געשוואָלענע, אַ טויט אין זייערע געדערים אַריין. אַוודאי אין אָט דער פֿאַרשטאָט דיינער דער הייליקער ווימלען זיי אַרום מיט אַ מעסער אין דער לאַפּע. אין רוקן אַריין וועלן זיי דיר אַ מעסער אַריינשטעכן, די טייערע ברידערלעך מיינע. אַ בראָך צו זיי: קריכן נאָך אַמאָליקע פּריצימלעך מיט נאַקעטע הינטנס: די רעוואָלוציע געפֿעלט זיי ניט. גיי שרייב זיי אויס אַ בעסערע רעוואָלוציע, פֿון פּאַריז שרייב זי אויס. שליכן זיך, טנופֿתן, אין די פֿינצטערע היילן פֿון מאַמעלע ראַסייע. איי, וועלן מיר אייך שמייסן, אין אייער מאַמען אַריין. אַמער — קומט בעסער אַרויס, צו דער רעוואָלוציע קומט בעסער אַרויס. מ׳קומט טאַקע צו און מ׳טוט אַ מענטשן אַ קלאַפּ איבער זיין פּלייצע פֿון פֿריינדשאַפֿט וועגן. וואָס טויג אייך אַרומצולויפֿן ווי די שטשורעס אין לעכער? אַמער — קום אַרויס, קום אַרויס, ברודערקע, צו מאַמע־רעוואָלוציע קום אַרויס — דיין ביקס נעם אַרום ווי ס׳נעמט וואַנקאַ קאַטקען אַרום: גיי אַרויס, דו הינטישער זון! אָ, ווו ביסטו, ברודער מיינער? — דערבאַרעם זיך, גאָט, איבער אונדז אַלעמען".

זיינע ווערטער האָבן זיך איצט געריסן פֿון זיין פּרצוף, הגם ער האָט זיין שטים לגמרי ניט אויפֿגעהויבן. זיין גערייד האָט געזאָטן פֿאַרזיגלט אין עפּעס אַ געדאַנק וואָס בלאָנדזשעט נאָך דערווייל אין תהומותדיקע נעפּלען:

„די רעוואָלוציע, ברודערקע. ווו וווינט זי, די רעוואָלוציע אונדזערע, ברודערקע, גיי יאָג זיך נאָך איר, נאָך דער שווינדלערישער

זונה; שטענדיק וועט זי שוין ווי עס איז זיך דיר אַרויסדרייען פון די הענט. אָ, ביים טאַטן אין דער היים פלעגט מען דערציילן וועגן שניי־וויוגעס און ווילדע שריפות וואָס זיינען אַרויס שפּאַצירן איבער דער גרויסער וועלט. גוטע טעג געווען. אין גרויסער חדווה האָט די רעוואָלוציע זיך געהויבן אין די בלוטן. דער טאַטע און אַלע בנים זיינע. שכנים פלעגן זיך סודען איבער אונדז. היינט — זע וואָס פון ערלעכע מענטשן איז געוואָרן. באַהאַלטן זיך אויס, ווי ממזרוקעס, אין פינצטערע קעלערן. קאָנטררעוואָלוציאָנערן, אין זייער מאַמעס ערווה אַריין. שלעפּן זיך אַרום ביי נאַכט מיט קרעציקע שרצים אין די הייליקע לאַוורעס. פאַר דער ליכטיקער זון האָט מען מורא. אין רוקן שטעכט מען דיר אַ מעסער אַריין. מנוולים. וואָס ווילט איר דאָרט, ברידערלעך טייערע? שיסן האָט זיך אייך פאַרגלוסט? זאָל טאַקע זיין שיסן! נאָר אויף דער ליכטיקער וועלט קומט אַרויס. אין גאַס, אויף דער זון, קומט אַרויס. זאָל די זון טאַקע זען ווי רוסישע מענטשן קאָנען שיסן ביי דער רעוואָלוציע.

„איי, ביים טאַטן אין דער היים. האָבן זיי מיך גאָר צוגענומען. אַ שטאָק אַ דריטן נאָ דיר גאָר. שטיי. שטיי. איינגעזונקען זאָלסטו ווערן, און שטיי. הינטער דער טיר פון אַ משתין בקיר שטיי און היט. היט! וועמען היט? פאַר וואָס היט? די ראַצישע מאַנאַכן וואָס ראַיען זיך אין הייליקן אָפּפאַל, היט? די נייע קיסרימלעך, זין פון צויגן שמוציקע, היט? דיך, אַ יידלאַק אַ טיפש אַ בלוטלאָזן, היט? אוי, מאַמעלעך מיינע. צוליב דעם האָב איך עס איבערגעלאָזן טאַטע־מאַמע און אַוועק פון הוליענדיקע שריפות אין שטעטלעך פון פאַר־שאָלטענע זשידעס?"

סוף־כל־סוף איז ער שטיל געבליבן. מיט אַ מאָל שטום געוואָרן און ווי אַן איינזאַמער געבליבן. ער איז געזעסן פאַרשטאַרט, און איך האָב איינגעהאַלטן געציטערט עטוואָס נידעריקער פון אים. אין דער שטומעניש, וואָס האָט אַלץ מער אָנגעפילט דעם פינצטער, האָט עפּעס אַן אומבאַוווסטע סכנה זיך אַ רגע איינגעהאַלטן: אָט וועט זי אַוודאי טרעפן פון זיך אַליין און מיט אַ מאָל. עד היום איז מיר ניט אין

גאַנצן קלאָר אין וואָס זי איז געווען באַשטאַנען. האָב איך זיך גע־שראָקן, טאָמער שטרעקט מיין פריינד אויס די ביקס און וועט זי איין מאָל בלויז אַראָפּלאָזן אויף מיין קאָפּ, און וועט מער ניט באַ־דאַרפן? איך געדענק, אַז זייער אָפט פלעגט אויף מיר אַזאַ מין מורא אָנפאַלן, ווען נאָר איך פלעג זיך טרעפן אין מיינע שליחותן מיט „חברים פונעם פאָלק", וואָס פון ערגעץ אומבאַשטימט פלעגן זיי זיך באַווייזן אין די סודותפולסטע ערטער פון דער מאַכט. די מערסטע זייערע האָבן געהאַט אין די אויגן דעם זעלבן בלויען גלאַנץ וואָס האָט אָנגעוואָרפן אַן אומפאַרשטענדלעכער אימה און אָנגעזאָגט וועגן אַן אוראַלטער יוירונג וואָס האָט אַפילו גאָר קיין נאָמען ניט. האָב איך אין יענער נאַכטיקער מינוט געטאָן אַזעלכעס, וואָס עד היום זעט עס מיר אויס זייער מאָדנע און אומדערקלערבאַר. ניט טראַכטנ־דיק אַפילו, האָב איך זיך געווענדט אַרויף, צו מיין באַשיצער פון דעם וויטן דאַרף, און מיינע ווערטער זיינען געכאַפּטערהייט אַרויס־געשפרונגען פון מיין מויל:

„כ'האָב דאָ אין קעשענע ביי מיר אַ קליין ביכעלע. מעגסט הערן אַ ביסל וואָס דאָרטן טוט זיך. איינער אַ פּאָעט האָט עס אָנגעשריבן פאַר דער רעוואָלוציע. כדאי זאָלסט הערן".

ניט וואַרטנדיק אויף זיין ענטפער, האָב איך פאַר אים געלייענט פון אַלעקסאַנדער בלאָקס „צוועלף". דאָס גאַנצע ביסל כוח וואָס כ'האָב פאַרמאָגט אין מיינע אויגן האָב איך אויסגעשעפּט, כדי ניט צו פאַרלירן דעם וועג צווישן די שורות. כ'האָב ווי געצויגן דאָס ווייטע ליכט פון דער גאַסביים דניפער, און מיין שטים האָט מיר אַליין אויסגעזען אַ ווייטע און אַ געטריבענע פון עפּעס אַ כוח וואָס איז שטאַרקער פון געוויינלעכער ראיה. דעם וועכטערס געשטאַלט האָט זיך שוין געהאַט אין גאַנצן אַריינגעוועבט אין דעם פינצטער און ער און בערגל זיינען איינס געוואָרן. איך בין אַזוי פאַרטיפט געווען, זעט אויס, אַ גאַנץ היפשע צייט: כ'האָב גאָר ניט באַמערקט ווי מיין שכן שטייט שוין איבער מיר און באַטראַכט מיך מיט אַ פאַרוווּנדע־רונג. צום סוף האָט ער מיך לייכט אָנגערירט אין אַקסל:

„קום, ברודערקע, שוין צייט".

קיין סימן פון דער פריערדיקער מאַנאַטאַנישקייט זיינער איז שוין מער אין זיין שטימע ניט געווען. די אַלע פאַרגעפילן מיינע זיינען אויך ווי ניט געוואָרן. איצט האָט ער זיינע ווערטער געפירט רויקע; זיי האָבן אָנגעפילט די אָוונטדיקע וועלט מיט אַ מין נייער, פאַר מיר אַן אומבאַקאַנטער חדווה:

„אַזאַ הינטישער זון איינער. שטעלט אַן אַ פּנים פון אַ שמילי־געגנט, אַ פּאָעט. און באמת — אַ מענטש אַן אונדזעריקער. אַ ריימען פלעכטער, אַ מנגן אַ גאַנצער; האָט אַ קאָפּ אַ געקרייזלטן, דער פאַרשיווער. אַוודאי אויך אַ פּעלערינע. אין זיין טאַטנס טאַטן אַריין: מיך וועט אַזוינס ניט אָפּנאַרן; ר׳איז אַן אונדזעריקער: אַ כוליגאַן. אָט אַ בן־אדם. גיב אים נאָר אַ שטיק עסק מיט אונדזערער אַ קאַטקען, ס׳טו אים גלייך דערקענען".

דאָס איז דאָס ערשטע מאָל געווען, וואָס איך האָב אים געהערט אָפּן אַרויסלאָזן אַ געלעכטער. פון בערגל אַראָפּ איז זיין טראָט שוין געווען אַ האַלב־טאַנצנדיקער, פּונקט ווי ווער ווייס וואָס פאַר אַ גליק איז אים אונטערגעקומען. עס זעט אויס, אַז איך האָב עפּעס ניט־וויסנדיק אָפּגעטאָן, האָב איך אַ טראַכט געגעבן. ער אָבער — זיין געדאַנק האָט זיך ביי אים ווי אַ ווייט־באַהאַלטענער קוואַל געעפנט און זיין גערייד האָט געקראָגן אַ זין וואָס האָט אָנגעפילט זיין שטים מיט גדלותדיקע עכאָס:

„אַן אייניקל אַ טייערס פון אַשמדאי און לילית, דער טייוול זאָל אים נעמען! היי־היי: קאַטקע, זאָגט ער. מיט וואַנקען שפּאַצירט זי אַרום, די מויד. דאָס איז רעוואָלוציע, ברודערקע, זאָג איך דיר. וואָס פאַר אַ וויסטער ליגנער ער איז דאָס דיין זינגערל! אונטער קאַטקעס הינטן באַהאַלט ער זיך. מ׳קען שוין ברודערקע, די מעשות. איי, זאָל ער צוערשט זיין ביקס די רעוואָלוציאָנערע אַרומנעמען. די קעלערס אַלע עפנט, מנוולים! אַ ריימען־פלעכטער אַזעלכער. מאַמע־רוסלאַנד איז אַ נאַקעטע אַרויס וועלטן איבערקערן: אין פינצטערע נעכט צינדט זי פייערן איבער אַלע שטעט און אַלע דערפער פון דער

וועלט — און ער דיר קאַטקע. איי, די פייערן! ניט אַ בוים בלויז ברענט עס אין וואַלד, ניט אַ סקירדע אין פעלד — גרויסע פייערן. זעסטו ניט ווי גרויסע שטעט ברענען אין מרחקים? זעסט ווי פייער־רויט די האָריזאָנטן זיינען? היי, מנוול! ביים ליכט פון פייערן וויל ער דיר קאַטקע די ערווה אָפּדעקן.

„אַוודאי: אַ דיכטער. קאָן גוט דערציילן, ריכטיק: ווי גוטע מענטשן דאַרפן. ,אָונט פינצטערער. ווייסער שניי׳. אמת, ,אַ מענטש קאָן אויף די פיס ניט שטיין׳. אמת, אמת! כ׳שווער דיר ביי מיין ביקס. איי, ביקסעלע מיינס, ווי די פיס אונדזערע טוען ווי. הערסטו ווי דער צויגס אַ זון, דער לויזיקער פּאָעט דיינער, צעפירט זיך עס די הענט? אָ, צעפירט ער דאָס אַ שנייעלע — און אַ שמיליגענט. קען גוט אַ ניגון, זעט אויס: ווייסט ווי אַ מעשה צו דערציילן. איי, ממזריק איינער — ווי דער ניגון זיינער צעגייט זיך עס אין אַ מענטשנס האַרץ אַ צעוויטיקטס! טוט ממש ווי מענטשן אונדזערע אַ מאָל אין דאָרף. קאָן די מלאכה גוט. ווייזט אויס, געזען אַ סך און אויך געהערט. איי, זינגערל מיינס,ברידערל טייערס. הערסטו דעם ניגון ווי ער צעפירט עס די ווערטער ווי אַ שריפהדיקן שטורעם? אונדזערן אַ מענטשנס בלוטן, טייערינקער, מוזן אַ ניגון האָבן. איי, צעוויגן זיך! ווי ווינטן טרייבן דעם שניי אויף פאַרלאָרענע סטעפּעס:

„די בורזשויעס צום קראַפּירן
מירן וועלט־שריפות צעפירן״.

אָט אַזוי, ברודערקע, זינגט מען ביי אונדז. אָט דאָס הייסט רע־וואָלוציע! איי, דער ממזר דיינער. אַ חיתוך־הדיבור אַ מענטש האָט עס. אוי, טאַטעניו אין הימל, ווי האָט עס אַ מענטש אַזאַ גבורה אַריינ־צוגיסן אין עיפּושדיקן דיבור די פייערדיקע בלוטן? הערסט? אין סאַמע מיטן שטורעם, אין סאַמע האַרץ פון דער רעוואָלוציע, איז אַ שמחה אַ גרויסע ביי אים: עס הוליען קאַטקע מיט וואַנקען״.

ער האָט געהאַלטן ביים צעגיסן זיך אין אַ גרויס געלעכטער, און מיט אַ מאָל איז דער געלעכטער ביי אים אויסגערונען: אַ שטילע

ערנסטקייט האָט זיך אָנגעהויבן וועבן אין זיין געררייד, ווי ער וואָלט זיין וואָרט אַרויסגעשעפּט פון אַ קוואַל פון טיפער חכמה:

זע נאָר ווי דער זינגער דיינער איז פאַרפולט מיט רחמים אויף אונדזער קאַטקען. געפאַלן איז זי, די אָרעמינקע, ווייל אַ קויל האָט איר דאָס האַרץ געלעכערט. זעסט ווי עס רויטלען זיך אירע בלוט־פלעקן אויפן ווייסן שניי? איי, טאַטע מיינער, טאַטע ליבער! הערסטו, ווי שטיל עס ווערט, ווען דער זינגער דיינער הויבט אָן דערציילן? הער נאָר: עמעצער וויינט אין שניי־שטורעמס און זאַווייען וויטע. היי, ווער וויינט עס דאָרטן: קאַטקע, אָדער גאָר דאָס זינגערל דיינס? און אפשר ווין איך אַליין עס, גוטער שכן מיינער? היי, טפשים, ממזרים, פאַר־שפּאַרט די טויערן, פאַרשפּאַרט די טויערן! מיר׳ן אייך אַלע קעלערן עפענען, איר ראַצן. איי, איי, זאָגט ער, אָט דער דיינער: פאַרשפּאַרט די טויערן! עפנט די קעלערן. אָט־אָט! דאָס פאָלק, דאָס פאָלק! זעסטו ווי פון אַלע קעלערן קריכט דאָס פאָלק אַרויס?

וואָלסט מיך געפרעגט, וואָלט איך זיי אַלעמען געשיקט מיטן קאָפּ אין דר׳ערד אַריין. אַן ערב־רב וואָס זשליאָקעט און פרעסט ביי דער רעוואָלוציע. צעווילדעוועט זיך אַ ביסל דער כוליגאַן דער מיאוסער. אַ חיה זאָג איך דיר, פון שטייג אַרויס. טו אים נאָר אַ פרעג: וווהין רייסטו זיך עס, דו ממזר בן־הנידה וואָס דו ביסט? וואָנקע שפּאַצירט דיר מיט קאַטקען. אַן אָרט געפונען צום שפּאַצירן. איי, דו הולטיי איינער, וואָס אויף קאַטקען ביסטו אַרויף אין סאַמע מיטן רעוואָלוציע! און אַז דו וועסט אויסמייקענען אַלץ, וווהין וועסטו דעמאָלט אָנקומען? אויף דיין אייגענער צואה וועסטו זיך קאָנען זיצן און קינות זאָגן. זאָג מיר, כ׳בעט דיך, אָט יענער דיינער, וואָס האָט די ווינטן אָנגעשריבן, וואָס איז דער אמתער נאָמען זיינער?

איי, ווען איך אַליין וואָלט אויך זיין צווישן יענע „צוועלף“. איי, וואָלט איך וועלן זיין איינער אַ זייעריקער! הערסט ווי מענטשן שפּאַנען אין אַ וויוגע: שטאָלץ און שטיל, צווישן באַנדיטן און פינצ־טערע כוליגאַנעס. איי, מענטשעלעך זיינען דאָס! מ׳שפּאַנט. זיי ווייסן וווהין זיי גייען, ברידערלעך. ווייסן אַלץ. הערן אַלץ. זעען אַלץ. איי,

ביקסעלע מיינס. כ׳קאָן שווערן, אַז זיי ווייסן שוין גאָר, ווו מיין מאַמע קריכט ערגעץ דאָרט אַרום. כ׳קען שווערן אַז מיין טאַטע איז איינער פון זיי. היי, כוליגאַן! מיטן שאָפּל דעם קאָמיסאַר זיין שאַרבן צעש־פּאַלטן! הערסט ווי יענע „צוועלף" האַלטן דעם שטורעם ביים גאָרגל? קוק זיי נאָר אָן, ווי זיי צוימען די בלוטן פון צעווילדעוועטן המון, ווי זיי פּאַרלעשן שריפות אויף אַלע ברעגן הימלען. מיינסטו ניט, אַז וואָלטן זיי צווישן זיך גערעדט אַזוי זיך, פון דעם און פון יענעם דערציילט, וואָלטן זיי אויך, גלאַט־אַזוי, אַ פּאָר ווערטער וועגן קאַטקען געזאָגט? איי, קאַטקע, שוועסטערל קליינע מיינע. ווען ניט דער פאַרשאָלטענער, כוליגאַנישער שניי־שטורעם, וואָלטן זיי אַוודאי אַ מענטשן אַ רעוואָלוציאָנערן ווי איך מיט אַ שמייכל באַגריסט. ניט ווי יענער טינופּתדיקער קיסר, אויף וועמענס שוועל איך שטיי ווי אַ גולם. גיב מיר נאָר איצט אין דער האַנט אַריין יענע קאָמיסאַרעלעך מיט זייערע שמוציקע מיידן. היי, איר „צוועלף", שיסט! שיסט! אויף אַ רגע לאָזט אייערע ביקסעלעך פריי: איי, וועלן מיר אין „די דריי הייליקע" הוליען. נו, כוליגאַן. שטענדיק כוליגאַן. לאָמיר אַלע זיי אַרויסגיין אַנטקעגן, די הייליקע „צוועלף", שלום אָפּגעבן. וווהין גייט איר עס, חברים?, מירן אַלע מיט אייך שפּאַנען!

„מאָרגן, זאָג איך דיר צו, וועל איך גאַנץ פריי אָנקומען אויפן דריטן שטאָק. חבר קאָמיסאַר, וועל איך אים זאָגן, דאָס האַרץ גייט מיר אויס אַהיים. צום קאָרן און צו די קאַרטאָפל גייט מיר אויס דאָס האַרץ. חבר קאָמיסאַר, וועל איך זאָגן, איך מוז גיין אין דער רעוואָלוציע אַריין — צו מיין טאַטע־מאַמע מוז איך גיין. מאָרגן וועל איך מיטן האָלץ פון מיין ביקס איין מאָל אַ זעץ טאָן דעם חבר קאָמיסאַר איבערן שאַרבן. ווי דער טאַטע האָט עס געטאָן: איין מאָל בלויז — אויב דער חזיר וועט מיך ניט לאָזן. איי, גאָט מיינער, יעזוס ליבינקער און די „צוועלף" הייליקע שליחים דיינע".

צוליב עפּעס וואָס — האָט ער איין לאַך געטאָן און ניט מער. מיר זיינען אַראָפּ פון באַרג. דער דניפּער האָט ביים עק גאָס געגלאַנצט מיט אַ נאַכטיקן ליכט. אין איין רגע איז מיין שומר מיר נעלם

געוואָרן, און מער האָב איך אים שוין קיין מאָל ניט געזען. איך בין פאַרטראָגן געוואָרן צווישן די ימען מענטשן וואָס האָבן זיך באַוועגט הין און צוריק אויף דער גאַס — און ער, זעט אויס, האָט מער ניט געקאָנט ביישטיין זיין בענקשאַפט נאָך דער רעוואָלוציע אין דאָרף. און אפשר, ווער ווייס, איז ער דעם דיכטער אַוועק זוכן אויף ווייט־פאַרוויטע וועגן.

☆

וואָס איז שייך דעם דיכטער אַליין, דעם שעפער פון דער פאָעמע „צוועלף" — פון צייט צו צייט פלעגט זיין געשטאַלט זיך מיר אויף אַ רגע באַווייזן פון צווישן דעם המון וואָס האָט געררודערט אין די גאַסן. אין עטלעכע יאָר אַרום אָבער איז דער דיכטער געשטאָרבן. פון הונגער? פון עלנט? פון יענעם גייער אָן דער שפּיץ פון זיינע „צוועלף", וואָס ער איז מער ניט ווי אַן אילוזיע געווען? געשטאָרבן איז דער דיכטער; און מיין פריינד דער וועכטער — ווער ווייס וווהין אין אַ רעוואָלוציע קאָן אַ מענטש פאַרגיין?

משיח בן יוסף

א

איינעם אַ שכן האָב איך געהאַט, וואָס האָט מיט מיר געוווינט אין איין הויף און ממש אונטער איין דאַך, און פון דעסטוועגן האָבן מיר צווישן זיך ניט גערעדט אַ לאַנגע צייט. אַט דער הויף איז אָפן געווען פון ביידע זייטן זיינע. די אויבערשטע זייט האָט זיך געריסן באַרג־אַרויף, צו דער „רעגירונג־גאַס", זיך נאָכגעשלעפּט יענער גאַס, זיך געטוליעט צו איר. און פון דער צווייטער זייט האָט דער הויף זיך געצויגן באַרג־אַראָפּ צום טייך צו, זיך שטענדיק איינגעהאָרכט אינעם דניפּער, וואָס אין ברענענדיקע זומער־טעג האָט ער געפירט זיינע שטילע וואַסערן אין שקיעות אַריין. דער הויף האָט, אַזוי אַרום, געדינט אַלס פּאַסאַזש פאַר געוואַלטיקע מענטשן־שטראָמען וואָס האָבן זיך געצויגן דורך אים פון דער גרויסער שטאָט: די מיטן פּנים זייערן אַרויף, צום שפּיץ בערגל, ווו די בנינים פון דער רעגירונג האָבן זיך סודותדיק געהאַלטן אין אַן אַנגעטראָגענער באַזונדערקייט; און אַנדערע מיטן פּנים באַרג־אַראָפּ — דאָרט חלומט נאָך עד היום דער דניפּער וועגן רויט־צעפלאַקערטע, קדמוניותדיק־הייליקע, שקיעות. אַלע פרימאָרגן פלעגן מיר זיך, איך און דער שכן מיינער, טרעפן פּונקט אין מיטן הויף, און אַ רגע־כמימרא פלעגט איינעמס אַן אויג זיך באַגעגענען מיטן צווייטנס. אַלע מאָל האָב איך זיך געריסן צוליב עפּעס וואָס זיך דערנענטערן צו אים, אים געבן די האַנט, אפשר אויך עפּעס זאָגן דאָס וואָס ליגט מיר שוין לאַנג אויפן צונג, הגם גענוי וואָס ווייס איך ניט. איך מיין, אַז אויך ער האָט דעמזעלבן פאַרלאַנג געהאַט. ווייל ניט איין מאָל פלעגט זיך מיר צעפינקלען אַ שמייכל פון זיין

פּנים, ווען נאָר מיר פּלעגן זיך טרעפן אין הויף. אָבער יענע גע־גאַרטע דערנענטערונג איז אַ לאַנגע צייט ניט מקוים געוואָרן. אַ כוואַליע פּלעגט זיך שטענדיק אָניאָגן אויף אונדז ביידן פון דעם מענטשן־געווירבל אין מיטן הויף און צעשמעטערן אונדזער ביידנס צונויפקום. איך פּלעג סוף־כל־סוף פאַרשלעפּט ווערן אַרויף צו, צו דער „רעגירונגס־גאַס", צוליב די שליחותן וואָס כ'האָב געהאַט דורכצופירן; און ער, האָב איך באַמערקט, פּלעגט זיך לאָזן באַרג־אַראָפּ, זיך שלייכן צווישן די כוואַליעס פון מענטשן־געווירבל, זיי יאָ־ און ניט־אָנרירן, צוליב אַ באַזונדער יחידישקייט זיינער וואָס הילט אים איין אין גאַנצן. אַט אַזוי פּלעג איך אים באַמערקן אַלע טאָג אַראָפּגיין צום דניפּער. אַ קורצע ווײַלע פּלעג איך אים נאָך קאָנען נאָכקוקן: זיין קאָפּ פּלעגט זיך הייבן אַראָפּ און אַרויף אינעם געווירבל, ביז ער פּלעגט אין גאַנצן נעלם ווערן אונטן. אַט אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען אַ לאַנגע צייט.

אין טאָג בין איך אַרויס אין אַ באַזונדער שליחות: „קאָנפי־דענציעל" איז אָנגעצייכנט געווען אויפן קאָנווערט און פאַרחתמעט מיט טריוואַקס. כ'בין אַרויף צום סאַמע שפּיץ פון בערגל און האָב אָנגעהויבן קלעטערן אויף לאַנגע מאַרמאָר־טרעפּ, הינטער אַ טיר אויף וועלכער עס איז בפירוש, גאָלד־אויף־שוואַרץ, אָנגעוויזן גע־ווען: פּאַלאַץ פאַר פאָלקס־קולטור; אָפּטיילונג פון דער דערציִונג און קולטור; אַדמיניסטראַציע פון עקספּערימענטאַלן רעגירונגס־טעאַטער. אַט אַזוי איז דאָרט אָנגעשריבן געווען. קיינער האָט מיך דאָס מאָל ניט פאַרהאַלטן ביים אַריינגאַנג: די רעגירונג־טעקע אין מיין האַנט איז מיר אַוודאי דאָס מאָל בייגעשטאַנען. בין איך אַריין. אין יענער צייט האָב איך גאָר ניט געאַנט, ווי די רעוואָלוציע האַלט שוין סוף־סוף איר האַנט אויף איבער מיר: כ'האָב ניט גע־ווּסט, אַז אַ שליח פאַר־זיך־אַליין בין איך געוואָרן.

כ'בין געבליבן שטיין ביי אַן אומגעהויער־גרויסן שרייבטיש אין אַ ווייטן צימער און האָב געוואַרט. קיינער איז אין צימער ניט געווען, און איך בין אַזוי געשטאַנען אַליין, איינגעהילט אין קלע־

רונגען, וואָס דער מאַהאָגאָני שרייבטיש האָט זיי איינגעזאַמלט פון אַלע פיר ווענט אין צימער און זיי געטובלט אין דעם דיאַגאָנאַלן ליכטפּאַס וואָס איז אָנגעקומען פון בלויע ברונעמער אויפן האַרי־זאָנט פונעם בערגל. דער ליכטפּאַס האָט זיך געהאַלטן אין איין לויטערן דורכן קרישטאָלענעם שויב הויך אין דער וואַנט, און פון דאָרט זיך ריזלען אַראָפּ אויפן גרין־באַצויגענעם שרייבטיש. דער גאַנצער רחבותדיקער צימער האָט זיך איינגעהאָרכט אין זיין איי־גענער רויקער שטילקייט, מיט וועלכער איך האָב זיך איינס־און־צוויי באַפריינדעט: האָבן מיר שוין ביידע, די שטילקייט און איך, צוזאַמען געוואַרט אויף וועמען, וואָס וועט אַוודאי בקרוב אַריינקו־מען און זיך אַנטקעגן מיר אַוועקשטעלן פון יענער זייט טיש און זיין קאָפּ וועט זיין איינגעטונקען אינעם פּאַס ליכט וואָס ריזלט פון אויבן. מיין באַפריינדעטע שטילקייט האָט זיך טאַקע געסודעט מיר אין אויער און מיר פאַרויסגעזאָגט, אַז יענער, ווען ער וועט בקרוב אַריינקומען, וועט ער אַ שאָקל געבן מיטן קאָפּ און וועט, גאַר אַנדערש ווי אין די אַנדערע בנינים אויף יענעם זעלבן אָרט, מיט אַ שמייכל אין זיינע אויגן מיך באַגעגענען. עס איז אַוודאי געווען די שטילע רו אינעם צימער, וואָס האָט מיך אין יענע מינוטן אָנ־געפילט מיט אַ שפּירונג פון וואונדער; בלויז איין טראָפּן מורא האָט אין מיר טיף געפּלאָטערט און מער ניט. אַזוי בין איך געשטאַנען ביי יענעם טיש און די קלערונגען האָבן געהאַלטן אין איין אָנפילן און איבערפילן די לופט פונעם צימער — זיי האָבן זיך אַזש אָפּ־געשפּיגלט אין דעם אין־זיך־פאַרטיפטן מאַהאָגאָני אָפּגלאַנץ פונעם שרייבטיש, און זיך צעפּלאָטערט אינעם ליכטפּאַס וואָס ריזלט פון די בלויע ברונעמער אויפן האַריזאָנט פונעם בערגל. כ׳בין אין גאַנצן אַריינגעוועבט געוואָרן אין דער שלווה פון צימער און ניט דערפילט, אַז עמעצער איז אַהין אַריינגעקומען.

ער איז געשטאַנען מיר אַנטקעגן כמעט אַן אויסגעצויגענער, און זיין קאָפּ איז אין גאַנצן איינגעטונקען געווען אינעם פּאַס ליכט. אָבער מיט דעם אַלעמען האָט זיך אין זיין פּנים געטונקלט אַ מין

באַהאַלטענע טיפקייט, וואָס איז — אַזוי האָט זיך מיר געדוכט — אָנגעשטעלט אויף זיך אַליין, אויף אַ געהאָרך אין־זיך. אַזוי איז ער געשטאַנען און האָט מיך באַטראַכט. דער ליכטפּאַס און זיין טונקל־דיקע פאַרטראַכטקייט האָבן זיין פּנים צוגעגעבן אַ וויטן אָפּגלאַנץ וואָס האָט זיך געמיניעט, אַט אין שטילן אַליוון־קאָליר, אַט אין וואַכזאַמען בורשטין. צוליב דעם האָט זיין פּנים מיר אויסגעזען ווי פון לאַנג שוין אַ באַקאַנטער, הגם כ׳האָב ניט געקאָנט באַשטימען — ווי אַזוי און פון וואַנען. איך האָב זיך אָבער צו לאַנג ניט געלאָזט פאַרפירן פון אַזעלכע קלערונגען — פּשוט צוליב דעם, וואָס כ׳האָב געהאַט אַ באַשטימטע שליחות אין מיינע הענט, און כ׳האָב יענעם פרימאָרגן געקראָגן אַן התראה, אַז כ׳זאָל בשום אופן זי ניט פאַר־נאַכלעסיקן און אויף קיין מינוט ניט פאַרשפּעטיקן. דעריבער האָב איך, ניט־זאָגנדיק גאָרניט, אויסגעשטרעקט מיין אָרעם און אַוועק־געלייגט דעם קאָנווערט אויפן טיש פאַר דעם מענטשן וואָס איז געשטאַנען מיר אַנטקעגן. ער האָט, אָבער, געהאַלטן אין איין שמייכ־לען, פונקט ווי דער פּאַס ליכט וואָלט געקוועלט מיט צייטלאָזיקייט און אין זיין ווען אַריין, כדי ניט צעשטערן די דביקות פון ליכט און שאָטן אויף זיין פּנים.

„אַט", האָט ער סוף־סוף אַ זאָג געטאָן, און איז ווידער שטיל געבליבן. שווייגנדיק האָט ער אויפגעריסן דעם קאָנווערט און האָט אין אים אַריינגעקוקט אַ רגע. האָבן זיינע פינגער גערוט אויף די ווייסע ברעגן פונעם קאָנווערט, און ער אַליין האָט זיין אויג פון מיר ניט אַראָפּגענומען און פון דעסטוועגן, מיך כלשהו ניט צוגערעדט. מיט אַ מאָל, זעט אויס, האָט ער זיך אָן עפּעס דערמאָנט און מיך געבעטן זיצן. תוך כדי דיבור האָט אין מיר ווי אַ סטרונע אַ ציטער געגעבן, ווייל קיין מאָל האָט דאָך — אין אַלע מיינע אַרומלויפענישן אין שליחות פון דער רעוואָלוציע — ניט געטראָפן, אַז עמעצער זאָל מיך בעטן זיצן, לאו־כל־שכן איינער, וואָס אין די הימלען ממש רוט ער איבער מיר. דאָס איז די השגחה, האָב איך זיך דערמאָנט אין איינעם אַ סימן וואָס מיין מאַמע האָט מיר געהאַט

איבערגעגעבן אין ווייט־איינגעהילטע קינדהייט־טעג. זיכער־זיכער: צי ווילט איר יאָ אָדער ניט — השגחה.

„אָ, יאָ" האָט זיין גערייד זיך אַוועקגעלאָזן פול און קלאָר איבער דער שטילער רו פונעם צימער: „אַ בריוו פון איינעם אַ מענטשן, צופעליק איז ער דיין אייגענער ברודער; אַז מ'וויל — איז עס גאָר אַ באַפעל. הער נאָר אַ מעשה: זיינען מיר טאַקע ניט ממש שכנים אין איין הויף?"

פון זיינע רייד האָט געטריפט אַ וווּנדערלעכע זיכערקייט טיף אין מיר אַריין, און איך האָב אים גלייך געענטפערט: „טאַקע באמת. אַוודאי. אינעם פּאַסאַזש. אַלע טאָג זע איך ווי איר גייט באַרג־אַראָפּ צום דניפּער צו".

ער האָט זיך ניט אומגעקוקט אויף דער פייערלעכקייט, וואָס האָט זיך עטוואָס אָנגעשטעקט אָן מיין קול, און האָט זיך אומגע־קערט צו עפּעס וואָס איז אים געלעגן, זעט אויס, לאַנג אויפן זינען:

„דיין ברודער לייגט פאַר, אַז מיר זאָלן דיר שאַפן עפּעס אַ מעמד ביי אונדז, אין דער אָפּטיילונג פון קולטור. ערשט נעכטן אָוונט האָט ער מיר געזאָגט וואָס ער האָט געזאָגט. האָב איך אים גע־פרעגט: ,וואָס פאַר אַ בחור איז ער, וואָס איר זענט אַזאַ מליץ יושר אויף אים אַזש ביי אונדז?'. מילא. ס'אַ באַוווּסטע זאַך: אויף דיין ברודער איז מען זיך סומך: אַן אדם גדול אין דער רעוואָלוציע. איך פרעג אים, און ער שמייכלט און טוט זיך אַ זאָג:

„יעגער בחור איז מיינער אַ ברודער; ניט נאָר דאָס — ער איז נאָך, במחילה מכבודך, אַ היפשער בטלן. כ'קאָן שווערן, אַז ס'בלאָנ־דזשען נאָך ביי אים אין מוח יענע ,ניצוצות' פונעם ,אור החיים', און אַז דער ניגונדיקער מוסר פונעם ,מסילת ישרים' און ,ראשית חכמה' לאָזן אים ניט אָפּ אַפילו אין סאַמע מיטן טאָג. זעסטו דאָך שוין ממילא', זאָגט ער, ,מיט וועמען האָסט דאָ צו טאָן. אַ לאָ־יוצלח אין ממשותדיקע ענינים. אַ ביסל פאַרלאָרן אין דער רעוואָלוציע אונדזערער'. און נאָך האָט ער געזאָגט: ,איז מיר אַ רעיון אויפגע־קומען: ביי אייך וועט ער אויפגעריכט ווערן. מיר ווייסן דאָך אַלע,

אַז אַליין בענקסטו אויך אונטער צום ,אור החיים׳. פון אנשי שלומנו ווערסטו די מעשה ניט פאַרלייקענען״.

„אַט אַזוי האָט ער מיר דערלאַנגט — מיט זיין פולער גוטהאַר־ציקייט, פאַרשטייט זיך. און מיר איז דער ענין אַריין אין נאָז אַריין. האָט ער באַמערקט, אַז ס׳געפעלט מיר, האָט ער צופרידן און מיטן פולן ערנסט זיינעם מיר געזאָגט: ,מאָרגן וועל איך זיי איבערגעבן, די טייערע בריאות פון די ,דריי הייליקע׳, אַז זיי זאָלן אים אָפּשיקן אהער. בתופים ובמחולות וועלן זיי אים דיר אָפּשיקן׳... האָב איך אים באַמערקט: ,אַוודאי, טאַקע אַזוי׳ ״.

„האָב איך שוין אים געזאָגט, דעם ברודער דיינעם: יפה דרשת. בזו הלשון ממש געזאָגט. באמת האָב איך ניט אין גאַנצן פאַרשטאַנען פון וואַנען אַט יענער געררייד זיינער נעמט זיך. זיינען מיר ביידע אַ צייט שווייגנדיקע אַרומגעגאַנגען ביים דניפּער. אָפּט מאָל, אַז דער טאָג האַלט ביים אָפּגאַנג, גייען מיר דאָרט זייט ביי זייט צוזאַמען. צום סוף זאָגט ער מיר: ,אָט דער בחור, וואָס מיין ברודער איז ער, פאַרמאָגט עפּעס אין זיך; ס׳איז כדאי אַז די רעוואָלוציע זאָל זיך אומקוקן אויף אים׳. אַ ביסל סודותדיק, ווי זיין שטייגער איז אַ מאָל. האָב איך אים אַ ביסל אָנגעצויגן: ,אויף אַזוי ווייט איז דער ענין אַזוי סודותדיק?׳. האָט ער מיר אַ ביסל דערציילט וועגן דיין אַרבעט אין ,סאָוונאַרכאָז׳, און נאָך וועגן אייניקע אַנדערע זאַכן. האָב איך ערשט אָנגעהויבן גוט פאַרשטיין און אים אַ זאָג געטאָן: ,זאָל ער צוקומען; מירן זען׳ ״.

איז אין מיר אַריין אַ שמינית־שבשמינית של גאווה — אָדער גאָר אַ בענקשאָפט אַזעלכער — אין האַרצן אַריין און כ׳האָב אים גלייך געזאָגט:

„אַוודאי געדענק איך נאָך גוט דעם ,אור החיים׳ און ,מסילת ישרים׳ און ,ראשית־חכמה׳ פון דער היים״. מיט אַ מאָל איז פאַר־טונקלט געוואָרן דער בורשטין אין זיין פנים און ער האָט מיר שטילערהייט געשליידערט אין פנים אַריין: ,איך אָבער זאָג:

אין דער רעוואָלוציע מוז אַ מענטש צעשמעטערן דעם טאַטנס הויז פון זיין זכרון׳״.

„קוק נאָר אָן דיין ברודער: ער האָט דאָס געטאָן און ס׳האָט זיך אים גוט איינגעגעבן. ניט יעדער מענטש איז זוכה אין דעם מצליח צו זיין. ער טאַקע איז מיר בייגעשטאַנען. ער האָט עס מיר אַ חיזוק געשאַפן אין מיין געראַנגל מיט זיך אַליין און האָט מיך אויפגעהויבן פון דער שפלות וואָס איז אין מיר טיף געלעגן. עד היום טרעפט נאָך, אַז זיין זכות איז זיך מיר מתגלגל אין מיינע ספיקות. ער האָט עס מיך אַרויפגעבראַכט אויפן שפיץ פון אָט דעם בערגל אונדזערס. באמת, זאָג איך דיר: אָט זעט די רעוואָלוציע עפּעס איינעם אַ בן־בלי־שם און אַ בטלן גמור; קוקט זי אים אין די אויגן אַריין און דערהערט ווי זיין האַרץ גייט אים אויס נאָך איר; איז זי אים מקרב און טוליעט אים צו צו איר בוזעם ווי אַ מאַמע. צום פאָלק האָט זי מיך אַרויסגעפירט. אָט אַזוי, אָט אַזוי. האָב איך דעם פאָלק אַ קונסט־הויז אויפגעשטעלט. טו דו אויך אַזוי, טו אַזוי. וועסט זען: די רעוואָלוציע וועט דיך דערהייבן. וועסט אַראָפּקומען מיט מיר צום דניעפּער, וועסטו זען: אַ טעאַטער האָבן מיר דאָרט פאַר נייע שפּיל־עקספּערימענטן. עפּעס אַזוינס און אַזעלכעס ווערט דאָרט געטאָן. אָבער דעם טאַטנס הויז מוזסטו פאַרגעסן. פאַרגעס — ס׳איז בעסער אַזוי״.

מיט אַ מאָל האָט ער זיך אָנגעהויבן איילן און האָט זיך אַ ריס געגעבן פון זיין אָרט. האָט אַרויסגעריסן זיין קאָפּ פונעם פּאַס ליכט, וואָס איז נאָך אַלץ אלכסונדיק געגרונען פון דעם דרויסנדיקן בלוי איבערן גרינעם לייוונט פונעם שרייבטיש, און האָט גענומען שפּאַנען מיט אָנגעצויגענע טריט איבערן צימער. צוערשט גראָד, נאָך דעם אלכסונדיק, און איבער דער לענג און דער ברייט. צוליב עפּעס וואָס האָב איך אים ניט געקאָנט נאָכקוקן דירעקט: אַ שעת־רצון איז איבער מיר געהאַנגען — און איצט, האָב איך געשפּירט, האַלט זי זיך אין איין אויסלעשן. און ער, דניאל איל׳איטש, פאָלקס־קינסטלער, ספּעציאַליסט אין עקספּערימענטאַלן רעגירונגס־טעאַטער

— זיינע טריט האָבן זיך מיר געדוכט ווי זיי קלייבן צוזאַמען עפּעס אַ ווייט־באַהאַלטענע קינה וואָס ריזלט הינטער דער שטילער רו פונעם צימער. כ׳האָב דערפילט ווי אַ צוגלופּט רוקט זיך פון ערגעץ ווו מיר אָן אין האַרצן. כ׳בין שוין געהאַט אויפגעשטאַנען פונעם שטול ביים שרייבטיש, ווען ער האָט זיך צו מיר געווענדט:

„אַנטשולדיקט, חבר, טייערער חבר מיינער. כ׳זע אַז כ׳האָב אייך היפשלעך פאַרהאַלטן. איר מוזט אוודאי זיך אומקערן צוריק נאָך איידער די מיטאָג־שעה קומט אָן".

ער האָט אָפּגעשניטן זיין שפּאַן אינמיטן און איז צוגעקומען צו מיר און אַרויפגעטאָן זיין האַנט מיר אויפן אַקסל. כ׳האָב דער־שפּירט אַ באַזונדערן צוק אין זיין האַנט, פּונקט ווי ער וואָלט זי געמיינט אַרויפלייגן מיר אויפן קאָפּ, און האָט זי ניט דערפירט. זייער פיל יאָרן זיינען פון יענער צייט פאַרלאָפן, און אָט יענע באַוועגונג זיינע גייט מיר אַ מאָל נאָך אין אויסגעליידיקטע שעהען. האָט זיין האַנט גערוט אויף מיין אַקסל און ער אַליין האָט זיך אויף שנעל צערעדט, פּונקט ווי ער וואָלט מורא געקראָגן, טאָמער פאַרלאָז איך אים אין מיטן דערינען. האָט ער געהאַלטן אין ריידן, און די בורשטיינענע דביקות האָט זיך צעשיינט אין זיין פּנים:

„זיכער, זיכער. כ׳פאַרשטיי וואָס דו מיינסט. אַ באַפעל איז אַ באַפעל. מ׳מוז פאָלגן: דאָס איז אַלץ. די רעוואָלוציע איז שטענדיק זייער פאַרנומען — און אַ ברגש ווי איך איז אַלע מאָל עלול צו פאַרגעסן דעם כלל גדול. כ׳בין זיכער: אַ טאָג וועט קומען בקרוב און מ׳וועט מיר אַריינצימבלען. ניט איין מאָל האָט זיך שוין אַ מעשה געטראָפן. דיין ברודער איז מיר אָבער שטענדיק ביי־געשטאַנען. איז דאָך טאַקע גוט. אלא וואָס — כ׳האָב דיר נאָך אפילו קיין רמז ניט געגעבן, צו וואָס פאַר אַ מלאכה דו וועסט זיך דאַרפן ביי אונדז נעמען. זיץ נאָך אַ ווײַלע. מעגסט זיך נעמען נאָך אַ פּאָר מינוט. עלי ועל צוארי. כ׳בין זיכער, אַז אין דעם בנין וועט מיט דיר גאָרניט געשען. אויב אַזוי —

אַ, יאָ. דער אמת איז, אַז כ׳האָב אויף דיין ברודער אַ ביסל

געדריקט ער זאָל דיך אַריינשיקן צו מיר. איין טאָג זיינען מיר זיך אַזוי געגאַנגען. כ׳האָב דאָך דיר שוין געהאַט געזאָגט, אַז מיר גייען אַ מאָל שפּאַצירן ביים דניפּער. מיט אַ מאָל איז מיר געגאַל אויפגעקומען אויף דער צונג: „שטיל פירט דער דניפּער די וואַסערן זיינע". טוט דיין ברודער אַ זאָג: ‚כ׳זע אַז ביסט ממש פאַרכאַפּט, פון אונדזער טייערן דניפּער — הערסטו אַ מאָל ווי קאַזאַקן רייסן זיך גלייך אין דיין באַגייסטערונג אַריין?' האָב איך אים אַריינגעקוקט אין זיין פּנים: ווידער רזין דרזין. זאָגט ער מיר ווידער:

„אין דער רעוואָלוציע דאַרף אַ מענטש אָנשפּיצן זיין אויער — אָדער אויף קאַזאַקישן טראָט, אָדער אויף משיחס קומען".

בין איך שוין כמעט אין גאַנצן צעטומלט געוואָרן. ער, אָבער, האַלט מיר אין איין אַריינזאָגן:

איך בין אפשר אַן עם־הארץ אין ענינים פון קונסט; אָבער אַ בינע אין טעאַטער גיט דער רעוואָלוציע גאָרניט, אויב משיחס טראָט פאַרכאַפּט ביי איר ניט דעם קאַזאַקישן טראָט. האָב איך זיך איינגעשטעלט און אים שאַרף אָפּגעפרעגט: „ווי איז דער קונסט, וואָס אַז קאַזאַקן מאָנען גיט זי און אַז משיח מאָנט גיט זי". האָט ער מיך אַ פרעג געטאָן:

„וואָס זשע דען זאָל אָט די באַשעפעניש דיינע טאָן?"

האָב איך אים שוין געמוזט זאָגן: „שטענדיק טרויער איך אויף דעם קינסטלער, וואָס ראַנגלען ראַנגלט ער זיך אַנטקעגן קאַזאַקישער רציחה און טרוימט די געשטאַלט פון משיח; אָבער שריפות רייסן זיך פון זיינע רייד און קינות ציִען זיך פון זיין ניגון און עס סטייעט אים ניט קיין כוח אויף אַ טראָפּן נחמה פאַר אַ מענטשן וואָס זיין טאָג איז אים אַן אומדערטרעגלעכע משא אויף זיינע פּלייצעס".

האָט דיין ברודער געהאַלטן אין איין קוקן אויף מיר — נאָך דעם האָט ער שטיל אַ זאָג געטאָן: „דו ברענגסט מיר אַרויף אויפן זינען איינעם אַ בחור וואָס ער איז דער ברודער מיינער". תוך כדי דיבור האָט ער מיר דערציילט יענע מעשה מיטן סאָלדאַט ביים טויער פון „סאָוונאַרכאָז" און מיט אַלעקסאַנדער בלאָקס „צוועלף". האָב איך

אויף אים אָנגעהויבן דריקן: „כ׳וויל זען די טייערע כלי דיינע״. לכתחילה האָט ער מיך עטוואָס דוחה־בקש געווען. איך, אָבער, האָב זיך אויף אים אָנגעזעצט. ערשט דעמאָלט האָט ער אָנגעהויבן מיט דער מעשה „ניצוצות״ און „אור החיים״, און נאָך אַזעלכע מאָדנע מעשיות. האָב איך זיך צו אים אָנגערופן:

„אָט די מעשיות, צוליב וואָס שטופסטו זי מיר אין פנים אַריין?״.

האָט ער זיך אומגעקוקט אויף מיר און גאָרניט געזאָגט. זיינען מיר אַזוי גאַנץ לאַנג געגאַנגען, ביז ער האָט ממש אַרויסגעשריען:

„אַ מענטש איז מחויב צו צעשמעטערן זיין טאַטנס הויז ביי זיך אין זכרון!״.

האָב איך ערשט פאַרשטאַנען, וואָס כ׳האָב פאַרשטאַנען, און בין אין גאַנצן אַנטשוויגן געוואָרן. האָט ער באַמערקט מיין שווערן אָנלאָד פון שווייגן און האָט זיך אָנגעהויבן טשעפּען צו מיר און אויף קאַ־טאָוועס אָנהענגען אויף מיר כלערליי קופות של שרצים אַלס אַ ירושה פון מיין טאַטנס הויז. האָב איך זיך ניט אומגעקוקט. זאָגט ער צו מיר און שמייכלט:

„נו, מילא. כ׳האָב ניט קיין צייט פאַר דער בטלנות אונדזעריקער וואָס מיר פראַוועזן איצט. ווילסטו באמת, וועל איך דעם יונג צושיקן. אפשר טאָקע מאָרגן. קוק זיך צו אים צו, ער פאַרמאָגט עפּעס. כאָפּ אים אָבער ניט צופיל אויף יענער מעשה מיטן סאָלדאַט ביים טויער: דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז אַ היפּש ביסל גוזמא ליגט דאָרט״. זאָג איך אים: „יעדער מעשה־שהיה האָט אַ היפּש ביסל גוזמא״. זאָגט ער: „אויך די רעוואָלוציע?״. זאָג איך: „די רעוואָלוציע אַוודאי און אַוודאי״.

איז ער אויף אַ רגע אַריינגעפאַלן אין אַ טראַכטעניש און האָט מער גאָרניט געזאָגט.

ער איז צוריק אַריבער אויף זיין זייט און האָט זיך סוף־כל־סוף אַוועקגעזעצט אויף זיין שטול ביים מאַהאָגאָני שרייבטיש. די פּאַפּירן האָט ער נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין האַנט. איצט אָבער האָט ער זיי גענומען לייענען מיט טיפער אויפמערקזאַמקייט. דערביי האָט ער

מיט איינגעהאַלטענער התפּעלות געזעדט, ניט אויפהייבנדיק אָן אויג אין מיין זייט:

„טו נאָר אַ קוק! ווען איז דאָס די מעשה געשען? שוין אַ גאַנץ יאָר פאַריבער. און אפשר טאַקע נאָך לענגער. געקומען צו מיר דעמאָלט יענע משונהדיקע בהורים און מיידלעך. עד היום וואַרפן זיי זיך מיר אין די אויגן: באַשטייען אויף עפּעס אַ תביעה זייערער. כ'וויס נאָך עד היום ניט, וואָס זיי האָבן געוואָלט פון מיין לייב־און־לעבן. האָבן זיך אַריינגעריסן אַלע אין מיין צימער. אַ געוואַלטיקע בשורה האָבן זיי געהאַט אויף זייערע ליפּן, רחמנא ליצלן, און איך, מ'שטיינס גע־זאָגט, דערוואַרט זי מיט אַלע רמ"ח איברים מיינע. דעם היטער ביי דער טיר האָבן זיי אַוועקגעריסן מיט כוח און אים נאָך פיין אַריינ־געשטורכעט, די מנוולים, און זיך אַריינגעריסן אינעווייניק. וואָס איז? אַ סטודיע פאַר יידיש־דראַמאַטישער קונסט האָט זיך זיי פאַר־וואָלט. ניט מער און ניט ווייניקער. אַ קונסט אַ יידישע ווילן זיי. נו גוט, רעדט! בירגער סאָוויעטישע זיינען זיי — האָבן זיי דאָס רעכט צו ריידן. זיך צוזאַמענגעלאָפן פון אוקראַינישע שטעטלעך אין דער גרויסער שטאָט אַריין, גייען קרועים־בלויים — און אַ טעאַטער אַ סאָוויעטישער ווילט זיך זיי. גוט, לאָמיר הערן די ישועות ונחמות וואָס איר האָט מיר געבראַכט. די רעוואָלוציע, זאָגן זיי, די רעוואָלוציע. גוט, זאָג איך: מיר ווייסן — די רעוואָלוציע. דער ריח פון דער ישיבה הערט זיך נאָך פון זיי, און זיי — אַ רעוואָלוציאָנערן טעאַטער לויף און גיב זיי. אַ רעוואָלוציאָנערן, זאָגן זיי, אַ מאָדערניסטישן טעאַטער. בפירוש. האָבן, זעט אויס, געמיינט, אַז כ'וועל אַריין אין גרויס התלהבות דערפון. און איך — ווי אַ פּרוש זיץ איך זיי אַנט־קעגן. ס'האָט ניט גענומען לאַנג און זיי האָבן זיך עס זיך צעפלאַ־קערט. געדענקסט אפשר די ,מוסרניקעס' אין קלויז? אַוודאי געווען אויך ביי אייך אין שטעטל אָט אַזאַ מין קלויז. עלעהיי אַ ר' ישראל סאַלאַנטער אַ נייער בין איך עס ביי זיי געוואָרן. כ'האָב בפירוש באַשלאָסן זיך ניט צוהערן צו זיי. קומען פון עפּעס אַ יידישן מדבר און דו לויף און מאַך פאַר זיי מאָדערניסטיש טעאַטער. ,די רעוואָלוציע,

די רעוואָלוציע׳, האָבן זיי געהאַלטן אין איין פּאָדערן. האָבן זיך לאַנג בײ מיר געבעטן, כ׳זאָל זיי באַזוכן און זען וואָס זיי טוען אויף. ,יהי רצון מלפניך׳ — האָבן זיי געבעטן. בטלנים. קום אונדז אַ ביסל מדריך זיין — אָט מיט וואָס פאַר אַ יידיש לשון זיי האָבן זיך אָנגעזעצט אויף מיר. און איך — גלייך ווי גאָרניט״.

דורך דער צייט האָט זיך מיר אַפילו אַ מאָל יאָ געדוכט, אַז כ׳בין עפּעס אַן עוולה קעגן זיי באַגאַנגען. אַ שטיקל חרטה, מסתמא. אַ קאָמישער עסק. אַ רעזשיסער זאָל איך ביי זיי זיין: האָבן אַזוינס און אַזעלכעס... כ׳האָב לכתחילה געוווסט, אַז ס׳האָט קיין שמעק־טאַבעקע ניט די ווערט, קומט מיר אַ מאָל אַפילו איצט אויפן רעיון. מילא. אפשר האָסטו עפּעס וועגן זיי געהערט? אמת איז: אָפּצולאָזן די הענט האָב איך זיי ניט געהייסן. ס׳איז אפשר כדאי געווען זיי אַ ביסל מקרב צו זיין... פונקט אַ יאָר כמעט. זיכער: פאַראַיאָרן. זיך געראַנגלט מיט מיר ביז משוגעת. ביז איינער אַ זייעריקער איז צו מיר בענטער צוגעקומען, האָט זיך אויסגעצויגן פאַר מיר ווי פאַר עפּעס אַ טשינאָווניק. — ער האָט מיר וואָס צו זאָגן, זאָגט ער. און אין זיינע אויגן — ווי כלו כל הקצין. ס׳האָט אים אפשר אַ גאַנצע מינוט גענומען ביז ער האָט אָנגעהויבן. און אַז ער האָט שוין אָנגע־הויבן — אַ מין התראה האָט ער מיר געגעבן, וואָס עד היום הענגט זי נאָך אויף מיינע אויערן:

„מיר האָבן אַ שפּיל״, האָט ער געזאָגט: „משיח בן יוסף״. יאָ, משיח בן יוסף. מסתמא געהערט פון אַזאַ שפּיל. די רעוואָלוציע האָט זיין מחבר אַרויסגערופן אויפן פראָנט אַנטקעגן דעניקינען: זיין בלוט איז אויסגערונען איבער די הענט פון די שונאי ישראל. מסתמא געהערט דערפון״.

„אָט אַזוי האָט מען צו מיר גערעדט. און איך, פון דעסטוועגן, מאַך זיך, ווי דער ענין איז מיר ניט נוגע. באמת אָבער האָט ער מיך שוין גאָר און גאָר נוגע געווען. כ׳האָב אָבער דערפילט, ווי אַ שטאַרקער צאָרן פליסט אין מיר אָן: משיח! ניט מער און ניט

וויניקער. נעם די רעוואָלוציע און שטעל זי אַוועק הינטער די קוליסן אויף דער בינע, זי זאָל וואַרטן ניט אויף קיין אַנדערן ווי משיחן. פון דעסטוועגן האָב איך מיין כעס איינגעהאַלטן — כ׳וויס עד היום ניט פאַר וואָס. זאָג איך זיי: ‚גייט שאַפט אייך אַ סטודיאָ. כ׳וועל זען אייך אַ ביסל צוהעלפן׳. האָסטו באַדאַרפט זען, ווי די אויגן זייערע האָבן זיך צעברענט. כ׳האָב נאָך דעם געהערט — זיי ראַנגלען זיך ערגעץ ווו אין אַן אינטערנאַט, ניט ווייט פון די באַן־ליניעס. האָסטו עפּעס פון זיי געהערט? גוט, גוט. מיר׳ן נאָך ריידן. פון יענעם ענין אויך. לייג זיך אָבער ניט קיין פייגעלעך אין בוזעם. גוט וואָס האָסט מיך דערמאָנט. מיר׳ן נאָך זען. זיי געזונט. הערסט אַ מעשה: ‚משיח בן יוסף׳.״

ער האָט מיך צוגעפירט צום שוועל פון זיין צימער. מיט אַ מאָל האָט מיך אָנגעכאַפּט אַן איילעניש: ווי אַ צעדולטער האָב איך גע־לאָזט זיך די טרעפּ אַראָפּ אין דרויסן אַרויס.

ב

אַז כ׳בין אַראָפּ פון די טרעפּ איז מיט אַ מאָל פון מיר אַרויס־געראָנען מיין איילעניש, נאָך איידער כ׳האָב באַנומען פון וואַנען זי איז לכתחילה גאָר געקומען. כ׳האָב זיך אַליין באַטראַכט ווי איינעם וואָס האָט זיך פאַרנומען אויף פרעמדע וועגן, און מיט אַ מאָל באַווייזט זיך אים דאָרט זיינס אַן אייגן שטעגל. דעמאָלט צעוואַקסט זיך אַ מין אומבאַקאַנטע זיכערקייט ביי אים אין האַרצן און עפּנט אים טירן־איבער־טירן. קוק נאָר אָן, ברודערקע, האָב איך, ווי מיין שטייגער איז אָפּט געווען, זיך צערעדט צו זיך אַליין: באַטראַכט נאָר וואָס ס׳געשעט מיט דיר. מ׳רופט דיך, פלוני־אלמוני וואָס דו ביסט, אַז זאָלסט גיין און טאָן — אָבער וווהין צו גיין און וואָס צו טאָן דערקלערט מען גאָר ניט. דאָס מאָל האָט אָבער אָט־דער ניט־וויסן מיך אָנגעפילט מיט וווּנדער: אַ לויטער האָט זיך איינגעשטעלט ביי מיר אין האַרצן און איז אויף כלשהו ניט פאַרטונקלט געוואָרן. כ׳בין

אַרויפגעקומען צו מיין ווינקל אין מיין ברודערס צימער; קיינער האָט מיך ניט געפרעגט, ווי אַזוי דער טאָג איז מיר פאַריבער.

אויף מאָרגן בין איך ווידער אַרויפגעשטיגן יענע מאַרמאָרנע טרעפּ. נאָר ווייל דער רעגירונג־טאַש איז ביי מיר אין דער האַנט ניט געווען — נעכטן האָב איך אים אין גאַנצן איבערגעלאָזן אויפן שרייבטיש ביי דניאל איל׳איטשן — האָט זיך מיר אַנטקעגנגעשטעלט איינער אַ סאָלדאַט און האָט מיר פאַרשטעלט דעם אַריינגאַנג. זאָג איך דעם סאָלדאַט: איך האָב אַן ענין, פּערזענלעך צו דניאל איל׳איטשן. האָט אים זיין כעס אָנגעהויבן שטופּן אין די אויגן, און עפּעס אַ קדמונימדיקע שנאה האָט אים געשפּאַרט אין זיינע דיבורים, און דאָס ווייסע פון זיינע אויגן האָט זיך פאַרגאָסן אין זיינע שוואַרצ־אַפּלען — און אָט־אַזוי האָט ער מיר אַנטקעגן געשיפּעט ווי אַ שלאַנג: „דניאל, דניאל, דניאל איל׳איטש״. נאָך דעם האָט ער זיך עטוואָס איינגעהאַלטן און אויסגעשפּיגן זיינע ווערטער אויף מיר: אַן אַריינ־גאַנג־פּאַס! האָב איך אָנגעשטעלט אַ פּנים, גלייך ווי כ׳באַמערק אים אַפילו ניט, ניט אים און ניט זיינע דיבורים, ווייל אַ מענטש ווי איך איז מראשית ברייתו באַשטימט געוואָרן, אַז אַן אַריינגאַנג־פּאַס זאָל אים תמיד זיין מוכן ומזומן אין קעשענע. איז ער געשטאַנען און מיך באַטראַכט, ווי כ׳שטעק די האַנט אין קעשענע, און כ׳האָב געזען אין אים, אַז אַ טראָפּן חרטה יורדט ערגעץ ווו אין אים צוליב דער מעשה. האָבן זיך אָבער צוזאַמענגעקליבן סעקונדן אויף סעקונדן, און דאָס פּאַפּירל איז מיר נאָך אַלץ ניט אַרויסגעקומען אין דער האַנט אַריין — האָט זיך באַוויזן פון זיינע זיך־ווייסלענדיקע שוואַרצ־אַפּלען אַ מין מיאוסער שמייכל און איז אַראָפּגערונען איבער די מנוולדיקע קנייטשן, וואָס האָבן זיך געצויגן פון זיין נאָז איבער די ליפּן גלייך צום מויל צו. האָב איך שוין פאַרשטאַנען אַז דער עסק איז אַ ביטערער, האָב איך מתוך יאוש אַרויסגעצויגן פון קעשענע אַ פולע האַנט מיט פּאַפּירלעך וואָס אַ יידישער כתב איז אויף זיי געווען אויסגעזייעט מיט מיינע פּאָעטישע פּרוון. צוליב עפּעס האָב איך זיי אַלע אים אויסגעשטרעקט, און איינער אַ פונק פון זיינע

אויגן האָט זיך אָנגעטשעפּעט אָן דעם כתב. מיט אַ מאָל האָט זיין גאַנצער גויִשער פּרצוף זיך פאַרקרימט מיט אַ משונהדיקער פריי־דיקייט און האָט זיך צעלאָזט אין אַ וויסטן געווילד: „זעט נאָר אָקאָרשט, גוטע מענטשן! קוקט נאָר אָן די אשר־יצרלעך מיטן זשידישן כתב!” בין איך בלויז אויף איין רגע פאַרלאָרן געוואָרן, און די גאַנצע לויטערקייט מיינע פון נעכטן האָט געהאַלטן ביים פאַרעיפּושט ווערן — באַלד אָבער האָב איך עפּעס אָפּגעטאָן, אויף וועלכן כ׳האָב זיך קיין מאָל ניט גערירכט אַז כ׳בין פעיק: מיט אַ מאָל האָט זיך מיין האַנט פאַרביילט, און מיין פויסט האָט זיך אַ ווילדער אַראָפּגעזעצט אויף יענעם תחום אין זיין פּרצוף, וווּ דער שמייכל זיינער איז געזעסן. איז די ווייסקייט אַראָפּ אויף עטלעכע גראַדן אין זיינע שוואַרצאַפּלען און זיין גאַנצער פּרצוף האָט זיך אָנגענומען מיט דער אַלט־אַלטער נאַכגיביקייט פון כיטרען פויער אונטער דער בייטש פונעם פּריץ: ער האָט זיך שקלאַפיש אָפּגערוקט אָן אַ זייט, און פון דאָרט האָט ער מיט זיין אויסגעשטרעקטער האַנט פאַר מיר געעפנט די טיר, זיך בעטנדיק: אַ גרויסן דאַנק, חבר. אַזוי בין איך אַריינגעקומען אינעווייניק.

דניאל איל׳איטש איז ווידער דעמאָלט ניט געווען אין צימער. זיין פּלאַץ ביים טיש איז ממש ווי נעכטן באַגאָסן געווען פונעם אלכסונדיקן פּאַס ליכט. אָבער די ליידיקייט ביים טיש האָט אויף מיר אָנגעווייעט אָן אומפאַרשטענדלעכן אומעט. בין איך צוגעגאַנגען צו איינער אַ טיר אינעם צימער און האָב זי געעפנט און בין אַזוי אַרום אַריינגעקומען אין אַ ביורא, וווּ אַ טייל צימער איז געווען אָפּגעגרויזעט מיט אַ ווענטל, און פון יענער זייט ווענטל איז געזעסן אַ מיידל וואָס האָט אַוודאי אויפגענומען מענטשן וואָס קומען אין יענעם בנין. בין איך צו איר צוגעקומען מיט די זעלבע דיבורים וואָס צום סאָלדאַט: כ׳האָב עפּעס אַן ענין צו דניאל איל׳איטש. האָט זי זיך צו מיר אַפילו ניט געווענדט מיטן פּנים: זי האָט אַריינגעקוקט אין עפּעס אַ בוך, אָדער גאָר אין אַ ליידיקן חלל פון יענער זייט בוך, און האָט מיר אַפילו ניט געשענקט קיין שאָקל מיטן

קאַפּ. כ׳בין אָבער ניט אָפּגעטראָטן און שאַרפער איבערגעחזרט מיינע ווערטער — בלויז אַ גרינלעכער אָליוון־גלאַנץ האָט פאַרשפּיצט איר פּנים, ווען זי האָט מיר שווייגנדיק אויסגעשטרעקט אַ בויגן פּאַפּיר אָנגעפּיקעוועט מיט פּראַגעס. האָב איך געטראָפן, אַז אַזוי ווי דער בויגן גיט איינעם פּראַגעס, דאַרף יענער אויף זיי ענטפערן — האָב איך זיך געווענדט אַהין און אַהער, כדי צו געפינען אַן אָרט צום לייענען און צום שרייבן. האָב איך זיך פאַררוקט אין עפּעס אַ ווינקל, וווּ אַ טישל איז פאַריתומט געשטאַנען, און כ׳האָב אָנגעהויבן ענטפערן אויף די לאַקערנדיקע פּראַגעס, על ראשון־ראשון ועל אחרון־אחרון: מיין אייגענער נאָמען און מיין טאַטנס נאָמען — אין זיבן־און־זיבעציק וואַסערן פון דער רעוואָלוציע קאָנסטו זיי וואַשן, זיי בלייבן אַלץ די זעלבע — און דעם טאַטנס מלאכה וואָס איז טאַקע מער ניט ווי מסחר, אָבער דאָס איז געווען אַמאָל, און איצט איז ער שוין מער קיין סוחר ניט, אָבער קיין פּראָלעטאַריער איז ער נאָך אַלץ ניט — אַן ענין וואָס איז גאָר ניט קיין יחוסדיקער און וואָס צוליב אים וואַקסט אַלץ מער און מער דער חשש אַז מ׳וועט דיך פּסלען. אַזוי זיינען די פּראַגעס אונטערגעקומען, ווי אַ שפּין־געוועב אַרום־און־אַרום, און וואָס מער כ׳האָב זיך מיט זיי געראַנגלט, אַלץ מער בין איך איינגעפּלאָנטערט געוואָרן, ביז כ׳האָב זיך אין גאַנצן אונ־טערגעגעבן עפּעס אַ מאוימדיקער באַשעפעניש וואָס שטייט הינטער זיי, גרייט מיך אַריינצוכאַפּן אין אירע שאַרפע באַקציינער. ווען כ׳בין ווידער צוגעקומען צו יענער מויד הינטער דעם ווענטל, כדי איר אומצוקערן דעם אויסגעפּילטן בויגן, האָט דער אָליוון־גלאַנץ פון איר פּנים אַ וואָרף געגעבן אַ בליק איבער מיינע אָרעמע ענטפערס: כ׳האָב דערשפּירט ווי פון הינטער אירע גרינלעכע ליפּן בלעזלט זיך אַ מין רשעותדיקער שמייכל, וואָס האָט מיך דערמאָנט אָנעם פּרצוף פונעם וועכטער ביים אַריינגאַנג. דאָ אָבער האָט זיך פון מיין האַרצן אויסגעלאָזן יעדער חיזוק, ווייל דער נעכטיקער לויטער איז אין מיר כמעט אין גאַנצן דערוואָרגן געוואָרן פון פּראַגע צו פּראַגע,

און דער גרינלעכער שמייכל פון דער מויד האָט זיך צו מיר געטשעפּעט שליימיק־שלעכט, ביז ער האָט מיין האַלדז דערגרייכט, ווען כ׳האָב בפירוש דערהערט ווי זי פרעגט מיך, ניט קוקנדיק אַפילו אויף מיר: וואָס פאַר אַ זכותן האָט איר עס, בירגער, וואָס איר ווילט אָנקומען דווקא אַהער? איז שוין דער נעכטיקער טאָג געלעגן ווי אַ געקוילעטע טויב, און זיין קול איז ווי דער פאַר־לאַרענער קול פון דער געקוילעטער טויב, און צוליב עפּעס וואָס האָבן מיר אָנגעהויבן קלינגען אין די אויערן די ווערטער פון יענע בחורים און מיידלעך ביי דניאל איל׳איטשן אין צימער געגוי פאַר־אַיאָרן, און כ׳האָב שוין געהאַלטן ביים אַרויסגעוואַלדעווען: משיח בן יוסף! איז מיר דער געשריי פאַרהאַלטן געוואָרן אויף די ליפּן ממש און איך האָב רויק געענטפערט דער חברטע קאָמיסאַרין, וואָס איז ממונה אויפן פאָלקס־פּאַלאַץ פאַר קונסט, בזה הלשון:

„דער חבר דניאל איל׳איטש האָט מיך געבעטן זיך מיט אים דאָ צו באַגעגענען; איך האָב דאָ אַן אינטערוויו מיטן חבר דניאל איל׳איטש; אַ מעמד ווערט מיר דאָ צוגעגרייט דורכן חבר דניאל איל׳איטש״.

מיט אַ מאָל האָט זי אָנגעהויבן תופס זיין עפּעס אַן ענין, און דער אָליוון גרין אויף איר פּנים האָט זיך אָנגעהויבן עטוואָס לעשן. האָט זי אָנגעשטעלט איר גאַנצן קאָפּ מיר אַנטקעגן, פּונקט ווי טויבן־פליגל וואָלטן איר געפּאַכעט איבער איר האַרצן, און ניין מאָס חברשאַפט האָבן זיך מיט פּוטער און מיט האָניק געגאָסן פון אירע שליימיקע רייד. אַט־אַט!, האָט זי אויסגערופן: „פאַר וואָס זשע האָסטו, חבר, מיר טאַקע תיכף־ומיד ניט דערציילט? אָ, ווי נאַריש איך קען עס אַ מאָל ווערן ביי דער מאַמע־רעוואָלוציע אונדזערער. דיך טאַקע האָב איך דאָך געהאַט אין זינען די גאַנצע צייט. דו האָסט עס — כ׳ווייס, כ׳ווייס — מיט אַ סאָלדאַט אין „סאָוונאַרכאָז״ געלערנט בלאָקס „צוועלף״, ניט אַזוי? מיר ווייסן, דאָ ווייסן מיר אַלעס. און חוץ דעם דאַרפסטו וויסן, ווי באַגייסטערט דניאל איל׳איטש ווערט צוליב אַזעלכע ענינים״. אַט־אַזוינס האָט זי מיר געזאָגט. און נאָך

האָט זי געזאָגט: „ס׳אַ כבוד פאַר מיר, חבר; ניט איין עליה וועסטו שוין דאָ ביי אונדז האָבן״. מיט דעם איז זי אויפגעשטאַנען און אַריינגעוואָרפן מיין פרעגבויגן ערגעץ אין אַ פּאַפּיר־קעסטל. נאָך דעם האָט זי אַרויסגעצויגן פון אַ שופלאַד אַ לעדערנעם טאַש, אויף וועלכן מיין אייגענער נאָמען האָט זיך מיר באַוויזן מיט אַלע זיינע אותיות און האָט אים מיר איבערגעגעבן. שנעל האָב איך זיך אָפּ־געטראָגן פון דאָרט צוריק אין יענעם צימער, ווו דער ליכט־פּאַס האָט נאָך אַלץ אַלכסונדיק זיך אַראָפּגעלאָזט פון אַ פענצטערשויב אויפן גרינעם לייוונט פון דניאל איל׳איטשעס שרייבטיש.

אַ מין קרישטאָלן ריינער פאַרגעפיל האָט פון ווייטע טיפן אָנ־געהויבן אָנקומען איבער מיין גאַנצן קערפּער: אַ וויסן וואָס וויקלט זיך אויף אין איין העלם און פאַרפלייצט מיך אין גאַנצן. אַזאַ מין וויסן, האָב איך זיך געהאַלטן אין איין פאַרזיכערן, קאָן שוין קיין מאָל ניט צוגעפירט ווערן צו וועלכן ניט איז געוויעם חשבון. אָט דוכט זיך דיר, אַז דו באַנעמסט אים, באַהערשסט אים — און באמת וועסטו גאָר אַריינגעזאַפּט אין אים. משל למה הדבר דומה? צו אַ מענטשן וואָס גייט אַרום איבער די געמאַרקן אין זיין אייגענער שטאָט און דערנענטערט זיך צו זיין הויז — אין דער זעלבער צייט, אָבער, דערזעט ער זיך אַליין אַן אַרומגייענדיקן אין ווייטע מרחקים; אָט הערט ער דאָס קול פון זיינע בני־בית און פּנים־אל־פּנים טרעפט ער זיך מיט זיינע שכנים — און תוך כדי דיבור איז גאָר זיין אויער אָנגעשטעלט אויף אַן אָטעם פון אַ ים פון יענע האָריזאָנטן, וואָס ווי אַ רואה־ואינו־נראה פאַרכאַפּט ער די הוויה פון דער וועלט. נו, מילא. פון אָט דעם האָט מיך נאָך לכתחילה געהאַט אָנגעכאַפּט אַ פּחד, און דערפון מיין נעכטיקע איילעניש פון טרעפּ־אַראָפּ.

כ׳ווייס ניט געגוי וואָס מיט מיר איז דאָס מאָל פאַרגעקומען: כ׳האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף דניאל איל׳איטשעס שטול ביים שרייב־טיש און האָב געלאָזט דעם ליכט־פּאַס פאַלן גלייך איבער מיין פּנים. נאָך דעם האָב איך אַרויסגענומען פונעם טאַש אייניקע פּאַפּירן וואָס

זיינען בפירוש באַשטימט געווען פאַר מיר: אַנווייזונגען, באַפעלן, פאַרזיגלטע בריוו. הייסט עס: ווידער שליח. שליח להולכה און שליח לקבלה, איז מיר פון ערגעץ ווו אָנגעקומען אויף מיין צונג יענע מינוט. אָבער זאַכן האָבן אויסגעזען גאָר אַנדערש. אם תרצו, האָב איך זע אויף לשון קודש איינגעחזרט, זעען טאַקע לפנים די זאַכן אויס ווי פריִער; נאָר וואָס דען — ס'איז דברים בדברים, לפני־ולפנים, ווי איין טיר עפנט זיך אין אַן אַנדערער, און יענע ווידער אין אַן אַנדערער, און אין לדבר סוף. אַזוי פלעג איך שוין אַלע פרימאָרגן אָפּנעמען מיין טאַש ביי דער חברטע לינאַ יעווגעניעוונאַ, און דער אַליוון־גרין פלעגט דעמאָלט אויפגיין און אָפּגיין אין איר פנים — אַ מאָל פלעגט אַפילו הינטער אַט־דעם צאַנקען זיך באַווייזן אַ סימן פון אַן אומבאַשטימטער רויטקייט, וואָס פלעגט מיך שנעל פאַר־טרייבן פון יענעם הויז. כ'פלעג זיך אָוועקלאָזן באַרג־אַראָפּ דורכן פאַסאַזש פון אונדזער הויף, און פון דאָרטן ווייטער אַראָפּ, אַהין ווו דער דניפּער פירט זיינע שטילע וואַסערן אין קדמונימדיקע שקיעות אַריין. דאָרט, ניט ווייט פונעם סאַמע דניפּער, איז געשטאַנען דער טעאַטער, מיט זיינע ביוראָס און סטודיאָס, אויסגעשטעלט ווי דאָס אות ח', אַרומגערינגלט פון דריי זייטן מיט די געדיכטע קוסטעס און געוויקסן פון שטאָטישן גאָרטן. די פערטע זייט זיינע איז אָבער געווען אָפן צום דניפּער און צו די פעלדער און וועלדער אַריבער. ביים קאָפּ פון ח' איז געשטאַנען אַ גרויסע בינע, האַלב אַריינגענומען אינעווייניק אונטער אַ דאַך, און האַלב אויפגעדעקט כלפי די הימלען. שטענדיק איז דער בנין געווען איינגעהילט אין אַן איינגעשטילטער באַגייסטערונג, אַן אָנגעטראָגענע פון טיפער סודותדיקייט און פון פונקט אַזוי טיפע אַנטפּלעקונגען. ווען נאָר כ'פלעגט זיך אָוועק־שטעלן אויפן שוועל פון עפּעס אַ צימער אין דעם בנין, צוליב מיינע שליחותן וואָס כ'האָב באַדאַרפט דערפילן, האָט זיך מיר גע־דוכט, אַז כ'טרעט אַריין אַהין, ווו נאָר געהייליקטע איז דאָס דער־לויבט. ניט אַרויסריידנדיק קיין וואָרט פלעג איך אָפּטאָן מיין שליחות: איך האָב איר געשפירט מיין אַן אייגענעם זין, פון מיין אייגענעם

גורל באַשיטמט, דעריבער פלעגט זיך אַ מין ציטער אין מיר צע־ריזלען, ווען נאָר כ׳פלעג זיך אַראָפּלאָזן באַרג־אַראָפּ דורכן פּאַסאַזש צום דניפּער צו.

אײן טאָג בין איך אָנגעקומען אין יענעם בנין אויפן באַרג, ווי מײן דרך איז שוין אַ לענגערע צײט געווען. כ׳האָב זיך געווענדט צו אײנעם פון די צימערן, ווי מ׳האָט מיר באַפוילן. אויפן וועג אַהין איז מיר אָנגעקומען אַ מין זחיחות הדעת: כ׳האָב זיך צוגעאײלט און מיט אַ באַזונדערער זיכערקײט אָנגעקלאַפּט אָן דער טיר. דאָס ערשטע מאָל איז דאָס געווען וואָס מײנע פינגער האָבן, ניט אָנפרעגנדיק זיך בײ קײנעם, ווי פון זיך אַלײן געעפנט די טיר — בין איך שוין אַ היין אַרײנגעקומען מיט אַ ,גוט־מאָרגן׳ וואָס האָט אין מיר געקוועלט יענעם גאַנצן אינדערפרי. כ׳האָב זיך דערנענטערט צו אײנעם אַ מענטשן וואָס איז געזעסן בײם שרײב־טיש פאַרטיפט אין פּאַפּירן. ער האָט טאַקע זײן אויג ניט אויפגע־הויבן מיר אַנטקעגן, אָבער פון זײן גאַנצן פּנים האָט מיר אויפ־געשײנט אַן אײנגעהאַלטענע פרײנדשאַפט, און זײן האַנט האָט זיך אַ גוטע אויסגעשטרעקט צו מיר און איבערגענומען דעם קאָנווערט וואָס כ׳האָב אַרויסגעצויגן פון דעם טאַש. אַ ווײלע האָט ער מיט זײנע פינגער אים אָנגעטאַפּט; מיט אַ מאָל אָבער האָט ער ווי אַ ציטער געגעבן און אַ רגע אָנגעשטעלט זײנע אויגן אויף מיר, אַט פונקט ווי ער וואָלט מיך דערזען בלויז צום ערשטן מאָל. נאָך דעם האָט ער פּאַמעלעך אַרויסגענומען פון טאַש דרײ העפטלעך געדרוקט מיט יידישן כתב. כ׳האָב בפירוש געזען ווי ער האַלט אײן אין זיך אַ גרויסע חדווה, זי זאָל זיך פון אים ניט צעלאָזן מיר אין די אויגן. באַלד אָבער האָט אַ רויִקײט זיך אויסגעלײגט איבער זײן געשטאַלט. האָט ער זיך איבערגעבויגן איבערן טיש צו מײן זײט צו, און אַ געזאַנג האָט זיך געצויגן הינטער זײנע אָפּגעריסענע דיבורים:

„אָט, אָט: אַוודאי — זעלבסטפאַרשטענדלעך. אַזוי האָט דאָך דער ענין געמוזט פּאַרקומען. אײ, חברל ליבער, אַ שליחות האָסטו עס אויסגעפילט דעם שײנעם פרימאָרגן אונדזערן! אַ שליח בײם

פּאָלק ישראל אין דער רעוואָלוציע. האָסט גאָרניט געוווּסט דערפֿון. לחלוטין גאָרניט. קוק און צייל: העפּט איינס, העפּט צוויי, העפּט דריי. לייען, לייען! ביסט דאָך אַ בקי אין די ,קליינע אותיותלעך׳. מ׳קען דיך, ברודער. איז לייען: משיח בן יוסף. אַ שפּיל אין איין אַקט. איי־איי־איי: וואָס מיט אונדז געשעט היינט. אַז משיח קומט ניט צו דער רעוואָלוציע, גייט די רעוואָלוציע צו משיחן. אָן עק — אַ סוף. דערווייל אָבער נאָר בן יוסף. בן דוד נאָך ניט געקומען. צוערשט בן יוסף. אוי, ברודערקע, כ׳האָב זיך עפּעס פֿאַרדרייט מיט מיינע משיחים. פֿאַרגעסן אַ ביסל, אַ פּנים. מוזסט אַ מאָל אָן אָוונט אַריינקומען צו מיר אין הויז אַריין — וועלן מיר ווידער אַריינקוקן, וואָס די אגדה זאָגט וועגן משיחן. דער טעאַטער וועט עס דאַרפֿן. זאָלסטו. אויב טאַקע יאָ אַזוי — איז עס באַפֿעל! נו, איז גוט. משמעות, אַז מ׳גייט אַרויס אָפֿן, אויפֿן ליכטיקן טאָג. איי, רעוואָ־לוציע, זאָג איך דיר. ומאידך גיסא: וואָס ווייסטו וואָס רעוואָלוציע איז אַזוינס? געווען אין סיביר? איז וואָס זשע האָסטו צו טאָן מיט משיחן? איך האָב זיינע טריט נאָך געהערט אין סיביר, אויפֿן פֿאַלוס פּונעם ווייסן יאוש. נו, איז גוט. מירן עפּעס אויפֿטאָן פֿאַר דעם טעאַטער אונדזערן. אונדזערער, זאָג איך. מירן נאָך עפּעס באַווייזן די אומות העולם — ווי יידישע קינדער באַנעמען זיך מיט קונסט. הייסט עס: די חברה האָט טאַקע סוף־כל־סוף עפּעס אויפֿגעטאָן מיט זייער חיבוט הקבר. בטלנים וואָס זיי זענען. פֿון דער הייך האָט מען זיי סוף־כל־סוף באַמערקט. פֿון די הויכע פֿענצטער אונדזערע. געמוזט. ווי אַנדערש דען אין אונדזער רעוואָלוציע? אַ פֿאָלקס־מלוכה האָט אָן אויג אויף אירע פֿאַרשטויסענע קינדער. און ווייסן זאָלסטו וויסן: דער גרויסער טעאַטער בכבודו ובעצמו האָט זיך אָפּגערופֿן. עקספּערימענטן, זאָגן זיי. איי, וועלן מיר עס מיט משיחן עקספּערימענטירן. איז עס גוט, אָדער ניט? מ׳פֿרעגט דיך: גוט אָדער ניט? איז וואָס זשע שטייסטו, בן־אדם איינער, ווי אַ גולם? פֿאַר וואָס טוסטו ניט עפּעס?״

איצט האָט זיך געלעכטער זיך ביי אים אַרויסגעלאָזט אַ פּולער.

אין אַ מינוט אַרום אָבער האָט זיך ווי אַ כוואַליע ביי אים אָפּגע־שטעלט אין האַלדז און האָט אָפּגעהאַקט זיין התפּעלות. ער האָט אָנגעהויבן נישטערן אין מיין טאַש, זוכנדיק עפּעס, אויף וועלכן ער האָט מסתמא אַרויסגעקוקט, און סוף־כל־סוף אַרויסגענומען אַ פּאַפּיר מיטן באַפעל פון טאָג. אַ לענגערע ווײַלע האָט ער זיין אויג ניט אַראָפּגענומען פון דאָרטן און זיין פּנים האָט אַלץ מער זיך צעשיינט. איצט האָט ער זיך שוין מער ניט געריסן צום ריידן, ווייל אַ טיפע זיכערקייט האָט זיך אָפּגעזעצט אין זיינע אויגן. ווען ער האָט אַוועק־געלייגט דעם בויגן אויפן טיש, איז זיין האַנט דאָרט געבליבן ליגן אין רו:קער דערוואַרטונג, וואָס האָט איצט געקוועלט איבערן גאַנצן איינגעשטילטן צימער. ווען ער האָט ווידער אָנגעהויבן ריידן, האָט עס טאַקע אויסגעזען, אַז צו דער האַנט זיינער שיקט ער עס זיינע ווערטער:

„ס׳איז אַוודאי קלאָר. ער האָט עס אַזוי אָט די ענינים געפירט. דניאל איל׳איטש האָט אָפּגערופן דעם גזר, דער מענטש. לאַנגע חדשים האָבן מיר אויף אים געדריקט: צוערשט איינגעהאַלטן און מיט רמזים, און צום סוף מיט תקיפות און מיט אַ פולער תביעה: גיב אונדז אַ שפּיל אויף יידיש! לאַנג דעם ענין ניט געקאָנט באַ־נעמען: יענע בחורים און מיידלעך פון מיזעראַבעלע יידישע שטעט־לעך. זייער כוח ניט דערקענט. זייער איבערגעטריבענע התפּעלות האָט געשטערט. ס׳איז אים שווער געווען צו זען די סמיכות־הפּרשיות צווישן דער רעוואָלוציע און משיח בן יוסף. אַן עוולה־געפיל האָט אים זיכער ניט געלאָזט רוען. בינו־לבינו האָט זיך אַ סמיכות־הפּרשיות יאָ באַוויזן. דיין ברודער, זאָגט מען — — —"

האָט אין מיטן אָפּגעהאַקט, פּונקט ווי ער וואָלט חרטה געקראָגן אויף עפּעס אַ וואָרט זיינס, און עס ניט דערזאָגט. אין דער לינקער האַנט האָט ער געהאַלטן דעם בויגן פּאַפּיר און מיט דער רעכטער האָט ער זיך פאַרנומען ביים טעלעפאָן, אויסרופנדיק אין אַ קורצער ווײַלע אַרום:

„אַ, דניאל איל׳איטש! וואָס מאַכט איר, חבר. איי דניאל איש־חמודות: דער באַפעל איז נאָר וואָס אָנגעקומען. אויך דריי העפטן יידיש. אויף יידיש, רחמנא ליצלן״, האָט ער זיך צעלאַכט. „איר ווייסט שוין דערפון — איז טאַקע גוט. גוט. אַוודאי, צו דער אַרבעט. אַזוי שנעל ווי איר וועט נאָר ווערן. אָ, כ׳קען זיי אַלעמען. זיכער: פאַררופן. כמעט אַלע וואָס פאַראיאָרן. גוט!״

אין טעלעפאָן טרייבל, האָב איך פאַרנומען, האָבן זיך ווערטער געוויקלט אין אַ טיפער צופרידנקייט. פּאַמעלעך האָט ער עס דערנאָך אויפגעהאַנגען און זיך צו מיר געווענדט:

„דניאל איל׳איטש אַליין איז עס געווען. אַזוי גייען עס אונדזערע געשעפטן איצט, חבר. דניאל איל׳איטש האָט געהייסן: צוזאַמענ־נעמען יענע דלפונדיקע חברה פון דעם אינטערנאַט זייערן. ניט געוואָלט אַפילו זאָגן: סטודיאַ. היט זיך נאָך אַלץ. ווייסטו, ווו יענער איז ערגעץ ווו פאַרשטעקט? גאָר ניט ווייט פון די באַן־ליניעס. זעסט דאָך, אַז אָפּלייגן טאָר מען ניט. אַ דבר גדול איז דיר אין די הענט אַריין געקומען, חוצפהניק איינער. ריר זיך! מאַרש!״.

ג

ס׳איז נאָך געווען היפּש פאַר דער שקיעה, ווען בחורים און מיידלעך האָבן זיך צוזאַמענגענומען אויף דער האַלב־אָפּענער טע־אַטער־בינע. מ׳האָט זיך אַלע אויסגעזעצט אין אַ האַלב־קרייז — מיט זייער רוקן צום דניפּער און מיטן פּנים צו דניאל איל׳איטשן צו, וואָס איז געזעסן זיי אַנטקעגן אין צענטער. דער טאָג איז נאָך אַ כמעט גרויסער געשטאַנען; אָבער פון ערגעץ, נאָך דערווייל אַ באַהאַלטענעם טונקל, האָבן זיך שאָטנס פילטרירט אין דעם שווערן שווייגן וואָס אין אים האָבן זיך די מסובים אַ לאַנגע ווײַלע געהילט.

אַזוי איז אָנגעקומען די מנחהדיקע תחנון־שעה, און אַ שקיעה־אָפּגלאַנץ האָט זיך באַוויזן אין דניאל איל׳איטשעס אַן אויג. ער טאַקע האָט דער ערשטער אָנגעהויבן, און זיין גערייד האָט געגלעט און געצערטלט דאָס שוויגן פון די מסובים:

„ובכן, רבותי, מ׳דאַרף עפּעס אָנהייבן טאָן. סוף־כּל־סוף דער־גרייכט. דער אמת מוז ווען עס איז מקוים ווערן". אַ יידישער גזלן, ניט מער. אויב כ׳האָב ביז אַהער ניט אַ קלאַפּ געגעבן מיט אַ פינגער אויף אַ פינגער, איז עס דאָך שלא מדעת, הגם כ׳בין נאָך צו דער מסקנה ניט געקומען, אַז שלא־מדעת איז ווייניקער שולדיק. נו, מילא. מאידך גיסא אָבער: קאָן קונסט אַליין טאַקע אָפּפּטרן אַזאַ מין ענין מיט שה״י־פּה״י? ווער ווייס, אויב שלא־מדעת איז טאַקע ניט אַ הויפּט ענין ביי דער קונסט? אָבער: לא בזה עסקינו. כ׳בין אייך געקומען זאָגן: מ׳דאַרף עפּעס אָנהייבן טאָן. כ׳הער, איר פאַר־מאָגט אַ יידישע טעאַטער־סטודיאָ — איז דאָך אַוודאי גוט. אפשר טאַקע באמת יידישע קונסט. בלויז השם יתברך אַליין ווייס וואָס ביי אייך טוט זיך דאָרטן. נו, מילא. כ׳האָב גאָרניט געמיינט: איר דאַרפט צוליב עפּעס אַן אַלט וואָרט ניט אַרויס פון די כלים. איז — לאָמיר צוקומען צום ענין. אַ יסוד איז פאַראַן: מיט דער צייט וועט אויך זיין אַן אייגן הויז. אויך שוועריקייטן און האַרצווייטיק — אַן דעם גייט עס ניט. און עקספּערימענטן. עקספּערימענטן און נסיונות. עפּעס וועט שוין זיכער אַרויסקומען דערפון. כ׳זע עס בחוש. הערט וואָס איך זאָג אייך: דערשרעקט זיך ניט פאַר אַ טויזנט עקספּערי־מענטן — און זאָלן זיי זיין שווער־און־ביטער ווי דער טויט אַליין. מן השמים וועט מען אייך ביי די הענט פירן: שרעקט זיך נאָר ניט פאַר עקספּערימענטן, נסיונות, ראַנגלעניש, קאַמף. מיט די צייַן זאָלט איר קעמפן. יידישע קינדער זענט איר — דאַרפט איר שוין וויסן וואָס איך מיין. פלאַכע זאַכן דאַרפט איר פאַרוואַנדלען אין טיף־טיפע זאַכן, אויב נאָר איר ווילט עפּעס מאַכן פון זיך. איר ווילט יידיש טעאַטער — מאַכט עס, שאַוויניסטן העלדישע וואָס איר זענט. כ׳זאָג אייך באמונה שלימה, אַז אַ מענטש קאָן זיך אויס־

האָקן אַן אייגענעם לעבן אין דער רעוואָלוציע. איר ווילט יידישע קונסט — נאָט אייך יידישע קונסט. איר דאַרפט זי אָבער פאַרדינען מיטן דם התמצית. דאָס איז רעוואָלוציע. דרייט וווהין איר ווילט — טרעט אָבער ניט אָפּ פון דער רעוואָלוציע. באַשיינט און באַקרייננט אייך מיט דער טראַגישקייט פון דער רעוואָלוציע — יעדער איינער פון אייך ביחידות, און אַלע צוזאַמען אין אַ קיבוץ. זעט נאָר וווהין כ׳בין פאַרפאָרן מיט מיין יידיש־לשון. שוין אַ היפּשע צייט ניט גענוצט. איי, מילא. כ׳בין ניט געקומען דאָ צו דרשנען פאַר אייך — צוליב וואָס־און־ווען פאַרפאָרן אין אלף הששי אַריין. הערט זשע: כ׳האָב אַ בשורה טובה פאַר אייך. אונדזער מלוכה שטעלט אין אייער רשות אַ טייל פון איר עקספּערימענטאַלן טעאַטער. כ׳האָב אַ ביסל געקעמפט פאַר אייער ,משיח בן יוסף׳, כ׳ווייס נאָך אפילו ניט, וואָס פאַר אַ חי־וקיים איר האָט ביי זיך אין די הענט. אַ ביסל געהערט וועגן דעם יונגן מחבר. איר זענט אַלע ביי מיר באַגלייבטע — זינט איר האָט זיך אין מיין צימער אַריינגעריסן, פּראָווינציאַלן, בטלנים, וואָס איר זענט. לאָמיר האָפן, אַז איר וועט ניט געטראָפן ווערן פון אַ קורטוב קאָנטררעוואָלוציע, צוליב אָט דעם מאָדנעם שפּיל אייערן. משיחן גלוסט זיך דיי. אַ מאָל געווען אין סיביר אייער משיח — אָדער זיצט נאָך אַלץ ביי די טויערן פון רוים?״

זיינע רייד האָבן זיך געצויגן איבער די קעפּ פון די מסובים און זיך געלאָזן אין דעם מנחהדיקן הימל פאַר דער שקיעה. ווען ניט די ווידער־אַנקומענדיקע שטים דניאלס, וואָלטן זי מסתמא אַזוי לאַנג געבליבן ביז אין דער נאַכט אַריין. דניאלס וואָרט האָט זיך איצט געטראָגן מיט אַ בפירושדיקער באַגייסטערונג, פּונקט ווי מיט דער אָנקומענדיקער שקיעה וואָלט אים באַהערשט אַן אויפגייענדיקע קלאָרקייט:

„חברים. טייערע חברים מיינע, גוטע מענטשן. זאָגט מיר, איך בעט אייך, במה מתחילין ובמה אין מתחילין אין ,משיח בן יוסף׳?״

האָט זיך איינער פון די מסובים צערירט: ער טאַקע איז געווען

אַט יענער באַאַמטער, וואָס האָט ביי מיר דעם שפּיל מיטן באַפעל אָפּגענומען. האָט ער זיך ממש צעוויגט און אויסגערופן:

„דער מחבר פונעם שפּיל איז געווען אַ יינגער חבר. פון טאַטנס הויז איז ער גלייך אַריינגעשפּרונגען אין די פלאַמען פון דער רעוואָ־לוציע. ער הערט דאָרט דעם טראָט פון משיח בן יוסף. האָט ער געזאָגט. ניט משיח בן דוד, נאָר משיח בן יוסף דווקא. האָט אַוודאי געהאַט זיינע טעמים דערצו. איז ער איין מאָל אַרויס צו יענעם משיח — און זיין בלוט איז פאַרגאָסן געוואָרן אויפן שלאַכטפעלד קעגן דעניקינען. ניט וויט פון דאַנען: דאָרט אַנטקעגן, פון יענער זייט דניפּער, איז ער געפאַלן".

האָט זיך אַ צווייטער אויפגעטרייסלט. ער איז גאָר די גאַנצע צייט געזעסן מיט אַן איינגעבויגענעם רוקן, זיין קאָפּ אַראָפּגעלאָזן צווישן זיינע אָרעמס און די אויגן ווי פאַרשטאָכן אין דער ערד, ווי קיינער וואָלט גאָר דאָרטן ניט געווען, האָט ער מיט זיך אַליין געפירט אַ חשבון:

„חברים, חברים, אַ תמיהה בריט מיר מיינע ליפּן. ווי הויבט מען טאַקע אָן אַ שפּיל וואָס איז ‚משיח בן יוסף׳? ווער ווייס אויב עס שטייט אונדז ניט פאַר קיין גרויסע סכנה צוליב דעם אין אַזעלכע צייטן. אַ פּחד דריקט מיר אויפן האַרצן: עס איז דאָך תרתי דסתרי: די רעוואָלוציע און משיח. אַפילו משיח בן יוסף. משיח איז דאָך אַלץ משיח. כ׳האָב מורא, אַז עפּעס אַ סכנה הענגט איבער אונדזערע קעפּ, און כ׳קאָן זי ניט אָפּשטעלן".

האָט זיך מיט אַ מאָל צעפלאַקערט אַ רויטער ניצוץ אין די אויגן פון די מסובים: פון דער שקיעה האָט ער זיך געצויגן צו די שטילע וואַסערן פונעם דניפּער. דניאל איל׳איטש האָט זיך אויפ־געשטעלט און האָט אַ טראָט אָדער צוויי אויסגעלאָזט אַנטקעגן דער שקיעה. פון דאָרטן האָט זיך זיין וואָרט געריסן מיט אַ געקלאַג, וואָס האָט לאַנג קאַנוואַלסירט אינעם אַנקומענדיקן טונקל:

„הערט נאָר ווי יענער צערטלט זיך מיט זיין תרתי דסתרי. איי, האַרץ מיינס, רעוואָלוציע מיינע, תרתי דסתרי שפּאַצירן דיר

אַרום איבער דער וועלט דיינער! איין מאָל בין איך אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן אין דער אשמורה פון חצות. האָבן זיך אויף מיר אָנגעטראָגן המוניות־המוניות מענטשן און מיך פאַרטראָגן אין זייער אָנפלוס. אין יענער שעה איז אויף מיר אָנגעפאַלן אַ גרויסע מורא. האָט זיך מיר אָנגעטראָפן איינער אַ מאַן וואָס האָט זיך מיט חדווה געטראָגן אויפן שטראָם, האָב איך אים געפרעגט: אפשר ווייסטו וווהין טראָגט אונדז אָט דער מענטשן־פלוס? האָט יענער מיר געענטפערט: חברשאַפט און ליבשאַפט דערוועקסטו אין זיי דורך דיינע קינסטלערישע מעשים, און דאָס טראָגן זיי דיך אויף זייערע הענט ווי משיחן. האָט זיך אויף יענעם אָנגעטראָגן אַן אַנדערער און האָט געשאָקלט מיט זיין קאָפּ איבער אים און מיר דערציילט: ניט אַזאַ איז די מעשה: דאָס גייען זיי אויף ווייטע אומפאַרשטאַנענע מלחמות, ווייל דו האָסט זיי דערעפנט די שנאה אין זייערע טיפענישן, און דאָס וואָרט האָסטו זיי געגעבן אין מויל אַריין, און דאָס האַרץ אויסגעשריי האָסטו זיי אַרויפגעטאָן אויף זייערע ליפּן — דעריבער גייט זיי דאָס האַרץ אויס צו דיר. אָט אַזוי האָבן זיי ביידע גערעדט. פרעג איך אייך, חברים טייערע, גוטע ברידער מיינע: וווהין טראָגט עס אַ מענטשן זיין טראָט אין דער אשמורה פון חצות?"

האָט זיך איינער פון די מסובים אָפּגעטאָן פון זיין אָרט ופרש לו לקרן־זווית אויף דער בינע, ווייל זיין לעבן איז אים שווער געווען און זיין האַרץ פאַרביטערט. האָט ער געבעטן רחמים און געזאָגט:

„מיד איז אַ מענטש און איינזאַמקייט האָט זיך פאַרזעצט אין זיין נשמה און הימלען עפענען זיך אים מער ניט ביי חצות. דעריבער גייט אַ מענטש אַרויס אין דרויסן אויף די שטאָטישע גאַסן, און מענטש באַהעפט זיך מיט מענטשן, און איינזאַמקייט חברט זיך מיט איינזאַמקייט. ביז איינער אַ נאַכט קומט אָן די אשמורה פון חצות און עס עפענען זיך די הימלען — דעמאָלט אַנטפּלעקן זיך די חורבות אין גאַסן און געמאַרקן. פון זיין אייגן האַרץ אַנטלויפט אַ מענטש אינעם חצות אַריין. אַ מענטש, אַ מענטש: ווי אַ כהן איז ער מקריב זיין איינזאַם אויפן מזבח פון חצות. אינעם גרויסן שטראָם פליסט

ער אַ ליידיקן הימל אַנטקעגן אין דער אשמורה פון חצות".

האָט זיך איינער צווישן זיי דערצאָרנט, און זיין ברענענדיקער כעס האָט אים פאַרטראָגן ווי אַ צעמישטן פון זיין אָרט ביז צו דער מיט פון דער בינע. דער גאַנצער פּרצוף זיינער האָט געגליט אַנט־קעגן דניאל איל'איטשן אין דער רויטקייט פון דער שקיעה:

„זעסט, חבר, וואָס פאַר אַ געשטאַנק ס'טוט זיך דאָ? הערסטו כאָטש וואָס מיט די מנוולדיקע קאָנטררעוואָלוציאָנערן קומט דאָ פאָר? וויפל מאָל כ'האָב ניט געוואָרנט! כ'קען זיי, אָט די קליינ־שטעטלדיקע מוסרניקעס־בטלנים. אַזאַ מין שמוציקע כנופיה, ווי איז מיר. הער נאָר, הער נאָר, ווי מ'ריידט עס דאָ. פעם אחת הייתי מהלך... פעם הייתי מהלך... דניאל, אין וועלכן אומגליק לאָזסטו זיך עס אַריין? ס'איז דאָך ממש ווי יענע דיבורים — אָ, פאַרשאָלטענע, פאַרגעסענע דיבורים יענע, ווי גייען זיי? כ'געדענק דאָך! כ'ווייס: אמר ר' יוסי. קאָנטעררעוואָלוציע, זאָג איך! קלעריקאַליזם — כ'וואָרן אייך. האָט איר געהערט אַזוינס? — אמר ר' יוסי: פעם אחת הייתי מהלך בדרך ונכנסתי לחורבה אחת מחורבות ירושלים. יאָ, אָדער ניט? גערעכט, אָדער ניט? וואָס מיינט איר, אַזעלכע דיבורים פאַרגעסט מען? כ'ווייס דען ניט פון וואַנען זיי קומען? אַ סטודיאָ גיב זיי, די ממזרים. אַ קונסט אַ יידישע האָט זיך זיי פאַרגלוסט. אַן אומגליק האָט זיך אייך פאַרוואָלט, משוגעים. אמר ר' יהושע בן לוי. דעגענעראַטן. אין וועלכער רעאַקציע ווילט איר נאָך פאַרקריכן, יידעלעך וואָס איר זענט? חברים, טייערע חברים. זאָג דו זיי, דניאל איל'איטש. ביסט דאָך ביי זיי דער מורנו ורבנו. שפּיי זיי אָן אין זייער מיאוסן פּרצוף אַריין און טרייב זיי אַרויס פון דאַנען. זאָלן זיי ניט־ווערן, די בטלנים! ביסט דאָך פאָלקס־קינסטלער — דערקלער זשע זיי וואָס טעאַטער מיינט ביי אונדז. אויף אַ תהום שטייט איר, הינטישע זין וואָס איר זענט! לאָזט בעסער אָפּ משיחן, זאָג איך אייך. אַ חברישע עצה טובה איז עס. דניאל איל'איטש, וואָס פאַר אַ רעכט האָט איר עס אַזוינס צו טאָן? ווייסט איר מיט וואָס דאָס שמעקט, דניאל איל'איטש?".

איז דניאל איל׳איטש צוגעקומען צום ברעג פון דער בינע און פאַרשטאַרט פון דערוואַרטונג איז ער געשטאַנען אַנטקעגן דעם דניפּער, וואָס האָט געפירט זיין חשכות אין דער סאַמע שטומקייט פון די שקיעה־פלאַמען. איז ער אַזוי געשטאַנען ריידנדיק ווי צו זיך אַליין:

„ווידער בין איך אַ מאָל געגאַנגען ביי נאַכט אין איינעם אַ כרך מעבר לים. זיינען די גאַסן דאָרט געווען פאַרפּלייצט פון עלעקטרישן ליכט, ווי פון ליכט אין מיטן טאָג. זיינען מענטשן דאָרט געפלאָסן אויף אַ פּלאַץ אין מיטן שטאָט, ביז ס׳איז אָנגעשטאַנען אַ מין גע־ווירבל אָן אַן אָנהייב און אָן אַ סוף, נאָר יאָגט שטענדיק נאָך זיך אַליין. האָב איך זיך געווענדט צו איינעם אַ מאַן און אים געפרעגט: אָט די אַלע, וווהין טראָגן זיי זיך? האָט ער מיך אָנגעקוקט, ווי מ׳קוקט אַ מאָל אָן אַ גאָר פרעמדן, און זיין פּנים האָט געהאַט דעם קאָליר פון אַ בר־מינן און זיך צעלאַכט הויך אויפן קול — אָבער זאָגן האָט ער גאָרניט געזאָגט. איז אויף מיר אָנגעפאַלן אַ חולשת־הדעת, און כ׳האָב זיך פאַר עפּעס געשראָקן, ווייל דער הילוך פון יענע מענטשן, האָט זיך מיר געדוכט, ווי אויסגעריסן פון זיין שורש און האָט קיין שום תכלית ניט געהאַט, אַפילו קיין חברותא צווישן זיי האָט ער ניט געשאַפן — האָב איך געמיינט, אַז כ׳בין באמת אַראָפּגעקומען אין גיהנום אַריין צווישן די רפאים. כ׳האָב אַוודאי געוווּסט, אַז ס׳איז בלויז אַ וויסטער חלום אַזעלכער, ווייל כ׳בין דאָך אַ פרעמדער געווען אין יענעם לאַנד און די שפּראַך פון די מענטשן האָב איך ניט פאַרשטאַנען — אויך אַ טראָפּן פאַראַכטונג פאַר יענע מענטשן האָב איך מיט זיך מיטגעבראַכט, נאָך איידער כ׳האָב אַ פוס אַוועקגעשטעלט אויף זייער ברעג. זיי האָבן זיך אָבער אויף מיר אין גאַנצן ניט אומגעקוקט.

אַזוי בין איך שוין אויך אַריינגעצויגן געוואָרן אינעם געווירבל, איינער שטופּנדיק דעם צווייטן, קוקנדיק איינער דעם צווייטן אין די אויגן און גאָר ניט זעענדיק דאָרטן. איז טאַקע צוליב דעם מיין פּחד געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, ביז ער האָט זיך פאַרוואַנדלט

אין אַן אימה: ווי קאָן עס געמאָלט זיין, אַז אַ מענטש זאָל ווען עס איז זיך אַליין דערקענען, אַז ער קאָן זיין שכן ניט דערקענען? אויך האָט דאָס עלעקטרישע ליכט מיר אויסגעזען, ווי עס וואָלט אַלץ לחלוטין אויסגעהוילט פון אינעווייניק; פונקט ווי מענטשן וואָלטן דאַרט ניט אַרומגעגאַנגען, און ס'איז בלויז אַן אחיזת־עינים וואָס דער שטן פאַרפירט מיט זיין כישוף אין דעם חלל פון דעם כרך. אָבער טאַקע אויף יענעם אָרט האָבן זיי פאַרמאַגט שפּיל־הייזער און טעאַטערן אָן אַ שיעור: זיינען המונים מענטשן אַריין און אַרויס פון יענע ערטער, און כ'האָב געזען, ווי זיי גייען אַריין מיט זייער איינזאַם, און גייען אַרויס מיט נאָך אַ גרעסערן איינזאַם וואָס בליט אין זייערע שוואַרצאַפּלען — און ביים אַרויסגיין האָבן זיי מיר אַלע אויסגעזען ווי אויסגעליידיקטע וואָס האָבן קיין ממשות ניט. אַזוי בין איך לאַנג אַרומגעגאַנגען, ביז כ'האָב געמיינט, אַז מיין אייגענער שאָטן איז אין יענעם ליכט פאַרלאָרן געגאַנגען, און מיין האַרץ האָט געשריען נאָך הילף, אָבער קיינער האָט ניט געהערט" —

איז יענער קאָמיסאַר, וואָס האָט געוואָלט נאָכקוקן דניאל איל'איטשעס מעשים, פאַרציטערט געוואָרן און האָט ווי אַ וואָלף אַ שפּרונג געגעבן פון זיין אָרט צו דניאלן איל'איטשן ביים ברעג פון דער בינע, וואָס איז געווען אָפּן אַנטקעגן די פאַרלאָשענע הימלען. דער פינצטער פון די האָריזאָנטן האָט אָנגעהויבן זינקען אינעם חלל פון דער וועלט און אין יענער שעה האָבן אַלע קלאָגן פון דער שטאָט זיך פאַררוקט אין פאַרשלאָסענע ברונעמער; די רויטע שקיעה איז נעלם געוואָרן אין אַ שוואַרצער ליידיקייט אָן קלאַנג און אָן זכר. אַפילו דער אָפּגלאַנץ פונעם דניפּער איז אַ פאַר־שטומטער געבליבן. אויך דער צאָרן פון יענעם קאָמיסאַר האָט זיך ניט געקאָנט דערשרייען, נאָר האָט אין אים געשטעקט אַ פאַרזונ־קענער, פונקט ווי אין יענער מינוט וואָלטן זיך פון אים אָפּגעריסן אַלע זיינע דיבורים. דניאל איל'איטש האָט זיך צו אים אַפילו ניט געווענדט. זיין וואָרט האָט זיך נאָך אַלץ פון זיך אַליין געצויגן אין פאַרהוילענע שטראָמען אין דער נאַכטיקער וועלט אַריין:

„געשריען האָב איך נאָך הילף, אָבער איך אַליין האָב אַפּילו מיין אייגן קול ניט פאַרנומען. איז מיר זייער ביטער געווען. מיר האָט זיך געדוכט, אַז דער גאַנצער מענטשן־געווירבל אויף יענעם אָרט האַלט מיך אין איין אַרומרינגלען, אַריין־און־אַרויס, עלעהיי איך האָב עס זיי אַלעמען דערצויגן און זיי איבערגעלאָזן אַרומצוואַנדערן איבער דער וועלט מיט דער אימה וואָס בליט אין זייערע אויגן און זיי ווייסן אַפּילו ניט.

„בהיסח־הדעת בין איך דעמאָלט פאַרגאַנגען אין עפּעס אַ געסל, ווו מ׳האָט ניט געקאָנט דערקענען קיין מענטשנס פּנים, צוליב דער פינצטערניש דאָרטן. האָב איך זיך אָנגעטראָפן אין עפּעס אַ פאַר־שטויסענער חורבה אין אַ זייטיקן הויף, פון וואַנען עס האָבן אויס־געבראָכן פאַרשידענע קולות — אַלע האָבן זיי זיך געמישט אין געבעט־געשריי וואָס כ׳האָב אויף מיין גאַנצן לעבן קיין מאָל ניט געהערט. כ׳האָב ניט געוווּסט, וואָס פאַר אַ סכנה עס שטייט פאַר אַ פרעמדן וואָס קומט אַהין אומדערוואַרטעט. קיינער, אָבער, האָט זיך אויף מיר ניט אומגעקוקט ווען כ׳בין אַהין אַריינגעקומען. דאָס אָרט איז געווען אַ זאַמלהויז פאַר נעגערס — אַ מקום קדוש אָדער אַן אַמוזיר־פּלאַץ, אָדער ביידע צוזאַמען — און אַלע די וואָס זענען דאָרט געווען פאַרזאַמלט האָבן געהאַלטן אין איין רייסן זיך פון זייערע כלים. ווער ס׳האָט זיך געקלאַפּט קאָפּ־אין־וואַנט, ווער קניִענדיק, האָט גאָר געגלוסט צו פאַרשטעקן זיין קאָפּ אין דער ערד: קיין חילוק ניט געווען צווישן מאַן און פרוי. אַלע דאָרט האָבן זיי געשריען נאָך הילף, יעדער איינער אין זיינעם אַן אייגענעם יחוד: תאווה־געשרייען, יסורים־קרעכצן, ווייטיק־געקלאָגן, סליחה־געוויינען, מנחה־תחנונים, נצחון־געברומען — אַלע זיינען זיי בוקע־רקיעים געווען אין עפּעס אַ ווילדן חדווהדיקן געווירבל. איך, אָבער, בין געבליבן שטיין אַ פאַרשטיינערטער פון פּחד: ניט צוליב דעם, טאָמער וועלן זיי כאַפּן און מיר עפּעס אָפּטאָן, דער פּחד איז געווען, טאָמער וועט מיין האַרץ ניט קאָנען ביישטיין און זיך צעטרייסלען ביז צום אויפרייס. כ׳האָב געשפּירט בחוש, ווי זייער געווילד צע־

וויגט זיך אין מיר און דריקט אויף מיר. כ'בין אָבער סוף־כל־סוף דעם נסיון בייגעשטאַנען. איי, זאָג איך אייך, די גבורה פונעם קינסטלער וואָס צוימט זיינע ווילדסטע גלוסטונגען!

בין איך אַזוי צווישן זיי געשטאַנען — פון מאָל צו מאָל האָב איך דערפילט מיין קאָפּ, אַז אָט־אָט וועט ער זיך צעוואַרפן איבער אַלע פיר ווענט פון יענעם אָרט. אלא וואָס? עפּעס אַ ניגון האָט זיך צו מיר דערריסן פון די סאַמע אימהדיקע יללות זייערע: דער ניגון האָט אין זיך איינגעזאַפּט זייערע קוויטשערייען און געקרעכצן און יללות און געשרייען. איי, דער ניגון פון עפּעט אַן אומגעזעענעם מענטשן אין יענעם הויז האָט זיך געצויגן ווי אַ סטרונע פון אַ פידל, ווי דאָס קול פון אַ וואַסערל געריזלט, ווי אַ תפילה פון אַ קינד — אין יענעם היוליותדיקן געווירבל. און אפשר טאָקע ניט דער ניגון פון בלויז איין מענטשן אַליין — ניט דווקא פון איין יחיד אַליין. יעדן איינעם דאָרטן האָט זיך מסתמא זיין ניגון אויס־געוועבט פון זיין אייגענעם געראַנגל: אין דעם לפני־ולפנים פון זיין געראַנגל האָט ער זיך געוועבט אין זיך געטוליעט צו גאָט. נו, מילא: נעגערס. יעדער נעגער האָט דאָך זיינע אייגענע גילדערנע טרעפּ צו גאָט. דאָס איז דער דרך פון דער רעוואָלוציע זייערער: משיח. אָבער ניט נאָר איך אַליין האָב זיך איינגעהאָרכט אין מענטש נאָך מענטש און פאַרנומען זיין ניגון. יעדער אייגער דאָרט האָט אַזוינס געטאָן — אין זיך אַליין זיך איינגעהאָרכט און אויך אין צווייטן. אַזוי מענער, אַזוי פרויען, סיי אַלטע, סיי יינגע. אויך די קינדער אַזוי. מ'שלאָגט זיך קאָפּ אָן וואַנט — און מ'האָרכט. מ'גייט אַרויס פון די כלים, און מ'האָרכט זיך טיפער און טיפער איין. פונקט ווי פאַר עפּעס אַ קידוש־השם האָבן זיי זיך אַהין צונויפגעזאַמלט. מ'שטייט ממש אויפן שוועל פון שטן און לילית — און פאַרנעמען פאַרנעמט מען דעם עכאָ פון משיחס טראָט. דאָס איז עס. פון דאַנען נעמט זיך עס דאָך דער פּחד דעם קינסטלערס. זאָג איך אייך: דער גרויסער פּחד. אפשר איז עס טאָקע די אמתע רעוואָלוציע אַליין. זייט עס מקבל פון מיר: דאָס איז רעוואָלוציע. מסתמא האָבן זיי דאָרט

געהאַט עפּעס איינעם אַ חזן, אָדער אַ שמש, וואָס בהעלם האָט ער אָנגעפירט מיט דער קהילה קדושה זייערער: ער האָט עס אַוודאי אַרויסגעשיקט אין דער הייך דעם ניגון. ווייל ווען ניט, ווער ווייס צי זיי וואָלטן געקאָנט ביישטיין די סכנה פון אויפרייס. אַ חזן אָדער אַ שמש אַזעלכער — איינער וועמענס געדאַנק איז אַ לויטער־קלאָרער און זיין האַרץ לאָזט זיך ניט אַריין אין פאַרשידענע אויפברוכן און געווילדן וואָס ליגן באַהאַלטן ביי אים אין האַרצן. משמעות: נויטיק. ניט־ווילנדיק מוז מען אים פאָלגן. מ׳קאָנטראָלירט, און מ׳פאָלגט אים; מ׳בויגט זיך אין דרייען פון ווייטיק, און מ׳פאָלגט. דאָס הייסט אַן אמתער אַנסאַמבל. אין דער וועלט און אַזוי אויך אין טעאַטער. דאָס איז דער אלף־בית פון קינסטלערישן שפּילן, זאָג איך אייך! גו, מילא. כ׳האָב באַמערקט, ווי איינער פון זיי אין יענעם מקום איז אויפגעשטאַנען און האָט זיינע אָרעמס אויסגעשפּרייט איבער אַלעמענס קעפּ און זיך צעזינגען:

מ׳גייט אויף טרעפּ אַרויף, ברידער — אויף גילדערנע טרעפּ אַרויף, שוועסטער; צו גאָט ברוך הוא גייט מען, אָ, ברידער — אין טיף־בלויע הימלען, אָ, שוועסטער...

צום סוף האָבן אַלע אים אַרומגערינגלט און לאַנג אים געהאַלטן אין זייער קרייז: געזונגען און געפאַלן איינער דעם צווייטן אויפן האַלדז —און אים אַלץ געהאַלטן אין זיין קרייז, פונקט ווי עפּעס וואָלט מיט אים געשען אויב דער קרייז ווערט צערודערט. אַזוי, ביז ס׳איז אָנגעקומען די אשמורה פון חצות — — — בין איך פון דאָרטן אַרויס אויף דער גאַס און כ׳האָב קלאָר געוווסט: מן השמים האָט מען מיר געוויזן. צוליב עפּעס וואָס האָב איך די גאַנצע נאַכט גע־טראַכט פון משיח בן יוסף״.

סוף־כל־סוף איז ער אַנטשוויגן געוואָרן. די נאַכט איז ווי אָנ־געפילט געוואָרן מיט טיף־געעפנטע ברונעמער. האָט זיך אַן אַנדערער פון די מסובים צעקלאָגט, און זיין קינה איז אַרויסגעוואָקסן פון דער ערד אַליין, און אין דער געדיכטער פינצטערניש האָט זי ניט געקאָנט

האָבן קיין פּתחון־פּה כלפּי אַ שטערן וואָס איז דעמאָלט שוין געהאַט אויפגעגאַנגען אין הימל:

„איין מאָל בין איך אָנגעקומען פון אַ לאַנגן וועג, נייענדיק אַהיים צו מיין טאַטן — האָב איך דערזען ווי עס ברענען פייערן אין די טיפקייטן פון דער נאַכט און זיך זייער געשראָקן, טאָמער איז עס דעם טאַטנס הויז וואָס ברענט. האָב איך צוגאיילט מיין טראָט, און נאָנט צו חצות בין איך אָנגעקומען צום תחום פון דער שטאָט. אין יענער שעה האָבן זיך די הימלען געהאַט צעפלאַקערט און די האָריזאָנטן האָבן זיך מיר צעפלאַמט פון הינטן און פון פאָרנט — האָב איך דערזען ווי די גאַנצע וועלט איז אַרומגענומען מיט שריפות. זיינען אַלע וועגן מיר פאַרשפּאַרט געוואָרן און אַ גרויסע אימה איז אויף מיר אָנגעפאַלן, ווייל כ׳בין דאָרט געווען איינער אַליין און קיין מענטשן האָב איך ניט געהאַט מיט זיך אין דער ברענענדיקער וועלט. אין יענער שעה ממש האָבן זיך מיט אַ מאָל מיר אַנטפּלעקט ווילד־פרעמדע מענטשן, ווי זיי גייען אַריין־און־אַרויס צווישן די פייערן און ווי זיי צעהוליען זיך און גייען אַרויס פון די כלים אין אַ חדווהדיקן געטאַנץ — נאָר מיין האַרץ איז מיר איינגעפאַלן צוליב עפּעס אַן אומגליק וואָס האָט געבליצט אין זייערע אויגן און פאַר מורא האָב איך געוואָלט מיין קאָפּ איינגראָבן אין דער ערד. האָב איך זיך גע־װענדט צו איינעם אַ זייעריקן און געפרעגט: אפשר קאָנט איר מיר זאָגן ווי כ׳זאָל צוקומען צו מיין טאַטנס הויז? האָט זיך אין יענער מינוט אויפגעריסן אַ פייער־פלאַם פון מיטן דער ערד, און יענער האָט מיר אַ ווונק געגעבן מיט איין אויג זיינעם, ווי ער וואָלט מיר געהייסן אַ קוק געבן אַהינטער מיר. האָב איך געזען ווי אַ געדיכטע פינצטערניש קלייבט זיך אויף מיר פון יענער זייט פייערן און שטעלט זיך ווי אַן אומדורכדרינגבאַרער מויער אַרום מיר: האָב איך שוין געוווסט, אַז אַלע מיינע וועגן זיינען געשלאָסן און לית דין ולית דיין. מיט אַ מאָל האָט זיך אינעווייניק אין מיר צעלאָזט מיין אימה אין אַזאַ שטורעמדיקער חדווה, וואָס האָט אַזש אויפגעריסן אַלע מיינע בלוטן, און די שריפות אַרום מיר האָבן זיך צעפלאַקערט אין אַלע

מיינע ביינער — האָב איך זיך צעגוואַלדעוועט צוליב דער הילולא וואָס אָן אַ פאַרוואָס און אַ פאַרוועגן האָט זי פאַרפּלייצט מיין הארץ, און כ'האָב זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ נביאות זאָגן אויף דער שריפה פון טאַטנס הויז — — — אָט דאָס איז דאָך משיח בן יוסף — — — דאָס איז ער, משיח בן יוסף".

האָט אים דער חבר קאָמיסאַר מיט שרעקלעכן צאָרן אָפּגעשניטן זיינע רייד און זיך אַוועקגעריסן צום אָרט ווו דניאל איז געשטאַנען. מיט זיינע פויסטן האָט ער געזעצט אויף זיין האַרצן און זיך פאַר־נומען אין אַ יללה וואָס האָט זיך געצויגן אין דער פאַרלאָרענער נאַכט אַריין:

„ווינד און וויי איז דיר, דו מענטש איינער. אוי־וויי, וואָס דער רעוואָלוציע איז דאָ געשען! כוליגאַנעס, זאָג איך אייך. יידן־כולי־גאַנעס, דער טייוול זאָל אייך אַלעמען צוכאַפּן. אַ צעדריפּעט פאַר־שטונקען יידל האָט זיך אַרויסגעלאָזט כוליגאַנעווען איבער דער וועלט, און גיי טו אים עפּעס! דניאל איל'איטש, דאָס מויל זיינס פאַרשטאָפּ אים, איידער אַן אומגליק געשעט. עפרא לפומיה! חברים טייערע, רייסט אים זיין צונג פון שמוציקן מויל אַרויס. קוקט אים נאָר אָן, דעם יידליק, וואָס משיח האָט זיך אים פאַרגלוסט, און איז אַרויס די וועלט אונטערצונדן צוליב אים. נאָר איין פינגער גיב אים, וועט ער דיר דעם בויך פון דער מאַמע־רעוואָלוציע אויפ־שניידן. בלויז משיחן גיב אים, ניט קיין אַנדערן, ימח שמו זאָל ער ווערן. קוק נאָר אָן, דניאל איל'איטש, ווי אומגליקלעך מיר ווערן דאָ. וויפל מיר האָבן עס ניט געהאָרעוועט, זיך קאָפּ־אָן־וואַנט גע־שלאָגן, ביז עפּעס אַ טיר האָט זיך אין דעם טעאַטער פאַר אונדז געעפנט — און ער, אין כוליגאַנישע פייערן צעשפּילט ער זיך. נאַרישער שיכור איינער: וויל זיין העכער פון אַלעקסאַנדער בלאָקן און זיינע „צוועלף" מיט זיינע ווילדע שריפות. אַ ישיבה־בחור זאָל אַזאַ מנוול זיין! מיר וועלן נאָך דיר דיין פאַרלייזיקטן בויך אויפ־רייסן, דו ממזר בן הנידה, היניטישער זון איינער. איך, פּאָליטישער קאָמיסאַר ביים עקספּערימענטאַלן רעגירונגס־טעאַטער, וואָרן דיך.

דאָס לעצטע מאָל, זאָג איך דיר! אין די פינצטערסטע תפיסה־קאַמערן וועסטו ביי מיר פוילן. אַזוי קאָן ניט אָנגיין ווייטער, רבותי, טייערע חברים מיינע. כ׳וואָרן אייך: קוקט זיך אַרום, ווו איר זענט ערגעץ אין דער וועלט. ווייל אויב ניט, איז נאָר איין באַפעל פאַראַן: זיך צעגיין! לא היה ולא נברא, פאַרכעס וואָס איר זענט!״.

אויפן שוואַרץ־לײַדיקן האַריזאָנט האָט נאָך אַ רויטע זון איין מינוט אָן אויפגעהאַנגענע געוואַרט, איידער זי איז אין גאַנצן אַראָפּ־געפאַלן פון איר אומגעזעגענעו תליה. האָט זיך דניאל איל׳איטש אויסגעדרייט אַנטקעגן די פאַרואַמלטע, אַרויפליייגנדיק בשעת־מעשה אַ רחמנותדיקע האַנט אויפן אַקסל פונעם קאָמיסאַר:

„אַ טיפן אמת האָסטו אַרויסגעזאָגט, מיין ליבינקער. איי, חברים, קינדערלעך מיינע: גייט און דערטרינקט יעדער איינער פון אייך זיין צער אינעם ים פון דער רעוואָלוציע. אוי, דער איינזאַם אונדזערער וואָס גייט אַרום איבער דער וועלט. אים קומט דער ערשטער אויס־געלייזט צו ווערן ווען משיח וועט קומען. קומט זשע, קינדער, לאָמיר דערציילן דעם משיח בן יוספן אונדזערן: אונדזער שטוב איז פאַר־שפּאַרט און אונדזער צימער איז גרוי און אונדזער טיש איז ליידיק — קום ריכט אונדז אויס אַ חברותא איבער אַ לאַבן ברויט און אַ קרוג וואַסער און אַ קערנדל זאַלץ! און מיט דער אשמורה פון חצות וועלן מיר אין המוניות אַרויסקומען צו באַגעגענען משיחן אונדזער ברודער. אַלע צוזאַמען וועלן מיר אַנטקעגן גיין משיחן און זיין בשורה. איי, די מעכטיקע בשורה וואָס מיר וועלן אונדזער פאַלק אָנטראָגן פון דער בינע אונדזערער! איי, משיח יידישער אויף די ברעגעס פונעם דניפּער!״.

האָט דער קאָמיסאַר אין זיין גאַנצער הויך זיך אויסגעצויגן אַנטקעגן דער קופערנער זון, וואָס נאָר אויף איין אָטעם איז זי נאָך געהאַנגען אין דעם שוואַרצן פינצטער איבערן דניפּער. און איידער זי איז אין גאַנצן פאַרשלונגען געוואָרן האָט ער איר אַנטקעגן אַ שפּרונג געגעבן ווי אַ שטומע חיה אויפן שאַרפן ברעג פון דעם אָפּגרונט:

„אַט־אַט, דאָס טאָקע איז עס. אַרויס איז דער הוילער צער. אַ פּתחון־פּה גיט נאָר דעם הוילן צער אייערן. זאָל דער המון אָפּן טראָגן אין די גאַסן דעם צער פון שוואַרצן צאָרן. איי־איי, קינדערלעך, ברידערלעך, קינסטלער־רעוואָלוציאָנערע, פאָלקס־שפּילער אונדזערע: ווי גוט עס איז! משיח בן יוסף פירט דעם מענטשנס צער־און־צאָרן איבער די וואַסערן פון דניפּער. אַט אַזוינס טוט אויף קונסט. דאָס, זעט איר, איז גאָר גוט: בעסער קאָן גאָר גיט זיין. מיר׳ן זיי ווייזן, ווי יידן אונדזערע קאָנען שפּילן טעאַטער אין דער רעוואָלוציע. משיח בן יוסף, זאָג איך! ניט יענער דווקא וואָס גייט בראש די „צוועלף״ ביי בלאָקן. און ניט יענע קאָזאַקן, כוליגאַנעס שיכורע פון אַ משוגענעם שרייבער־שמינטעליגענט. יידעלעך, זאָג איך אייך! מאַכט אַ וואָרע פּאַר משיח בן יוסף! מיט משיחן וועלן מיר איבערן לאַנד אַרומשפּאַנען! איי, עפּנט מיר נאָר די שריפות וואָס צינדן זיך אין מיינע בלוטן: אַלע וועלדער זייערע, באַנדיטישע, וועלן מיר אויס־ברענען; אַלע פינצטערע נאָרעס זייערע וועלן מיר אויסראָמען. אַט אַזוי דאַרף מען עס טאָן: אַט אַזוי טוען עס יידעלעך מיינע. איי, יידעלעך־יידלאַקעס, אויסגעקראַצענע הינטישע זין, בני ישראל מיינע! נאָר היט זיך. ניט דורכפאַלן, איז דער באַפעל! אין אַן אייזערנעם פויסט האַלט זיי, דניאל איל׳איטש! אויב ניט — פּעכנען פון הונגער וועט איר ביי מיר, איר אַלע מיט אייער משיחן צוזאַמען״.

אַזוי האָט אַ פרעמד־מאָדנע התפּעלות זיינע זיך געריסן אין דער נאַכט אַריין, אין וועלכער דער דניפּער איז פאַרזונקען, כמעט ניט צו דערקענען. אַ פרעמדער שמייכל האָט אויפגעגלאַנצט און געצאַנקט אויף זיין האַרטן פּרצוף, און די פאַרזאַמלטע האָבן אויף אים געקוקט מיט אַן איינגעהאַלטענער מורא. איבער זיי אַלעמען איז געהאַנגען אַ שווער־גורלדיקע שווייגעניש — ביז איינער פון זיי, אַ יאָ־און־ניט־געזעענער פון זיינע חברים, האָט אַראָפּגעלאָזן זיין קאָפּ אויף זיינע אָרעמס ביז צו די קני, און זיין שטים האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסרייסן פון זייער פאַרמאַכטן שווייגן:

„איין מאָל האָב איך אַרומגעוואַנדערט איבער ווייטע שנייִקע

סטעפּעס. איז אַ הונגער דאָרט אומגעגאַנגען צווישן מענטשן שוין פון כמה וכמה יאָרן. האָבן מענטשן זיך איין מאָל צוזאַמענגענומען און האָבן געזאָגט: קומט לאָמיר שרייען נאָך הילף ביים קעניג. האָט דער מלך אויף זיי אָנגעשיקט פרעמדע חיילות, זיינען פיל פון זיי געפאַלן טויטע אונטער אַן אָפענעם שטומען הימל, און פון פיל אַנדערע האָט זיך דאָס בלוט צעגאָסן איבער דעם הוילן ווייס פון די שנייען. ווער זשע זאָל אויסלייזן דאָס רויט פון בלוטן איבערן ווייס פון שנייען אויף ווייטע סטעפּעס? ווער זאָל אויפוועקן די וויוגעס וואָס דרימלען אין בוזעם פון ווייסע סטעפּעס? משיח בן יוסף; משיח בן יוסף!".

האָט אַ צווייטער פון דער חברותא זיך צעגוואַלדעוועט:

„יאָרן אויף יאָרן בין איך פאַרשפּאַרט געווען צווישן הויכע מויערן אין שטעט וואָס מעבר לים. און די מענער דאָרטן — ווער פון זיי עס גייט אַראָפּ אין די גיהנומס ווו עס ברענען די פייערדיקע אויוונס פון וועלכע עס גיסן זיך שטראָמען שטאָל רויטער פון פייער; ווער פון זיי עס נידערט אין שאול־תחתיות אַריין, כדי צו גראָבן אין אייזן און אין קופּער. ווען די אָוונט־שאָטנס לייגן זיך איבער שטיי־נערנע גאַסן, קומען די מענער אַרויס פון אונטער דער ערד און שווייגנדיקע קערן זיי זיך אום אין זייערע היימען, ווו זייער ברויט איז קאַרג און זייער טיש פאַרשמוצט און זייער געלעגער פאַרמיאוסט און זייערע ווייבער פאַרלאָזט אין אַ שנאה וואָס ברענט אין זייערע אויגן ווי דער גיפט פון אַ שלאַנג. ווער זאָל אויסלייזן דעם צער און דעם צאָרן אין די ביינער פון מאַן און פרוי? ווער קאָן פאַרריכטן דעם בראָך וואָס יאָמערט אין אונדזערע געבליטן און אין אונדזערע ביינער? משיח בן יוסף, משיח בן יוסף!".

ערשט דעמאָלט האָט זיך דניאל איל׳איטש אומגעקערט פון דעם ברעג בינע, ווו ער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען, און זיך אַוועק־געזעצט אין סאַמע מיטן פון די מסובים אין זייער האַלב־קרייז. ערגעץ ווו האָט זיך געשפּאַלטן די שווערע שטומקייט, וואָס איז ווי אַ פאַרצייטיקע חיה געלעגן שווער איבער דער וועלט, פונקט ווי נייע רשויות וואָלטן זיך געעפנט אין די הימליש׳ע האָריזאָנטן. האָבן זיך

דעמאָלט דניאל איל׳איטשעס רייד געדוכט, ווי זיי וואָלטן אָנגעקומען און זיך איינגעזאַמלט פון ברעגן אין אָנסופיקע מרחקים:

„משיח בן יוסף. משיח בן יוסף, און ניט משיח בן דוד. בן יוסף וואָס טראָגט נקם ושילם! איבער דער וועלט טראָגט ער זיי, איידער עס וועקן זיך אויף אין אים אַלע זיינע רחמים. איי, משיח מיינער, בן יוסף טייערער: פון פאַרזונקענע נעכט פאַרנעמט ער דעם צער פון מענטשן אויף אונדזער ערד. הערט זשע, קינדער: מחר יהיה האות. אָן אייגענע נחלה קריגן מיר. איך שטיי מיט אייך, שטענדיק. ניט געזאָרגט! אגב: ווער האָט איצט דאָס שפּיל ביי זיך? איז גוט: מאָרגן דאָס ערשטע לייענען. ווער וויל לייענען דער ערשטער? איי, וועלן מיר אַ חיתוך הדיבור אַרויפּטאָן אויף זיינע ליפּן. אַ תיקון וועלן מיר פאַרשאַפן דעם מחבר, וואָס אַזוי יונג איז ער געפאַלן אויפן מזבח פון דער רעוואָלוציע. איר אָבער טוט אַכטונג: דערלאָזט ניט אַז אייערע דיבורים זאָלן זיך צעהוליען ווי שאַקאַלן וואָס יאָמערן אין די חורבות פון אייער האַרצן. דאָס ניט, ניין! ביי דער רעוואָלוציע שווער איך, אַז ניט. אייערע מיאוסע מיילער וועל איך אייך פאַר־שטאָפּן. אייערע זונהדיקע ווערטער וועל איך אייך אין גאָרגל דער־שטיקן. ברויט, דאָס יאָ. און אַ דאַך איבערן קאָפּ. אויך א ווייב, דאָס יאָ. אין דעם גייט עס. דאָרט איז שייך נקמה. זי ברענט עס אויף הימלען פון דער וועלט אין אונדזערע צייטן. און רחמים און אהבה — און דער צער. גרויס ווי דער שוואַרצער ים, האָט אַ יידישער דיכטער געזאָגט. שוין לאַנג פאַרגעסן זיין נאָמען. נאָך געוועזן זייער יונג וועט געלייענט — און נאָך היינט קוועלט זיין וואָרט אין מיר אויף, ווי עס קוועלט אין מיר אויף די רעוואָלוציע. דאָס איז משיח. בן יוסף און בן דוד — אַלץ איינס. אָט דאָס איז קונסט. גייט אַרויס אויף דער בינע און אָפענערהייט פאַר דער גאַנצער וועלט שטילט אין די גע־בליטן דורך רחמים און אהבה און צער. ווי עס איז דעם משיחס, אַזוי דאַרף זיין דעם קינסטלערס צער. חבלי גאולה, זאָג איך אייך. גייט חזרט זיך איין דאָס וואָרט, אין וועלכן עס ווערט אויסגעלייזט משיחס צער. איר ווילט האָבן יידישע קונסט — גוט; זאָל זיין יידישע. טוט

בלויז אַכטונג ניט אָפּצולאָזן דעם אשמדאיס הינט פון די קייטן. הכלל: מאַרגן!".

דניאל האָט שוין געוואָלט עוקר זיין פון זיין אָרט — האָט זיך איינער פון זיי דערוועקט מיט זיינער אַ קינה וואָס האָט זיך צעגאָסן אין זיינע רייד:

„כ׳בין אַרומגעגאַנגען איבערן גאַנצן לאַנד און געזען ווי יידן אחינו בני ישראל לעבן. אַלע טאָג קומען אָן נייע חיילות און פאַלן אויף זיי אָן און לאָזן זייערע הייזער אַוועק אויפן פייער. קומען אָן די איינוווינער פון די נאָענטע דערפער און פאַלן אויף זיי אָן און מאָרדע־ווען זיי אויס און זיינען מטמא זייערע ווייבער — נאָך דעם כאַפּן זיי זייערע קינדער און שפּאַלטן זיי די קעפּ אין פעלדזן און אין ווענט. האָב איך נאָכגעזוכט דעם טראָט פון משיחן — ער זיצט נאָך אַלץ ביי די טויערן פון רוים און בינדט אויף־און אָפּ־זיינע ווונדן. ער קומט נאָך אַלץ ניט, קומט נאָך אַלץ ניט. בין איך אַנטלאָפן אין דער רעוואָלוציע אַריין — האָב איך אויך דאָרט אָנגעטראָפן די זעלבע חיילות וואָס פילן אָן די לופט פון דער גאַנצער וועלט. וואָס זשע פאַר אַ גאולה איז עס, אויב נאָר משיח בן יוסף איז דער דערלייזער? ווי קען גאָר גאולה געמאָלט זיין פאַר יידן צווישן פעלקער אָן משיח בן דוד?"

יענער האָט נאָך געהאַלטן אין מיטן זיין קינה, ווי דער קאָמיסאַר איז ווי אַ טיגער אויף אים אַרויפגעשפּרונגען און אים דערלאַנגט אַ שטום־שווערן פּאַטש איבערן פּנים. איז דער פּאַטש געפאַלן ווי אַן עלנטער שטיין אין אַ פינצטערן תהום. דעמאָלט איז דער קאָמיסאַר אַראָפּ פון דער בינע אַ האַרט־פאַרשטיינערטער, אַפילו קיין בליק ניט געגעבן הינטער זיך. די אַנדערע האָבן שטיל־שווייגנדיקע זיך אָנגעהויבן אָפּטאָן איינער פונעם צווייטן: יעדער איינער פון זיי איז זיך אַוועק אין זיין אייגענעם פינצטער. בלויז דניאל איל׳איטש איז דאָרט געבליבן שטיין אַ רגע איינער אַליין. נאָך דעם איז ער אויך אַראָפּ. פול מיט אימה האָב איך זיך אָפּגעטראָגן פון דאָרטן אָן אַן אָטעם.

ד

אויף מאָרגן האָבן זיי זיך ווידער פאַרזאַמלט און אָנגעהויבן אײנ־טענהן צווישן זיך, ווער עס זאָל דער ערשטער פאַרלייענען דאָס שפּיל פאַר דניאל איל׳איטשן, איידער מ׳פירט עס אַרויף אויף דער בינע. איך האָב פאַרנעפּלט געאָנט, אַז יעדער איינער פון זיי וואָלט איצט מוחל געווען אויף זיין זכות אַריינצופירן דאָס שפּיל לוימ זיינעם אַ דרך. סוף־כל־סוף זיינען זיי מיד געוואָרן פון דינגעניש, און האָבן אַרויפגעקוקט אויף דניאלן, אַז ער זאָל זיי ווי עס איז אַרויספירן פון דעם קאַשמאַר וואָס איז איבער זיי געהאַנגען. דניאל איל׳איטש האָט זיך אָבער אין יענער שעה ניט אָפּגערופן: אַ מין פרעמדע עקשנות האָט זיך אים טיף פאַרזעצט אין זיין פּנים. איך האָב זיך איינגע־שרומפּן אין עפּעס אַ ווינקל צווישן די ווענט פון דער בינע, גלייך אַ רואה ואינו נראה: פון דאָרטן האָב איך אַרויסגעקוקט אויף די מענטשן, וואָס זיינען אַלץ מער און מער איינגעהילט געוואָרן אין דער אָנקומענדיקער נאַכט. הינטער זיי איז פאַריתומט געשטאַנען דאָס טישל, וואָס לכתחילה איז עס באַשט־מט געוואָרן פאַר איינעם וואָס וועט דאָס שפּיל „משיח בן יוסף" אָוועקלייגן אויף דעם; איצט אָבער איז עס געשטאַנען און געוואַרט עד שיבוא אליהו. אין דער געדיכטער לופט האָט געזיירן אַן אומגליקלעכער רעיון: ווי אַ שלאַנג האָט ער זיך געצויגן פון איין שוויגנדיקן מענטשן צום צווייטן אויף דער בינע, אָנטאַפּנדיק די סכנה וואָס אָט־אָט וועט זי מיט אַ מאָל זיך אָפּרייסן פון דניאל איל׳איטשעס ליפּן און זיך צעוואַיען איבער די קעפּ פון די אָנטשטומטע שפּילערס. סוף־כל־סוף האָט אָבער איינעמס אַ האַנט זיך אַראָפּגעלאָזן אין זיין קעשענע אַריין און פון דאָרטן אַרויסגעצויגן דאָס העפטל. יענער איז טאַקע ניט אַרויס פון דער שורה ווו ער איז געזעסן: אין סאַמע מיטן שוויגן זייערן האָט ער אָנגעהויבן לייענען. געדויערט האָט עס מער ניט ווי זייער אַ קורצע צייט — אפשר ווייני־קער ווי אַ האַלבע שעה. דאָס קול פון דעם לייענער האָט זיך געלאָזט אָן אויפגאַנג און אָן אָפּגאַנג: אָן אַן אייגענעם ריטם, אָן ניגון, אָן

קאַליר. ווי אויף אַ וויסט־טונקעלן פּליין האָט זיך עס געצויגן. אָנגע־פּאַנגען האָט דער לייענער פון דעם אַלגעמיינעם שווייגן אַרויס, און פאַרענדיקט האָט ער צוריק אינעם שוויגן אַריין: פּונקט ווי עפּעס אַ בונד אַ הייליקער האָט געהיט, עס ניט צו פאַרשוועכן. אין יענער מינוט איז דניאל מיט אַ מאָל אויפגעשטאַנען און זיך צוגעאײלט צום לייען־טישל. זיין לאַנגאַניקע עקשנות האָט זיך צעשמייכלט אויף זיין אין טונקל־געטונקענעם פּרצוף, ווען ער האָט זיך צערעדט:

„אויף מיין ערנוואָרט, רבותי. וואָס פאַר אַן אומגליק ברענגט איר עס אויף זיך דאָרט אין דער סטודיאָ אייערער? אַ מין וויסטער חידוש, רחמנא ליצלן. מ׳דערקענט באַלד די מלאכה! אַ מין מיטאַמאָ־ליקער שפּרונג, כ׳זאָל נאָר מיט מיינע ליפּן ניט זינדיקן, אין סאַמע ים אַריין פון דער רעוואָלוציע. איי־איי, זאָג איך איך; טאָקע משיחס צייטן. הערט נאָר: כ׳ווייס ווי פּוסט די מעשיות אייערע זיינען. כ׳בין שוין געפּרוווט געוואָרן מיט אַזעלכע משוגעתן. לאָזט אָפּ אָט די שטותים, חברים! גאָרניט שבגאָרניט. כ׳בעט אייך בכל לשון של בקשה: לאָזט צורו אָט דעם משיח אייערן. מיין קאָפּ בייג איך צום טראָט פון אייערע פיס, ברידער. וואָס פאַר אַ צרות זוכט איר זיך אין אָט דער קאָנטררעוואָלוציע אייערער? אדרבא: דערקלערט מיר — וואָס פאַר אַ מין לייענען האָט עס דער חבר געלייענט? ווו האָט איר עס געקראָגן בקבלה אַזאַ מין פינצטערן לייענען? וואָס זענט איר אויסן מיט אָט דער גרויסער חכמה אייערער?“.

אַזוי האָט זיך זיין שפּאָט אַנטקעגן זיי געגאָסן, ביז יענער בעל־קריאה איז אויפגעשטאַנען און האָט זיין צער געעפנט אין דער נאַכט אַריין:

„דניאל איל׳איטש, דניאל איל׳איטש. וואָס אַזוינס טוסטו אונדז און וואָס איז מיט דיר געשען? צוליב וואָס מאַכסטו עס צו גאָרניט אָט די אַלע מענטשן אונדזערע? וויפל מאָל האָב איך דיר עס דער־ציילט וועגן אונדזערע נסיונות? זיינען דיר טאָקע לגמרי ניט באַקאַנט וואָס מיר זיינען אויסגעשטאַנען, ביז מיר האָבן באַשטימט: זאָל יעדער איינער פון אונדז צוקומען צו ,משיח בן יוסף׳ ווי אַ זוכה מן ההפקר.

זאָל ער קומען און אויסזוכן זיין אייגענעם חיתוך־הדיבור און זיין אייגענעם הילוך אין זיינע משיח־זוכעגישן. ווי האָבן מיר אַנדערש געקאָנט טאָן? ענג איז דאָס שפּיל —און יעדער איינער פון אונדז רייסט זיך זיין אייגן פייער אָנצוצינדן. האָבן מיר געטראַכט: זאָל זיך ביי אונדז קיינער ניט מאַכן אַלס אַן אַפּוטרופוס איבערן זיין חברס קול און איבער זיין חברס טראָט. מיר האָבן געהאָפט: ערגעץ ווו ביים משיח וועלן זיך קולות צוזאַמענגיסן און טריט באַהעפטן. דאָס, האָבן מיר געטראַכט, איז טאַקע דאָס שפּיל. דאָס פייער פון פייערן אין דער משיח־געשטאַלט. איך מיין — —".

ער האָט נאָך ניט באַוויזן אויסלאָזן זיין וואָרט, ווי דניאל איל'איטש האָט זיך אַ טראָג געגעבן פון זיין אָרט. ווי אַ תקיף האָט ער אַרויס־געריסן פון יענעמס האַנט דאָס העפטל און גלייך פאַרנומען דאָס בענקל ביים טישל. עטלעכע סעקונדן בלויז האָט ער געוואַרט, ווי איינער וואָס רופט צוזאַמען זיינע טראַכטענישן אַהיים אין עפּעס אַ קלאָרער מחשבה אַריין. זיין פּנים האָט זיך אַלץ מער אָנטפּלעקט מיט זיין שאַרפקייט אַנטקעגן די פאַרזאַמלטע; בלויז דאָס עקשנות איז זיין געשטאַלט איז ווי לחלוטין צעגאַנגען געוואָרן. מיט דער רויִקייט פון אַ הערשער האָבן זיך זיינע רייד צעפלאָסן אין חלל פון דער נאַכטיקער וועלט:

„אַט־דאָס שפּיל וואָס איר פאַרמאָגט, חברים, טויג ניט. לויט מיין מיינונג וועט עס אייך קיין הצלחה ניט ברענגען. פאַרקערט. פאָלגט מיך: לאָזט אָפּ אייער ,משיח בן יוסף'. אַן עסק ביש. איר וועט זיך געפינען אַן אַנדער שפּיל. כ'וועל אייך העלפן. בנאמנות. כ'וועל אייך שטענדיק ביישטיין ווו נאָר מ'דאַרף".

איז דער לייענער אויפגעשטאַנען און פאַמעלעך האָט ער זיך געלאָזט צו דניאל איל'איטשן. טראָט נאָך טראָט האָט ער אַזוי געש־פּאַנט, ווי איינער וואָס וויקלט זיין גורל אין זיין טראָט. פּנים־אל־פּנים האָט ער זיך געשטעלט מיט דניאלן:

„איז דאָס אַ באַפעל, דניאל איל'איטש?".

האָט זיך דניאל שטרענג אויסגעצויגן איז זיין פולער הויך, און

אַזוי זיינען זיי געשטאַנען, ווי צוויי אוראַלטע שונאים, איינער אַנטקעגן צווייטן. נאָך דעם האָט זיך אויג אָפּגעלאָזט פון צווייטנס אויג, און דער צאָרן איז פאַרזונקען געוואָרן — בלויז אַ טיפע תמיהה איז געבליבן הענגען צווישןביידן. האָט דניאל איל׳איטש אַ זאָג געטאָן:

„אַ באַפעל מוזסטו דען האָבן, חבר? איז דאָס דער באַפעל ביי דיר דער עיקר, חבר?״.

„אויב אַ גזירה איז עס, וועלן מיר זי אָננעמען. אַ גזירה היוצאת מלפני השליט. אויב אָבער ניט — — —״

„אויב ניט?״

„אויב ניט — וועלן מיר זיך אומקערן אין אונדזער סטודיא אַריין. אין אונדזער סטודיא פאָלט דער טינק פון די ווענט און די אָבאָזשורן פון אַלע זיינע לאָמפּן זיינען צעשפּאָלטן, און פון דעם צעבראָכענעם דאַך רינט איבער דער האַלב־חרובער פּיאַנאָ אונדזערער... זע נאָר וואָס דו מאַכסט פון אונדז, דניאל איל׳איטש. ערשט נעכטן האָסטו אונדז ביי דער האַנט גענומען, און קוק נאָר אונדז אָן וואָס היינט געשעט מיט אונדז״.

ביידע האָבן זיך אָפּגעריסן פון דעם לייען־טישל און זיך דערנענטערט צו די מסובים. האָט דניאל איל׳איטש אַוועקגעלייגט זיין האַנט אויפן אַקסל פון יענעם און האָט זיך מודה־ומתוודה געווען פאַר זיי:

„זעט נאָר, זעט נאָר, וואָס פאַר אַן אומגליק עס האָט זיי געטראָפן, די בטלנים. עיני־עיני יורדי דמעה. פונקט ווי די וועלט איז זיי חרוב געוואָרן און בן־דודס קול פאַרנעמען זיי מער ניט צווישן די לעבעדיקע. אוי וויי, האַרץ מיינס: קוק זיי נאָר אָן, אָט, וואָס פאַר אַ טפּשים דאָס זיינען; פאַרפאַלענע פּראָווינציאַלן פון יידישע שטעטלעך וואָס שפּרינגען אין דער רעוואָלוציע אַריין מיט משיח בן יוספן אין דער האַנט. חברים, איך זאָג אייך: ווי קומט איר זיך נאָכשלעפּן עפּעס אַ וויסטן חלום? איינער אַ בטלן טראַכט אויס — און איר, ווי קינדער, דערשרעקט איר זיך ווען שאָטנס קומען אָן. מיינט איר טאַקע באמת אַז אויס, די וועלט גייט אונטער און לית־דין ולית־דיין? הערט זיך נאָר גוט איין, ישיבה בחורים וואָס איר זענט. נעכטן ביי נאַכט בין איך

אריינגעקומען צום ברודער פון אונדזער שיק־יינגל (ווו איז ער ערגעץ פארפאלן געווארן, דער ארעמער טייוול?) און האב אים באמערקט: כ׳האב זיך אנגעטראפן אן עטלעכע יינגע חברה־לייט וואס הערן גוט און זעען. זאגט ער מיר: — כ׳קען שוין די גרויסע מציאות וואס מ׳געפינט ביי אייך אין אייערע טעאטראלישע עקספעדיציעס. זאג איך אים: — אט דאס לויטערע וויסן דיינס פון וועלכן מקור קומט עס? זאגט ער מיר: — פון דיין מויל אין גאט ברוך הוא׳ס אויערן. הלוואי זאלסטו טאקע געפינען עפעס רעכטס. אונדזער מוטערל רוסלאנד האט אנגעפלאדיעט אזעלכע ממזרים, אז טו זיי נאר אריין א טראפן שטורעם אין זייער הארצן, הייבן זיי דיר אן בילן ווי משוגענע הינט. קוק זיך נאר צו, וואס מ׳טוט מיט אחינו בני ישראל אין תחום־המושב. זע איך שוין וואס אים דריקט, ענטפער איך אים פארזיכטיק: — כ׳האב זיך אנגעטראפן אויף בחורים און מיידלעך פון יידישע שטעט־לעך. שפילן ברענט ביי זיי אין די ביינער, און זיי האבן נאך אוודאי אויף זייער לעבן קיין רעכטן טעאטער ניט געזען. זאגט ער מיר באזארגט: — גיי זאג זיי, אז קודם כל זאל יעדער איינציקער פון זיי אין זיך טיף באגראבן ר׳ ישראל סאלאנטערס קרעכץ און דעם ניגון, און ערשט דעמאלט ארומגיין א ביסל איבער דער וועלט. כאפ איך זיך ארויס: — א שפיל האבן זיי מיט זיך מיטגעבראכט — ,משיח בן יוסף׳, און ווילן דערפון ניט אפטרעטן. האב איך דערזען, אז זיין פנים האט אים ממש אויפגעשיינט, אבער זאגן האט ער מער גארניט געזאגט״.

האבן אויך אויפגעשיינט די אויגן ביים לייענער און ער האט עפעס געוואלט זאגן; האט אבער אים אנטקעגן אויפגעציטערט אן אנדערער פון די מסובים, צוליב א התלהבות וואס האט אנגערירט זיין הארצן. ער האט א שפרונג געגעבן פון זיין ארט, ווי ער וואלט אלעמען געוואלט ארומכאפן, און זיינע דיבורים האבן זיך געריסן פון זיין מויל:

„אט־אט־אט־אט. אזוי טאקע האט מיך דער טאטע געלערנט. אין זיך באהאלט דעם רבס ניגון, האט ער געזאגט, און גיי א ביסל ארויס

איבער דער וועלט. זאָג איך מיין טאַטן: ווו זאָל איך אים באַהאַלטן און ווי אַזוי זאָל איך אים באַהאַלטן? ענטפערט ער: אין האַרצן און אין די דיבורים. איך האָב גענומען דעם ,תניא׳ און אים פאַרשטעקט אין אַ ווינקל און בין אַוועק פון טאַטנס הויז״.

האָט די פרייד, וואָס האָט געקוועלט אין זיינע רייד, זיך אָנגעשעפּעט אָן אַלע מסובים. בחברותא האָבן זיי אָנגעהויבן באַוועגן זייערע פּלייצעס, פּונקט ווי זיי וואָלטן זיך, יעדער איינער פון זיי, איינגעהערט אין זיך אַליין, און, באותה שעה, אויך יעדער איינער אינעם צווייטן. אַזוי ווייט זיינען זיי אַוועק אין דער פרייד זייערער, ביז איינער צווישן זיי האָט זיך פאַרצויגן:

„נאַכט־איין נאַכט־אויס זיינען מיר געזעסן אין ,מוסר־שטיבל׳ ביי אונדז אין שטעטל. ווער עס איז טאַקע געזעסן, און ווער ס׳איז אַרומגעלאָפן פון אָרט צו אָרט איבערן חדר, ווי ער וואָלט זיך אַליין דאָרטן געזוכט. איי־איי, משמר־אשמורת מיינער. איין נאַכט, ווען די חצות־אשמורה איז נאָך ניט געווען אויסגעגאַנגען, זיינען מיר אַלע אַריין אין עפּעס אַ שתיקה בציבור: מיר וואָלטן עס אַזוי געווען געטאָן יעדע נאַכט, ווען ניט איינער וואָס זיין מרה שחורה איז געווען ווי ביי די ,יושבי חושך וצלמות׳. אין מיטן יענער נאַכט האָט זיין שוויגן זיך צעלאָזן אין אַ יללה וואָס האָט ממש בוקע־לבבות געווען. איי, דער דיבור זיינער! האָט זיך געהאַלטן אין איין רייסן מעבר לפּרגוד, פּונקט ווי פון יענער זייט ווענט וואָלט ער זיך געוואָלט אַרויסשטורעמען אין דער סאַמע נאַכט אַריין. מיר האָבן בחוש באַנומען, ווי ער גייט פון אונדז אַלעמען אָפּ אין עפּעס אַ פרעמדער, קדמותדיקער אשמורה, און וואָס פאַר אַ כלים ער האַלט ביים צעברעכן. איך אַליין — אין אַלע מיינע איברים האָט זיך דעמאָלט דערוועקט אַזאַ פרעמדע תשוקה נאָך חושך וצלמות, נאָך זיי ממש. זיינע דיבורים האָבן זיך ביי מיר אין די אויערן אויפגעריסן און צעוויטיקט מיינע עצמות און דעם דם הוא הנפש — האָב איך, ווי ער, אָנגעהויבן אַריינפאַלן אין קדמוניותן אַריין און אין סאַמע מיטן נאַכטיקער חשכות, האָב איך דערזען אַ רויט־געלן קנויל אויף די ברעגן פון הימל. האָב איך געוווּסט אַז דאָס

איז שוין דער אָנהייב פון ,משיח בן יוסף׳. ווי עס שטייט טאַקע אינעם שפּיל געשריבן״.

האָט זיך אַן אַנדערער שטיל אָפּגערופן, איינגעהילט אין זיך:

„איין נאַכט זיינען מיר ביי אונדז אין שטעטל געזעסן אין בראָס־לעווער קלויז און האָבן זיך מתווכח געווען אין ענינים פון ראיה און שמיעה, אין דרגות פון התבוננות און אין בחינות פון דיבורים. איז דאָרט צווישן אונדז געזעסן איינער אַ בחור וואָס איז צו אונדז אָנגעקומען פון מרחקים און קיינער האָט זיך אַזוי ניט אַריינגעהערט אין אונדזערע רייד ווי ער. מיט זיינע אַלע רמ״ח און שס״ה האָט ער זיך איינגעהערט. אין יענער שעה האָבן מיר זיך פאַרנומען מיט דער ברייתא פון ,שלוש אשמורות׳ און ער, אין זיין ווינקל, האָט זיך בלויז איינגעהערט, און אַליין האָט ער געשוויגן. אַ שמיעה אַן אימה, זאָג איך אייך. אפשר צוליב זיין שוויגן טאַקע זיינען מיר אַריין אין אַזעלכע מעמקים, אַזש התבוננות האָט זיך ביי אונדז פאַרנומען ווי אַ פייער אין די עצמות, און אונדזער גערייד האָט זיך פאַרהאַלטן און דאָס קול האָט זיך אַליין מצמצם געווען — זיינען מיר געבליבן אויפן שוועל פון דער דממה שבדממה. ער אָבער איז זיך געזעסן אין זיין ווינקל מיט פאַרמאַכטע אויגן; זיין גאַנצער גוף איז געווען פאַרפלאָסן אין עפּעס אַן אוקינוס פון געהער, און מיר האָבן דערשפּירט די סכנה וואָס קאָן זיך אָנקלייבן אויף אַזאַ מין בן־אדם צווישן אונדז. צום סוף האָבן זיך ניצוצות פון אַ ניגון אָנגעהויבן הערן פון זיין ווינקל, האָבן מיר זיי דערקענט ווי פאַרבלאָנדזשעטע פונעם רבס ניגון. ער אָבער, מער ווי ער האָט מגלה געווען פון יענעם ניגון, האָט ער כל עיקרו זיך איינגעהאָרכט אין אים. איז צווישן אונדז אָנגעוואַקסן אַ משונהדיקע מורא פאַר יענעם בן־אדם און מיר אַלע האָבן אויפגעבראָכן אונדזער שווייגעניש טאַקע דורך דעם רבס ניגון, ווי אַ פייער וואָלט ביי אונדז אַרויס פון די כלים — יעדער איינער אין זיינע אייגענע מידות און דרגות און בחינות וואָס ער האָט בחדרי־חדרים פאַרמאָגט. אין מיר אַליין האָט זיך דעמאָלט אַ געוואַלטיקע שמחה צעווייעט, פּונקט ווי קייטן וואָלטן אַראָפּגעפאַלן פונעם רבס ניגון: בין איך געשפּרונגען פון

דרגא צו דרגא, אַראָפּ אַלץ מער פון מעמקים צו מעמקים, פון דעם דיבור שבחכמה ביז צום קול שבבינה און דער דממה שבדעת, און פון דאָרט — צו דער צעקה שבדין און צו דער אנחה שברחמים, און פון דאָרט ווידער — צו דעם פינצטערן שוויגן וואָס אין יאוש, און ווייטער צו דעם געקלאָג אין די טונקעלע תהומות שבנפש — ביז כ׳בין אַריינגעפאַלן אין עצם קדמות וואָס שרייט און זי ווייס ניט אַז זי שרייט, רייסט זיך און ווייס ניט אַז זי רייסט זיך. דעמאָלט האָבן זיך אין מיר אָנגעלייגט וואָלקנס איבער וואָלקנס פון שטורעם און געוואַי, ביז אַלע שטערנס האָבן זיך אָנגעהויבן אויסלעשן — אַזוי ווי אין אונדזער שפּיל ,משיח בן יוסף׳ — —״.

האָט דעמאָלט דניאל איל׳איטש אָנגעהויבן איינטענהן מיט זיי, און קוקן האָט ער אויף זיי ניט געקוקט: ער איז איינגעהילט געווען אין דעם חשכות, וואָס האָט געלויערט איבערן דניפּער און פון דאָרט זיך געצויגן אין גאָרטן אַריין און זיי אַלעמען אַרומגערינגלט:

„משוגענע הינט וואָס איר זענט, פאַרסמטע מייז — וואָס ווילט איר פון מיר האָבן: וואָס האָט איר זיך אָנגעטשעפּעט אָן מיין לעבן, איר פון גאָט פאַרלאָזענע מגוולים. זעט נאָר, צו וואָס פאַר אַ לשון איר האָט עס געבראַכט אַ רעוואָלוציאָנערן מענטשן ווי איך, אַ כאָלערע זאָל אייך טרעפן! זעסטו כאָטש וואָס ס׳איז געשען?״, — האָט ער זיך געווענדט צו זיין פריינד פון דעם קולטור־פּאַלאַץ״. יענער איז ווי אין אַ מושב־אבלים געזעסן אין גאַנצן אַן אָפּגעלאָזענער אין פאַרצווייפלונג. „מיין האַרץ האָט מיר אָבער פון אָנפאַנג אָן פאַרויסגעזאָגט. ביסט געקומען, זיך אָנגעזעצט אויף מיר, געבעטן רחמים פאַר יידיש־טעאַטער — גוט, אַלץ גוט. כ׳האָב גערעכנט: וואָס קאָנען די בידניאַ־קעס טאָן איינע אַליין אין דער רעוואָלוציע? גוט: אַ טיר זיי געעפנט. ערשט נעכטן אָוונט וועגן דעם געשמועסט מיט מיין פריינד, אונדזער שיק־יינגלס ברודער. אים דערציילט: ,משיח בן יוסף׳. האָסט באַדאַרפט זען, ווי יענער האָט זיך דערפרייט — פונקט אַ גרוס אים געבראַכט פון טאַטע־מאַמע. אָבער די קליינשטעטלדיקע ממזרים לאָזן דאָך זייער משיחן קיין מענטשלעך וואָרט ניט אַרויסריידן. ווי קאָן דאָס משיח,

זאָל זיין בן יוסף אַפילו, זיך צונויפֿקומען מיט מענטשן וואָס גלי־
ווייטע שגעונות קומען אויף זיי אָן פון זייער אייגענער חשכות? וואָס
פאַר אַ מענטשלעך וואָרט קאָן ער אַרויסריידן, אַז זיי דערוואַרגן אים
זיין חיתוך־הדיבור, די מטורפים, דער טייוול זאָל זיי נעמען. משיח
און ברויט, דאָס פאַרשטיי איך. וואָס איז הייליקער אויף אונדזער
וועלט ווי אַ לאַבן ברויט פאַר אַ הונגעריקן מענטשן? אַלע יאָרן האָב
איך געמיינט, אַז משיח האַלט אין טרוימען וועגן אַ לאַבן ברויט פאַר
אַ הונגעריקן מענטשן. און אַ דאַך איבערן קאָפּ. און ליבע. איי די ליבע,
וואָס ווי דער ים אַליין כוואַליעט זי אויף ווי דער זאַטלאָזער הונגער,
ווי דער אומגעהויערער דאָרשט. און איר מיט וואָס פאַרנעמט איר
זיך? קדמוניותן האָט זיך אייך פאַרגלוסט, קליינשטעטלדיקע מנוולים
וואָס איר זענט? די סאַמע ערווה ווילט איר אויפוועקן, זי זאָל די
געבליטן צערייצן ווי ווילדע וועלף? און איר ווילט עס משיחן,
שאַרלאַטאַנעס וויסטיקע. ניט משיחן, גאָר סמאַלן אַליין, מיט דער
גאַנצער פמליה זיינער, ווילט איר אַריינפירן אין דער רעוואָלוציע.
אויף קאַטאָרגע וועלן מיר אייך פאַרשיקן, מטורפים. פוילט אייך ערגעץ
צווישן וועלף, איר ווילדע גוים!"

זיינע כוחות האָבן זיך אים ווי אויסגעלאָזט, און ער האָט זיך
פאַרשטעקט אין זיין שטול אָן איינגעשרומפּענער. ניט קיין אויג, ניט
קיין אַנדער איבר זיינער, האָט זיך פון זיין גוף אויסגעטיילט אין דעם
געדיכטן פינצטער. וואָלט ער זיך ניט געשעמט, האָב איך צו זיך איינער
אַליין אין מיין ווינקל געטראַכט, וואָלט ער אַוודאי אַנידערגעלייגט
זיין קאָפּ אויף זיינע אָרעמס און זיך ביטער צעוויינט. דערווייל איז
אָנגעהאָנגען געוואָרן אַ מין ליידיקייט צווישן די פאַרזאַמלטע, ניט
איבערצוטראָגן. אין אַ מיגוט אַרום, אָבער, האָב איך דערזען ווי דניאל
איל׳איטשעס פריינד דערנענטערט זיך ווידער צו אים. יענער האָט
בלויז מיט אַן עק פינגער אָנגערירט אים ביים אַקסל: זיין קול האָט
לויטער געטריפט און פאַרפילט דעם חלל מיט אַ ווייטער נחמה:
„איי, דניאל, דניאל איש־חמודות, וואָס פאַר אַ רוגז איז אין דיר

אָנגעקומען כלפּי דער וועלט? וואָס פאַר אַן אימות זיינען עס דיך איצט באַפאַלן? וואָלסטו נאָר געוווּסט ווי די חברה אונדזערע האָט זיך אָנגעליטן צוליב דעם מדבר וואָס האָט זיך ביי זיי אויסגעשפּרייט אין האַרצן. מיר האָבן טאַקע געשפּירט, אַז אַלץ איז ניט כשורה ביי אונדז. נאָר די מחשבה האָט איר קלאָרן היתוך הדיבור ניט געקראָגן אויף אונדזערע ליפּן. וואָס פאַר אַ פּחדים האָבן אונדז באַנומען, ווען מיר האָבן דערהערט די קולות וואָס רייסן זיך צו אונדז אַרויס פון אָט דעם אומגליקלעכן שפּיל אונדזערן. כוליגאַנעס, האָב איך זיי געפּראַסקעט אין די פּנימער, פאַרשפּאַרט דאָס היוליות מיט וועלכן איר שטעקט זיך אָן ווי מיט אַ קראַנקייט. קאָנסט זיך דערמאָנען, ווי דער המון גייט משיחן אַנטקעגן אין דעם שפּיל? ווי דער זעלבער המון פאַר־שטיינערט אים אין גיכן? כ׳האָב אויף זיי געגוואַלדעוועט: ווי איז אייך וואָס איר האָט פאַרגעסן צוליב וואָס משיח קומט אויף דער וועלט. אָך און ווי צו אייך וואָס איר האָט ניט באַנומען די קדושה פון ברויט און זאַלץ און הויז און פּרוי. אַ געצנדינערישע זנות, האָב איך זיי געשליידערט אין די פּיסקעס אַריין, פאַרפּירט אייך אין אָפּגרונט אַריין. און זיי — אַלע באַנאַנד צעשליידערן זיי זיך און מאָנען: קונסט, רעוואָלוציאָנערע קונסט, מאָדערנע קונסט און תוך כדי דיבור פּילן זיי אַלע דעם אומגליק וואָס האַלט אין אָנקומען אויף זיי. קיינער האָט אָבער ניט געוווּסט, פון וואַנען נעמט זיך דאָס צו אונדז.

„זאָג איך זיי: אָמער קומט לאָמיר צוריקגיין צום טאַטן אַהיים. האָבן זיי אין מיר אַזאַ וויסטן בליק אַריינגעשטאָכן, פּונקט ווי צו דער שחיטה וואָלט איך זיי געפּירט. אָבער איך האָב דאָך ניט געמיינט זיך ממש אומצוקערן אין חרובן שטעטל אַריין. זאָג איך זיי: קומט לאָמיר זיך ווידער אָוועקשטעלן אויף די לעבעדיקע קוואַלן פון יידישער ירושה; לאָמיר זוכן אַ חיזוק אין טיפקייטן פון דורות. האָבן זיי מיך אָנגעקוקט ווי מ׳קוקט אָן אַ ווילדן. פּונקט ווי איך וואָלט זיי עפּעס אַ בונד אַ הייליקן פאַרשוועכט. רייד איך אין זיי אַריין: דאָס בעסטע פון דער רעוואָלוציע — גאָר אַ גרויסער חלק פון אונדזער טאַטנס ירושה שטעקט אין דעם. פאַרשטיינען האָבן זיי

מיך געוואַלט. האָבן זיך געהאַלטן אין איין וווּנדערן, ווי איך וואָלט זיי אויף חרובע בריקן געפירט. דעמאָלט האָט זיך שוין אין מיר אויסגעלייגט ווי בליי דער טרויער. אויך האָב איך זיך געשראָקן, טאָמער ווער איך נכשל מיט מיין צונג, און וועל געבן אַ פּתחון־פּה די חשדים וואָס לויערן איבער מיר אין דעם נייעם בנין. האָב איך מיינע דיבורים אין גאָרגל פאַרשטיקט. כ׳האָב זיך ביי זיי בלויז רחמים געבעטן: קומט, לאָמיר צוגיין צו דניאל איל׳איטשן — אפשר וועט ער אונדז אַן עצה געבן. ער איז דער וואָס ווייס. דניאל איל׳איטש, דניאל טייערער, וואָס זאָלן מיר טאָן מיט אונדזער „משיח בן יוסף׳ ?״

האָט זיך אַ מין התעוררות דערשפּירט אין דעם חלל פון דער בינע. כ׳האָב גוט באַמערקט די גאַלוואַניזירונג אין די קערפּערס פון די פאַרזאַמלטע, פונקט ווי אַ נייע בשורה איז פאַר זיי אָנגעקומען און צעשפּרייט זיך איבער דער גאַנצער וועלט. דניאל איל׳איטש איז אויפגעשטאַנען און האָט אָנגעהויבן אַרומשפּאַנען איבער דער לענג און ברייט פון דער בינע; זיין פריינד, וואָס איז נאָר וואָס געשטאַנען פאַר אים און זיך געבעטן רחמים, איז טאַקע אַזוי געבליבן שטיין, אַ צערודערטער פון יענער התעוררות צווישן אַלעמען. כ׳געדענק נאָך עד היום, ווי מיין האַרץ האָט מיר געקלאַפּט אין מיין ווינקל, ווען דניאלס רייד זיינען אויך אויף מיר אָנגעפאַלן ווי לעבעדיקע וואַסערן:

„אַ גרויסן אמת האָסטו נאָר וואָס געזאָגט, מיין טייערער פריינד. קוואַלן פון טאַטנס הויז שטראָמען דאָ אין אונדזער רעוואָלוציע, נאָר מיר באַנעמען זיי ניט קלאָר גענוג. וואָלט איך זיך נאָר ניט געשעמט, וואָלט איך דיך אַרומגענומען און געקושט, און זאָלן די היינטישע זין דאָ זעען וואָס דניאל איל׳איטש מיינט. וויפיל קינסטלערישע גדולה וויקלט זיך אויף אין דיינע רייד, דו כלב שבכלבים איינער. חברים, קומט, לאָמיר זיך איינהילן אין אָט דעם יידישן אמת און אַרומגיין איבער אַלע טעאַטערן, אפשר וועלן מיר פאַר אים געפינען

כאַטש אַ קליין ווינקעלע. אָן איגנס. ברידער, לאָמיר זיך ווידער אַוועקזעצן אויף משמרים, וואָס קוקן אַרויס איבער אַלע וועגן אויף משיחן. הערט נאָר — אָט דער יונג אונדזערער, דאָס שיק־יינגל פון דער רעוואָלוציע, ווו איז ער די גאַנצע צייט? ווזהין האָט אים דער טייוול פאַרטראָגן היינטיקן אָוונט? וואַרט נאָר, ליבינקער: מ'וועט אַריינשמייסן ווי ס'קומט דיר. איז יאָ — לאָמיר טאַקע ווידער אַריינקוקן אין דעם „משיח בן יוסף' אייערן. הערט נאָר די בהלה וואָס אין דעם ביכל טוט זיך, זעצט זיך, חברים: מיר'ן נאָך אַ מאָל אַריינקוקן אין דעם שפּיל אייערן. כ'בין זיכער אַז אַ ניגון פאַרציט זיך דאַרט ביים סוף, אַ ניגון וואָס כ'האָב שוין אַזוי לאַנג ניט געהערט, פאַרגעסן כמעט. דעם ניגון גיט אַהער, ווער פון אייך געדענקט עפּעס אַ ניגון פון טאַטנס הויז, זאָל גלייך פאַרציִען. מ'מוז דאָך סוף־כל־סוף צו משיחס אָנקומען אַ ניגון האָבן. מיט דעם וועלן מיר דאָס שפּיל עפענען. דער ערשטער טראָט פאַר אַ יידיש שפּיל אין עקספּערימענטאַלן טעאַטער. דעם ניגון דערלאַנגט, קינדער! און ניט צעיאָמערן זיך. טוט אַכטונג, איר זאָלט זיך ניט אַריינלאָזן אין אַ ירידה און זיך צעבילן ווי נאַרישע הינט. קאָפּ אָן וואַנט שלאָגט זיך — און ניט ווערן קיין ווילדער המון. איר'ט ביי מיר צעפּיקעט ווערן אַרבעטנדיק, אָבער אַרויף וועט איר ביי מיר גיין. דער עיקר: לאָזט ניט אָפּ אייער לעבנס־מחשבה. אַז מ'וועט באַדאַרפן, וועלן מיר דאָס גאַנצע שפּיל ענדערן. פאַרגעסט קיין מאָל ניט דעם יחידישן מענטשן, אַפילו ניט אין אייער העכסטער קונסט־מדרגה: אָן אים זענט איר בלויז ווי פאַרלאָרענע וועלף אין אייער איינזאַם. כ'זע שוין, אַז איר האָט בפירוש מורא אַריינצוגיין אין אייער אייגענעם שפּיל אַריין. נו, מילא: מיר'ן אויף אַ ווײַלע אָפּלייגן דעם ניגון; הגם אָן אים טויג ניט. משיח אָן אַ ניגון קאָן גאָרניט געמאָלט זיין. נו, לאָמיר נאָך אַ מאָל לייענען. איך וועל דאָס מאָל זיין דער בעל־קורא. לאָמיר טאַקע אַ קוק געבן וואָס יענער יונג האָט פאַרמאָגט, איידער זיין בלוט איז אים אויסגערונען פון סמאָלס הענט אויפן דעניקין־פּראָנט. אפשר קאָנסטו מיר זאָגן, חבר טייערער מיינער,

ווי קאָן אַ מענטש, וואָס האָט קיין יידיש וואָרט שוין לאַנגע יאָרן ניט געזען, מיט אַ מאָל ווידער לייענען דווקא וועגן משיחן? הברים, עפּעס אַ פּסוק גיט מיר. ווי שטייט דאָרט ערגעץ ווו געשריבן: פּסוק לי פּסוקך, ינוקא. היי דו, פּוילער שיק־יונג וואָס דו ביסט, ווו באַהאַלטסטו זיך דאָס פון אַ מענטשנס אויג די גאַנצע צייט? ביין נאָך ביין וועל איך דיר אָפּגעבן צוריק אין ,סאָוונאַרכאָז׳ אַריין, אויב וועסט זיך אין דער מינוט ניט באַווייזן! און כ׳וועל נאָך אָנ־דערציילן אויף דיר יענעם בן־אדם, וואָס דיין ברודער איז ער. דו האָסט דאָך אַוודאי עפּעס אַ פּסוק אויפן צונג, בטלן וואָס דו ביסט״.

זיין געלעכטער האָט אין אים געקוועלט, ווי עפּעס אַ פאַרגע־סענער ברונעם האָט זיך מיט אַ מאָל, און מיט דער גאַנצער שפע זיינער, געעפנט. אין דער לענג און ברייט פון דער בינע איז ער איצט אַרומגעלאָפן און געגישטערט אין אַלע באַהעלטענישן. אַ שאַר־פער רצון האָט זיך אין מיר צעברענט אים אָנטקעגן צו קומען, און כ׳האָב זיך נאָכגעלאָזן דער הדווה וואָס האָט זיך דערוועקט צווישן אַלע מסובים. האָט ער מיט ליבשאַפט מיך אָנגענומען פאַרן קאָלנער און מיך אַרויסגעפירט אין סאַמע מיטן דער בינע און מיך צוגע־איילט מיט אַ טיף־פריינדלעכער חברישקייט:

„פסוק לי פסוקך, דו אַזוינער און אַזוינער, אויב ניט — ווייסטו וואָס מ׳טוט ביי אונדז פאַר ברוך פון רעוואָלוציאָנערער דיסציפּלין?״.

בין איך אַזוי געשטאַנען לעבן דעם קליינעם טישל, אויף וועלכן ס׳איז איינע־אַליין געלעגן ביינוש שטיימאַנס העפטל, „משיח בן יוסף״. אַלע רחמימס האָבן זיך אין מיר דערוועקט כלפּי דעם: האָב איך נאָך בלויז איין סעקונדע זיך פאַרזאָמט, און נאָך דעם האָב איך זיך אַוועק־געלאָזט נאָך אַן עכאָ פון אַ ניגון, וואָס די גאַנצע צייט האָט ער געהאַלטן אין אויפגיין אין אַלע מיינע איברים, און האָב אָנגעהויבן נאָכזאָגן פון זכרון די אגדה:

„אמרו: שבוע שבן דוד בא, מביאים קורות של ברזל ונותנים לו על צוארו, עד שנכפפה קומתו... והוא צועק ובוכה ועולה קולו למרום. אמר לפני הקדוש־ברוך־הוא: רבונו של עולם, כמה יהא

כוחי? כמה תהא נשמתי? וכמה יהיו איברי? לא בשר־ודם אני? באותה שעה אומר לו הקדוש־ברוך־הוא: אפרים משיח צדקי! כבר קבלת עליך מששת־ימי־בראשית. עכשיו יהא צער שלך כצער שלי; שמיום שעלה נבוכדנצר הרשע והחריב את ביתי ושרף את היכלי והגלה את בני לבין אומות־העולם, חייך וחיי ראשי, שלא נכנסתי לכסא שלי. ואם אינך מאמין, ראה טל שעלה על ראשי".

נאָך דעם בין איך צוגעקומען און זיך אָוועקגעזעצט צווישן די מסובים. דניאל איל׳איטש האָט פאַרנומען זיין אָרט ביים לייען־טישל. זיין שטיל־שווייגנדיקע האַנט האָט געהאַלטן דאָס העפטל און עס אַרומגענומען און געגלעט און געהאַלדזט. אינעם חלל פון דער גאַנ־צער וועלט איז דעמאָלט אָנגעוואַקסן אַ דערוואַרטונג, עלעהיי אַ וווּנדער האָלט ביים טרעפן. האָט דניאל איל׳איטש אַ מיש געטאָן די בלעטלעך פון דעם העפטל און זיין אויג האָט זיך אָנגעהאָנגען אויפן סוף פונעם שפיל — איז ער אַליין אַרויס מיטן רבס ניגון:

„— איין שטערנדל: מיר וועלן נאָך קומען.

— אַ צווייט שטערנדל: מיר וועלן נאָך קומען.

— אַ דריט שטערנדל: מיר וועלן נאָך קומען.

חברים מיינע טייערע: במה מתחילין ובמה אין מתחילין? מ׳הויבט אָן מיטן סוף פונעם שפיל; אינעם סוף פונעם שפיל שטעקט דער ניגון אונדזערער".

— — — — — — — — — — — —

האָט דער ניגון זיך דערוועקט אין דער נאָכטיקער חשכות ביים דניפּער און זיך געצויגן צו אַלע אשמורות. עד היום הער איך אים אין וואָכיקע חצותן.

איינגעזאַמלט צווישן זיין פאָלק

אַ מעשה

א

ביי אונדז אין שטעטל איז געווען אַן אַלטער בית־המדרש שמש, חיים־לייב, מיט זיין ווייב ציסי. האָט ער געהאַט צווי זין. איינער האָט געהייסן נחום און גערופן האָט מען אים נחומ׳קע ציסיס. עד היום, הער איך, רופט מען אים אַזוי — און ער וווינט גאָר אין דעם לאַנד ישראל, ווו מענטשן האָבן זיך צו אַנדערע, ווייטערע נעמען צוגעוווינט. איז די מעשה דאָ גאָר ניט אויסן וועגן אים צו דערציילן; נאָר אַזוי איז דער שטייגער פון אַ מעשות־דערציילער: אַז ער רופט שוין אויס עפּעס אַ נאָמען, טאָר ער אים ניט אָפּפּטרן בלאָ־כלום. איז דער נחומ׳קע ציסיס אַ מאָל נכשל געוואָרן, אַז נאָר אַ נס מן השמים האָט אים געקענט ביישטיין ער זאָל ניט גיין צו גרונט. ער איז איין מאָל אַוועקגעפאָרן פון טאַטע־מאַמע אין דער גרויסער שטאָט אַריין, האָט ער זיך דאָרט באַגעגנט מיט אַ באַקאַנטן פריץ און יענער האָט אים איינגעבעטן, אַז ער זאָל שפּילן אויפן אָרגל אין עפּעס אַ געבעט־הויז זייערן. און ווייל נחומ׳קע האָט געהאַט אַן אייזערנעם קאָפּ אין נגינה, האָט ער ביי זיי דאָרט זייער שטאַרק אויסגענומען — איז אויסגעקומען, אַז ער גאָר האָט מכוון געווען די הערצער פון די אומות־העולם אין זייערע תפילות. דער אַלטער ר׳ חיים־לייב, אָבער, איז ניט אַראָפּ ביגון שאולה. און וואָס ווייטער איז געשען, ווייס ער ניט: צי ס׳איז אַ נסיון געווען, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען, אָדער אַ נס איז אים געשען; ווייל ביני־לביני איז נחומקע געוואָרן אַן אדם גדול און האָט עולה־רגל געווען קיין ארץ ישראל און נאָך דעם האָט ער זיך שוין דאָרט באַזעצט ערגעץ אין חשובן מקום, וואָס מ׳שפּילט דאָרט אויס מעשות פון חומש און מדרש און גלאַט אַזוי אגדות, און איבער די מעשות שפּילן זיי ווי קלעזמער אויף אַלערליי כלים — איז נחומקע דאָרט אַ משגיח אויף זייער שפּילן. און ניט נאָר דאָס אַליין, נאָר ער איז געוואָרן אַ גרויסער ירא־שמים און איז אַזוי מחמיר במצוות כיבוד אב ואם, אַז ער האָט

אַראָפּגעבראַכט ר׳ חיים־לייבן און זיין מאַמען ציסי קיין תל־אביב אויפן שענסטן און אויפן בעסטן. האָבן מיר שוין וועגן אים מער ניט וואָס צו דערציילן, אויסער דעם, וואָס ווען ר׳ חיים־לייב פלעגט אַרומשפּאַצירן איבער די גאַסן פון תל־אביב און הערן ווי יידן ריידן צווישן זיך, אַז דאָס יידישע פאָלק לעבט שוין הײנטיקע יאָרן, ברוך השם, על־פּי נסים בדרך הטבע, פלעגט ער אין־זיך שמייכלען און גאָרניט זאָגן.

האָבן חיים־לייב און ציסי געהאַט אויך אַ יונגערן זון, און אים איז טאַקע אונדזער מעשה אויסן — האָבן מיר אָבער זיין נאָמען פאַרגעסן. אַזוי טרעפט זיך אַ מאָל, אַז דו האָסט אַ מעשה צו דער־ציילן און פאַרגעסט דעם נאָמען פון דעם העלד אין דער מעשה. מילא, דעם נאָמען פון דער מעשה דאָך ניט פאַרגעסן. איז אָט דער קלענערער זון אַרויס אין שיינעם טאָג פון טאַטנס הויז און איז ערגעץ נעלם געוואָרן אין מרחקים: אין מאָסקווע, אָדער אין ערגעץ אַן אַנדערן ווייטן מקום. דאָרט איז ער עולה־לגדולה געוואָרן און אַ מקורב צו מלכות. מענטשן פלעגן דערציילן, אַז ער דרייט זיך אַרום איבערן לאַנד לארכה ולרחבה, איז אַ גאַנצער שררה איבער פּשוטע גוים, הייסט זיי לערנען לייענען־שרייבן — און תוך כדי דיבור שטאָפּט מען זיי אַן מיט אַן אפּיקורסות אַזעלכער כלפּי זייער אייגענער אמונה, מ׳פירט איין הפקרות אין זייערע געבעט־הייזער און מ׳וואַרפט אָן אַן אימה אויפן ציבור. און אַ יש־אומרים איז געווען: ס׳ניט אַזוי. ער איז אַ יוצא־ונכנס אין יידישע הייזער אין ווייטע שטעטלעך, מאַכט פון אַלץ אַ חוכא־ואיטלולא און דערנידער־ריקט דעם כבוד פון דער תורה ביז צו דעם שטויב פון דער ערד. און ניט נאָר דאָס אַליין: ער טוט אַרויף שלעסער אויף בתי־מדרשים און ישיבות און די רציחה שטילט זיך אין אים ניט איין, ביז ער מאַכט פון דעם מקום קדוש אַ מין קלוב פאַר בחורים און מיידן און אַלץ איז שוין דאָרטן הפקר. וועגן די זאַכן האָט מען זיך ביי אונדז אין שטעטל געסודעט, זיך געהיט, ניט מצער צו זיין דעם אַלטן שמש און זיין ציסין. איך אַליין האָב פון די זאַכן ווייניק גע־

וווסט: כ׳האָב זיך קיין מאָל ניט געטראָפֿן מיטן „תכשיט״ — און איצט האָב איך זיין נאָמען שוין אין גאַנצן פֿאַרגעסן. בלויז די מעשה איז מיר געבליבן, און, ווי עס דוכט זיך מיר, האָב איך ווען עס איז אַ נדר געטאָן זי אָפּן צו דערציילן.

בין איך איין מאָל אַראָפּגעקומען פֿון דער סאַמע רעוואָלוציע אין מיין אייגענעם טאַטנס הויז, נאָך דעם ווי איך בין שוין אַריבער כמה וכמה פּורעניות. באמת האָבן ברענענדיקע שטעט געשריען אין מיינע ביינער, און ווען כ׳האָב זיך אָנגעשטויסן אָן דעם פֿאַרגעסענעם שווייגן פֿון דעם שטעטל, איז אָנגעפֿאַלן אויף מיר אַ פּחד און מיין האַרץ האָט מיר קיין גוטס ניט געזאָגט. האָב איך זיך אַ צייט אַזוי אַרומגעשלעפּט אין גאַסן און געסלעך, ביז מיינע פֿיס האָבן מיך, אָן מיין ווילן דוכט זיך, צוגעפֿירט צום בית־המדרש. פֿאַר מיר איז עס געווען אַ גרויסע איבערראַשונג, ווייל דער בית־המדרש איז מיר שוין פֿון אַזוי לאַנג ניט געלעגן אין זינען און כ׳האָב לגמרי ניט געטראַכט אַהין צו גיין במשך מיין באַזוך ביים טאַטן. אָבער גיי טו עפּעס, אַז פֿיס נעמען איבער אַליין די ממשלה פֿאַר זיך און גייען זיך, ניט אָנפֿרעגנדיק ביי דעם באַלעבאָס זייערן. ווי די זאַך זאָל ניט געווען זיין — כ׳האָב באַשלאָסן אַריינצוגיין געבן שלום דעם אַלטן חיים־לייב. די מעשה האָט זיך פֿאַרלאָפֿן ערב שבת און ס׳איז נאָך גרויסער טאָג געווען. האָב איך דערזען חיים־לייבן ווי ער גייט אַרום אַן איינגעבויגענער איבער ספרים: אייניקע פֿון זיי צוואָרפֿענע איבער די טישן; אַנדערע אָוועקגעשליידערטע אינעם שטויב פֿון דער ערד איבער דעם גאַנצן בית־המדרש. האָט ער זיין אויג ניט געווענדט צו מיר. איך האָב אָבער געפֿילט, אַז דער שמש האָט יאָ דערשפּירט מיין אַריינקומען: ער האָט זיך אָבער ניט געקאָנט אָנטאָן אַ כוח און זיך אויסקערעווען צו מיר און מיך מקבל־פּנים זיין. האָב איך זיך מיישב געווען, צי זאָל איך צוקומען צו אים, אָדער זיך גאָר אומקערן. תוך כדי דיבור אָבער האָבן זיינע אַלטע ווערטער מיר ווי געגלעט מיין פּנים:

„שלום עליכם, שלום עליכם. זאָלסט מאריך ימים ושנים זיין.

דעם טאַטן דיינעם געקומען זען, משמעות — געבליבן אַ פיינער מענטש. לא כל שכן אַז קומסט אויך זען וואָס חיים־לייב שמש מאַכט.״

ר׳ חיים־לייב האָט זיך צעשמייכלט, און זיינע ווערטער האָבן זיך געטראָגן מיט אָפּקלאַנגען וואָס זיינען ערגעץ פאַרוויקלט אין אַמאָליקע פאַלדן. די אָפּקלאַנגען, האָט זיך מיר געדוכט, קומען אַן פון ערגעץ פאַרלאָרענע פראַגעס, וואָס אָט־אָט וועלן זיי אַנפאַלן אויף מיר אומזיסט און אומנישט. דער אַלטער האָט אָפּגעלאָזן זיינע צע־שליידערטע ספרים און איז צוגעקומען צו מיר. נאָך קבלת־שלום האָב איך אין זיך דערשטיקט עפּעס אַ זאַך, וואָס כ׳האָב געאַנט און ניט געוווסט וואָס, און זיך אָפּגערופן:

„וואָס מאַכט איר עפּעס, ר׳ חיים־לייב? און אייער ציסי וואָס טוט?״

„אָ, מיין זקנה וואַרט יום־ביומו אויף אַ בריוול פון איר תנא־ברא. טאַקע אַ מלכות, זאָגט זי, אָבער אַ מאַמע איז סוף־כל־סוף מאַמע. איי־איי־איי, זאָג איך דיר, ווי עס שטייט טאַקע געשריבן: תוחלת ממושכה מחלה לב. ס׳אַ גרויס רחמנות אויף מיין אַלטיטשקער. איך אַליין אָבער — כ׳זאָג דיר דעם ריינעם אמת — האָב זייער מורא, אַז איין שיינעם פרימאָרגן וועט מיין תכשיט טאַקע אָנקומען. ער׳ט אָנקומען. אוי לי מיוצרי ואוי לי מיצרי. כ׳הער וואָס לייטן ריידן, הגם זיי ווילן נעבעך מיך ניט מצער זיין.״

מיט אַ מאָל איז זיין קול אָפּגעפאַלן, אָבער די אָפּקלאַנגען האָבן נאָך לאַנג געהויערט אין דעם זומערדיקן חלל פון אַלטן בית־המדרש. חיים־לייב האָט זיך אומגעקערט צו די ספרים און איבער דעם איינ־געבויגענעם רוקן האָט געשוועבט זיין אָפּגעפאַלן קול, וואָס, משמעות, איז געווען געווענדט צו מיר:

„און אַז ער׳עט קומען איז וואָס? אַדרבא, זאָל ער טאַקע אַראָפּ־קומען צוזאַמען מיט זיי. ער איז טאַקע אַן אפיקורס, אָבער קיין מומר להכעיס איז ער דאָך דערווייל נאָך ניט. און ער קען דאָך עפּעס אַ כזית תורה אויך. נו, זאָל טאַקע זיין: ביסט אַ באָלשעוויק — מילא. מיינסט די טובה פון מענטשן — איז טאַקע וווּיל. דו זוכסט צדק

און יושר — אדרבא, זעץ זיך אַוועק אַ ביסל און זיי מעיין אין דער יידישער תורה; ווו דו וועסט עפּעס עפענען וועט זיין גוט. זאָל זיין אַפילו אַ פּסוק חומש מיט רש״י אָדער עפּעס פון דער הפטורה. וועסטו זען ווו צדק און יושר שטייט איין. ביסט דאָך סוף־כל־סוף קיין עם־הארץ ניט. לערן טאָקע אַ פּרק משניות אָדער קוק עטוואָס אַריין אינעם רמב״ם. וואָס — דאָרט איז שוין טאָקע גאָרניט פאַראַן קיין טראָפּן צדק און יושר? זאָל ער נאָר קומען, דער טייערער בן־זקונים מיינער. קוק זיך נאָר איין, וועל איך אים זאָגן, קיין עוכר ישראל ביסטו דאָך סוף־כל־סוף ניט. פאַר וואָס זשע פאַרשוואַרצסטו אַזוי דאָס פּנים פון דיין פאָלק ישראל? פאַר וואָס זאָלסטו אַזוי מבזה זיין, רחמנא ליצלן, די תורה? פאַר וואָס צעשליידערסטו יידישע ספרים אין שטויב אַריין?״

עפּעס אַ קדחת האָט געוואָרפן דעם אַלטנס זאָגענישן. איך בין געשטאַנען אַ צעמישטער, געזוכט ערגעץ ווו אַן אחיזה, און וואָס און ווען ניט געוווסט. חיים־לייב אָבער איז מיט אַ מאָל צוגעקומען צו מיר און האָט אַרויפגעלייגט זיין דאַרע האַנט אויף מיין אַקסל, פּונקט ווי ער וואָלט געוואָלט מיך טרייסטן אין עפּעס אַן אומגליק וואָס האָט מיך געטראָפן:

„נו, מילא. השם ירחם. פון מיינעט וועגן, קאָנען זיי קומען. מיר זיינען שוין געפּרוווט געוואָרן מיט נסיונות. און קיין נסים פעלן היינטיקע יאָרן לגמרי ניט. השם ירחם״.

———●———

חיים־לייבס זון, דער קאָמיסאַר, איז טאָקע אַליין אין שטעטל ניט אַראָפּגעקומען צו טאָן מיט די הייליקע ספרים וואָס מ׳האָט מיט זיי אָפּגעטאָן אין בית־המדרש. צי דערפאַר וואָס ער האָט זיך מיט אַזעלכע קלייניקייטן ערגעץ ווו אין אַ יידישן שטעטל ניט געקאָנט אָפּגעבן, אָדער זיין טאַטע־מאַמע האָבן גורם געווען — ער אַליין איז מיט יענער חברה ניט אַראָפּגעקומען. טאָקע אין יענעם זומער־

דיקן פרימאָרגן, איידער כ׳בין אין בית־המדרש אַריינגעקומען, זײַנען צוויי יונגען און דריי מיידן אַריין אין חיים־לייבס דירה און „בשם ומלכות״ האָבן זיי מודיע געווען: כך וכך — ס׳איז מער ניט קיין בית־המדרש; ס׳איז אַ קלוב. האָט ער זיי געזאָגט: — וואָס איז שייך אַ קלוב? יידן זײַנען דאָך מתפלל דאָרטן? האָבן זיי אים געענטפערט: — אַ גזר איז עס. האָט ער זיי געזאָגט: — אַוודאי, אַן עונש מן השמים. האָבן זיי אים אַזוי איבערגעלאָזט און זײַנען אַוועק אין בית־המדרש אַריין.

האָט זיך חיים־לייב געהאַלטן אין איין וווּנדערן איבער זיך אַליין: ווי האָט ער עס געקאָנט אויסהאַלטן און זיי ניט צערייסן אויף שטיקער? ער איז געשטאַנען און מיט די אייגענע אויגן אָנגעזען ווי די חצופים מאַכן פון אַלץ אַ תל־עולם, מיט כוונה, בדהילו־ורחימו. ער אָבער האָט גאָרניט געזאָגט. אמת איז: די ספר־תורה׳ס האָבן זיי ניט געטשעפּעט; זיי אַפילו ניט אָנגערירט. איינער אַ זייעריקער האָט עפּעס אַ רמז געגעבן חיים־לייבן — האָט דער אַלטער געעפנט דעם ארון קודש און איינציקווייז האָט ער די ספרים אַרויסגענומען און זיי אַוועקגעטראָגן צו זיך אַ היים. אָבער די רציחה וואָס די מחוצפים האָבן געטאָן אין די חומשים, אין די משניותן, אין די גמרות, אין דעם רמב״ם! עפּעס איינע אַ מויד האָט זיך מיט פּריצות אַוועקגעשטעלט איבער די ספרים שראַנקען און האָט הפקרדיק געוואָרפן די עין־יעקובס און ספרי חסידים ויראים אין שטויב — די ספרים האָבן זיך געקלאַפּט אָן דער ערד, ווי מענטשן קלאַפּן זיך אַ מאָל על־חטא. און די יונגען האָבן אויף איר געקוקט און געטאָן מיט אַנדערע ספרים ווי זי האָט געטאָן. אָרטיקע בחורים אַלע. נאָך דעם איז יענע מויד אַרויפגעקראָכן העכער, צום ארון־קודש צו, און מיט צעשפּרייטע פיס איז זי געשטאַנען און האָט אַראָפּגעריסן פון דאָרט די לוחות און זיי פאַרשליידערט אַזש ביז צו דער טיר, און מיט אַ האַמער און טשוועקעס האָט זי דאָרט צוגעקלאַפּט זייער „סערפּ־און־האַמער״. און ווען זי איז שוין אַראָפּגעשפּרונגען פון דאָרטן, האָבן זיי זיך אַלע אויסגעשטעלט ווי סאָלדאַטן און אַרויס־

געקנאַקט אַ געזאַנג, פּונקט ווי זייער מזל האָט זיי אויפגעשיינט און אַ גרויסן נצחון האָבן זיי געוווּנען. ער, חיים־לייב שמש, איז אָבער געשטאַנען אין זיין אייגענעם בית־מדרש און האָט גאָרניט געזאָגט און האָט גאָרניט געטאָן. נאָך דעם האָט די הפקר־מויד גענומען איינעם אַ בחור און אין צווייען זיינען זיי צוגעקומען צו אים, צו חיים־לייבן און אים געוואָרנט בתכלית הפשטות, אַזוי צו זאָגן: „האַלט ס׳הויז ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, בירגער! טוט אַכטונג ניט קאַליע צו מאַכן! דאָס פאַרמעגן פון דעם אַרבעטנדיקן פאָלק איז עס״. — אָט אַזוי האָבן זיי גערעדט. און ווידער האָבן זיי געזאָגט: „מיר פאַרשטייען דיין צער, בירגער. אָבער אַזוי הייסט די רעוואָלוציע. נו, וועסט נאָך אַ מאָל אַ חבר אונדזערער ווערן; אויס שמש ביי גבאים־בורזשויעס. אַ שותף זאָלסטו ווערן אין דער נייער וועלט״. אָט אַזוי האָבן זיי גערעדט. צום סוף האָבן זיי געזאָגט: „מאָרגן דאַרפן מיר אַ חשבון אָפּגעבן אַ העכערן פון אונדז. ווייסט דאָך ווער דאָס איז: דער קאָמיסאַר אין דער גרויסער שטאָט. דיינער אַן אייגענער זון איז ער״.

ב

צומאָרגנס האָבן זיך פאַרשפּרייט פאַרשידענע שמועות אין שטעטל. עד היום טראַכט איך: ווער האָט עס געקאָנט דער ערשטער אַרויסלאָזן אַזאַ קלאַנג? איבערן שטעטל איז געשטאַנען אַ שפּעטער האַרבסט אין אַלע גאַסן און אַ שלעכטע רעגן־בשורה איז געהאָנגען אינעם חלל פון דער וועלט. קיין פּוס איז אין מאַרק ניט געווען און דאָס שטעטל האָט זיך איינגעהילט אין אַ געדיכטן ניט־זיין. פון דעסטוועגן איז אָט דער ניט־זיין געווען דורכגעדרונגען מיט אַן איינגעהאַלטן־שאַרפן געהאַרך צו עפּעס וואָס האַלט זיך אין טרעפן ניט ריידנדיק, ניט זאָגנדיק. טאַקע אַזוי: איך האָב ניט געוווּסט, אַז איך אַליין בין אַ נוגע בדבר און אַז די קלאַנגען גייען נאָך מיינע טריט און הענגען זיך אַן אויף מיין אייגענעם רוקן. אַוודאי האָט

עמעצער מיך באַמערקט פון עפּעס אַ ווינקל אין זיין דירה און געזען ווי איך גיי אַרום איינגעבויגן ביי דער זייט פונעם שמש אין בית־המדרש און פּאָרע זיך מיט יענע צעטראַסקעטע ספרים — מיין רוקן האָט ער אַוודאי באַמערקט און מיין פּנים ניט געזען. איז אַזוי האָט זיך עס פאַרשפּרייט: דער יונגער זון דעם שמשס, דער וואָס אַ גרויסער מלכות איז ער געוואָרן ערגעץ אין אַ כרך, און ער איז עס דאָך וואָס האָט די מעשה אָפּגעטאָן אין בית־המדרש, ער, בכבודו ובעצמו, האָט געהאָלפן די ספרים צוזאַמענקלייבן. אָבער ווייזן ווייזט ער זיך ניט צווישן לייטן, פאַרן טאַטנס כבוד וועגן. האָט זיך דערי־בער אַ מין וווּנדער־סטרונע צעשפּילט באַהאַלטענערהייט אין דעם שטעטלשן מדבר: מיט זיינע אייגענע הענט האָט דער קאָמיסאַר אָפּגעטרייסלט דעם שטויב פון די ספרים און מיט גרויס רחמים האָט ער זיי געטראָגן אַהיים צו זיין מאַמע ציסין; אַ דרך ארץ האָט דער שררה באַוויזן פאַר דברים שבקדושה. פון ערגעץ ווו זיינען די קלאַנ־גען אויך צו מיינעם אָן אויער דערגאַנגען און דאָס האַרץ האָט מיר ניט דערלאָזט צו פאַרשווענקן דעם בטחון פון יידן, וואָס אַפילו אַז זיבעציק מאָס צער ליגן זיי אויפן האַרצן, זיינען זיי זיך ניט מיאש פון רחמים.

ס'איז אַ גרויסער ספק, צי די קלאַנגען זיינען ניט דערגאַנגען צו חיים־לייבס אויערן. ער האָט זיך אָבער ווי ניט אומגעקוקט, ניט וויסנדיק געמאַכט. אויפן שטעטל האָבן זיך יענע טעג אַראָפּגעלאָזט רעגנדיקע נעכט, אָט ווי יענע נעכט וואָס אויף זיי קלאָגט דער דיכטער חיים־נחמן אין אַ ליד זיינס „חצות". האָב איך אין איינער אַזאַ נאַכט שוין מער ניט געקאָנט ביישטיין די שטומקייט וואָס איז ווי אַ חיה געלעגן אין אַלע ווינקעלעך פון מיין טאַטנס הויז — האָב איך זיך אַרויסגעלאָזט אין אַ שטאָק־פינצטערניש וואָס האָט זיך מבולדיק אַראָפּגעגאָסן מיטן צאַרנדיקן רעגן אויפן שטעטל. עד היום קאָן איך זיך ניט מסביר זיין די הנאה וואָס האָט געווירן אינעווייניק אין מיר ווען דאָס סאַמע חשכות און דער שוואַרצער מבול האָבן מיך פאַרכאַפּט יענעם אָוונט. כ'בין געגאַנגען איינער אַליין, אין גאַנצן

אַן אײַנגעוואָרעמטער אין יענער אײַנזאַמקייט מײַנער, אײַנגעטוליעט אין עפּעס אַ דערבאַרעמדיקייט אירער און באַהאַלטן פֿאַר דער גרויסער וועלט. אַ מין באַהאַלטענע חברשאַפֿט האָט זיך בײַ מיר געשאַפֿן מיט אָט יענע פֿאַרגאַסענע הײַזער וואָס קומען שוין מער ניט מיט קיין טענות צו וואָס און צו וועמען; זיי שטייען זיך אַזוי אײנע אַליין, יעדעס הויז אײַנגעוואָרצלט אין זײַן אומעט און גאָט איז ערגעץ ווו אַנטשוויגן געוואָרן אין יעדנס אַ פֿאַרפֿינצטערטן ווינקל. צווישן אָט די הײַזער איז הויך געשטאַנען דער בית־המדרש אין גאַנצן אַן אָפּגעגעבענער דער פֿאַרגאַסענער חשכות, אָפּגעטאָן פֿון אָט יענער דלותדיקייט וואָס איז אין אים אײַנגעפּרעסן בײַם שײַן פֿון טאָג, אײַנגעהילט אין עפּעס אַ גדלות וואָס וואַקסט צוזאַמען מיטן נאַכטיקן מבול. כ׳בין טאַקע אַ פּאָר מינוט געשטאַנען אַנטקעגן דעם הויז וואָס ערשט הײַנט האָט מען עס אויסגעליידיקט פֿון הייליקע ספרים און פֿון דאַוונענדיקע ייִדן. ווי אַ נזוף בין איך אַ ביסל גע־שטאַנען אַנטקעגן דעם בית־מדרש און האָב ניט געוווּסט פֿאַר וואָס. מיט אַ מאָל אָבער, פּונקט ווי אין אַ סך אַנדערע ייִדישע מעשיות טרעפֿט זיך, האָט מיר פֿון הינטער דעם רעגן און דער חשכות אַ רמז געטאָן עפּעס אַ ליכט פֿון חיים־לייב שמשס הויז. האָב איך זיך געלאָזט אַהינטער דעם בית־המדרש און כ׳בין אין יענעם הויז אַרײַנגעקומען. די שעה איז שוין אוודאי געווען זייער אַ שפּעטע.

מײַן אַרײַנקומען האָט דאָרט קײנעם ניט פֿאַרוווּנדערט: פּונקט ווי זיי אַלע וואָלטן אויף מיר געוואַרט: חיים־לייב און ציסי — און דער קעראָסין־לאָמפּ וואָס האָט באַלויכטן דעם רונדן אַלטן טיש און פֿון דאָרט האָט ער געוועבט אַ שטילע שווײַגעניש איבער אַלע ווינ־קעלעך פֿון דעם צימער. ציסי האָט מיך באַלד פֿאַרנומען צו זיך, זיך נאָכגעפֿרעגט אויף אַלעמען. אירע רייד האָבן מיט פֿאַמעלעכדיקע טריט זיך געדרייט אַרום מיר — אַן איר אייגענעם האַרצוויטיק אָבער, אַן איר קינד וואָס איז ערגעץ פֿאַרוואָרפֿן אין מרחקים, האָט זיך אַ וואָרט אירס ניט אַנגעקלאַפּט. ריידנדיק אַזוי האָט זי מיט אירע אייגענע הענט אַראָפּגעצויגן מײַן דורכגענעצטן מאַנטל, און

מיינע שיך אַראָפּגעשלעפּט פון מיר, און האָט מיך געוואַרעמט, ווי נאָר אירע שטילע הענט האָבן געקאָנט. דערנאָך האָט זי מיך אַוועקגעזעצט ביים טיש, און אַליין זיך געזעצט מיר אַנטקעגן, כדי מיך גוט אָנצוקוקן. אַזוי זיינען מיר שוין געזעסן אַרום דעם טיש: חיים־לייב און ציסי און איך — און דער לאָמפּ האָט נאָך מער פאַרטיפט זיין געהאַרך־געוועב אינעם צענטער פון דעם רונדן טיש. דער פּנים פון די צוויי אַלטיטשקע איז אין גאַנצן באַלויכטן געווען פון דעם לאָמפּ־ליכט און מסתמא מיין אייגענער פּנים אויך אַזוי. דער רוקן אָבער פון יעדן איינעם איז האַלב איינגעהילט געווען אין שאָטן פון צימער, ווו די ספרים און די ספר־תורה׳ס זיינען געשטאַנען. ציסי האָט אַ לענגערע צייט געקוקט אויף מיר און געשמייכלט; איר שמייכל האָט מיר מיין פּנים געגלעט און נאָך עד היום, ערגעץ ווו אין פאַרשלאָסענעם זכרון, לויכט ער מיר אויף. סוף־סוף האָט חיים־לייב זיך אָנגערופן:

„אַ גאַנצע נאַכט האַלט איך אין איין איינטענהן מיט דער יידענע מיינער — דער השם יתברך אַליין האָט דיך אַהער געבראַכט. אַ שליח־טוב פאַר שלום־בית, זאָג איך דיר; ציסי מיינע האַלט זיך ביי אירן: ס׳קאָן ניט זיין, זאָגט זי, אַז איר טייער זונדעלע, דער מאַמעס ילד שעשועים, זאָל אין גאַנצן אַרויסרייסן גאָט פונעם האַרצן און זאָל טאָן וואָס די עוכרי ישראל האָבן דאָ געטאָן מיטן בית־המדרש. זאָג איך איר: זעסט דאָך מיט דיינע אייגענע אויגן. זאָגט זי מיר — זאָגן זאָגט זי מיר טאַקע גאָרניט; זי זיצט זיך אָבער גאַנצע טעג און נעכט, קוקט אינעם לאָמפּ אַריין און שוויגט. אפשר ווייסטו וואָס זי וועט דאָרט אויסשוויגן? אַ מענטש זאָל אַ וואָרט ניט אַרויסריידן. וואָס איז — חיים־לייב איז שוין גאָר ניט קיין לעבעדיקער מענטש מער, שוין מער ניט קיין טאַטע פאַר זיינע קינדער? מ׳קאָן מיינען, איך האָב עס איר תנא־ברא אַרויסגעשיקט אויף זיינע דרכים. גיי טענה מיט ווייבער. כ׳בין דיר מבטיח: וואָלט דער בן־יקיר אונדזער געווען צווישן יענע משומדים, וואָלט ציסי אַפילו דעמאָלט ניט געגלויבט. איי, רבונו של עולם. נו, מילא״.

ציסי האָט זיך ניט אומגעקוקט. עפּעס אַ ווייטע מחשבה האָט זי געצערטלט אין זיך — און געשוויגן. איך האָב אַוודאי גאָרניט געהאַט וואָס צו זאָגן: כ׳האָב נאָר מורא געהאַט, טאָמער וועט דער שטילער לאָמפּ דערשפּירן די ליידיקייט וואָס האָט געלאָקערט אין מיר יענע גאַנצע נאַכט. דער לאָמפּ אָבער איז געווען אין גאַנצן אַריינגעטאָן אין חיים־לייבן, איינגעזאַפּט יעדעס וואָרט זיינס, און זיי צעשיקט איבער אַלע ווינקעלעך פון צימער. דער אמת איז, אַז ווען חיים־לייב האָט אויפגעהערט ריידן, איז שוין מער גאָרניט געווען אין יענער האַרבסטיקער נאַכט. בלויז דער לאָמפּ אַליין האָט עקזיס־טירט אין דער פאַרמאַכטער וועלט — נאָר ער אַליין האָט נאָך געקאָנט פאַרנעמען עפּעס אַ זין אין דער שטאָק־פינצטערער נאַכט. סוף־כל־סוף האָט זיך חיים־לייב אויפגעהויבן און איז צוגעקומען צום פענצטער. דאָרט איז ער געשטאַנען און האָט שופך־שיח געווען אַנטקעגן דער נאַכט־חשכות, וואָס שטיקערווייז האָט זי זיך נאָר געגאָסן צוזאַמען מיטן צעשטורעמטן רעגן איבערן שטעטל:

„גיי לייג זיך צו, ציסי. וואָס איז עס דיר אָנגעקומען היינטיקע נאַכט, אשה? די שעה איז זייער אַ שפּעטע און אַ מענטש איז מער ניט ווי אַ בשר־ודם — ר׳מוז שלאָפן. הערסטו, ציסי? נו, מילא, זאָל זיין אַזוי. אַ מענטש וויל זיך אַליין פּייניקן. פרעג איך דיך — האָט ער זיך צו מיר מיט אַ מאָל געווענדט: איז עס כדאי אַז אַ יידענע זאָל זיך פּטרן צוליב רכילותן וואָס לייטן פירן? וואָס איז עס דאָרטן? זיי דערציילן דאָרט מעשות אַז דער תכשיט אונדזערער איז דאָ געווען. וואָלט דען בעסער געווען ווען ער זאָל באמת דאָ געווען זיין? אָט אויף דעם טאַקע איז זי זיך מצער — וואָס ער איז ניטאָ. אַ גרויסער כיבוד אב ואם וואָלט עס געווען, פאַרשטייסטו מיך. איי־איי, זאָג איך דיר. וואָס מענטשן זיינען; ווער ווייס וואָס מענטשן זיינען. זיי קאָנען זיך ניט פאָרשטעלן אַז חיים־לייבס אַ זון זאָל ניט נוהג כבוד זיין טאַטע־מאַמע. זאָל זיי וויל באַקומען. חיים־לייב האָט ביי זיי אַ זכות אַ גרויסן: אַ מקורב למלכות. מ׳וועט נאָך קומען צו אים אַ טובה בעטן. איי, אחינו בני ישראל. ומאידך גיסא — ס׳איז

דאָך טאַקע גוט, באמת גוט, ציסי. אפשר זיינען טאַקע לייטן גערעכט. איי, ווען אונדזער קינד וואָלט דאָ באמת געווען מיט אונדז, וואָלט ער דאָך אַוודאי דעם רוקן זיינעם איינגעבויגן און צוזאַמען מיט זיין טאַטן אויפגעהויבן די ספרים פון שטויב און זיי געטראָגן אַהיים. וואָס מיינסטו, ציסי? עס קאָן דאָך באמת אַזוי זיין. און דו, וואָס ביסטו אַהער געקומען אין אַזאַ חשכות? וואָס מיינסטו? האָסט דאָך עפּעס אַ תכלית געמוזט האָבן, ווען האָסט זיך אין אַזאַ מבול געלאָזט גיין צו חיים־לייבן און ציסין."

ער האָט אַפילו כלשהו זיין פּנים ניט געווענדט צו מיר. אַזוי איז ער געשטאַנען אַנטקעגן דער נאַכט, און די נאַכט האָט זיין גערייד אין זיך איינגעזאַפּט. ערגעץ וווּ האָט דער שטורעם אָנגעהויבן אָפּלאָזן. פון סאַמע גאַס־רעגן האָט זיך פאַרנומען אַ וויטע בשורה, וועלכע האָט, דוכט זיך, אויך געציטערן אין חיים־לייבס גערייד. מיט אַ מאָל איז ציסי אויפגעשטאַנען און זיך דערנענטערט צום פענצטער, ווו איר מאַן איז געשטאַנען. הינטער זיין רוקן איז זי געשטאַנען, די הענט איינע אין דער צווייטער פאַרלייגט, און לאַנגע מינוטן געשוויגן. פּלוצלינג האָב איך זיך דערפילט זייער איינזאַם אַליין ביים רונדן טיש און כ'האָב זיך אויך מצרף געווען צו זיי, ביי דער זייט פון ציסין. דער לאָמפּ האָט אויף אונדז אַלעמען געוואַרט מיט גרויס רחמנות, ווען ציסיס קלאָרער קול האָט אָנגעהויבן פליסן אינעם חלל פונעם צימער. מיט אַ מאָל האָט מיר אָנגעהויבן אַזוי וואונדערלעך קלאָר ווערן, צוליב וואָס ס'האָט מיך געצויגן אַהער יענע נאַכט:

„חיים־לייב, חיים־לייב, וואָס פאַר אַן עצבות איז אויף דיר אָנגעפאַלן היינטיקע נאַכט? ווייסטו דען ניט, אַז ווען אונדזער קינד זאָל מיט אונדז זיין, וואָלט ער טאַקע אַזוי געטאָן? חיים־לייב, זאָג איך דיר, דאָס קינד וואָלט אַוודאי איינגעבויגן זיין רוקן באַגלייך מיט דיר אויף די ספרים. זעסטו דען ניט, אַז ער האָט קיין צייט ניט געהאַט אַראָפּצוקומען אַהער? אַפילו קיין ליידיקע מינוט האָט ער ניט. מילא: אַזוי איז דער שטייגער פון דער וועלט היינטיקע צייטן. וואָס זשע פאַר אַ דאגות נעמסטו זיך אַריין אין קאָפּ אַריין?

זע נאַר, ווי אַט דאָס קינד איז צו אונדז געקומען אין אַזאַ וויסטער חשכות — זעסטו ניט, אַז אַ סימן אַ גוטער איז עס? ס׳איז דאָך נאָך ניט כלו כל הקצין?

„ווען כ׳זאָל פאַר דיר ניט מורא האָבן, חיים־לייב, וואָלט איך אים געפרעגט, אונדזער טייערן גאַסט: דו קומסט דאָך פון סאַמע דאָרטן, האָסט דאָך אַוודאי געזען אונדזער זון? וואָס מאַכט ער דאָרט, מיין טייערער בחור? איי, מיין זון, מיין זון, וואָס דיין טאַטן האָט ער פאַרגעסן און זיין מאַמען געדענקט ער ניט. וואָס שווייגסטו, חיים־לייב? ביסטו טאַקע אַזאַ אַכזר געוואָרן, אַז דו דערקענסט שוין ניט דיין אייגן בלוט־און־פלייש?

„איי־איי, זאָג איך דיר. ער׳ט נאָך קומען, ער׳ט אַוודאי קומען. און מיט כבוד גדול. איר רשעים, וועט ער זאָגן, איר חצופים, ווי האָט עס אַ ייד אַ האַרץ אַזוינס אָפּצוטאָן אַ בית־מדרש? חיים־לייב, קוק נאָר אָן: דער רעגן ווערט, דוכט מיר, שטילער, און איבערן בית־מדרש דאָך האָט זיך אַ שטערן באַוויזן. פאָלג מיך, מיין מאַן, מאָרגן גאַנץ פרי וועסטו, אם ירצה השם, אַרויסגיין צו דער אַרבעט, אין בית־מדרש אַריין. גלייך ווי גאָרניט איז געוועזן. איך וועל דיר נאָכקומען. מיר׳ן גוט אויסרייניקן דאָס הייליקע הויז, און זאָלן יידן ווידער קומען דאַווענען. מיר׳ן אַפילו די ספרים צוריק אַהין אַריבער־טראָגן. מיין האַרץ זאָגט מיר אַז ס׳עט גוט זיין. אוי, האַרץ מיינס: אונדזער קינד וועט אַהיים קומען בקרוב; וועסטו זען אַז אַ מאַמעס האַרץ זאָגט נביאות, ווערט מקוים״.

חיים־לייב האָט איר די גאַנצע צייט גאָרניט געענטפערט. ערגעץ ווו האָט אָנגעהויבן קלאָרער ווערן אויפן נאַכטיקן הימל. פון סאַמע מיטן געדיכטן וואָלקן וואָס אויפן בית־המדרש דאָך האָט אַ פינקל געטאָן אַ שטערן און איז ווידער ניט־געוואָרן. חיים־לייב האָט גאָרניט געזאָגט, און ציסי האָט מער כלפּי אים ניט געטענהט. איך אָבער — כ׳האָב מער ניט געקאָנטביישטיין עפּעס אַ שאַרפן געקלאַג וואָס האָט מיר אינעווייניק אַלע מיינע ביינער פאַרפלייצט און האָט זיך שיעור ניט אַרויסגעשפּאַרט אויף מיינע ליפּן. כ׳האָב באמת מורא געקראָגן,

טאָמער קאָן איך זיך ניט קאָנטראָלירן, ניט קוקנדיק אויף מיין גאַנ־צער כוונה צו ברענגען אַ טרייסט־וואָרט די אַלטע טאַטע־מאַמע. עד היום באַוווּנדער איך נאָך די רויִקייט אין וועלכער כ׳האָב מיין גערייד איינגעוויקלט, פונקט ווי די ווערטער מיינע זיינען פון אַ משיח לפי תומו:

„הכלל, מיינע טייערע פריינד, מ׳דאַרף שוין גיין. כ׳בין באמת געקומען אייך זאָגן אַ זיי־געזונט. גאַנץ פרי פאַר איך שוין אַוועק. זייט געזונט!״

ביידע האָבן זיי זיך אומגעקוקט אויף מיר. אין ציסיס אויגן האָט זיך צעגלאַנצט אַ שטילע טרער, און אין חיים־לייבס צעקנייטשטן געזיכט האָט זיך איינגעגעסן עפּעס אַ טיפער צער. כ׳בין נאָך גע־בליבן שטיין אַ לענגערע מינוט, פונקט ווי כ׳וואָלט געוואָרט אויף חצות. צוליב עפּעס וואָס האָב איך געפילט, אַז באמת וועט מיין פאַרלאַנג ניט מקוים ווערן, און כ׳וועל מאָרגן אין דער פרי נאָך דערוויִיל ניט אַוועקפאָרן. כ׳ווייס ניט פאַרוואָס און פאַרווען האָט מיך דאָס וויסטע שטעטל מיינס נאָך געהאַלטן: כ׳האָב שוין באַלד חרטה געקראָגן אויף אָט דעם גאַנצן משונה׳דיקן באַזוך מיינעם. מיין טאַטע אַליין, הגם ער האָט זיין פאַרלאָרענע בענקשאַפט נאָך מיר געטראָגן אין די שוואַרצאַפּלען פון זיינע אויגן, האָט מיך אָנגעקוקט פאַר־וווּנדערט.

ג

חיים־לייב שמש איז אַוודאי גערעכט געווען. צוליב די קלאַנגען וואָס האָבן זיך פאַרשפּרייט אין שטעטל וועגן זיין זון, איז ער „עולה לגדולה״ געוואָרן אין לייטנס אויגן. און הגם פיל מענטשן זיינען זייער טעות גאַנץ שנעל דערגאַנגען, האָבן די קלאַנגען נאָך אַלץ געהויערט איבערן שטעטל, גלייך ווי עס האָט דעם באַנג געטאָן זיך צעשיידן מיט אַ חלום. עס זיינען אַוודאי דאָרט אויך געווען סוחרישע מענטשן אַזעלכע, וואָס זיינען צו זייערע מסקנות געקומען לויט

דבר־מתוך־דבר: וויבאַלד חיים־לייב פּאַרמאָגט שוין יאָ אַזאַ מין זון אַ מלכות, איז דאָך ממילא כדאַי זיין זכות אויסצונוצן, צי דער „תכשיט” זיינער איז באמת יאָ דאָ געווען אָדער ניט. דעריבער איז גאָר קיין חידוש ניט, וואָס צו מאָרגנס איז צום שמש געקומען אַ שליח־מיוחד און האָט אים געבעטענערהייט באַפוילן זיך צוצושטעלן צו אַ באַלעבאַטישער אסיפה אינעם גבאיס הויז. דאָס האַרץ האָט חיים־לייבן קיין גוטס ניט געזאָגט; ער איז אָבער געגאַנגען, כמי שכפאו שד. און אַז ער איז אַריינגעקומען, האָט ער באַמערקט אַז קהל וואַרט שוין אויף אים. האָט ער זיך אָוועקגעזעצט, ווי זיין שטייגער איז שטענדיק געווען, אין אַ ווינקל און האָט געשוויגן. און ווי דער שטייגער איז פון שטענדיק אָן געווען, האָט זיך אָן אויג דעם גבאיס דערצאָרנט גלייך ווי נאָר דער שמש איז אַריינ־געקומען. אין איין רגע־כמימרא האָט זיך דער גבאי אָוועקגעלאָזט אין אַ געפּאַל פון גרוי־אויסגעטרוקנטע רייד, אין וועלכע צער האָט געשיפּעט מיט אַ פאַרלוירן — מאַכטלאָזן צאָרן. חיים־לייב איז אין זיין ווינקל געזעסן און די רייד זיינען אויף זיין קאָפּ געפאַלן ווי שטיינדלעך גרויע, אויסגעטרוקנטע, אומאויפהערנדיקע:

„די וועלט קערט זיך שוין דיר אין גאַנצן איבער. אַ שמש קומט שוין ניט אויף קיין אסיפות פון די באַלעבאַטים זיינע. יעדער חרש שוטה וקטן באַלעבאַטעוועט שוין ווי ביים טאַטן זיינעם אין ווייג־גאָרטן. און ווער איז עס, וואָלט איך וועלן וויסן, אָט יענער אדם גדול, וואָס האָט איינעם אַ שמש באַפוילן איבערצוטראָגן די הייליקע ספרים פון בית־המדרש אין זיין אייגענער נאַרע אַריין? וואָס מיינט ער עפּעס, דאָס טייערע שמשל אונדזערס, ס'איז טאַקע לית־דין ולית־דיין?”

אָט אַזוי האָט דער צאָרן אָנגעצויגן אין דעם גבאיס אויגן: ווי אַ שלעכטן צוגווינט האָט ער געצויגן אויף די געזיכטער פון די פאַרזאַמלטע. ביסלעכווייז אָבער האָט זיך אין זיינע רייד געעפנט אַ ווייט־באַהאַלטענער צער, און די צוהערער האָבן איינער נאָך דעם צווייטן זיך איינגעהילט אין יענעם צער. אויך חיים־לייב, מיט אַן

איינגעבויגענעם רוקן און אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, האָט זיך ווי געוויגט צו עפּעס אַ קינה וואָס האָט געקוועלט הינטער דעם זיך־אַלץ־אויס־לעשנדיקן צאָרן פון דעם גבאי:

„ער׳ט זי פּשוט אַלץ־מיט־אַנאַנדער אָפּגעגעבן: דעם ארון־קודש, די ספרים, דעם בית־המדרש, הכל־בכל. וואָס זאָל איצט טאָן, פרעג איך אייך, אַ ייד אויף דער וועלט? ווי קאָן אַ מענטש אָט־אַזוי־אַ לעבן? כ׳טענה מיט זיך אַליין: איר׳ט מיין גאַנצן פאַרמעגן אַוועק־געגזלט — מילא. קאַרג רשעים אויף דער וועלט פאַראַן? איר׳ט מיין שטיקל ברויט מיר פון מויל אַרויסגעריסן — וואָס קאָן איך טאָן? אַזוי האָט אַוודאי דער רבונו־של־עולם באַשערט, אַז מ׳זאָל נעמען אַ מענטשן און מ׳זאָל אים איבערלאָזן בעירום ובחוסר כל. אָבער אַז אַ גבאי זאָל שוין קיין דעה איבער זיין אייגענעם בית־המדרש ניט האָבן! אוי ווי ז׳מיינע יאָרן. ווי קאָן עס אַ ייד אַ שמש מאַכן יד־אחת מיט אָט יענע בריות? ווי האָט אים זיין האַרץ דערלאָזט אַ שררה צו ווערן צווישן משומדים? ווי קאָן מען עס אויסהאַלטן ווען מ׳זעט אַ טאַטן, אַן ערלעכן יידן, זיך אַרומשלעפּן מיט זיין קאָמיסאַר און צונעמען די ספרים כזוכה מן ההפקר?"

פון ערגעץ ווו האָט דער האַרבער צאָרן זיך ווידער צעגאָסן אינעם גבאיס פאַרטרוקנטן קול, און זיינע ווערטער האָבן זיך גע־פלאָכטן אין רשעותדיקע בייטשן וואָס האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אויף די קהלשע געזיכטער מיט אַ פרעמד־משונהדיקער הנאה:

„אָ, כלי־קודש, זאָגט איר. כלי־קודש, מיינט איר. איי־איי, רבונו־של־עולם. ווי מילשטיינער הענגען זיי שטענדיק אויף קהלס האַלדז. איצט אָבער איז אַ מחיה, אַ שמחה, אַ פרייד! אַן איבערגעקערטע וועלט: עליונים למטה ותחתונים למעלה. ס׳אַ פאַרגעניגן צו לעבן אויף היינטיקער וועלט! איי — חיים־לייב, חיים־לייב — ביסט שוין אויך אַ מלכות געוואָרן? זאָל דיר ווויל באַקומען. אינעם גרויסן זכות פון דיין משומד זאָל דיר ווויל באַקומען. זכותו יגן עליך, חיים־לייב" — — —

די שטים האָט זיך אים געוואָרגן אין האַלדז און זיינע ווערטער

האָבן זיך געשטיקט אין עפּעס אַ שלעכטן רויך וואָס לאָזט דאָס פייער ניט פריי. די לופט איבערן גאַנצן צימער איז געווען אין גאַנצן אָנגעצויגן פון עפּעס אַן אומגליק־שפּירונג וואָס האַלט אין איין מקוים ווערן. אַ מין פאַרפאַלענע יתומדיקייט האָט באַהערשט אַלעמען און זיי פאַראייניקט אין איין גרויסער שטומקייט. דער גבאי אַליין, אָבער, האָט זיך געהאַלטן אין איין אַרויסרייסן פון אָט דער שטומעניש זייערער: ער האָט זיך פּלוצעם אַוועקגעריסן פון פענצטער, אין וועלכן ער האָט די גאַנצע צייט געגאָסן זיין אויסגעהוילטן צאַרן, און זיך געלאָזן צום הויפּט־אָרט פון טיש. איצט האָט ער אויסגעזען ווי אין גאַנצן איבערגעבראָכן, הגם זיין געשטאַלט האָט זיך נאָך געהאַלטן הויך, צוליב זיין שטענדיקער געוווינהייט. זיצנדיק אַזוי אַ קורצע, אויסגעליידיקטע, ווײַלע, האָט ער זיך מיט אַ מאָל געווענדט צו די מסובים, און ער האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט ביי זיי גע־בעטלט אַ טראָפּן רחמים:

„זעט נאָר וואָס זיי האָבן אונדז אָפּגעטאָן. זעט נאָר דעם חורבן אונדזערן".

און נאָך דעם האָט ער זיך אומגעקערט צום פענצטער, האָט זיין געזיכט צוגעלייגט צום שויב און איז אין גאַנצן אַנטשוויגן געוואָרן. אין ווינקל האָט חיים־לייב פּאַמעלעך באַוועגט זיין גאַנצן אויבערשטן קערפּער־טייל אויף רעכטס און אויף לינקס, אָפּענטפערנדיק דער טיפער קינה וואָס האָט אינעווייניק אין אים געקוועלט. דערווײַל האָבן די פאַרזאַמלטע שטילערהייט אָנגעהויבן ריידן צווישן זיך, און דער טיש אַליין, אַרום וועלכן זיי זיינען אַלע געזעסן, האָט זיך טיף איינגעהערט אין עפּעס אַ בטחון וואָס האָט זיך געוועבט אין די רייד:

„אַ שכן מיינער האָט מיר דערציילט עפּעס — ער איז טאַקע אַ מקורב ביי יענע: מ'האָט די זעלבע מעשה געוואָלט אָפּטאָן דער חסידישער קלויז, האָט עמעצער פון די ,גדולים' אָפּגעהאַלטן".

„מ'זאָל מיך פרעגן, קאָן מען עפּעס טאָן פאַר אונדזער בית־המדרש אויך. מ'דאַרף נאָר קענען ריידן ווי ס'באַדאַרף צו זיין".

די רייד האָבן זיך אויסגעלייגט צווישן די יידן ווי אַ געעפנטער

ווייטער שטעג: עפּעס, וואָס איז ערגעץ אין דער לופט געהאָנגען, האָט אָנגעהויבן קריגן מער ממשות, הגם אַרויסזאָגן בפירוש וואָס האָט מען נאָך ניט געוואָגט; ביסלעכווייז האָבן אויגן אָנגעהויבן זיך ווענדן צום ווינקל, וווּ דער אַלטער שמש איז געזעסן מיט פאַרמאַכטע אויגן, זיך וויגנדיק רעכטס און לינקס, צום ריטם פון זיין אינער־לעכער קינה. אַוודאי האָבן די מענטשן געוואָלט וויסן, צי חיים־לייב פאַרנעמט די כוונה פון זייערע רייד. דעם גבאי אָבער, זעט אויס, האָבן זיי אין גאַנצן פאַרגעסן: איינער־אַליין איז ער געשטאַנען צו־געשמידט צום שויב. באמת האָט דאָס געררייד אַרום טיש אים גע־קלאַפּט ווי מיט שטעקנס איבער זיין קאָפּ, און זיין רוקן האָט ווי געצוקט אין אַן איינגעהאַלטענעם ווייטיק. קיינער אָבער האָט זיך אויף אים ניט אומגעקוקט. אַלע זיינען זיי פאַרטאָן געווען אין רייד־געוועב, זוכנדיק אַ פּתחון־פּה פאַר דעם וואָס זיי איז געלעגן אויפן האַרצן און וואָס דאָס מויל האָט נאָך דערווייל ניט געוואָגט אַרויס־צורײדן. סוף־כל־סוף האָט איינער פון זיי אַ זאָג געטאָן גלאַט אַזוי זיך אין דער וועלט אַריין:

„סיידן צווישן אונדז געפינט זיך דאָ איינער וואָס פאַרמאָגט עפּעס אַ קרוב אין די ,הויכע פענצטער׳ — —"

„אָט, אָט" האָט זיך שוין איינער אַרויסגעכאַפּט מיט אַ שטאַרקער חריפות. תוך כדי דיבור איז ער אַנטשוויגן געוואָרן, פּונקט ווי ער וואָלט שוין געהאַט אַרויסגעזאָגט אַלץ־מיט־אַנאַנדער. אַן אַנדער ייד אָבער האָט זיך זייער לאַנגזאַם און זייער שטיל אַרויסגעהויבן פון צווישן די מסובים און באַלד איז ער שוין געשטאַנען אין אַ ווינקל, ביי חיים־לייבן:

„ר׳ חיים־לייב, ס׳איז סכנת־נפשות. איר האָט דאָך אַ זון אַן אייגענעם אין יענע מקומות. מי לנו גדול פון אַן אייגענעם זון. לייטן זאָגן, אַז ער איז דאָ ערשט נעכטן געווען. איך ווייס ניט. יאָ אָדער ניט, אָבער פון כיבוד אב ווייס ער דאָך. אַנדערש וואָלט ער דאָך די ספרי־תורה חרוב ונחרב געמאַכט און אַריינגעשטעלט אַ צלם בהיכל. ר׳ חיים־לייב, ר׳ חיים־לייב, עוד לא כלו כל הקצין. קהל בעט דיך,

זאָלסט גיין אין דער גרויסער שטאָט אַריין און אויסבעטן ביי זיי דעם בית־המדרש. זאָלן זיי אונדז, לכל הפחות, מתיר מאַכן דאָס דאָזיגע דאָרטן".

„ר׳ חיים־לייב!", האָט אַן אַנדערער אויסגעשריען און האָט אַ שפּרונג געגעבן צום שמש צו: „חיים־לייב, וואָס שווייגסטו, חיים־לייב? ווייסן מיר דען ניט, אַז דיין צער איז טויזנט מאָל גרעסער ווי אונדזער צער? אָבער מיר האָבן דאָך געלערנט, אַז אַ ייד, אַפילו חרב מונחת על צוארו אינו מתיאש מן הרחמים. וואָס שווייגסטו, חיים־לייב? איז עס בלויז וואָס דו האָסט אַ זון אַ שררה, דאַרף אַ ייד ביי זיך אַזוי אַראָפּפאַלן? און אפשר איז עס טאַקע מפּי ההשגחה און פאַר יידנס טובה וועגן? וואָס שווייגסטו, חיים־לייב? פאָר צו דיין זון דעם קאָמיסאַר און רייד מיט אים כך וכך און אַז ס׳קאָן גאָר אַנדערש ניט זיין. זאָג אים: אַ ייד גייט קיין מאָל ניט לחלוטין פון גדר אַרויס".

„זעט, יידן, וואָס פון אונדז איז געוואָרן", האָט אַ דריטער געיאָמערט. אַזוי איז ער געבליבן זיצן, זיינע אָרעמס אָנגעלענט אויפן ברעג טיש און זיין פּנים אַריינגערוקט טיף אין זיינע הענט. שטילער־הייט האָט ער אַזוי זיין יאָמער געצויגן פאַר זיך, פאַר קהל, פאַר חיים־לייבן, און אפשר אויך פאַרן גבאי וואָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען ביים שויב איינגעהילט אין זיין פינצטערן יאוש. „ריקם הוצגנו מכל. קוקט נאָר אָן דעם בית־המדרש, ווי ליידיק ער איז מיט אַ מאָל געוואָרן. מילא, די ספרים. אויף דער גניזה פון די הייליקע ספרים דאַרף מען תעניתים פאַסטן. אָבער אַ בית־מדרש זאָל ליידיק שטיין, אָן יידן מתפּללים. גלאַט אַזוי זיך, ליידיק. אוי אַ חורבן, רחמנא ליצלן. אויב דאָס ניט, וואָס איז שוין דאָ אויף דער וועלט". פּלוצעם האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך צעשריען: „חיים־לייב, גיי זאָג דיין זון: אַ שררה ביסטו, מאַך אַז ס׳זאָל אַנדערש זיין! לא ייתכן אַזעלכע מעשים ביי יידן! שלעסער וועלן מיר ברעכן, זאָג אים, ציסיס זון! שלעסער וועלן מיר צעברעכן, חיים־לייב!".

די גאַנצע צייט איז חיים־לייב געזעסן אויף זיין אָרט אין ווינקל:

דעם קאָפּ ניט געהויבן און דעם רוקן ניט אויסגעגלייכט. אָבער אַז יענער ייד האָט אָנגעהויבן אים באַוואַרפן מיט זיינע רייד, האָט ער זיך אין גאַנצן איינגעשרומפּן, פּונקט ווי אַן אומדערטרעגלעכער ווייטיק וואָלט אים אָנגעכאַפּט. האָלט ער איצט כוח געהאַט, וואָלט ער אַוודאי אויפגעשטאַנען און געשריען נאָך הילף. אַ מורא האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר יענעם שרייענדיקן יידן, פאַרן גבאי וואָס האָט זיין פּרצוף באַגראָבן אין דעם פענצטער־שויב, און פאַר גאַנץ קהל וואָס האָט אים דאָ אַריינגעכאַפּט ווי אין אַ פּאַסטקע. ווען ער האָט אָבער דערהערט ציסיס נאָמען פון יענעם יידנס מויל, האָט ער זיך אויפגעריסן אויף זיין אָרט, געביילט זיינע פויסטן אין דער לופטן און געגוואַלדעוועט:

„יידן, וואָס ווילט איר פון מיין לעבן, יידן? וואָס האָט איר צו מיר, יידן?"

אַזוי האָט זיך ווידער אויסגעצויגן אַ שטומעניש איבערן גאַנצן חלל פון דעם צימער. איינציקווייז האָבן זיך די פאַרזאַמלטע אַרויסגערוקט פון הויז, ווי יעדער וואָלט אַוועק אויף זיין אייגענעם אַ פאַרלוירענעם וועג. דעמאָלט ערשט איז דער גבאי צוגעקומען צום שמש און האָט אים אַ רגע אָדער צוויי שטילערהייט באַטראַכט. מיר דוכט זיך, אַז אויך מיך האָט ער באַמערקט — ער האָט אָבער צוליב וואָס זיך ניט־וויסנדיק געמאַכט. כ'האָב טאַקע געזען, ווי ער האָט זיין האַנט אַרויפגעלייגט אויפן שמשס רוקן. זיין שטים האָט זיך פאַרנומען אין אַן אינערלעכע שטילקייט אַזעלכער, וואָס עס פאַרמאָגן מענטשן, ווען זיי חברן זיך שוין מיט זייער יאוש ווי מיט אַ ברודער:

„נו, מילא, חיים־לייב. מילא, וואָס עס קאָן זיך טרעפן אויף אונדזער שיינער וועלט. אַ ייד וועט דאָך, חס ושלום, ניט זיין אַ מאבד עצמו לדעת. איי, חיים־לייב. דער גבאי, דער שמש — וואָס איז שוין די נפקא מינה? ווי איוב בשעתו. ווער וויס אויב דיר איז נאָך ניט ערגער ווי מיר. אַז דער רבונו־של־עולם וויל היינטיקע יאָרן באַשטראָפן אַ יידן, זאָל ער אים זיינע זין פאַר שררות מאַכן. פון

דעסטוועגן, האַלט איך, איז כדאי זאָלסט מיט איםריידן. אולי ירחם — וועסטו האָבן געטאָן גאַנץ קהל אַ גרויסע טובה. פאַר דיר אַליין, רעדט מען שוין ניט. כ׳מיין ניט, חס ושלום, דיר מגדיש זיין די סאה פון דיינע יסורים. מילא, מילא. לאָמיר מצדיק זיין דעם דין. אין דנים לו לאדם על צערו, זאָגן חז״ל. און גלויב מיר: כ׳ווייס באמת, אַז ניט דיין זון איז עס געווען וואָס האָט מיט דיר די ספרים געטראָגן פון בית־המדרש צו דיר אין שטוב אַריין. קוק נאָר אָן, ווי מיין אייגן הויז איז חרוב ונחרב געוואָרן. אַלץ האָבן זיי ביי מיר צוגענומען: כלים, מעבל, אַפילו דעם קידוש־בעכער צוגענומען. בלויז די בילדער אויפן וואַנט ניט געטשעפּעט. יידישע קינדער האָבן אַפילו ניט באַמערקט דעם ווילנער גאונס געזיכט, דעם רבס, משה מאָנ־טעפיאָרעס. זע נאָר, חיים־לייב, ווי פאַרלאָזן נעבעך יענע גרויסע יידן זיינען״ — האָט דער גבאי זיך פיינלעך צעשמייכלט, און ערגעץ האָט אין זיינס אַ וואָרט אַ טו־ער געפּלאָטערט: „וואָס קאָנען מיר טאָן מיט יענע גרויסע יידן, וואָס זיינען נעבעך אַליין געבליבן אויף חרובע ווענט?״.

חיים־לייב האָט שוין גאָר ניט געענטפערט. אויף זיין פּנים האָט אַ רמז געטאָן עטוואָס אַ שמייכל. אַזוי זיינען זיי ביידע געשטאַנען, דער גבאי און דער שמש, אין מיטן צימער,ביים טיש וואָס איז איצט ווי אַ נאַקעטער געבליבן. און איך — ניט פרעגנדיק ביי קיינעם בין איך צוגעקומען צו די ווענט און האָב אָנגעהויבן אַראָפּנעמען די בילדער פונעם גאון, דעם ליאָדער רב, דעם שר מאָנטעפיאָרע פון די ווענט. כ׳האָב אַלע פאָטאָגראַפיעס צוזאַמענגענומען אונטער מיין אָרעם און זיך אָנגערופן צו חיים־לייבן:

„כ׳וועל די אַלע אַריבערטראָגן צו אייך אין דער דירה אַריין, ר׳ חיים־לייב. כ׳וועל זיי איבערגעבן ציסין. זי וועט שוין אַוודאי אויף זיי אַכטונג געבן״.

כ׳האָב זיך שנעל אָפּגעטראָגן. ביידע זיינען נאָך אַוודאי לאַנג געשטאַנען ביי יענעם פאַראייניזאַמטן טיש.

ד

די קלאַנגען וועגן חיים־לייבס זון האָבן זיך מיט אַ מאָל אָפּ־געשטעלט אין שטעטל. אַ וויסטע שטילקייט האָט אַראָפּגענידערט איבער גאַס־און־געסל, און אַלע הייזער האָבן געשוויגן אָן אַ פּאַרוואָס און פאַרוואָן. איך טראַכט איצט, אַז צוליב דעם טאָקע האָב איך אָפּגעלייגט מיין אָוועקפאָרן פון טאָטן פון טאָג צו טאָג: ערגעץ ווו האָבן גרויסע פייערן געברענט און האַריזאָנטן האָבן זיך אָפּגערופן מיט טיף־רויטע שריפות — איז מיר גוט געווען זיך איינצוהילן אין שטעטלשן אומעט, וואָס האָט שוין מער ניט נביאות געזאָגט אויף קיין זאַך וואָס זאָל זיך טרעפן, אָדער אויף מענטשן וואָס זאָלן קומען. גאַנצע טעג בין איך ניט אַריבער די שוועל פון הויז; אויך חיים־לייב האָט זיך אויף דער גאַס ניט באַוויזן. איין פרימאָרגן אָבער האָבן זיך דערהערט שטאַרקע האַמער־קלעפּ פון בית־המדרש זייט. האָב איך זיך צוגעאיילט און בין אַהין אַוועק.

ביי דער טיר האָט זיך מיר אָנגעטראָפן אָט יענע „פּרוצה" וואָס האָט געטאָן וואָס זי האָט געטאָן מיט די ספרים. אין איר האַנט האָט זי געהאַט האַמער און צוואַנגל און דער פּנים איז איר פאַררויטלט געווען, צי פון צופיל אַרבעטן, אָדער פון גרויס נחת וועגן. ממש אויפן שוועל האָט זי זיך אַ־ויסגעדרייט פון מיר אין דרויסן אַרויס, און איך בין אַזוי געבליבן שטייענדיק אַליין. אינעווייניק איז איצט דער ארון־קודש געווען אין גאַנצן באַדעקט מיט אַ שרייענדיק־רויטן געוואַנט וואָס האָט פאַרשטעלט סיי די טירן, סיי די אויסגעקריצטע בלומען און חיות הקודש. און אויפן סאַמע שפּיץ ארון, דאָרט ווו די לוחות שטייען שטענדיק, זיינען שוין צוגעקלאַפּט געווען צוויי געשטאַלטן־בילדער — יענע האָבן איצט געהערשט איבערן גאַנצן חלל פון בית־המדרש, אין וועלכן די זון האָט אַריינגעגאָסן איר שפּעט־מאָרגנדיק ליכט. אַ קאָרגע מינוט בין איך צוגעשמידט געווען צו אָט דעם ליכט, פונקט ווי איך וואָלט עס צום ערשטן מאָל געזען: עס האָט די ליידיקייט פון בית־המדרש זיבן־און־זיבעציק מאָל פאַר־

טיפט; ס׳האָט זיך מיר געדוכט, אַז ערגעץ ווו האָב איך וועגן אַזאַ ליכט געלייענט, אָדער געלערנט, אָבער געדענקען גענוי האָב איך ניט געדענקט. בלויז די ווערטער „אמר רבי יהושע בן לוי״ האָבן זיך מיר צוליב־וואָס געפּלאָנטערט אויף מיין צונג. ווי עס זאָל ניט געווען זיין, איבערן ארון־קודש זיינען געהאָנגען יענע צוויי גע־שטאַלטן־בילדער. פון רעכטס האָט געהערשט די געשטאַלט פון דעם גרויסן פּירער: אַ שטרענג אין־זיך־פאַרשלאָסן געזיכט, און אין גאַנצן אין־זיך געווענדט; בלויז ערגעץ טיף אין די האַלב־צוגעמאַכטע אויגן איז פאַרפאַרן געוואָרן עפּעס אַ שמייכל וואָס זאָגט אָן אויף ברענענדיקע שטורעמס, וואָס קומען שוין אָן פון קאַלטע לענדער און ימים, און ס׳וועט קיין שריד ופליט ניט בלייבן. און פון לינקס האָט געגלאַנצט דאָס בילד פון דעם פּירער מיט דעם געזיכט פון אַן אָדלער, זיין שאַרפער בליק רייסט זיך דורך דורך זיינע דיקע ברילן און נעמט אַרום אַלע ארבע רוחות העולם, אין גאַנצן גרייט זיך אַריינצווואַרפן אין אַלע וועלט־שטורעמס אין איין־און־דער זעלבער שעה, ווייל שטורעם אַליין איז גוט און גרויס און פריילעך און רייסט זיך אין אחרית־הימים אַריין.

בין איך אַזוי געשטאַנען אויפן שוועל אַ קורצע רגע — און מיט אַ מאָל האָב איך דערפילט, אַז מיין קאָפּ דרייט זיך מיר און אָט־אָט וועל איך אַרויס מיט אַ געפּילדער. זעט נאָר וואָס זיי האָבן מיט די לוחות געטאָן, האָב איך אינעווייניק אין זיך געשריען; זעט נאָר זעט, האָב איך געגוואַלדעוועט, און דעם געוואַלד אין זיך איינ־געהאַלטן: אָט דער פון דער לינקער זייט מיטן אָדלערישן פּנים איז דאָך ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק פון זיינע אייגענע חברים פאַר־משפּט געוואָרן — כ׳האָב אַליין געזען אין דער גרויסער שטאָט ווי גאַסן האָבן געווילדעוועט פאַר זיין טויטס כבוד וועגן. היינט ווי קומט ער אַהער אויפן ארון־קודש דאָ? אַ דערפאַרונג פון אַ גרויסן אומגליק האָט מיך מיט אַ מאָל באַהערשט, און כ׳האָב אָנגעהויבן נאָכלויפן יענער מויד מיטן האַמער און צווענגל. כ׳בין זיכער, אַז כ׳האָב אויך איר געוואָלט וואָרענען וועגן דער גרויסער סכנה פאַר יידישע קינדער,

וואָס קומט אויף זיי אָן פון דער גרויסער שטאָט. כ׳האָב זיך אָבער אָפּגעשטעלט אין אַ פּאָר טריט אַרום, און עד היום ווייס איך ניט צוליב וואָס. אפשר האָט נאָך אין מיינע אויגן אַלץ געברענט דער פרעמדער שפּאָט וואָס יענע מויד האָט אויף מיר שווייגנדיק אויסגעגאָסן אויף דער בית־המדרש־שוועל. כ׳האָב זיך אומגעקערט צוריק צום בית־המדרש צו, הגם כ׳האָב גוט געוווסט, אַז בעסער וואָלט געווען ווען כ׳זאָל פון דאָרט וואָס שנעלער אַוועק, פון שטעטל אַוועק, פון טאַטנס הויז אַוועק.

מיט אַ מאָל האָב איך באַמערקט חיים־לייבן. ער איז געשטאַנען אין טלית־און־תפילין פאַרטיפט אין דאַווענען ביי איינעם אַ פענצטער. זיינע אויגן האָבן אין זיך אַריינגעזאַפּט די בלויקייט פון די מאָרגן הימלען, און זיינע פסוקי־דזימרא זיינען שטיל געפלאָסן איבערן בית־המדרש און אָנגעפילט זיין לייַדיקייט. כ׳האָב זיך אַ לאָז געטאָן צו אים, און צוליב וואָס, האָב איך ניט גענוי געוווסט:

„ר׳ חיים־לייב! ר׳ חיים־לייב!״

ער האָט זיין געזיכט אויסגעדרייט צו מיר, און ניט מפסיק געווען זיינע פסוקי־דזימרא. כ׳געדענק קלאָר, וואָס אין יענער שעה איז מיט מיר פאָרגעקומען. געוואָלט האָב איך אַוודאי וואָרענען דעם שמש וועגן דער סכנה וואָס שטייט אים פאָר צוליב אָט יענעם בילד טראַצקיס אויפן ארון־קודש; צום סוף גאָר האָב איך אַליין זיך אויפגעוועקט ווי פון אַ קאָשמאַר, ווען כ׳האָב דערזען דעם אַלטן שמשס געזיכט אויפגעלויכט פון הימלדיקן שיין און פון שחרית־דיקער תפילה. דערווייל האָט ער אָפּגעדאַוונט, צוזאַמענגעלייגט זיין טלית־און־תפילין און געלאָזט זיך, ווי זיין דרך איז געווען, זיי אַריינצולייגן אין אַ שופלאָד אונטערן ארון־קודש — האָט ער אים געטראָפן אַ פאַרשלאָסענעם און האָט זיך אָן עפּעס דערמאָנט. האָט ער שוין מיט אַ שמייכל אַרויפגעקוקט צו דיביידע שררות וואָס איבערן ארון און האָט אין זיך אַ שמייכל געטאָן:

„איי, ברודערקע, אַפילו קיין שטיקל ווינקל פאַר דיינע טלית־ותפילין האָבן זיי ניט געלאָזט״.

האָט ער אַריינגערוקט דעם טלית אונטער זיין אָרעם און זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. עס זעט אויס, אַז אַ מידקייט האָט אים אַרומגעכאַפּט ווען ער איז גאָענטער צוגעקומען צו דער טיר: אויפן שוועל האָט ער אויפגעהויבן די האַנט צו דער מזוזה, איז די האַנט זיינע געבליבן הענגען אַ פּאַריתומטע. ערשט איצט האָט זיך זיין פּנים עפּעס פאַרקרומט, פּונקט ווי ערשט איצט האָט ער זיך דערוווסט וואָס מיט אים איז געשען. איז ער אַזוי געשטאַנען אַ רגע און האָט זיך אַ זאָג געטאָן אין גאַטס וועלט אַריין:

„נו, מילא. אַזוי איז דאָס. זע נאָר, דו אַלטער זקן, וואָס מיט דיר איז געשען".

ער איז אַפּגעגאַנגען עטלעכע טראָט און האָט זיך אויף מיר, זעט אויס, ניט אומגעקוקט, אַזוי ביטער איז אים געווען פון דעם צלם בהיכל. ער האָט זיך אָבער באַלד אומגעקערט, האָט שנעל אַוועקגעשפּאַנט צו דער דרומדיקער וואַנט צו און האָט זיין טלית־ותפילין אַוועקגעלייגטביים פענצטער. באַלד האָט ער זיך פאַר־טראָגן מיט כלערליי עסקים: ער האָט געקערט און גערייניקט אין אַלע ווינקלען פונעם בית־מדרש. כ'האָב דערפילט, אַז אַ נייער כוח איז עפּעס אַריין אין דעם אַלטן שמש אַרבעטנדיק אַזוי. ער האָט מיר אויסגעזען אַזוי התלהבותדיק אין דער אַרבעט, פּונקט ווי ער וואָלט דערוואַרט די שבת המלכה אָנקומען פון וויטע האָריזאָנטן. כ'בין געשטאַנען אַ פאַרוווּנדערטער, אַ באַפרייטער פון יעדן סכנה־געפיל אין יענער מינוט, און געקוקט אויף דעם אַלטן יידן. עפּעס האָט זיך געוועבט אין זיינע באַוועגונגען, און כ'האָב געשפּירט אַז ער וועט עס לאַנג ניט קאָנען איינהאַלטן. ער האָט טאַקע מיך אַלץ ווי ניט באַמערקט, און דאָס וואָרט אויף זיינע ליפּן האָט זיך טאַקע אין אָנהייב געוועבט אין־זיך:

„נו, מילא. איי, זקן שכמותך, חיים־לייב. זקן און לא־יוצלח וואָס דו ביסט, דו אַלטער שמש איינער. אַ בן־יחיד ביסטו איצט ביים רבונו־של־עולם אין זיין הייליק הויז. קוק נאָר, חיים־לייב, דעם גרויסן יחוס דיינעם ביים טאַטן אונדזערן אין הימל. אוי, אוי, יתומים

היינו, רחמנא ליצלן, קיין יידישן פוס זעט מען ניט אין מאַרק, און אין בית־המדרש אויך ניט. אויף יידישע שונאים געזאָגט געוואָרן, רבונו־של־עולם. אוי, שלעכטע צייטן קומען אָן אויף דיין פאָלק ישראל. חיים־לייב, דו ווייסט דאָך גאָרניט וואָס מיט דיר קומט פאָר. אָט האָסטו אַ זון, אַ טייערן זון, איז ער גאָר מעבר לים, און אָט דער, דער יינגערער! — חיים־לייב, נעם דיר דיין טלית־און־תפילין און גיי דיר אַהיים, צו ציסין דיינער, און באַוויז מער ניט דיין פנים אין גאָס".

זיין ווערטער־פלוס האָט סוף־כל־סוף אויסגעטרוקנט. האַלב־איינגעבראָכן האָט ער זיך אַ ביסל געדרייט אַהין און אַהער אַרום דער בימה און שטילערהייט געזיפצט. אַזוי איז ער ווידער אָנגעקומען צום ארון־קודש, האָט אָנגעלענט זיינע הענט אויפן שפיץ פון בעזים און די אויגן אָנגעהאָנגען אויף די צוויי געשטאַלטן וואָס איבערן ארון. אַ היפשע ווײַלע האָט ער געשוויגן, ווי פאַרטאָן אין עפּעס אָן ענין. נאָך דעם, ווען ער האָט ווידער אָנגעהויבן, האָב איך באמת ניט געוווסט צו וועמען זיין גערייד איז געווענדט:

„מילא, שררות. משמעות — שררות. עס פרעגט זיך אָבער אַ שאלה: צוליב וואָס דאַרף מען זיי דווקא דאָ, אין אַ יידישן בית־מדרש, אויפהענגען? איי, רבונא דעלמא כולה: האָסטו שוין געהערט אַמאָל, אַז יידן זאָלן אַליין אַריינשטעלן כל פסל וכל תמונה אין אַ מקום קדוש? האָסטו אַ מאָל דעם רמב"ם, אָדער דעם ווילנער גאון דאָ געזען? ואם תאמר: חרוב איז געוואָרן ביתם של ישראל, וואָס זשע האָב איך, חיים־לייב שמש, דאָ צו טאָן? וואָס דאַרף איך מיין טלית־און־תפילין דאָ האַלטן? וואָס פאַר אַ בעזים האַלט איך עס דאָ און וואָס פאַר אַ שמירה האָב איך עס דאָ?

„כ'בעט דיך טאַקע", האָט ער, זעט אויס, זיך צו מיר געווענדט ניט אומקערנדיק זיין פנים צו מיר: „אָט דער פריץ רעכטס, וואָס פאַר אַ מין שררה איז ער עס אויף דער וועלט? מיין האַרץ זאָגט מיר, אַז ער מוז אָנקומען פון ערגעץ גאָר אַ ווייטן מקום, מעבר להרי חושך. ער מוז אַוודאי כלל גאָרניט וויסן וועגן יידישע זאַכן.

אפשר איז ער גאָר אין גאַנצן ניט מרוצה אַז מ׳זאָל אים, ווי אַן אָפגאָט, אויפהענגען אויף אַ יידישן ארון־קודש ? זע נאָר, ווי ווייט זיין פנים איז פון עפּעס אַ בית־מדרש, ווי ווייט־פרעמד זיין אויג איז. ער איז אין גאַנצן אַריינגעטאָן אין עפּעס אַ מחשבה זרה וואָס ברענט אין זיינע געדערים. ווי קאָן עס אַ מענטש זיין פּרצוף אַזוי פאַרשפאַרן, ווי אָט דער פריץ טוט עס ? כ׳קוק אויף אים מיט מורא. הערסטו : טאָמער צעגייט נאָך אָט די פאַרפרוירעניש אין זיין פּרצוף, וועט נאָך, חס ושלום, עפּעס אַן אומגליק טרעפן — עפּעס אַ שטורעם אַזעלכער וואָס צעבלאָזט גרויסע פייערן, אָדער עפּעס אַ שניי־וויוגע, ווו מענטשן פאַרלירן אַלע אויסגעטראָטענע וועגן, אָדער עפּעס אַ גרויסע מלחמה וועט אויסברעכן און מדינות וועלן פאַלן. דו ווייסט דאָך אַוודאי וואָס פאַר אַ שררה ער איז עס אויף דער וועלט ! איז ווי קומט ער גאָר אין אַ יידישן מקום, און נאָך אין אַ בית־המדרש ?

„איי, ווי איז מיר, כ׳ווייס מיין אומגליק, כ׳זאָל מיט מיינע ליפּן ניט זינדיקן. מיינסטו באמת, אַז כ׳וויס ניט ווער איז עס געגאַנגען און האָט יידן אַזוינס אָפּגעטאָן ? מיינסטו טאַקע, אַז דער אַלטער חיים־לייב קאָן שוין גאָר דעם אמת ניט וויסן ? איי, דער „בן־יקיר" מיינער, ציסיס ילד־שעשועים. זע נאָר, רבונו־של־עולם, וואָס דו האָסט אונדז אָפּגעטאָן.

„ער פלעגט דאָך באמת זיצן מיט מיר איבער אַ בלאַט גמרא מיט מפרשים, איבער אַ פּרק „משנה תורה" להרמב"ם, אַפילו אַ מאָל אויך אַן עמוד אָדער צוויי פון „תניא". האָט גוט געלערנט — מיט עמקות, און אַ מאָל זיך גאָר אַזוי התלהבותדיק צעניגונען, אַז ציסי מיינע פלעגט איינהאַלטן איר אָטעם. מחשבות אָבער פלעגן אָנקומען אויף אים אין סאַמע מיטן לערנען : מ׳האָט ממש בחוש געזען, ווי אָט די מחשבות פלעגן זיך אָניאָגן אויף אים. איין טאָג האָט ער מיט אַ מאָל מפסיק געווען — האָט מיך אַזש איבערגע־שראָקן : „זאָלסט נאָר וויסן, טאַטע, וויפיל אמת עס ליגט אינעם רמב"ם און אין „תניא". זאָג איך אים : קאָן דען געמאָלט זיין, דענקסטו, אַז כ׳האָב, חס ושלום, אַ ספק אין די רייד פון דעם

רמב״ם און דעם „תניא?״ זאָגט ער מיר: ,ניט דאָס מיין איך׳. און מיין האַרץ זאָגט מיר שוין, אַז עפּעס איז ביי אים לא כשורה. כ׳ווייס? ר׳פלעגט זיך איינקוקן אין די גבאים, וואָס פאַר אַ מעשים זיי פלעגן אָפּטאָן פּשוטע יידן — פלעגט זיך אַ ליפּ ביי אים פאַר־קרימען — און דער צאָרן האָט ביי אים אין די אויגן געשיפעט. ניט געקאָנט פאַרטראָגן דעם דלות אין יידישע הייזער, אַוודאי ניט אין טאַטע־מאַמעס הויז. טוט ער מיר איין מאָל אַזוי אַ זאָג: ,וואָלט דער רמב״ם איצט געלעבט, וואָלט ער אַוודאי אַהער אין שטעטל אַריין און אויסגעפּאַטשט די שיינע באַלעבאַטים דיינע און זיי אַרויס־געיאָגט פון בית־מדרש אַרויס׳. אמתע חוצפה — — כ׳בעט דיך, זאָג מיר דעם אמת, זאָג מיר: קאָן איך אַזאַ יונג איינעם זיין מויל פאַר־שטאָפּן? אָדער אים גאָר סותר זיין? דער סוף איז, אַז ער איז אין גאַנצן אַוועק פון דאַנען. ציסין איבערגעלאָזט. ערגעץ זיך פאַרטשע־פּעט מיט יונגען. אַוודאי אויך אָנגעקומען צו עפּעס אַ פריץ אין דער גרויסער שטאָט: אים דערציילט כך וכך. געמסרט דעם בית־מדרש און אַלע יידן — זעסטו דאָך וואָס דער סוף איז״.

כ׳בין אַ צעטומלטער געשטאַנען די גאַנצע צייט לעבן חיים־לייבן. אַלע טרייסט־ווערטער זיינען ביי מיר ערגעץ ווו אויסגערונען געוואָרן, און כ׳האָב גאָרניט געזאָגט. תוך כדי דיבור אָבער האָט ער מיך מיט זיין האַנט לייכט אָנגערירט, און מיט דער צווייטער געוויזן אויפן בילד לינקס איבערן ארון־קודש. כ׳האָב מיינע אייגענע אויגן קוים געגלויבט: דער אַלטער האָט געשמייכלט, ווייזנדיק מיט אַ פינגער אַרויף צו:

„קוק אים נאָר אָן, אָט דעם ברנש אויבן. מאחינו בני ישראל אַוודאי. זיין נאָז כמאה עדים. זע נאָר די פּאָר אויגן וואָס אָט דער פריץ האָט עס. גלייך דער רבונו־של־עולם האָט זיין שיינע וועלט מער ניט באַשאַפן נאָר כדי יענער זאָל זיינע אויגן אין איר אַריינ־שטעכן. זע נאָר וויפיל עולמות יענער נעמט עס אַריין אין זיינע אויגן. מוז זיין אַ גרויסער פיקח, אַ חריף ובקי, אַ תלמיד־חכם מופלג. עס קאָן גאָר אַנדערש ניט זיין: אַן אייזערנער קאָפּ. קאָן

אַוודאי אין די „קליינע אותיות" — אַזעלכע ווי ער — קאַנען. כ׳קוק זיך איין אין אים: עפּעס פאַרמאָגט ער פון מיין אייגענעם תנא־ברא. ס׳איז גלוי וידוע: האָט אַ שאַרפן מוח אין זיין קאָפּ; דעריבער עולה לגדולה געוואָרן. האָט אַוודאי אויך אַ יידיש האַרץ — קאָן קיין עוולות ניט פאַרטראָגן. עס נאָגט מיר אָבער אַ בתמיהה: אויב ס׳איז טאַקע יאָ אַזוי, איז וואָס זשע האָבן זיי צום בית־המדרש? ס׳איז דאָך אדרבא פאַרקערט. וואָס אַרט עס זיי? וואָס, די חז״ל האָבן זיך ניט איינגעשטעלט פאַר אַן אָרעמען מענטשן? און די נביאים? מי לנו גדול פון די נביאים? כ׳בין ערב, אַז אָט דער פריץ קאָן מסתמא האַלב תנ״ך אויסנווייניק. ווער ווייס, אויב טאַקע ניט האַלב ש״ס. און אפשר איז ער גאָר אַ גענעראַל איצט, בעוונותינו הרבים, און פירט מלחמות איבער דער וועלט. קוק נאָר אָן זיין שאַרפע באָרד ווי אָנגעשפּיצט זי איז: כאָטש גיי גלייב אים אַז ער איז מקנא קנאת ה׳ צבאות און האַלט די מידת־הדין אין זיין האַנט".

עפּעס אַ מאָדנע חדווה האָט אים זיינע רייד באַטריבן, אַ חדווה וואָס קומט אַ מאָל אָן אויף מענטשן איידער עס טרעפט זיי אַ גרויסער אומגליק. מיט אַ מאָל האָב איך דערפילט, אַז כ׳טאָר ניט שווייגן, אַז כ׳מוז אים עפּעס אויסזאָגן, כ׳מוז עפּעס טאָן צו פאַרהיטן. עד היום וווּנדער איך זיך, וואָס האָט אין מיר אַזאַ „אכזריות" געמאַכט אויפברויזן:

„ר׳ חיים־לייב, ר׳ חיים־לייב! איר זעט אָט יענעם רעכטס? ער איז דער גרויסער גדול. עליון שבעליונים. זיין נאָמען איז וולאַדימיר איל׳איטש; לענין איז ער! דער טאַטע פון דער סאַמע רעוואָלוציע. איי, האָט איר אויף אים גוט געזאָגט! אין סאַמע האַרץ געטראָפן. און דער צווייטער — ווי ס׳האַרץ האָט אייך געזאָגט: מאחינו בני ישראל. ער אויך הייסט לייב; לייב טראָצקי, הייסט ער. אַ פּיקח אַ גרויסער, אמת, און — דער עיקר — אַ גענעראַל. וויל די גאַנצע וועלט איבערקערן. זיינע אייגענע חברים אָבער האָבן אים פיינט געקראָגן און מ׳האָט אים פאַרוואָרפן אין מיסט אַריין. מ׳האָט אויף אים גוזר גלות געווען, אין חרם אַריינגעוואָרפן. אַזוי טוט זיך

איצט ביי לייטן. ס׳איז רעוואָלוציע אויף דער וועלט. ווי איז צו יענעם בילד, ר׳ חיים־לייב! ר׳ חיים־לייב, בעט זיי גליידך, אַז זיי זאָלן דאָס בילד שוין אַראָפּנעמען, ווייל אַן אומגליק קאָן נאָך היינט געשען. ווי איז צו די וואָס פאָרן די ביידע בילדער צוזאַמען!״.

אַט אַזוי האָב איך אים מיט מיינע רייד דערשלאָגן. ער איז נעבעך געשטאַנען אַ צעשראָקענער, באַוועגנדיק זיין בליק אַט אויף מיר, אַט אויף די בילדער איבערן ארון־קודש. באַלד האָב איך זיך שנעל אָפּגעטראָגן, אים אַפילו קיין זיי־געזונט ניט געזאָגט. אַן אומגעהויערע מורא האָט מיך אַרומגעכאַפּט, ניט ווייסנדיק אַפילו פאַר וואָס. כ׳האָב געשפּירט אַז דעם אַלטן שמשס מאָס איז נאָך ניט דערפילט.

ה

די טעג זיינען געהאַנגען באַוועגלאָזע — אַן אַ שפּור פון עפּעס אַ דערוואַרטונג. אין דעם ברענענדיקן תמוז־ליכט האָט דאָס שטעטל אויסגעזען ווי פאַרחלשט. ווי דער דופק וואָלט זיך דעם באַלד אין גאַנצן אָפּגעשטעלט. ווי אַנדערע הייזער פון דעם שטעטל, איז אויך דער בית־מדרש געשטאַנען ביי טאָג איינגעהילט אין אַ ליידיקן חלום וואָס זאָגט אויף גאָרניט נביאות. ווען דער אָוונט פלעגט אָבער אָנקומען, פלעגט דער בית־מדרש אָנהייבן שטראָמען מיט לעבן. אין די טיפע אָוונט־שעהען פלעגט אַ שאַרפער ליכטפאַס זיך דורכרייסן פון הינטער די געדיכטע פאַרהאַנגען, מיט וועלכע די פענצטער זיינען פאַרדעקט געוואָרן, און זיך אַוועקלאָזן איבער דעם וויסטן חלל פון שטעטל. דאָס האָט דער „קלוב פון אַרבעטער, פויערן און סאָלדאַטן״ זיך צע־לעבט. אין אַזעלכע מינים אָוונטן פלעגן שוין אַפילו „באַלעבאַטישע קינדער״ — אַט יענע וואָס זייער „יחוס אבות״ האָט זיך זיי נאָכ־געשלעפּט ווי אַ „קופּה של שרצים״ און האָט פאַר זיי די גאַנצע וועלט פאַרשלאָגן — ניט קאָנען ביישטיין זייערע בענקשאַפטן וואָס דורכן טאָג זיינען זיי איינגעשרומפּן געווען אין זייער פאַרוויסטן לעבן. זיי פלעגן זיך ציען צום ליכט וואָס האָט זיך פון דעם „קלוב״

אויפֿן שטעטל אויסגעלייגט: פּונקט ווי אויך זי וואָלט מען געדופֿן זיך צו באַטייליקן אין עפּעס אַ לעבן וואָס איז צעשטורעמט מיט זיינע משונהדיקע גלוסטונגען.

אין איינעם אַן אָוונט אַזעלכן איז די אַלטע ציסי זיך געזעסן אויף דער פּריזבע: איר פּנים געווענדט צו דער נאַכט צו, ווי זי וואָלט געוואַרט אויף עמעצן וואָס זאָל זיך צו איר באַווייזן פֿון יענער זייט הימל. אויך חיים־לייב איז אין הויז ניט געזעסן: ער איז אַוועק וווהין זיינע אויגן וועלן אים טראָגן. כ׳האָב אים געזען אַרומוואַנדערן ערגעץ אין די פֿאַרוואָרפֿענע געסלעך, פֿון יענער זייט שטאָט־מאַרק. כ׳בין אים נאָכגעגאַנגען געסל־איין, געסל־אויס, אַליין אַ געטריבענער פֿון אַ ווײסטער איינזאַמקייט. מיר האָט ער אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיך נאָכגעשלעפּט דער נאַכט, ניט־וויסנדיק צוליב וואָס און צוליב ווען.

סוף־סוף האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אויף עפּעס אַ באַנק ביי אַ קרעמל און די קאָפּ אַראָפּגעלאָזן אין זיינע הענט. עס איז שוין זייער שפּעט געווען: די חצות־אשמורה האָט זיך שוין געצויגן אין אַלע חורבות אַריין, צווישן וועלכע חיים־לייב איז געזעסן. מיט אַ מאָל האָט ער, זעט אויס, דערהערט די קולות וואָס האָבן אים דער־גרייכט פֿון „דאָרטן" — ער האָט דאָס וואָרט „בית־המדרש" שוין לאַנג אויפֿגעהערט נוצן אַפֿילו אין דער מחשבה — און זיין קאָפּ האָט פֿון זיך אַליין זיך עטוואָס אויפֿגעהויבן פֿון צווישן זיינע הענט. איז ער אויפֿגעשטאַנען, און גאַנץ לאַנג איז ער אַזוי געשטאַנען איינהאָרכנדיק זיך אַ צעמישטער. קולות האָבן זיך פֿון דאָרטן גע־ריסן און געדרונגען אין דער נאַכט־שטילקייט אַריין וואָס האָט זיך איינגעהאָרכט אין דער שפּעטער אשמורה. פֿון ערגעץ ווו איז אָנ־געקומען אַ לייכט ווינטל און האָט אָנגערירט חיים־לייבן ביי דער באָרד און דער קאַפּאָטע. מיר האָט זיך געדוכט, אַז עפּעס ווי אַ בשורה האָט אים דערגרייכט: ער האָט זיך תּיכף אַרויסגעשלעפּט פֿונעם מאַרק און האָט אָנגעהויבן שפּאַנען מיט אַ לייכטן און פֿעסטן טראָט צום בית־המדרש צו. כ׳בין אים נאָכגעגאַנגען אַזוי לאַנג, און אַליין ניט געוווּסט צוליב וואָס כ׳טו עס און צי ס׳איז גוט אַזוי צו

טאָן. די נאַכט איז שוין געווען אָנגעטראָגן מיטן מאָרגן און זיין געזיכט האָט זיך מיר באַוויזן־און־אַנטרינען פון צייט צו צייט.

אַזוי איז ער צוגעקומען צום בית־מדרש.

די פענצטער זיינען געווען געדיכט פאַרהאַנגען. בלויז אייך שויב איז, זעט אויס, עטוואָס פאַרגעסן געוואָרן און אַ ווינקל אירער איז געווען האַלב אָפּגעדעקט, זיך דורכריידנדיק עטוואָס מיט דער נאַכט. חיים־לייב האָט דאָס ווינקל גלייך באַמערקט און איז זייער פאַר־זיכטיק צו דעם צוגעקומען. זיינע ביידע אָרעמס האָט ער אויסגעצויגן אויף דער וואַנט לעבן פענצטער, זיין רוקן איינגעבויגן, און דעם פּנים צוגעשמידט צו דער שויב.

אינעווייניק זיינען שטולן שורותווייז געווען אויסגעשטעלט, און איין שטול איז דאָרט ניט ליידיק געווען. מענטשן דאָרט זיינען געזעסן צונויפגעדריקטע, יעדער איינער מיט אַן אויפגעהויבענעם רוקן, מיטן פּנים קאָנצענטרירט אויף דער מזרח־וואַנט. עס האָט אויסגעזען, אַז מיט אַ מאָל איז דאָרט זייער שטיל געוואָרן און אַז דער גאַנצער קהל דאָרטן זיצט און שווייגט און רירט זיך ניט. דאָס גאַנצע הויז האָט אויסגעזען, ווי אַלע זיינע קלאַנגען, אָפּענע און באַהאַלטענע, זיינען פון דאָרטן אויסגערייניקט געוואָרן, צוליב עפּעס אַן עמעצן וואָס געפינט זיך צווישן זיי און וואַרפט אויף זיי אַן אַ פּחד.

אַזוי איז חיים־לייב געשטאַנען צוגעשמידט צום שויב: זיין גאַנצער קערפּער האָט אַריינגעזויגן אין זיך די אינערלעכע שטילקייט פון הויז. הינטער אים האָט שוין דער חלל פון דער וועלט אָנגעהויבן גרויער ווערן. פונעם מאַרק האָט זיך געהערט דער שטעקן־געקלאַפּ פונעם וועכטער און פון ווייטנס זיינען אָנגעקומען רעדער־גערויש פון אַ וואָגן.

די אַלע זאַכן האָבן אָבער חיים־לייבן ניט אַנגערירט.

איך בין הינטער אים, עטוואָס פון ווייטן, געשטאַנען, פאַר־ווונדערט און צעדודערט, פונקט ווי עמעצער וואָלט מיך געצוווּנגען דאָרט צו שטיין. פאַר וואָס שווייגן זיי דאָרט אַזוי שטאַרק אינע־ווייניק? אויף וועמען וואַרטן זיי עס אַזוי דאָרט? עס האָט זיך מיר

געדוכט, אַז זיי ווילן עפּעס זאָגן, און מיט אַלע כּוחות זייערע האַלטן זיי זיך איין, אַז זייער וואָרט זאָל זיך ניט אַרויסשפּאַרן פון זייער מויל קודם זמנו. זיי היטן אַזוי דאָס שווייגן זייערס אינעווייניק! זיי באַוועגן זיך אין גאַנצן גאָרניט, און אין זייערע הענט איז אַ גרויס געשריי איינגעהאַלטן. אַלע קוקן זיי אויף דער מזרח־וואַנט: עפּעס זעען זיי דאָרטן; עפּעס ווייסן זיי! אַט באַלד וועלן זיי אַלע אויפשטיין, און זיך אַוועקרייסן אַהין, צו דער מזרח־וואַנט. עמעצער שטייט טאַקע דאָרט אויף, עמעצער גייט אַהין אַרויף, צום ארון־קודש צו ביי דער וואַנט!

כ׳האָב אַ קוק געגעבן אויף חיים־לייבן: מיר האָט זיך געדוכט, אַז ער קלאַפּט מיטן קאָפּ זיינעם אָן דער שויב. כ׳האָב געציטערט, טאָמער וועט ער מיט אַמאָל אויסשרייען: עפנט! עפנט! אַט דער ביים ארון־קודש איז מיין זון, מיין אייגענער זון איז עס! כ׳בין עד היום ניט זיכער, צי האָט ער טאַקע אויסגעשריען, אָדער ער האָט בלויז געוואָלט דאָס טאָן, נאָר זיינע ווערטער זיינען אים געשטאָרבן אויף די ליפּן. זיין זון, דער קאָמיסאַר פון דער גרויסער שטאָט, איז עס דער, וואָס איז אויפגעשטאַנען. ער איז צו צום ארון־קודש און האָט דאָרט אָנגעהויבן קלעטערן אויף אַ לייטער אַרויף צו, דאָרט ווו די בילדער פון די צוויי גדולים זיינען געווען.

איז ער אַרויף אויפן לייטער. אין מיטן וועג האָט ער זיך אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט און באַטראַכט דעם גאַנצן עולם אין זאַל מיט אַ צאָרנדיקן בליק. נאָך דעם איז ער אַרויף ווייטער, ביז צום שפּיץ פון ארון. אַ לענגערע צייט האָט ער זיך פאַרהאַלטן רעכטס, ביים בילד פון גרויסן שררה; נאָך דעם האָט זיך זיין שטים שוין גע־כוואַליעט איבערן גאַנצן הויז. עפּעס האָט אין איר געפּלאַקערט: די גאַנצע שטילקייט אינעווייניק איז צעריסן געוואָרן.

מיט אַ מאָל האָבן זיי אַלע פון זייערע ערטער זיך אויפגעריסן און מיט די הענט געפּאַטשט. אַלע זיינען זיי מיטן פּנים צו מזרח געשטאַנען, מיט אַן אויסגעגלייכטן רוקן, פּונקט ווי עפּעס אַ נייער נצחון איז זיי אין די הענט אָנגעקומען. חיים־לייבס זון איז זיי אַנט־

קעגן אויבן אויפן לייטער געשטאַנען, און אַפילו אַ זכר פון אַ שמייכל האָט זיין האַרטן פּרצוף ניט גערירט. ער האָט בלויז איין האַנט אויסגעשטרעקט — איז אינעווייניק פּלוצעם אַזאַ געוואַלדיקע דער־וואַרטונג געוואָרן. שנעל האָט זיך זיין האַנט פאַרביילט און אַ זעץ געגעבן אָט יענעם שרה, וועמענס פּנים איז ווי אַן אָדלער און זיין נאָמען איז לייב. איין מאָל אַ זעץ געטאָן און ניט מער — דאָס בילד האָט זיך אין איין רגע אַרונטערגעשליידערט, און אין גאַנצן אַ צע־טראָסקעטס איז עס געלעגן ביי די פיס פון די פאַרזאַמלטע.

— — • — —

זייער אַ לאַנגע ווײַלע האָט דער זומערדיקער הימל זיך געלויכטן אין אַ רויטלעכער ווייסקייט. חיים־לייב האָט זיך אויפגעהויבן פון דער ערד און איז אינעווייניק אין בית־מדרש אַריין. די גערויטלטע ווייסקייט פון הימל האָט זיך אים נאָכגעצויגן אינעווייניק, און דאָס גאַנצע ליידיקע הויז איז געווען איינגעהילט אין עפּעס אַ לאַנגאַנע־דיקער דערוואַרטונג. האָט זיך דער אַלטער שמש דערנענטערט צום צעשליידערטן בילד און אַ שריד פון דער רויטלעכער ווייסקייט האָט מיט זיין חסד אויף דעם אויך גערוט. חיים־לייב האָט זיך אָנגעבויגן, זיך אַ רגע איינגעקוקט אין דעם, און צוליב עפּעס אַ שמייכל געטאָן. ער האָט באַמערקט, אַז בלויז דאָס גלאָז איז צעבראָכן געוואָרן, אָבער דאָס בילד אַליין איז נאָך געבליבן כמעט גאַנץ. האָט ער עס אויפ־געהויבן און עס אַריינגענומען אין זיין קאַפּאָטע און זיך מיט פּאַמעלכע טריט געלאָזט אַהיים.

ציסי איז נאָך געווען טיף אין שלאָף. אין צימער איז שוין דעמאָלט ליכטיקער געוואָרן, אַזש ווו די בילדער פון ווילנער גאון און דעם רמב״ם און דעם ליאַדער רב און משה מאָנטעפיאָרע זיינען געהאַנגען. האָט חיים־לייב אַרויסגעצויגן פון הינטער דער קאַפּאָטע דאָס נייע בילד און עס ווי עס איז אַוועקגעשטעלט אין ווינקל ביי דער וואַנט. נאָך דעם האָט ער אַרויסגעצויגן זיין תהלים פון הינטער דעם שפּיגל, האָט זיך איבער אים אַוועקגעזעצט און זיך פאַרצויגן אין דעם ניגונדיקן זאָגן. און ציסי איז נאָך אַלץ געשמאַק געשלאָפן.

אַ מעשה מיט אַ וועכטער און אַ ליד

א

איינער אַ מאַן האָט געווינט ביי אונדז אין הויף, און יעדן פרימאָרגן פלעגט צוליב אים ווערן אַ געפּליסטער צווישן די קאַשטאַנען־בלעטער, וואָס זענען כוואַליעסוויז צעשפּרייט געווען איבער דעם ברוקירטן באָדן. פאַרשטייט זיך, עס רעדט זיך דאָ וועגן האַרבסטיקן בלעטער־פאַל און וועגן אַ מענטשן וואָס איז אַ וועכטער און זיין מלאכה איז אַזעלכע. כ׳בין שוין פון לאַנג צו אים געווינט געווען, ווי אויך צו זיין באַזונדערן דרך אין בלעטער־צונויפשאַר. אויך יענער געפּליסטער האָט געקראָגן אַ באַשטענדיק ווינקעלע ביי מיר אין האַרצן כל זמן כ׳האָב געווינט אין יענעם הויף. אַלע פרימאָרגן פלעגט ער אָנווייען אויף מיר אַ מין וואַכזאַמקייט, אַ דביקות אַזעלכע אינעם האַרבסטיקן לויטער — אַ תפילה אין האַרבסטיקן לויטער. אין יענע טעג, אָבער, האָב איך זיכער ניט געדאַוונט, ווייל דעמאָלט איז פּונקט אויסגעפאַלן די גרויסע רעוואָלוציע אין כך וכך יאָרן לבריאת העולם, און דער שטייגער פון יענע צייטן איז געווען, אַז מענטשן האָבן שוין ניט פאַרמאָגט די גבורה זיך אין אַ לויטערן פרימאָרגן שטעלן צום דאַווענען. על כל פנים, די לויטערע וואַכזאַמקייט האָט געווירן אין מיר און זי פלעגט עס מיך פרי אַראָפּטראָגן אונטן אין הויף אַריין. דער הויף־וועכטער האָט שוין בקבלה געהאַט ווי עס ציט מיך צום געפּליסטער וואָס ער פלעגט צעלאָזן ביים צונויפשאַרן די אַראָפּגעפאַלענע בלעטער, און ער פלעגט אײַן־

זיך באַהאַלטענערהייט שמייכלען אין זיינע אויגן, הינטער זיינע צע־וואָקסענע ברעמען, פונקט ווי ער וואָלט פאַרמאָגט עפּעס אַ ידיעה וואָס מיר איז זי גוט באַקאַנט, נאָר די צייט איז נאָך ניט רייף אַז זי זאָל אַנטפּלעקט ווערן. פון צייט צו צייט פלעגט אין מיר אויפ־וואַכן אַ ציטער צוליב אָט־דעם באַהאַלטענעם שמייכל זיינעם: כ׳האָב מורא געהאַט אַז ער האָט אַ באַשטימטן חשד כלפּי מיר און די „גענג" מיינע; מיר האָבן באמת גאָר קיין שום באַשטימטן „תכלית" ניט, און בלויז אַן אָנשטעל איז עס. דער אמת איז טאַקע, אַז אַלע מלאכות מיינע האָבן קיין לאַנגן קיום ניט געהאַט, און אַפילו די שליחותן וואָס די רעוואָלוציע פלעגט מיר, אַלס שיק־יינגל, פאַר־טרויען, האָבן זיך אויך אַלע אויסגעלאָזן — האָב איך שוין ווידער געמוזט זיצן אין מיין ברודערס שאָטן. ווען מיין ברודער פלעגט מיך נאָר אין יענע טעג באַמערקן, פלעגט אַ באַזונדערער צער זיך טיפן אין זיינע אויגן. דער ענין איז אים זייער פשוט געוואָרן: איך קאָן זיך ניט אינטעגרירן אין דער רעוואָלוציע. איך דענק, אַז דער הויף־וועכטער אונדזערער האָט עטוואָס אויך דאָס זעלבע געטראַכט: ער האָט ניט גורס געווען קיין בחור וואָס בעיקר שלעפּט ער זיך אַרום איבערן לויטער פון פּרימאַרגנס און ווערט פאַרכאַפּט פונעם גע־פליסטער פון אַראָפּגעפאַלענע האַרבסט־בלעטער. כ׳בין זיכער, אַז ער האָט מיך לגמרי ניט גורס געווען. ער האָט אָבער קיין רמז ניט געלאָזט פאַלן, אַז ער שפּירט מיר נאָך ביים אַרויסגיין און אַריינגיין. דאָס אַליין, זיין פּאַסיוויטעט לגבי מיר, האָט שוין כמאה עדים אָנגעוויזן, אַז ער שפּירט מיר באַשטענדיק נאָך. אַן אָפענער סוד איז אַרומגעגאַנגען איבער די שכנים אין אונדזער הויף: יעדער הויף־וועכטער איז אין דער זעלבער צייט אויך אַ היטער פון דער רעוואָלוציע, און אונדזער וועכטער אוודאי און אַוודאי. באַהאַלטע־נערהייט איז ער באמת אַ ממונה איבער יעדן איינציקן פון די שכנים און פירט אַ חשבון איבער יעדן איינעם; דעריבער שווייגט ער אַזוי. ניט קוקנדיק אויף די אַלע קלאַנגען, האָב איך געאַנט אַ מין דערהויבנקייט ביי אים, ווען כ׳פלעג זיך צו אים דערנענטערן

אין יענע לויטערע פרימאַרגנס. ער פלעגט טאָן זיין אַרבעט בשלימות און געטריי: די האַרבסט־בלעטער פלעגן זיך נאָכלאָזן זיין בעזים און גראַבליע לויט זייער אייגענעם רצון, און מתוך אהבה פלעגן זיי זיך צוזאַמענקלייבן אַרום אים כנופיותווייז, ווי זיי וואָלטן זיין שוין פאַרלאַנגט, און דער פליסטער זייערער קומט ביי זיי אַרויס צוליב דעם נחת־רוח זייערן. איך האָב געזען ווי אַן איינגעהאַלטענע צו־פרײדנקייט טוט אַ שיין אין די קאַרבן פון זיין מאַגערן און פון זון־און ווינט־אָפּגעברענטן פנים, ווען איך פלעג נאָר אַראָפּקומען אין הויף. מסתמא איז אים אַליין ניט איינגעפאַלן זיך צו חקירהן, פאַר־וואָס און פאַרוואָס ער איז אַזוי. ס׳איז אים, פשוט, גוט געווען אויפן האַרצן. מיר אויך.

איין פרימאַרגן בין איך, ווי געוויינלעך, אַראָפּגעקומען. יענעם פרימאַרגן, אָבער, האָב איך געמיינט אָפּצושניידן מיט די אָפענע און באַהאַלטענע גלוסטונגען מיינע צווישן די פאַלנדיקע האַרבסט־בלע־טער, און זיך אַרויסלאָזן תיכף אין שטאָט אַריין. איך האָב דעמאָלט באַדאַרפט דורכפירן אַ באַשטימטן צוועק, און מיין דערוואַרטונג איז געווען אָנגעהאָנגען אויף אַ געוויס הויז אין צענטער פון שטאָט. אין יענעם הויז האָט זיך געהאַט אַריינגעקליבן אַ מין לערער־אַנשטאַלט, וואָס איז שוין געהאַט אַריבער פון האַנט צו האַנט, ביז די „יידישע סעקציע״ האָט אים אין גאַנצן איבערגענומען אין איר רשות. מיט עטלעכע טעג צוריק האָב איך זיך גאַנץ צופעליק אַהין אָנגעטראָפן, און, ניט ווייסנדיק גענוי וואָס מיט מיר איז דעמאָלט געשען, האָב איך זיך אַליין געטראָפן שטייענדיק און אויסגיסנדיק מיין האַרץ פאַר אָלגאַ אַבראַמאָוונאַ, די הויפּט־פאַרוואַלטערין און לערערין פון מאַ־טעמאַטיק און פילאָזאָפיע. וואָס מיט מיר זאָל ניט געווען געשען — כ׳ביז אין איר צימער געשטאַנען און זיך אויסגערעדט פאַר איר, עלעהיי זי וואָלט געווען אַ קרוב אָדער עפּעס אַ גואל.

עד היום האָט זיך מיר נאָך ניט אָנגעטראָפן אַזאַ מענטש, וואָס זאָל אַזוי האָבן פאַרנומען מיין צעשטאַמלטן גערייד. זי האָט זיך איינגעהאָרכט אין מיין גערייד פונקט ווי זי וואָלט עפּעס געהערט

הינטער דעם און עפּעס וויכטיקס אַרויסגעשעפּט: אפשר דעם אור־מעט וואָס האָט ווי אַ שטיל וואַסער גערונען אין אַלע מיינע איברים; אפשר עפּעס אַ דערוואַרטונג וואָס האָט אין מיר געיוירן איר אַנט־קעגן. ווער קאָן עס וויסן? אָבער, נאָך איידער כ׳האָב אָפּגעשטעלט מיין שטאַמל־גערייד, האָט זי זיך צו מיר דירעקט און קלאָר גע־ווענדט און געזאָגט:

„מיר׳ן דיך אַריינגעמען צו אונדז, אין דעם אַנשטאַלט אונדזער׳ן דאָ. איך דערקען אין דיר״, האָט זי ווייך גערעדט, „אַז דיין אָרט דאַרף זיין דאָ. די רעוואָלוציע דאַרף אויך דיך האָבן״, האָט זי מיר אָן שום ספק פאַרזיכערט. „מיר׳ן דיר ניט שווער מאַכן דאָס אַריינ־קומען. יאָ עקזאַמענס, ניט עקזאַמענס: מ׳דערקענט אין דיר, אַז דו פּאַסט זיך אַהער״.

אָט אַזוי האָט זי ממש געזאָגט. און נאָך האָט זי געזאָגט:

„דיינע ווערטער זיינען נאָך דערוויל שטאַמלענדיקע; איך בין אָבער זיכער, אַז וועסט גאָר אין גיכן דערגרייכן אַ קלאָרקייט, אויף וועלכער האָסט זיך גאָר ניט גערעכט. מיר האָבן דאָ אַ מענטשן וואָס וועט דיר העלפן. ער וועט דיך לערנען ווי צו האַלטן אַ פּען אין האַנט. אַ גוטער ליטעראַטור־לערער, אויך אַ פיינער שרייבער. מנוח איז זיין נאָמען. אפשר האָסטו טאַקע אַ מאָל געהערט ערגעץ ווו זיין נאָמען, אָדער טאַקע געלייענט. מנוח ארי. ער איז נאָך אַלץ אָנגעטאָן אין זיין מיליטערישן מונדיר: אַ קאָמאַנדיר אין דער רויטער אַרמיי; ער איז אומעטום געווען און געטאָן וואָס ער האָט געטאָן; זיין האַרץ שטעקט אָבער אין ליטעראַטור. פאַראַן מענטשן אַזעלכע וואָס זיינען פאַרטאָן אין ליטעראַטור, פּונקט ווי דאָס איז טאַקע ס׳לעבן אַליין. ביי אים איז דאָס אַ גרויסער אמת. נו מילא. איך אַליין ווייס ניט. איך לערן פילאָזאָפיע און מאַטעמאַטיק און ענינים וואָס זיינען מיט זיי פאַרבונדן. ער אָבער, מנוח, אויף שלאַכטן איז ער אַרויס און געטרוימט האָט ער ליטעראַטור. מיט אַ יינגן חבר זיינעם איז ער אַרויס אויף איינער אַ שלאַכט און יענער איז דאָרט געפאַלן. אַ שפּיל האָט יענער געהאַט אָנגעשריבן — און ער איז געפאַלן אויפן פראָנט

אַנטקעגן דעניקינען. האָט ער שוין ניט זוכה געווען צו זען זיין „משיח בן יוסף" אויף דער בינע. געפאַלן. כ'האָב דיך דערזען — האָט זי מיך איינגעהילט אין איר וואַרעמען בליק — און זיך צוליב עפּעס וואָס אָן אים דערמאָנט. נו, מילא. קום ווידער אַריין מאָרגן־איבערמאָרגן, וועלן מיר שמועסן. מיר'ן דיך אַרייננעמען אין לערער־אַנשטאַלט. אין אינטערנאַט וועסטו מיט די אַנדערע תלמידים נעכ־טיקן. עס וועט זיין גוט. זאָרג זיך ניט. וועסט זיין אַ גוטער לערער; ווער ווייס אויב טאַקע ניט אַ גוטער יידישער שרייבער. די רעוואָ־לוציע וועט דיר נאָך דאַנקבאַר זיין".

אָט אַזוי האָט זי גערעדט, און דעמאָלט בין איך אין דרויסן אַרויס און כוואַליעס האָבן אין מיין האַרצן געקוואַלן.

עד היום קומט איר געשטאַלט מיר אויף מיט אַ מאָל, אומגע־ריכטערהייט, פּונקט ווי עד היום פאַרמאָגט זי נאָך עפּעס פון מיינעט־וועגן. אפשר וועל איך נאָך אַ מאָל קאָנען וועגן איר מער אַ ביסל דערציילן.

אָבער יענעם פרימאָרגן, ווען כ'האָב באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דעם הויף מיט זיינע האַרבסט־בלעטער תיכף ביים אַראָפּגיין, האָט זי באַשטעלט אַ שמועס צווישן איר מנוחן און מיר. דעריבער האָב איך זיך געלאָזט גיין גלייך פון די טרעפּ אַראָפּ צום הויף־טויער צו. האָט מיך פּונקט דעמאָלט דערשפּירט גבריאל מיכאַילאָוויטש, אונדזער הויף־וועכטער, אַ שטייענדיקער ביז די קני טיף אין די בלעטער וואָס האָבן דעמאָלט אָנגעפילט דעם גאַנצן הויף און געשענקט מיר אָן אָפּענעם שמייכל: „גוט איז דער האַרבסט־פאַל". אַזוי, גלאַט־אַזוי־זיך. לאַנגע שעהען פלעג איך דאָך לעבן אים שטיין אין אומצאָליקע פרימאָרגנס און ער פלעגט מיך אַפילו מיט עטוואָס אַ קלאַנג ניט מזכה זיין. איצט אָבער האָט ער בפירוש זיך געווענדט צו מיר און געזאָגט: „וואָס זאָגסטו עפּעס, חברל, אויף אַזעלכע פרימאָרגנס?". האָב איך צו אים אַ וואָרט אַרויסגעלאָזן, שפּאַנענדיק מיט אַ זיכער־קייט וואָס כ'האָב זי שוין פון זייער לאַנג ניט פאַרמאָגט: „אַוודאי גוט, וואָס דען? ס'איז גלוי וידוע". האָט ער אָפּגעלאָזן די בלעטער

און די פיס נאָך טיפער אַריינגערוקט אין זיי און צעלאָזט זייערן אַ געריש אין דער בלויער לופט אַריין און אָנגעשפּאַרט זיין קין אויפן שפּיץ פּונעם בעזים און בניחותא מיר אויסגעלייגט אַזאַ מין לשון:

„אַלע זאַכן, זעט אויס, זיינען ביי דיר היינט גלוי וידוע. פון וואַנען ווייסטו עס טאַקע אַז דער בלעטער־פאַל איז אַ גוטער? פון ביכער דיינע עס אַרויסגעלייענט?"

האָב איך זיך אַנטקעגן אים איינגעשטעלט, און מיט אַ קלאָרקייט וואָס איז אַנגעפּלאָסן אין אַלע מיינע ביינער אים איינגעחזרט:

„אַ פּשוטער ענין, חבר גבריאל מיכאַילאָוויטש, אַ פּשוטער ענין: אַ מענטש טאָפּטשעט אין האַרבסט־בלעטער, ווערט אים לייכט אויפן האַרצן; אַזאַ היימישקייט קומט אויף אים אָן, ווי ביי טאַטע־מאַמען אין דער היים". האָט ער מיר לענגער ווי זיין דרך איז געווען נאָכגעקוקט און זיינע טראַכטענישן געלאָזט ריזלען נאָך מיינע טריט:

„ביסט אַ ביסל אַ מאָדנער, יינגער חבר. שוין לאַנג געטראַכט אַז ביסט אַ ביסל אַ מאָדנער, ניט־קוקנדיק אויף דעם וואָס דיין אייגענער ברודער איז אַן אדם גדול און די גאַנצע וועלט ווייסט דאָס. הערסט אַ מעשה: יונגע מענטשן פאַרמאָגן אַן אייגענעם דרך זייערן אין בליִענדיקן פרילינג; און דער בחור צעשפּילט זיך דיר צוליב דעם בלעטער־פאַל".

האָב איך אים געענטפערט, אונדזער הויף־וועכטער, און זיך אַ ביסל געקווענקלט:

„די ווערטער דיינע, גבריאל מיכאַילאָוויטש, האָבן ווערט אַז די זאָלן אַריין אין אַ געשריבן ליד".

כ'ווייס נאָך היינט ניט, צוליב וואָס איך האָב אַזוינס געזאָגט, ווען, כידוע, פאַרנעמען זיך וועכטערס ניט מיט אַזעלכע מחשבות, און זייערע פאַרלאַנגען זיינען ערגעץ אַנדערש געווענדט. ער אָבער האָט זיך איינגעקוקט אין מיר און אַ מחשבה האָט זיך פאַרהאַלטן אין זיינע שוואַרצאַפּלען, אין וועלכע די בלעטער־קאָלירן האָבן זיך צעשפּילט, און האָט מיר שטילערהייט כמעט געענטפערט:

„איך בין אַ מענטש אַ פּשוטער, און דו דרייסט מיך אָן מיט פּאָעזיע. כ'בין אַן אַרבעטנדיקער מענטש, און דאָס איז גאַנץ גענוג פאַר מיר... אַ מאָל" — האָט ער שטיל זיך פאַרענטפערט — „באַמי איך זיך שטאַרק עטוואָס צו פאַרשטיין אין דער רעוואָלוציע. דאָס איז שוין גענוג פאַר מיר. מער דאַרף איך ניט. אָט די פּאָעזיע דיינע — וואָס קאָן מיט איר טאָן אַזאַ מענטש ווי איך? איך בין מער ניט ווי אַ פּשוטער מענטש, ווען די רעוואָלוציע האָט אָפּט מאָל איבער זיין רוקן; אַ מענטש אַז ער זאָגט, פרילינג, אָדער האַרבסט, מיינט ער יענע זאַכן ממש, און ניט פּאָעזיע".

דערמיט האָט ער אָפּגעענטפערט און איז אַנטשוויגן געוואָרן. איז מיר אָנגעפאַלן אַ מין תחנון־אומעט כלפּי אים און כ'האָב קוים אַרויסגעזאָגט:

„איר האָט דאָך עס אָנגעהויבן, און איצט טשעפּעט איר אָן אָן מיר כלערליי שולדן". האָט ער זיך אָפּן צעלאַכט מיר אַנטקעגן און זיך מודה געווען: „ביי אָט דעם בעזים מיינעם שווער איך דיר, אַז כ'ווייס ניט וואָס מיט מיר קומט פאַר היינטיקן פרימאָרגן; אפשר איז עס דער טיפער לויטער וואָס הענגט מיר איבערן קאָפּ זינט כ'בין אַרויסגעקומען און הערט ניט אויף, פאַרבלענדט מיר די אויגן ממש. דער אמת איז, אַז היי־יאָר איז דער האַרבסט זייער אַ פיינער".

דערמיט האָט ער זיך אַוועקגעווענדט צו זיין אַרבעט, און איך בין אַרויס אין גאַס און אין דער גרויסער שטאָט אַריין.

כ'בין געגאַנגען אין יענעם באַשטימטן הויז און מיין טראָט האָט זיך אויסגעלייגט אין אַן איינגעשטעלטן ריטם. איי, האָב איך אַ זאָג געטאָן מיין אומעט וואָס האָט געפלאָסן אין אַלע מיינע ביינער, זע נאָר אין וועלכן לויטער מיר קומען עס אַריין, ברודערקע. מיר האָבן דאָך בקבלה, אַז פרילינג־צייט ציִען זיך אַלע זאַכן אין די מרחקים אַריין, פליסן אַלע אַוועק צו יענער זייט האָריזאָנטן. אָט האָסטו דיר אַ בלימל, וואָס נאָר וואָס האָט עס בלויז איין אייגעלע אויפגעעפנט דער זון אַנטקעגן — און עס ציט זיך שוין תוך כדי דיבור אין סודותדיקע מרחקים אַוועק. אַפילו אַ שנעקל אַ ריטשקעלע, וואָס איז

נאָך גאָר ניט געפּרוווט געוואָרן מיט דער פרייד און מיט דעם צער פון זיין, אַ פּיצל שטיינדל אַפילו, וואָס נאָר־וואָס האָט זיך עס אַרויס־געדרייט פון אונטער דיין טראָט און זיך פאַרקייקלט צו שטאַמען פון יונגינקעביימלעך ביי זייטן פון וועגן — זיי אויך גייט אויס דאָס האַרץ נאָך באַהאַלטענע מרחקים ביי די ברעגן פון הימלען. איצט אָבער, דעם היינטיקן האַרבסט־פרימאָרגן, וויקלען זיך אַלע מרחקים אין יעדן טראָט דיינעם, קומען דיר אָן אַנטקעגן, לייגן זיך דיר אויס אַנטקעגן. דו טאַפּטשעסט אין מרחקים, ווי עס טאַפּטשעט דער הויף־וועכטער אין די קאַשטאַנען־בלעטער, פון בלוי און גרין און רויט און שוואַרץ און ברוין און געל. זיכער איז גערעכט יענער גבריאל, דער חבר גבריאל מיכאַילאָוויטש, אַז גוט איז דער בלעטער־פאַל. און דאָס איז דיר גאָר ניט קיין פּאָעזיע, און עס גייט דאָ גאָרניט אין בטלנות. אַ מענטש איז גאָרניט מחויב צו זיין קיין בטלן. אָט גיי איך מיר אין אַ באַשטימט הויז. הייסט עס: אַן ענין אַ פּראַק־טישער. אַזוי דאַרף זיין. אַזוי דאַרף טאָקע זיין. זעסט דאָך אַליין בחוש, אַז ס׳איז גוט. בין איך טאָקע באַלד אָנגעקומען אין דעם לערער־אַנשטאַלט און בין אַריינגעגאַנגען זיך באַגעגענען מיט דעם שרייבער מנוח ארי. אין עטלעכע מינוט אַרום בין איך געזעסן מיט אים צוזאַמען. נאָך איידער דער שמועס איז פאַריבער, בין איך שוין געווען אַ סטודענט אין יענעם אַנשטאַלט. ווייטקייטן, זאָג איך, לייגן זיך אויס אַ מענטשן אין דער רעוואָלוציע.

ב

ס׳האָט מיך געפרעגט דער חבר לערער און שרייבער, מנוח ארי: „פון וואַנען ציסטו דיין חיונה, חבר?". האָב איך אים דערציילט וועגן מיינע שליחותן אין „סאָוונאַרכאָז" און וועגן אַנדערע זאַכן. כ׳האָב זיך נאָכגעלאָזט מיין גערייד, גלייך ווי פאַרשטאָפּטע קוואַלן וואָלטן זיך מיר געעפנט. פּנים אל פּנים בין איך געזעסן מיט מיין נייעם פריינט, דעם ליטעראַטור־קענער און ליטעראַטור־קריטיקער אין דער

צייטונג „די פאָן", און זיך אויסגערעדט פאַר אים וועגן מײַנע טעג און נעכט, וועגן מײַנע אַלטע חלומות און מײַנע נײַע חלומות. צום סוף האָב איך אים דערקלערט: „כ׳וואָלט וועלן זײַן אַ לערער: כ׳דענק אַז אין דער מלאכה וועל איך מצליח זײַן". און ווידער האָב איך אים געזאָגט: „כ׳האָב אַ ברודער דאָ אין שטאָט אפשר איז אײַך טאָקע באַקאַנט. און בײַ אונדז אין הויף וווינט אויך דניאל איל׳איטש, דער באַרימטער רעזשיסער און פאָלקס־קינסטלער — ער פלעגט מיך זייער מקרב זײַן. נאָר אייניקע זאַכן, אין שײַכות מיטן אויפפירן דאָס שפּיל ,משיח בן יוסף׳, האָבן אים זייער אַנטוישט". האָט דער חבר מנוח ארי אין מיר זיך אײַנגעקוקט און אַ זאָג געטאָן:

„איז ניט דער חבר גבריאל מיכאַילאָוויטש דער הויף־וועכטער בײַ אײַך?".

איז ערגעץ, ווי אַ פּיצל וואָלקנדל, אין מיר אויפגעקומען אַ פאַרוווּנדערונג וועגן דער סמיכות צווישן אַ יידישן שרײַבער און לערער און אַ וועכטער וואָס זײַן מלאכה איז, כידוע, גאָר אַן אַנדערע, און כ׳האָב שוואַכלעך געענטפערט דעם חבר מנוחן:

„יאָ. דער מאַן איז מיר גוט באַקאַנט". האָט ער עטוואָס באַהאַל־טענערהייט געשמייכלט און האָט מיר געענטפערט ווי פון יענער־זײַט װענטל, וואָס איז אַפילו אַ דינס און דורכזיכטיקס, אָבער דאָך אַ ווענטל:

„כ׳קען אים נאָך פון דער אַרמײ; כ׳בין געווען זײַן קאָמאַנדיר. צײַטנווײַז באַנעמט ער גלענצנדיק דעם זין פון דער רעוואָלוציע".

באמת האָב איך אין יענער מינוט ניט געקאָנט גוט יורד לדעתו זײַן פון דעם מענטשן וואָס איז מיר אַנטקעגן געזעסן און זײַן אויג פון מיר ניט אַראָפּגעלאָזן: מײַן פאַרוווּנדערונג־וואָלקנדל האָט זיך אַלץ מער אויסגעשפּרייט און מיך אַ ביסל צעמישט. אַוודאי האָט ער דאָס דערשפּירט, ווײַל תוך כדי דיבור איז ער אויפגעשטאַנען און זײַנע רייד האָבן אָנגעהויבן אײַננעמען מײַן פאַרנעפּלטן אומרו:

„כ׳זע", האָט ער ווייך דערקלערט: „אַז די כוונה דײַנע איז זייער אַ גוטע. וועסט זיך מסתמא טאָקע אויסטויגן אין לערערײַ.

די מלאכה איז זייער אַ וויכטיקע פאַר דער רעוואָלוציע. נו, איז טאַקע גוט. כ׳זע אַז דער אַנשטאַלט וועט דיר גוטס טאָן. אַ יאָ, דיין ברודער קען איך. כ׳קען אים גוט. אַ טייערער מענטש. אַ גוטער חבר. איז דאָך טאַקע גוט. כ׳וועל נאָר ביי זיך עטוואָס פאַרצייכע־נען — וואַרט אַ מינוט. קום ווידער אַריין אין עטלעכע טעג אַרום. גוט וואָס זיך אויסגערעדט פאַר מיר. ס׳איז מיר צוליב וואָס איינ־געפאַלן, אַז פאָעזיע דריקט דיר אויף דיינע רייד. גוט, גוט. זיכער. וועסט אַ מאָל איינטונקען דיין פען אויך. און ניט געזאָרגט: אַלגאַ אַבראַמאָוונאַ וועט שוין פון דיר קיין אויג ניט אַראָפּלאָזן; זי האָט עפּעס דערטאַפּט אין דיין פערזענלעכקייט, זאָגט זי. זאָל איר וויל באַקומען. מסתמא גערעכט. לערנען לערנט זי מאַטעמאַטיק און מאַטעמאַטישע פילאָזאָפיע — אָבער אינעווייניק ברענען ביי איר אירע אייגענע באַהאַלטענע דמיונות. אַ יוגנטלעכע איבערבלייבעניש אַזעלכע. נו, גוט: קום. ווי פלעגט מען עס אַמאָליקע יאָרן זאָגן ביי מיין טאַטן אין הויז?: וועסט זיין פון אנשי שלומנו. און אויב וועסט מיך דאָ ניט טרעפן, וועסטו מיך אַוודאי געפינען אין דער רעדאַקציע פון „דער פאָן״. וועסט זיך באַקענען מיט אונדזעריקע. כלל ניט קיין שלעכטע חברים: קיין שלעכטע שרייבער אַוודאי ניט. שרייבער האָט דאָס יידישע פאָלק געשיקט אין דער רעוואָלוציע. כ׳מיין: די נעמען זיינען דיר אפשר באַקאַנט. אַלע טאַקע לערער. קאָלעגן. נו, זיי געזונט. מיר׳ן זיך זען. כ׳וועל שוין באַריכטן אַלגאַ אַבראַמאָוונאַן״.

כ׳בין פון דאָרטן אַרויס און האָב ניט געזאָגט מיינע פיס וווהין מ׳גייט איצט. אין קפיצת הדרך גייען שוין די פיס אַליין. די האַרבסט־טיקע מרחקים זיינען מיט מיר מיטגעגאַנגען פון מיין רעכטער האַנט און פון דער לינקער — זיי עטוואָס הינטער מיר און איך אַן דער שפּיץ, פונקט כ׳וואָלט געווען אַ שליח־ציבור זייערער. און די בלע־טער האָבן פון טיפן האַרצן געפליסטערט, עלעהיי איצט האָב איך פאַר זיי געפינען דעם אמתן אמת וואָס נאָך אים האָבן זיי אַזוי לאַנג געבענקט. כ׳האָב בחוש ממש געוווסט, אַז עפּעס האָט זיך אין מיר געעפנט כמעיין המתגבר. ניט דווקא צוליב דעם וואָס מ׳נעמט מיך

אַריין אין יענעם אַנשטאַלט. אפשר אויך צוליב דעם; אָבער דער עיקר צוליב עפּעס אַן אַנדער ענין וואָס איז מיט יענעם פאַרבונדן. האָב איך זיך געווענדט צו די האַרבסט־בלעטער, וואָס האָבן יענעם פרימאָרגן געדיכט באַדעקט די טראָטואַרן פון שטאָט און געבראַכט זייערע קאַלירן אַ קרבן ווענען עס זויל גאַר, פונקט ווי זיי וואָלטן געהאַט אַ הסבר פאַר מיר וועגן יענעם ענין. האָבן זיי אַלע מסכים געווען מיט מיר: חברותא איז עס, די חברותא. שרייבערישע חבר־שאַפט. עס האָט דאָך בפירוש געזאָגט דער חבר מנוח ארי: אנשי שלומנו. און ווידער האָט ער געזאָגט: רעדאַקציע פון „דער פאַן״. און נאָך עפּעס האָט ער געזאָגט, אויב מיר מאַכן ניט קיין טעות, וועגן פּאָעזיע. אָט דאָס איז עס. דאָס. בפירוש איינגעלאַדן אין דער רעדאַקציע און צו די חברים.

האָב איך זיי מרמז געווען, די האַרבסט־בלעטער, אויפן טראָ־טואַר: אחי ורעי, האָב איך זיך צו זיי געווענדט, איר פאַרדינט אַז מ׳זאָל שרייבן אַ ליד וועגן אייך. זיינען זיי זיך צוזאַמענגעלאָפן אַרום מיינע פיס, זיך געטוליעט צו מיין טראָט, זיך צעזונגען אין דעם הימלישן בלוי, איבער יענעם שיר וואָס כ׳האָב זיי דערמאָנט אָן אים. איר׳ט מיך געפינען אין דער רעדאַקציע, חברימלעך, האָב איך זיי געענטפערט. קיין מאָל אין מיין לעבן האָב איך נאָך קיין רעדאַקציע ניט געזען; איך האָב אָבער געוווסט, אַז מיין האַרץ גייט מיר אויס נאָך איר. דאָרטן טרעפט זיך אַ מענטש מיט חברים, וואָס זיינען דערציילער און פּאָעטן און קריטיקער: אַ שטייגער אחד העם, אָדער גאָר ביאַליק און טשערניכאָווסקי און פּרץ און פרישמאַן. מיר דוכט זיך, אַז די נעמען וואָס דער חבר ארי האָט אויף זיי מרמז געווען זיינען מיר דווקא באותה שעה געווען באַקאַנט; נאָר איצט וויסן מיר דאָך קלאָר וואָס מיט זיי איז געשען, און אַז אַלע זיינען זיי אויסגעקוילעט געוואָרן דורך די הענט פון יענער מלכות וואָס זיי האָבן מיטן בלוט פון זייער האַרצן באַזונגען. דער חבר מנוח ארי איז אָבער לעבן געבליבן, וויל איך וועגן אים עפּעס דערציילן. אָלגאַ אַבראַמאָוונאַ האָבן זיי ערגעץ ווו דערוואָרגן אין די סיבירער

טייגעס, אָבער איר וואָרט קוועלט צאַרט און שטיל אין מיינע טיפע־נישן — וועל איך נאָך אפשר אַ מאָל האָבן דעם כוח וועגן איר מער צו דערציילן. דער חבר מנוח ארי איז אָבער לעבן געבליבן, אוודאי צוליב עפּעס אַ ספּעציעלן חסד וואָס ער האָט מסתמא ביי מלכות פאַרדינט: וויל איך שוין גלייך איצט וועגן אים דערציילן. האָב איך אַלץ געהאַט קפיצת הדרך, ביז כ'בין אָנגעקומען צום טויער פונעם הויף אין וועלכן מיר אַלע האָבן געוווינט: מיין ברודער און איך און דניאל איל'איטש, דער וועמען מלכות האָט באַקרוינט אַלס פאָלקס־קינסטלער און אין וועמענס רוקן דער הויפּט־שופט אַליין, אָדער אַ הענקער זיינער האָט שפּעטער אַ קויל אַריינגעשאָסן.

בינו־לבינו האָב איך פאַרגעסן דעם חבר הויף־וועכטער, גבריאל מיכאַילאָוויטש. ער, אָבער, איז געשטאַנען ביי דער פאַרטקע פונעם טויער, ווייל עס איז דאָך שוין געווען מיטאָג־צייט, ווען אַן אַרבעטנ־דיקער מענטש גרייט זיך אויף אַ מאָלצייט און אַן אָפּרו. האָב איך זיך אָנגערופן צו אים:

„גבריאל מיכאַילאָוויטש, כ'האָב פאַר איך אַ גרוס פון איינעם אַ מענטשן, וואָס זיין נאָמען איז חבר מנוח ארי, שרייבער און לערער״. האָט זיך אויף אַ רגע צעטומלט אַ פּייערדיקער פונק אין דעם וועכטערס אַן אויג, און אַ רגע־כמימרא האָט זיך אים אָפּגעטאָן זיין וואָרט פון מויל צוליב אַן איבעראַשונג וואָס איך האָב זי בשום אופן ניט געקאָנט באַנעמען. אָבער תוך כדי דיבור האָט ער זיך געכאַפּט און פאַרלאָשן זיין צעטומלטקייט און זיך אָפּגערופן מיר אַנטקעגן:

„אָ, פון דעם חבר מנוח ארי. איי מיין טייערער, אַ גרויסן דאַנק, אַ דאַנק. כ'קאָן שוין דעם מאָן פון לאַנג אָן. אַ טייערער חבר. אָבער ווו האָסטו זיך מיט אים געטראָפן?״.

האָב איך אים דערציילט די גאַנצע מעשה. דוכט זיך, אַז כ'האָב אַפילו איבערגעזאָלצן אַ ביסל, צוליב מיין התפעלות. צום סאַמע סוף האָב איך אים דייטלעך דערקלערט: דער חבר ארי איז אַ דיכטער איבער אַלע מעשיות. פונקט ווי איך וואָלט אין יענער מינוט געגעבן

גבריאל מיכאַילאָוויטשן דעם לעצטן פּסק־דין: און הכל שריר וקיים. האָט מיר דער חבר גבריאל מיכאַילאָוויטש אַ זאָג געטאָן כלאחר־יד: „זיכער, אַ פּאָעט. אָבער איך קען זיך ניט אין פּאָעזיע. מיין מלאכה איז גאָר אַן אַנדערע און צווישן למדגים וועל איך ניט זיצן. ניט איך וויל און ניט איך וועל. דער חבר מנוח, אָבער, איז אַן אדם גדול — אין דעם איז קיין ספק ניט פאַראַן. געוויסע זאַכן אויפגעטאָן פאַר דער רעוואָלוציע, וואָס ניט יעדער קאָן עס. מסתמא ענלעך צו דיין ברודער. אַוודאי קענען זיי אײַנער דעם צווייטן. איך אָבער, ווער דאַרף מיך צווישן למדנים?" — האָט עפּעס ווייט געזאָטן אין דעם וועכטערס דיבורים און זיך געריסן אויף מיר; איך האָב אָבער זיך נאָך אַלץ נאָכגעלאָזט דער דערהויבנקייט וואָס זינגט מיר אין מיין האַרצן. האָב איך געענטפערט שלא ממין הטענה:

„כ'קלייב זיך אָנשרייבן אַ ליד; נאָך אפשר היינטיקע נאַכט".

איז ער געשטאַנען און האָט אויף מיר געקוקט אַ היפּשע ווײַלע — האָב איך ערשט דעמאָלט פאַרשטאַנען, אַז עפּעס דריקט אים אינעווייניק אין זיין פּויערישן פּרצוף. האָב איך זיך אָנגערופן צו אים:

„פּאָעטישע שאַפונג מוז ניט אָנקומען צו למדנות: אָפט מאָל איז לייענען אַליין געגוג צופרידן צו שטעלן אַ מענטשן".

האָט זיך זיין פּרצוף מיט אַ מאָל פאַרהאַרטעוועט, פּונקט ווי בלויז אויף אָט די ווערטער מיינע האָט ער טאַקע געוואַרט, און האָט מיט אײַנגעהאַלטענער רשעות מיר אַנטקעגן אַ שפּריץ געגעבן:

„זאַכן צום לייענען, זעסטו, טרעפן זיך שוין גאָר אָפט אין מיינע הענט. לאָמיר זאָגן: אַזאַ מענטש ווי איך — ער טוט דאָך מער ניט ווי רייניקן קאָרידאָרן, רייניקן אַלע אַרויסגענג און אַריינגענג, טרעפן זיך אים אין האַנט פאַרשידענע זאַכן וואָס מענטשן שיקן און באַקומען; כ'קוק גאַנץ אָפט אין זיי אַריין".

ערשט דעמאָלט האָט זיך גענומען וועבן ביי מיר אין מוח אַ מין סברא, וואָס האָט מיר ביסלעכווייז אָנגעטראָגן אַ מין אומבאַשטימטע זאָרג. אַ באַהאַלטן שפּעלטעלע האָט זיך מיר געעפנט אינעם חיתוך הדיבור פון דעם וועכטער; האָב איך זיך באַמיט דורכדרינגען זיין

געצוימטן גערייד און האָב אָנגעהויבן פּאָרויסזען גאָר ניט קיין גוטע־זאַכן וואָס האַלטן אין אָנקומען. ער האָט, ווי אַלע מאָל, דערשפּירט מיין אומרו און האָט מיר אויסגעשטרעקט אַ בינטל פּאַפּירן, ניט אַראָפּנעמענדיק זיין שאַרף אויג פון מיר, האָט ער בכיוון איינגע־שטילט זיינע רייד, און מיר אַן איינגעשטילטער געזאָגט:

„עמעצער האָט די פּאַפּירן דיר היינט אין דער פרי צוגעשטעלט, ווען ביסט ביי חבר מנוח אַרי געווען. דיין ברודער האָט אין זיי לאַנג אַריינגעקוקט". — „פאַרברענען זיי", האָט ער מיך געבעטן. „דאָס איז אַ בילבול אַזעלכער, וואָס עמעצער וויל אונטערלייגן מיין ברו־דער — ס'אַ גרויסע סכנה דערביי".

האָב איך זיי ביי אים גענומען און עטוואָס אין זיי אַריינגעקוקט. טאַקע געוואָלט טאָן ווי ער האָט מיך געבעטן — ביסט אָבער פּונקט אָנגעקומען. גוט וואָס ביסט געקומען: כאַפּ אַ קוק אויף זיי, וועסטו זען וואָס דאָס איז". האָב איך אַ קוק געגעבן און ס'איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן: געאַסרטע ביכעלעך, אָנגעקומענע פון אַ גע־אַסרטער ציוניסטישער חברה, ביכעלעך וואָס זיינען בלויז פאַר מיין אויג אַליין באַשטימט געוואָרן, ווייל דאָרטן ריידט זיך וועגן ארץ ישראל און חלוצים, און, כידוע, איז די רעוואָלוציע לגמרי ניט גורס ניט ארץ ישראל און ניט די חלוצים, און צוליב זיי פאַרשיקט מען געוויינלעך אין דער ווייטער צפונדיקער נאַכט אַריין.

אין יענער שעה האָט זיך אַ שאלה אַריינגעשטאַכן ווי אַ דאָרן ביי מיר אין מוח: אָט די ידיעות אין לייענען, ווי ווייט דערגרייכן זיי באמת ביי אָט דעם מענטשן? ווי עס זאָל ניט זיין — ער האָט ביי מיר צוריק גענומען די פּאַפּירן און האָט זיי פאַרזיכטיק צוזאַמענ־געלייגט אין איין בערגל און זיי אָנגעצונדן און איז אַזוי געבליבן שטיין, קוקנדיק אויף דעם קליינעם פייער אַ לענגערע ווײַלע. צום סוף האָט ער זיך צעשמייכלט — האָב איך שוין אויף זיכער גע־ווּוּסט, אַז זיינע אויגן דערגרייכן גאַנץ ווייט, און מיין זאָרג איז מיר געוואָרן ווי אַ שווער געוויכט איבער אַלע מיינע איברים. דער סוף איז געווען, אַז דער וועכטער האָט זיינע אַ האַנט מיר אַרויפגעלייגט

אויף מיין רוקן און האָט געטונקען זיינע רייד אין רחמים און אין שפּאָט:

„זע נאָר זע! ווי צופרידן איך בין, וואָס אַזאַ מין חבר ווי מנוח ארי איז זיין האַנט סומך אויף דיר. אַ געטרייער מענטש, אַ גוטער חבר. כ׳בין זיכער, אַז ער און דיין ברודער קענען זיךביידע זייער גוט. ער׳ט שוין טאָן. גוט, גוט, האָסט, דוכט זיך, עפּעס געזאָגט וועגן אַ ליד וואָס שרייבסט. איך בין פאַר לידער ניט באַשאַפן געוואָרן. בלויז אַ וועכטער אַ פּשוטער אין דער רעוואָלוציע. דו שרייב דיר דיין ליד. דאַרפסט טאַקע אַ ליד שרייבן. אָט ווי יענע וואָס מ׳שרייבט דער רעוואָלוציע. זאָלן מיר טאַקע ביי אונדז אין הויף פאַרמאָגן מער ווי איין גרויסן מענטשן. אַ דיכטער. וועסט נאָך אַמאָל זיין אַ דיכטער ביים פאָלק אין דער רעוואָלוציע״.

אָט אַזוי האָט ער אויף מיר געלאָזט ריזלען זיין גערייד, ביז דער שטיין וואָס איז מיר געלעגן אויפן האַרצן — איז אַ ביסל לייכטער געוואָרן און כ׳בין אַרויף צו מיין ווינקל אין מיין ברודערס צימער.

ג

אין יענער נאַכט האָב איך אָנגעשריבן דאָס ליד. ס׳איז אַרויס וואָס ס׳איז אַרויס. מיין כוונה איז זיכער אַ גוטע געווען: כ׳האָב געוואָלט אָנשרייבן אַ ליד וועגן אַראָפּפאַלנדיקע האַרבסט־בלעטער און דערציילן וועגן זייער געפּליסטער אין ווערטער וואָס פון זיך אַליין לייגן זיי זיך אויס אין אַ ניגון. בינו־לבינו האָב איך שוין אויך דערציילט וועגן אַ מענטשן וואָס ער איז אַ וועכטער און ווי די בלעטער טוליען זיך צו אים אין אַ לויטערן פרימאָרגן. ניט איין מאָל האָב איך זיך אַליין אין יענער נאַכט געכאַפּט אַ פאַר־קלערטן איבער מיין ליד, וואָס אַזוי איז עס אַרויס און ניט אַנדערש, און איבער די בלעטער זיינע וואָס גיבן זיך איבער אַלע קלענסטע ווינטן אין פריִיִקע שעהען און נאָך דעם וואַרטן זיי אויף זייער טאָטן

דעם וועכטער, ער זאָל קומען מיט זיין גרויסן רחמימדיקן בעזים אין האַנט. און איבער נאָך אַזעלכע זאַכן האָב איך געקלערט. עטוואָס פון לידס ניגון ליגט מיר נאָך עד היום אין טעם. איז וואָס זשע פאַר אַ וווּנדער איז עס, וואָס דער פּליסטער פון יענע בלעטער ליגט מיר נאָך אַלץ אין זכרון ?

כ׳געדענק גוט די דערהויבנקייט וואָס האָט מיך אַראָפּגעטראָגן פון די טרעפּ און געפירט מיינע טריט אַהין, צו דער גרויסער צייטונג „די פאָן", ווו דער גוטער חבר מנוח ארי איז געזעסן.

איז גבריאל מיכאַילאָוויטש געשטאַנען און האָט מיך באַטראַכט ווי איך לאָז זיך מיט אימפּעט פון די טרעפּ אַראָפּ און אויף דער הויפּט־גאַס אַרויס. אמת, יענער ענין מיט מיינע פּאַפּירן האָט זיך נאָך ניט אָפּגעטאָן אין גאַנצן פון מיר און פאַרשידענע חשדים זיינען אומגעשווומען אין מיר און האָבן ניט אָפּגעלאָזט. אָבער דער חבר וועכטער האָט זיך אַזוי געפרייט מיט מיין אימפּעט און מיך אַזוי וואַרעם מקבל פּנים געווען ביים אַראָפּגיין, האָב איך זיך אָנגעטאָן אַ כוח און זיך פאַרהאַלטן אויף אַ סעקונדע און אים געוואָלט וועגן עפּעס פאַרזיכערן, און ניט געוווּסט ווי אַזוי און וועגן וואָס. וואָס נאָר אַ פּתחון־פּה כ׳האָב פאַרמאָגט, האָט ער זיך ביי מיר אָפּגעטאָן אין יענער ווײַלע. אָבער בעצם, האָב איך זיך גאָר אין קיין פּתחון־פּה דעמאָלט ניט געניטיקט: דער וועכטער אַליין האָט מיר אַנטקעגן געטראָגן קלאָרע דיבורים. זיין פּנים האָט אָפן געלאַכט ווען ער האָט זיך צו מיר געווענדט:

„כ׳דערקען שוין אין דיר, ליבינקער. מ׳דערקענט שוין גוט. הייסט עס, דאָס באַרימטע ליד איז שוין בפירוש אָנגעשריבן. זאָל דיר ווויל באַקומען. דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך ניט קיין גוסט צו אַזעלכע זאַכן. זעסטו, אַ ליד מיט אַ ניגון איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש. פאַרשטייסט: דער ניגון אַליין זאָגט שוין; לאַכט אָדער וויינט, אָדער שפּאַט אַפילו אָפּ. און די ווערטער — ווי סטרונעס אויף וועלכע דער ניגון ציט זיך. און אפשר איז גאָר די מעשה אַ פאַרקערטע. כ׳שטעל זיך אַ מאָל אָפּ ביי יענע בלינדע בעטלער מיט

די לירעס אויף יאַרידן. אָבער גלאַט אַזוי אַ ליד: בלויז מיט אינ־טעליגענטן האָט עס אַ שייכות; צו וואָס באַדאַרף די רעוואָלוציע אַזוי פיל אויסגעבליכטע אינטעליגענטן? סיידן דיין ליד דערציילט טאַקע עפּעס אַ וויכטיקן ענין, אָדער רופט דאָס פאָלק צו עפּעס; דאָס איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש; דאָס פאָלק, פאַרשטייסטו מיך, איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש. אפשר איז דיין ליד טאַקע אַזוינס. ווער ווייס. אַבי דער רעוואָלוציע זאָל ניט שאַדן. איז וווהין זשע גייסטו עס איצט, מיין ליבינקער?״

די לעצטע שאלה זיינע האָט מיך אַפילו ניט אָנגערירט. גאָר פאַרקערט. אַז עפּעס האָט אין איר געלויערט באַהאַלטענערהייט, אין דעם האָב איך שוין, צוליב עפּעס וואָס, קיין ספק ניט געהאַט, פון דעסטוועגן האָט זי מיך אין יענער מינוט ניט געטשעפּעט. בלויז די פריינדשאַפט זיינע האָט מיר עטוואָס דעם קאָפּ פאַרדרייט. די שאלה האָט עס מיר צעוויגט ווערטער אויף מיין צונג:

„צו יענע חברים אין דער רעדאַקציע ,די פאָן׳ גיי איך. צו מנוח אַרין און די אַנדערע חברים שרייבער. כ׳האָב אַ ליד ביי מיר אין האַנט, וועל איך זיי זאָגן. אפשר וועלן זיי עס טאַקע אָפּדרוקן אין דער צייטונג. עס קאָן דאָך זיין, אַז זיי זאָלן אָפּדרוקן״.

איז ער, גבריאל מיכאַילאָוויטש, אַזוי געשטאַנען. די רעכטע האַנט זיינע האָט פעסט געהאַלטן דעם שטאַם פונעם בעזים, און די לינקע האַנט איז אַ פאַרטראַכטע געווען אַראָפּגעלאָזן ביי דער זייט. אין זיין אויג אָבער האָט זיך געטונקלט אַ סוד אַזעלכער, וואָס האָט מיר צוליב־וואָס באַשווערט אויף אַ רגע מיין טראָט. איך בין אָבער גלייך צו צו אים טיף אין די בלעטער אַריין, ווו ער איז מיט זיין בעזים געשטאַנען, זיך דערנענטערט צו אים מיט אַ געמיט וואָס כ׳האָב אים זייער זעלטן פאַרמאָגט. שוויגנדיק האָב איך אַרויס־געצויגן פון מיינער אַ קעשענע אַ בויגן פּאַפּיר און אָן קיינע שהיות און תירוצים האָב איך אים פאָרגעלייענט מיין ליד. ער האָט מיך מיט אמתער פאַרווונדערונג באַטראַכט, און איך האָב געלייענט, פונקט ווי איך בין אין יענער מינוט באַשאַנקען געוואָרן מיט אַ

גרויסער מיסיע און איך פיל זי מוטיק אויס. אפשר האָט זיך מיר בלויז געדוכט אַז זיינע אויגן זיינען אַנגעשטעלט געווען אויף מיר, ווייל איצט מיין איך גאָר, אַז בשעת מעשה זיינען זיינע אויגן גאָר געווען כמעט ווי צוגעמאַכט. אָבער ביז ער האָט באַוויזן אַרויסצולאָזן אַ קלאַנג פון מויל, בין איך שוין פון דאָרטן געהאַט אַוועק און האָב געשפּאַנט מיט פעסטע טריט איבער די טראָטואַרן פון דער גרויסער שטאָט. בלויז אויף איין ראַג האָב איך אַ וואָרף געטאָן אַ בליק אויף צוריק. כ'האָב באַמערקט דורך דער טויער־פּאַרטקע, אַז ער איז אַזוי געבליבן דאָרטן שטיין, זיין קין אָנגעלענט אויפן שפּיץ פון זיין בעזים. עד היום ווייס איך ניט, צי ער האָט מיר נאָכגעקוקט, אָדער ניט. איך האָב געשפּירט, אַז כ'וועל נאָך האָבן עסקים מיטן חבר וועכטער צוליב אָט דעם ליד מיינעם. איך האָב אָבער פאַרשטיקט יענעם ספק און כ'בין אַזוי געגאַנגען, ביז מיין טראָט האָט געקראָגן אַ חיזוק און האָט מיך געבראַכט צו איינעם אַ הויז, איבער וועלכן ס'איז געהאַנגען אַ שילד אויף יידיש און אויף רוסיש: „די פאַן — רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג". ניט דער חבר אַרי, ניט די אַנדערע חברים, זיינען דעמאָלט געווען אינעם בנין. האָב איך מיין ליד איבערגעגעבן אין די הענט פון אַ יונגער פרוי וואָס האָט מיך באַשאָנקען מיט אַ חנעוודיקן שמייכל און מיר געזאָגט: „דער חבר אַרי וועט אַוודאי אַהער אַריינקומען אין אַ שעה אַרום. גאָר קיין ספק ניט, אַז ער וועט אַריינקומען. אויב איר ווילט, חבר, קאָנט איר וואַרטן. אויב ניט, וועל איך אים שוין אַוודאי איבערגעבן. אגב: אונדזער ‚פּאָסט־קעסטל' דריקט זיך יעדן טאָג אין ‚די פאַן' — וועט איר סיי־ווי אַן ענטפער קריגן. איר דאַרפט זיך לגמרי ניט זאָרגן".

זי האָט מיר צוגעוואָרפן אַ ליכטיקן שמייכל, און איך בין פון דאָרטן אַרויס. פון הויכע בלויזקייטן איז אויף מיר אַראָפּ אַ זיכער־קייט וואָס האָט פאַרפילט אַלע מיינע איברים ביז צו די ברעגן. די זיכערקייט איז אינעווייניק אין מיר געלעגן ווי אַ שלווה וואָס קומט אַ מאָל אויף אַ רגע אַראָפּ אין אַ מענטשנס נשמה; האָב איך,

דעריבער, זיך כמעט אָפּגעטאָן פון איבערטראַכטענישן איבער דעם ליד און דעם וועכטער, און אַפילו פון דעם דיכטער אַליין, וואָס עפּעס אַ ווונדערלעך־גרויסע זאַך איז אים אין דער רגע מקוים געוואָרן. נאָך מער: יענער גאַנצער ענין פון לערער־אַנשטאַלט איז אויך ביי מיר פאַרגעסן געוואָרן, אָדער געמאַכט אַן אָנשטעל ווי פאַרגעסן געוואָרן. ווייל אין יענער שעה האָב איך זיך פאַרשאַפן אַן אמתע חברותא מיט די האַרבסט־בלעטער וואָס זיינען לויטערע געפאַלן פון קאַשטאַנען־ביימער איבער די טראָטואַרן פון דער גרויסער שטאָט. אַלע חציצות צווישן מיר און דער וועלט האָבן געהאַלטן אין איין צעגאַנגען ווערן, און ווייטע האָריזאָנטן האָבן זיך אויסגעלייגט ביי מיינע פיס. יעדער טראָפּן עצמיות אין מיר האָט זיך אַריינגעגאָסן אין איין גוואַלדיקער שייכות צו דער לויטערער רעוואָלוציע וואָס גייט אַרום איבער דער וועלט. אָט־דאָס איז זי די רעוואָלוציע, האָב איך געהאַלטן אין איין איינחזרן אין אַלע מיינע רמ״ח און שס״ה.

כ׳טראַכט: אַוודאי איז דאָס אַלץ מער ניט געווען ווי אַ פאַרבלענדעניש איבער דער טיפער דערוואַרטונג מיינער אויף דער נאָכמיטאָג שעה, ווען „די פאָן״ וועט שוין זיין צום פאַרקויף, און דאָרטן איז דאָך אַוודאי פאַראַן אַ ספּעציעלער ענטפער פאַר מיר אין דעם „פאָסט־קעסטל״. עד היום איז מיר ניט קלאָר, וואָס מיט מיר איז געשען יענעם טאָג. אפשר בין איך טאַקע פאַרשיכורט געווען פון עפּעס אין דער רעוואָלוציע, וואָס האָט מיך מיט אַ מאָל דערזען. האָב איך זיך אַרומגעדרייט איבער די גאַסן אַרויף־און אַראָפּ־אַ באַרג שעהען נאָך שעהען, ביז איך בין, צום סאַמע סוף, גאָר צוריק צוגעקומען צו אונדזער הויף. מיט אַ מאָל האָב איך זיך דערמאָנט אָן אונדזער הויף־וועכטער, און זיין געשטאַלט האָט זיך מיר באַלד אַנטפּלעקט אַ דראָענדיקס, הגם זיין פּנים האָב איך ניט געזען, און נאָר זיין מעכטיקער רוקן האָט זיך אין אַ באַזונדערער בולטקייט באַוויזן. איידער וואָס־ווען האָט מיר מיין האַרץ געהאַלטן אין איין נביאות זאָגן שלעכטס איבער יענע פסולע פאַ־

פירן, וואָס מיין ברודער און דער חבר גבריאל מיכאַילאָוויטש האָבן זיי דן לשריפה געווען. באמת איז ער אָבער געשטאַנען מיט טשוואָק און האַמער אין דער האַנט, צוקלאַפּנדיק אַ צייטונג־בויגן ביים אַריינגאַנג פון טויער, כדי לייטן וואָס קומען אַריין און אַרויס זאָלן עס זיכער באַמערקן. ער האָט אוודאי באַמערקט מיין אָנקום מינוטן פריִער און אָנגעשטעלט זיין האַנט מיט טשוואָק און האַמער פּונקט צו דער מינוט. איך בין געשטאַנען אַ צעמישטער, און ער — מיט אין האַמער־קלאַפּ האָט זיינס אָפּגעטאָן. נאָך דעם האָט ער זיך צו מיר פאַמעלעך אויסגעדרייט מיטן פנים און, מעשה סוחר, אַ זאָג געטאָן:

„אָט האָסטו עס. דער ענטפער איז דאָרט, אינעם פּירעק ביי דער זייט. איך קיין יידיש לייען ניט, הגם פאַרשטייען פאַרשטיי איך זיכער. זאָלן זיי דאָס אַלע לייענען אין דעם הויף וואָס איז פול מיט יידן. זאָלן זיי טאַקע בפירוש וויסן", האָט זיך זיין וואָרט אָוועק־געלאָזט מיט געשפּאַנטער התפעלות, „אָט־ווער עס ווינט דאָ צווישן זיי. מעגסט צוקומען און לייענען: ס'איז דיינס. דאָ אינעם פּירעק, ביי דער זייט". בין איך צוגעקומען און האָב געלייענט:

„דעם חבר — — — אייער ליד ,דער הויף־וועכטער און די האַרבסט־בלעטער' האָבן מיר געלייענט. עס פאַרמאָגט אַ זייער צאַרטע לירישקייט. עס וועט געדרוקט ווערן אין אונדזער צייטונג. מיר בעטן אייך אַריינקומען אין רעדאַקציע אויף אַ שמועס".

אָט־אַזוי איז דאָרט געשטאַנען, בפירוש. איז דערפון געדרונגען, אַז אַזוי איז עס. און ער, דער וועכטער אונדזערער, גבריאל מיכאַילאָ־וויטש, ווען ער האָט נאָר דערהערט ווי די ווערטער גייען מיר פון מויל אַרויס, האָט זיך אַרויסגעלאָזט ווי אַ געשריי פון זיינע געדערים:

„אַהאַ שרים־שרורים, ממזרים! זאָלן זיי דאָרט וויסן אין דער הייך, וואָס און ווען מיר זיינען. מיר דאָ האָבן אַ בלאָסן בחור, וואָס האָט אַפילו קיין פּיצל מלאכה ניט אין האַנט — אָבער ער איז אַ דיכטער, אַ דיכטער פון פּשוטן פאָלק, גוטע מענטשן, דאָ ביי אונדז אין הויף. מ'שעמט זיך מער ניט קעגן אייך, זאָג איך! האַלט

זיך ניט גרויס קעגן אַ יונג אַן אָרעמען, זאָג איך — און אויך ניט קעגן איינעם אַ וועכטער, אַ הויף־וועכטער, וואָס גבריאל מיכאַילאָ־וויטש איז זיין נאָמען. האַלט זיך ניט גרויס, זאָג איך אייך. מ'שרייבט. לידער שרייבט מען ביי אונדז. מ'נעמט אַריין. מ'נעמט אונדז אין צייטונגען אַריין, הינטישע זין וואָס איר זענט. איי, ברידערל בע־זימל, מ'נעמט אונדז אַריין. וואָס דען, ניט — איר מנווולדיקע זונה־זין? אייערע ביינער די צעפוילטע וועלן מיר אייך צעטרייבערן. מיר שרייבן לידער, שרייבן מיר. אַ לויב געזאַנג צום פשוטן פאָלק פון דער רעוואָלוציע. עד, זע נאָר ווי עס האָט זיך דאָס אין מיר צעיאַכמערט דער הינטישער זון — קיין מאָל קאָן קיין מענטש ריכטיק ניט אַרויסזאָגן וואָס ביי אים אויפן האַרצן טוט זיך. זאָל אים דער טייוול צוכאַפּן. אָבער אַז עס נאָגט אַ מענטשן אַן אונדזע־ריקן ביי דער נשמה... טאַפּטשעסט אַזוי אַרום אין די פאַלנדיקע בלעטער, שאַרסט און שאַרסט, ביז די הימלען פאַרדרייען דיר דעם קאָפּ מיט זייער פאַרשאָלטענעם, אַן־סופיקן בלוי. איי, די רעוואָ־לוציאָנערע נאָגעניש ביי אַ מענטשן אַן אונדזעריקן. זאָל איך מיין ווייב, די זונה, אין מיטן טאָג שלעפּן אין בעט אַריין און זיך אויס־וויינען אויף איר בוזעם? די רעוואָלוציע, ברודערקע, איז דיר גאָר אַן אַנדער מעשה. ס'איז דאָך אַ וויסטע בושה אַ מענטשן, זיך דיר אין מיטן דערינגען צעכליפּען צוליב פאַרפוילטע בלעטער וואָס צע־ווייטיקן אים זיינע הענט און פיס. זעסטו, אַ ליד איז גאָר אַן אַנדער ענין. אַ ליד אַז עס צערעדט זיך, איז גאָר עפּעס אַנדערש. שוין צייט צו זאָגן עפּעס וועגן אַ פשוטן מענטשן אויך. זאָלסטו וויסן, דו, וואָס דיין אייגענע נאָז קאָנסטו נאָך ניט אָפּווישן, אַז האָסט וועגן גבריאל מיכיאַילאָוויטש געשריבן. וועגן אים ממש. ווער איז דען די רעוואָלוציע, אויב ניט מיר פשוטע מענטשן? מיר'ן דיך געדענקען. און זיי, די הינטישע זין פון זייער זשידאָוסקער צייטונג, וועלן דרוקן. וועגן דעם דאַרפסטו זיך גאָרניט זאָרגן. וועלן אַריינבעמען אַ מענטשן אַ פאָלקישן — אַז ניט, וועלן מיר זיי אַ חתונה פראַווען: וועלן אַלע דייערע יאָרן געדענקען.

זאָג מיר טייערינקער: ווי קומט עס צו דיר, וואָס האָסט אַזוי געעפּנט אַ דערוואַקסענעם מענטשן דאָס מויל? הערט נאָר אַ מעשה: אַ פּאָר קורצע שורות פון עפּעס אַ שנעק, און ווי עס צערעדט זיך! טאַקע וויכטיק, אַז אויך פּשוטע מענטשן זאָלן האָבן וואָס צו זאָגן! ווי טוט מען דאָס אָבער? זאָג מיר, ליבינקער מיינער, ווי טוט מען דאָס? דערפאַר, זאָג איך, רעוואָלוציע! זי רעדט שוין פאַר אונדז — און אַז זי צערעדט זיך, שווייגט איר שוין בעסער, איר ממזרים בני הנידה. מיר טוען, טוען מיר. און מיר שרייבן! לידער שרייבט מען! ווער עס האַלט אַן אויג אויף זיינע שכנים, די קאָנטעררעוואָ־לוציאָנערן, און ווער עס שרייבט אַרויס גבריאל מיכאַילאָוויטשעס נשמה. — — האָב איך טאַקע געזאָגט דיין ברודער, ווען ער האָט מיר אין האַנט אַריין איבערגעגעבן דיינע פּאַפּירן צום פאַרברע־נען, זאָג איך אים: אָט דער בחור, דער ברודערקע אייערער, איז אַ מענטש אַ באַזונדערער. און ער — שמייכלט מיר אַנטקעגן: פאַר־שטייט וואָס ביי אַ מענטשן אין האַרצן טוט זיך. האָט גאָרניט געזאָגט און זיך אַוועקגעלאָזט, אַוודאי אין די גרויסע ערטער אַריין. כ׳האָב גוט געזען דעם צער אין זיינע אויגן, מחמת יענעם שלעכטן עסק מיט דיינע פּאַפּירן. ס׳מאַכט ניט אויס. עלי ועל צוארי. די רעוואָלוציע ווייס וואָס זי האָט צו טאָן. כ׳בין זיכער אינעם חבר ארי, אַז ער איז א געטרייער חבר. איי, אַ חברל איז עס. סט׳אים באַדאַרפט אַנקוקן אין דער אַרמיי...״

איך בין געשטאַנען לעבן טויער, געלייענט און געלייענט מיין בריוול אין דער ציטונג, און ער האָט איבער מיר אַ הויכער און דערהויבענער געהויערט. די שטאָטישע טראָטואַרן האָבן זיך אין שטילער שקיעה איינגעהאַרכט אין דעם רויטלעכן נאָכגלי, וואָס די האָריזאָנטן האָבן באַשאָנקען דעם צייטונגס־בויגן אויפן טויער. און דאָס איז אַלץ וואָס איז דעמאָלט געווען. דעם וועכטער האָב איך גאָרניט געזאָגט, און כ׳ווייס ניט צי ער האָט עפּעס דערוואַרט פון מיר. זיין פאַרהאַרטעוועט פּנים איז איידעלער געוואָרן אינעם אָפּשיין פון אַ ווייטן ראָז וואָס האָט געהאַלטן ביים אויסגיין אין דעם פּערל־

מוטער געוואָרענעם נאָכגלי. די שקיעהדיקע שטילקייט האָט אויך באַרירט זיין גאַנצן טיף־צעאַקערטן פּנים; בלויז די אויגן זיינע האָבן אין־זיך עטוואָס געגלאַנצט. דער אָוונט איז שוין באַלד גאָר ממשות־דיקער געוואָרן, און די צייטונג אויפן טויער, איז אַלץ מער מטושטש־דיקער געוואָרן.

מיט אַ מאָל האָט דער וועכטער דערשפּירט, אַז כ'האַלט ביים אַריינקומען אין הויף, האָט ער פאַר מיר דאָס טירל געעפנט, פּונקט ווי איך וואָלט עפּעס אַ גרויסער שררה געווען. ער האָט מיך באַגלייט ביז צו די טרעפּ ממש: כ'האָב גוט געוווּסט, אַז עפּעס דריקט אויף אים — כ'האָב אָבער ניט געהאַט קיין טראָפּן מוט אים צו פרעגן. און אפשר האָב איך זיך צוליב עפּעס וואָס געהיט ניט צו פרעגן, טאָמער וועל איך אים געבן אַ פּתחון פּה. ווען איך האָב אָבער אָנ־געהויבן אַרויף אויף די טרעפּ, האָט ער מיך אויף אַ רגע פאַרהאַלטן און תמימותדיק געפרעגט:

„איז עס טאַקע באמת, אַז מיך האָסטו געמיינט אין דיין ליד?".

האָב איך אים עטוואָס אַ דרוק געטאָן אין אָרעם, און ער האָט מיך נאָך אַ ווײַלע שווייגנדיק געהאַלטן ביים אָקסל מיט ביידע הענט.

נאָך דעם בין איך שוין אַרויף. מיין ברודער האָט, ניט ווי זיין דרך איז געוויינלעך געווען, אויף מיר געוואָרט: אַפילו קיין רמז האָט ער מיר ניט געגעבן וועגן דער מעשה מיט די פאַרברענטע ציוניסטיש־טריפה פּאַפּירן. מסתמא האָט ער געמיינט, אַז כ'האָב שוין ווי עס איז דעם ענין האַלב־פאַרגעסן. ער האָט מיך באַגעגנט מיט אַן איינגעהאַלטענער ליבשאַפט, אין וועלכער ס'האָט זיך שטיל גע־וויגט טרויער, און האָט מיר געזאָגט:

„אַ גרויסן חסיד האָסטו זיך איינגעקויפט אין אונדזער הויף. גבריאל מיכאַילאָוויטש בכבודו ובעצמו. כ'האָב ניט געוווּסט, אַז פריינדשאַפט קאָן אַזוי ווייט אַוועק. ער האָט זיך אַליין מטריח געווען און איז געקומען אין דער רעדאַקציע פון ,די פאָן'. עפּעס קומט דיר דאָרט, האָט ער מיר געזאָגט, און איז אַהין אַוועק עס אָפּנעמען. וואָס איז עס געשען מיט אונדזער דוואָרניק, וואָס ער מוז דווקא

אָנקומען צו אַ יידישער צייטונג? וואָס רעוואָלוציע קאָן דיר אויפטאָן מיט אַ מענטשן! האָסט, זעט אויס, אַ גרויסן זכות ביי אים: ער קאָן דיר גוטביישטיין. און זע, מאַך ניט קאַליע די חברותא וואָס דו האָסט זיך פאַרשאַפן מיט אים. טו אַכטונג. כ׳פאַרלאָז זיך אויף דיין שכל הישר״.

אָט אַזוי האָבן זאַכן אויסגעזען יענעם גאַנצן טאָג.

ד

פון דער רעדאַקציע האָט מען מיך געבעטן „אַריינקומען אַ שמועס טאָן״. קיין טאָג און שעה ניט באַשטימט. מיינט עס: ס׳ווענדט זיך אָן מיר. זיי האָבן אויך געשריבן: „ס׳וועט אַריין״. מיינט עס — אָנגענומען. איז גוט. טאַקע זייער גוט. אפשר איז אַ געוווינהייט אַזעלכע ביי ייִנגע דיכטער, זיכער צו זיין אַז זייער ליד וועט מאָרגן פאַר נאַכט שוין געדרוקט זיין אין דער צייטונג. דער אמת איז, אַז דער וועכטער האָט עס פאַרשטאַרקט די זיכערקייט אין מיר: אין סאַמע מיטן אַרבעט זיינער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און מיר אָפּן מודיע געווען, אַז ער קוקט שוין אַרויס אויף דער מאָרגנדיקער צייטונג: דאָס ליד, האָט ער געזאָגט, וועט מאָרגן זיין דאָרטן; ער האָט גערעדט, פונקט ווי ער וואָלט אַ היפּשן חלק געהאַט אין דער באַלעבאַטישקייט פון „די פאָן״: אויף וועלכער זייט און אויף וועלכן אָרט דאָס ליד וועט דערשיינען; מאָרגן טאַקע האָט ער זיך מכוון געווען אויף דער שקיעה צייט און זיך אַוועקגעלאָזט אין דער רע־דאַקציע. איך אַליין בין אַהין ניט געגאַנגען. עפּעס וואָס האָט מיך אָפּגעהאַלטן. איז דער וועכטער אַליין אַהין אַוועק. כ׳האָב אים געזען שפּאַנען מיט פעסטן טראָט גאַס־אַראָפּ, גלייך דער שקיעה אַנטקעגן.

האָט זיך דעמאָלט אָנגעהאָנגען איבער מיר אַ זייער לאַנגע אומ־באַוועגלעכע שעה. ניט דווקא צוליב דעם וואָס כ׳האָב אומגעדולדיק געוואָרט אויפן וועכטערס צוריקקער פון דער רעדאַקציע מיט דער געגאַרטער צייטונג אין האַנט. ווייל דעמאָלט, ווי מיר דוכט, איז

דערוואַרטונג — וואָס נאָר זי זאָל ניט געווען זיין — אויסגעוועפּט געווען פון מיינע ביינער, פון מיין בלוט און פלייש: עלעהיי אַ מענטש וואָס זיין אָטעם וועפּט זיך אַ מאָל אויס פון אים אין אַ פּאָר־חלשטער שעה וואָס הענגט ניט אויף קיין משקולת. כ׳ווייס באמת ניט, ווי קומט עס וואָס מיין אויג האָט ניט פאַרפעלט צו באַמערקן דעם וועכטערס צוריקקומען נאָך ביים ראָג פון דער גאַס, אפשר נאָך פון יענער זייט ראָג. זיין טראָט האָט אים איצט אַ שווערן געטראָגן, זיין רוקן איינגעבויגן, פונקט ווי דער בויגן פּאַפּיר אין זיין האַנט וואָלט געדריקט אויף דעם גאַנצן לעבן וואָס זיין האַרץ פאַרמאָגט נאָר. ווען איך וואָלט נאָר געוואָגט אין יענער מינוט, וואָלט איך אים געווען אַנטקעגן געגאַנגען און אים געטרייסט. כ׳בין אַראָפּ די טרעפּ און אַרויס פון הויף און בלויז באַוויזן אויסציִען עטלעכע טריט אים אַנטקעגן. ער האָט מיך דערזען, האָט ער זיך עטוואָס פאַר־האַלטן — און איך האָב מיט גרויס שוועריקייט זיך באַמיט אים צו ברענגען אַ שמייכל אַנטקעגן. ער האָט דעם בויגן פּאַפּיר מיר ניט געגעבן, האָב איך שוין געוווסט וואָס עס טוט זיך. פון ערגעץ ווו האָט ער אויך אַרויסגעקוועטשט אַ שמייכל אויף זיין טונקל־אויס־געקרומטן פּרצוף — פון הינטער דעם שמייכל האָט מיט אַ מאָל געפּלאַצט אַ דאַמבע און זיין צאָרן האָט אָנגעהויבן זידן ווי אַ פּאַר־נעפּלטער שטראָם:

„ממזרים. אָט האָסטו אַ רעוואָלוציע וואָס טראָגט דיר אויס שמיליגענטן־ממזרים. פאַררעטערישע באַנדיטן. גיי מאַך רעוואָלוציעס מיט אַזעלכע זשידעס־לײדיקגייערס. הערסט אַ מעשה: נאָך קיין צייט ניט געווען. טענה זיך אויס מיט טינופתדיקע חזירים. לויזן מוזן זיי די קורצע שורהלעך, און קיין מינוט סטייעט זיי שוין ניט פאַר אַ לײטיש וואָרט איבער אַ פּאָלקישן מענטשן. זיי זיפצן און אָכצן — דאָס בלוט זייערס זאָל זיך לאָזן פון זייערע טריפהנע הערצער. הערסט אַ מעשה: מנוח ארי. דער חבר מנוח ארי. אַזאַ פיינער קאָמאַנדיר אין דער אַרמיי געווען, געטאָן וואָס רעוואָלוציע הייסט טאָן, אין זינען

געהאַט די רעוואָלוציע, גערייניקט די וועלט פון בורזשויעס. חברט זיך מיט יענע ראַצן. ווי ער טוט עס דיר אַ זאָג: ס׳פאַראַן נאָך צייט, מאָרגן איז אויך אַ טאָג; מאָרגן־איבערמאָרגן, זאָגט ער. איי אַ מענטשן רינען אויס די געדערים וואַרטנדיק — דאָס גייט אים ניט אָן. הער נאָר אַ מעשה! זעצט מיך אַוועק לעבן זיך, ביי דעם שמיליגענטישן טיש זייערן, און פרעגט זיך נאָך אויפן געזונט און אויף בני־בית. איז טאַקע גוט. אַזוי דאַרף אַ מענטש אַן אונדזעריקער טאָן. אַזוי פירט זיך רעוואָלוציע. זיך דערפרעגט וועגן דעם און וועגן יענעם. מ׳זעט בפירוש: האָט אַן אינטערעס אין האַרצן פאַר אַ מענטשן אַ פשוטן. אויך אויף דיין אייגענעם ברודער אַ פרעג געטאָן. זיך גוט דערפרעגט וועגן דעם ברודער דיינעם, דער הינטישער זון. איז דאָך גוט. אַלעמען קען ער, דער מנוח. וואָס איז זיך דאָ צו וווּנדערן? פאַראַן אַ רעוואָלוציע, דערציילט זי אים. זי ווייס שוין ווי אַלץ צו זען און צו הערן אַלץ. אויך וועגן דיר און דיין אַרבעט זיך גוט דערפרעגט. אָט אַזוי, מיט אינטערעס. דער כלב מאַכט זיך אַז ער האָט אַ גוט האַרץ אַ רעוואָלוציאָנעריש. זאָגט ער מיר:

דער פאָעט דיינער זעט אויס צו זיין אַ בחור כהלכה. זאָג איך אים, דעם טשעקיסט:

אַוודאי אַ פיינער. גיט דעם פאָלק אַ לייטיש וואָרט אין מויל אַריין, עפנט מיט זיין לשון אַ פשוטן מענטשנס אַ האַרצן... זאָגט ער מיר: דאָס ליד זיינס איז וועגן דיר... אָט אַזוי ריידט ער ממזריש צו מיר: וועגן דעם בעזים דיינעם און די פאַלנדיקע האַרבסט־בלעטער... זאָג איך אים: מ׳ווייס די מעשה; וואָס פאַר אַ חידוש ברענגסטו מיר עס, זאָג איך אים, חבר מנוח? אָט אַזוי האָב איך אים צוריק געגעבן: די רעוואָלוציע וויל עס, אַז מענטשן זאָלן צווישן זיך אַ חברשאַפט פירן — יאָ, אָדער ניט? הייסט עס פריינדשאַפט צווישן מיר מיט אים. שרייבסטו אַן אַ ליד, גיב עס אויך דיין חבר — ווי מענטשן גיבן זיך אַ טרונק אַ שאַרפן אין דער אַרמיי: די פלאַש פון מויל צו מויל...

און ווידער האָב איך אים געזאָגט:

„נישט דאָס וואָס גבריאל מיכאַילאָוויטש האַלט זיך פאַר אַ גרויסן גדול — וואָס פאַר אַן ערלעכער מענטש וויל דאָס קריכן צווישן פּאַרשטונקענע שמיליגענטן אין דער גרויסער רעוואָלוציע אונדזער? אָבער אַ ליד, זאָג איך אים — דאָס איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש. אַ ליד איז כמעט וואָס דאָס פאָלק זינגט, ווען זיין האַרץ איז פול און ער ווייס ניט וואָס. האָסטו געהערט מיין ליבינקער חבר ארי, זאָג איך אים, ווי אונטער די הענט האָט זיך עס ביי אונדזער בחורל צעזונגען? כ'מיין ניט דאָס וואָס דאָס ליד איז טאַקע מיינס, נאָר וואָס בלויז ביי אים צעזינגט עס זיך".

און ער, מנוח ארי, שמייכלט; האָרכט זיך איין, שלינגט ממש מיינע ווערטער און שמייכלט.

„וועסט שוין אַליין זען, זאָג איך אים. כ'גיב דיר אַ משל, אַ שטייגער די בלעטער וואָס פאַלן איבער אַלע גאַסן פון שטאָט און דער וועלט. אָט דאָס ליד, אַ שטייגער, דערציילט דאָך בלויז פון עפּעס אַ וועכטער און בלעטער, אָבער מיינען מיינט עס מיך. הייסט עס, טאַקע איך. כ'מיין: יענער בחור האָט עס טאַקע אָנגעשריבן, אָבער איך האָב דעם גרעסטן חלק דערינענן. און ער, מנוח, קוקט אויף מיר און שמייכלט. פאַרשטייט אַן ענין מתוך ענין, דער ממזר. אים דאַרפסטו קיין פינגער אין מויל ניט אַריינלייגן. כ'געדענק ניט אַקוראַט וואָס פאַר אַ דיבורים ער האָט אין יענער שעה גערעדט. צו פיל אינטעליגענטישע פאַר אונדזער רעוואָלוציע. האָט זיי אָבער זייער ממזריש אַרויסגעצויגן פון מויל. שיינע. כ'געדענק אָבער ניט אַקוראַט וואָס ער'ט געזאָגט — מיין בלוט האָט אין מיר ווי אַ שריפה געברענט. שיינע דיבורים, אַ בייג אַהער, אַ נייג אַהין, און ביני־לביני איז ער שוין צוריק ביי דיר... און ביי מיר עפנט זיך ממש דער מוח, זאָג איך דיר, ווייל דער מענטש איז דאָך אַ מייניקער: אַלע טאָגריידט ער מיט מיר וועגן דעם און וועגן יענעם, און אויך וועגן דער רעוואָלוציע, און וועגן די שכנים אין אונדזער בנין; ער ריידט, און איך ענטפער אים, אַזוי און אַזוי. דערצייל אים ווי דו וווינסט ביי דיין ברודער, און וואָס דו האָסט געטאָן אין די ,דריי הייליקע',

און ווי דניאל איל׳איטש ריידט אַזעלכע וויכטיקע זאַכן וועגן דיר. ער לאַכט, און זיין פּנים צעשיינט זיך ממש, און איך צעפּאַר זיך אין מיינע דיבורים — און מירביידע לאַכן. וואָס דען? מענטשן באַדאַרפן הנאה האָבן אין דער רעוואָלוציע, אָדער ניט? האָסט באַדאַרפט אים זען אַ לאַכנדיקן ווען כ׳האָב אים אגב־אורחא דערציילט ווי כ׳האָב די פּאַפּירן דיינע פאַרברענט. עפּעס האָט ער געהאַט, דער הינטישער זון, אין זיין געלעכטער וואָס איז מיר גאָר ניט געווען געפעלן. נו, מילא. זאָל אים דער טייוול צונעמען, עס גייט מיך ניט אָן.

צום סוף זאָג איך אים: און מיטן ליד וואָט וועט זיין? האָט ער אָנגעהויבן מעקען און בעקען, וואַרפן די כיטרע אייגעלעך זיינע אַהין און אַהער, און אַרויסבאַלאַמוטשעט: מאָרגן־איבערמאָרגן, גבריאל מיכאַילאָוויטש. ווייסט דאָך ווי פאַרנומען מיר זיינען. מיר׳ן געפינען אַ געלעגנהייט, וועלן מיר אַריינגעבן. און שמייכלט נאָך, דער שמור־ציקער הונט. זאָג איך אים: ס׳הייסט, אַ געלעגנהייט? ס׳הייסט קיין צייט ניט פאַראַן אין דער רעוואָלוציע? האָט ער געזען, אַז עס פאַר־דריסט מיך ביזן בלוט, האָט ער מיך אָנגעהויבן פאַרדרייען מיט שה״י״פה״י — האָב איך זיי אַ שמייס געטאָן די טיר אין זייער שמוציקן פּיסק אַריין. פיר־פינף זייערע זיינען זיי דאָרט געווען. שרייבאַרעס. כ׳האָב פר?ער באַדאַרפט וויסן, ווער זיי זיינען, אין זייער מאַמעס ערווה אַריין. גיי גיב זיי אַ רעוואָלוציע, וועלן זיי שוין מאַכן אַ תכלית פונעם פּשוטן פאָלק. פאַסקודאַקראַטן וואָס זיי זיינען!״.

ער האָט מיר אַריינגעשטופּט דעם צייטונגס־בויגן אונטערן אָרעם און אַליין איז ער אַוועק צום טויער. ער האָט נאָך קיין טראָט ניט פאַרענדיקט, ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט און האָט זיך אויף מיר אומגעקוקט — איז אים זיין פּנים מיט אַ מאָל פאַרפינצטערט געוואָרן, פּונקט ווי אין סאַמע יענער מינוט איז אים עפּעס לגבי מיר קלאָר געוואָרן — עפּעס, וואָס ער אַליין האָט ניט־וויסנדיק אָפּגעטאָן. אַ שווערער שיין האָט זיך מיר אויסגעלייגט אויפן האַרצן: איך האָב זיכער געוווסט וואָס דער גוי האָט מיר אָפּגעטאָן מיט זיין באַרימעריי איבער מיינע פּאַפּירן. בין איך אַרויס פון יענער זייט

טויער, ווו די נאַכט איז שוין געלעגן אויף פּנימער פון מענטשן וואָס גייען אַרויף אָדער אַראָפּ דער גאַס און ווייסן באמת ניט פון וואַנען און וווהין און פאַר וואָס. גבריאל מיכאַילאָוויטש האָט מיר נאָכגעקוקט און טונקל צוגעוואָרפן: „עס זיך ניט אויס דאָס האַרץ, בחור. צוליב עפּעס אַ שמאַטע — אַ צייטונג. מאָרגן וועלן די משתינים בקיר עס דרוקן. ווען ניט — — —"

אויף מאָרגן איז דאָס ליד ווידער ניט געווען אין „די פּאַן". אַזוי זיינען אַ צאָל „מאָרגנס" פּאַריבער, און איך בין באמת געווען צופרידן וואָס מ'האָט מיך אפשר פאַרגעסן. כ'האָב אויך אויסגעמיטן זיך באַווייזן אין לערער־אַנשטאַלט ביי דער גוט־האַרציקער אָלגאַ אַבראַמאָוונאַ. און אפשר האָט זיך מיר בלויז געדוכט אַז כ'בין צו־פרידן; ווייל נאָך היינט גייט מיר נאָך די באַליידיקונג פון יענע ווייטע יאָרן. ניט אַזוי אָבער דער הויף־וועכטער. ער האָט זיינע תביעות כלפּי דער רעוואָלוציע בשום אופן ניט געוואָלט אָפּלאָזן. דעריבער האָט ער זיך אין איינעם אַ טאָג אָנגעזעצט אויף מיר: האָט מיך פּשוט אָנגעכאַפּט פאַר מיין אָרעם און מיך אַוועקגעשלעפּט אין דער רעדאַקציע פון דער יידישער צייטונג „די פּאַן".

פינף זיינען זיי דאָרט געזעסן ביי אַ גרויסן פענצטער: עס זעט אויס, אַז אַלע האָבן זיי געהאַט געקוקט אויף דער האַרבסטיקער שקיעה, און זיינען שוין אַזוי געבליבן זיצן איינגעהילטע אין שווייגנ־דיקן אָוונט־טונקל. כ'האָב זיי אַלע גלייך דערקאָנט: אַ דערציילער, אַ דיכטער, אַ רעזשיסער, אַ מוזיקער — און איבער אַלעמען — דער חבר מנוח ארי. פון יענער צייט אָן זיינען זיי שוין אַלע פאַרניכטעט געוואָרן, צוליב עפּעס אַן אַפּיקורסות וואָס דער גרויסער מערדער האָט אין זיי דערשפּירט. אפשר וועלן מיר אַ מאָל נאָך עפּעס וועגן זיי אַ ביסל מער דערציילן. אויך דער חבר מנוח ארי איז נאָך אַלע־מען, דערמאָרדעט געוואָרן. כ'האָב געהערט, אַז עמעצער איז אים טראָט־נאָך־טראָט נאָכגעגאַנגען ווו ער האָט זיך געקערט און גע־וועגדט. פון צייט צו צייט קומט וועגן דעם אַרויף אויפן זכרון אונדזער הויף־וועכטער — כ'בין אָבער אין דעם ניט אין גאַנצן זיכער. דעמאָלט

אָבער זיינען אַלע פינף געזעסן, ווען דער וועכטער און איך האָבן זיך אַריינגעריסן אין זייער מעלאַנכאָלישער חברותא. אין סאַמע שווייגן זייערן זיך אַריינגעריסן. מילא, איך; אָבער גבריאל מיכאַילאָוויטש, בין איך זיכער געווען, האָט אַ שטורעם געהאַט אויף זיינע ליפּן. ער האָט אָבער גאָרניט געזאָגט: ווי די שטילקייט אין צימער וואָלט וואָרט זיינס פאַרניכטעט. ווען זיי האָבן אונדז דערשפּירט, האָבן זיי זיך אַלע עטוואָס אַ ריר געגעבן, אָבער אומגעקוקט האָבן זיי זיך אויף אונדז ניט. פונקט ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט, טאָמער וועט צעשטערט ווערן דער מיסטעריעזער בונד צווישן זיי און דעם לעצטן נאָכגלי וואָס איז שוין אויסגעגאַנגען אין באַהאַלטענע ווינקלען פון יענער זייט אַנקומענדיקן אָוונט. כ'האָב געזען דעם וועכטער, ווי דער כעס זיינער האָט געהאַלטן אין אַנלויפן ביי אים ווי אַ פינצטערע שטורעם־כוואַליע, ווייל זיין צאָרן האָט אים געוואָרגן דעם האַלדז און אים געשפּאַרט אין זיינע אויגן וואָס האָבן זיך צעגלאַנצט אינעם טונקל פונעם צימער. אַט דער גלאַנץ האָט עס מסתמא אַרויסגעהויבן מנוחן פון זיין שטילקייט־דביקות. מנוח האָט זיך טאַקע אָפּגעטיילט פון די אַנדערע אונדז אַנטקעגן מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט. אַ שמייכל האָט זיך צעשפּרייט איבער זיין גאַנצן פּנים ווען ער האָט אויסגערופן:

„שלום עליכם, שלום עליכם, טייערע געסט. זעט נאָר, חברים, וואָס פאַר אַ טייערע געסט מיר האָבן דאָ! גבריאל מיכאַילאָוויטש בכבודו ובעצמו — מיינט עס: אַ השובער, צי ניין. זיצט. זעצט זיך, חברים. מיט וואָס קאָן איך אייך דינען? כ'זע, מיין טייערינקער גבריאל מיכאַילאָוויטש, אַז האָסט עמעצן מיטגעבראַכט מיט זיך. אָ, כ'קען דאָך דעם מענטשן. דער יינגער חבר, אויף וועלכן מיר וואַרטן אין דער רעדאַקציע. האָט דאָך אַוודאי אונדזער בריוו אין „די פאַן" געלייענט, ניט אַזוי? דאָס איז דאָך דער מחבר פונעם ליד, חברים. באַקאַנט זיך, באַקאַנט זיך! דאָס איז גבריאל מיכאַילאָוויטש, פון וועמען איך רייד אַזוי אָפט, מיט וועמען כ'באַרים זיך אַזוי אָפט.

און דאָס איז דער ייִנגער דיכטער. ווי איז בפירוש געווען געשריבן אין אונדזער צייטונג?: אַ לירישער טאָן, אַן איידעלער לירישער טאָן, ניט אַזוי? זיכער. האָבן מיר דאָך אויף דיר געוואַרט נעכטן־אייער־נעכטן. אַ דיכטער וויל מען קענען. איז ער טאַקע יאָ אַ דיכטערישער כוח, איז דאָך אַוודאי כדאַי זיך מיט אים צו באַגעגענען. ניט אַזוי, חברים?״.

אַט אַזוי האָט ער זיך געלאָזן אונדז אַנטקעגן. דער וועכטער איז געשטאַנען אַ צעטומלטער פון דעם מבול גערייד, אַ גולמדיקער און שטומער. איך אָבער — אַ באַטריבס האָט זיך אויף מיר געגאָסן מנוחס קול. אַ מין משונהדיקע חדווה האָט געווירן אין זיין קול אין יענער געדיכט־טונקעלער אָוונטיקער שעה. ער האָט זיך צוגעאיילט און אַלעמען אויפגעהויבן פון זייערע ערטער, האָט זיי געהאַלטן אין טרייבן אין אַ שלעכטער ליצנות אַריין וואָס האָט אַלץ מער פאַרגיפטיקט זיינע דיבורים. זיינען אַלע צוגעשטאַנען צו מיר און האָבן מיך אָנגעהויבן באַוואַרפן מיט שאלות איבער שאלות — שאלות וואָס זענען זיך גאָרניט מתכוון אויף אַן ענטפער, נאָר בלויז פאַר הנאה וועגן ווערן זיי געשליידערט, כדי מיך אַרומצורינגלען און איינשליסן מיך אין עפּעס אַ פּאַסטקע וואָס האָט זיך זיי אין יענער שעה פאַרגלוסט. אַט זענען זיי דאָך אַזוי שטיל־שווייגנדיק געווען אַנטקעגן דעם נאָכגלי פון דער שקיעה, און אַט האָבן זיי זיך אַריינגעוואָרפן אין אַ קאַץ־און־מויז שפּיל — אַ שפּיל וואָס איז מיר שוין לאַנג געווען באַקאַנט פון מיינע טריט אין דער רעוואָלוציע. זיי האָבן זיך נאָכגעפרעגט אויף מיינע עלטערן און זייער „בורזשואַזנעם״ יחוס (אָ, בורזשואַזנער יחוס יידישער!) און אויף מיינע טוונגען און קוואַלן פון פרנסה און חברים — האָב איך שוין דערקענט, אַז די זאַכן זענען זיי שוין גאָר גוט באַקאַנט פון לאַנג, עלעהיי אַן אין גאַנצן־פאַרשריבענער טאָוול בין איך געשטאַנען פאַר זיי...

אַט־דאָס איז עס, איז מיר מיט אַ מאָל קלאָר געוואָרן דער גאַנצער ענין און כ׳האָב זיך אַפילו ניט אָנגעהויבן וווּנדערן אויף

דעם: דער חברישער שמועס וואָס איז דאָ פאָרגעקומען צווישן די חברים מנוח ארי און זיין אַלטן פריינד פון דער אַרמיי, גבריאל מיכאַילאָוויטש, דער הויף־וועכטער אונדזערער. דאָס איז עס וואָס פאַרשטעלטערהייט האָט עס מיך אינעווייניק געהאַט גענאָגט אַלע יענע טעג. דער שטייגער איז אָבער, אַז אויב אַ מענטש ווערט שוין יאָ אַריינגעכאַפּט אין אַזאַ שפּיל פון קאַץ־און־מויז, ווערט ער נאָך מערער איינגעשרומפּן אין זיך און ערשט דעמאָלט לאָזט ער זיך אַריינכאַפּן אין פּאַסטקע.

אַזוי האָבן זיי מיך באַוואָרפן מיט שאלות און, אגב־אורחאדיק אָנגעטשעפּעט אויף מיר כלערליי נעפּלדיקע חטאים: קאָנסט זיי טאַקע מיט דער האַנט ניט אָננעמען — זיי שלעפּן זיך אָבער דיר נאָך ווי אַ קופּה של שרצים פון דיין יחוס־אבות און דיינע מלאכות און דיינע חברים און ווער ווייס וואָס נאָך...

ביסלעכווייז האָט די גאַנצע גיהנומדיקע קאָמעדיע זיך אָנגעהויבן קריסטאַליזירן לויט אַ לכתחילהדיקן מוסטער וואָס מיינע נייע פריינד האָבן פאַרטראַכט. אַ מין זחיחות־הדעת האָט מנוחן אויפגעשיינט אויף זיין גאַנצן פרצוף, ווען ער האָט זיין האַנט אַרויפגעלייגט דעם וועכטער אויף דער פּלייצע:

„און יענע מעשה מיטן בינטל פּאַפּירן האָט איר געהערט, רבותי? אַ מעשה נורא, זאָג איך אייך. פּלאי־פּלאים. דערציייל זיי, טייערער חבר גבריאל מיכאַילאָוויטש: ס'איז כדאי זיי זאָלן אויך וויסן. איי־איי, אַז מיר'ן זוכה זיין, וועלן מיר נאָך ברענגען די גאַנצע מעשה אין אונדזער צייטונג. אויך דאָס ליד וועלן מיר אָפּדרוקן: אַוודאי אָפּ־דרוקן. אַ מעשה אין אַ מעשה. אַ מעשה מיט האַרבסטיקע בלעטער און אַ וועכטער און אַן איידעלער לירישקייט פון אַ יינגן דיכטער — און מיט אַ באַוווסט בינטל כשרע פּאַפּירן פון יענעם יינגן דיכטער טאַקע. וווּנדערלעך, ניט אַזוי? דערציייל זיי, חבר, וואָס מיט די פּאַפּירן איז געוואָרן. איי, זאָג איך אייך: אַ לירישער טאָן. איי מאַמע־מוטער, רעוואָלוציע טייערע מיינע. אַוודאי, חברים, האָט די רעוואָלוציע אַן אויג אויף אַ דיכטער און אויף אַ וועכטער. אָבער

וואָס זאָלן מיר טאָן מיט דעם איידעלן דיכטער וואָס פון נאָענט און ווייט דערגרייכן אים פּאַפּירן? אמתע סחורה, זאָג איך אייך: פון סאַמע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן אונטערגרונט ביי אונדז אין דער מדינה. אַן אדם גדול, הייסט עס: פון דער סאַמע רעאַקציע. אָבער ליבינקער — האָט ער זיך ווי אַ לאָקערנדיקע בעסטיע צו מיר געווענדעט — צאַרטער דיכטער מיינער: פּאָר אַזעלכע פּאַפּירעלעך גייען דאָך מענטשן ביי אונדז אַוועק שפּאַצירן אין די טייגעס פון סיביר. האָסט אַוודאי געהערט פון אַזאַ מקום. איז אויב די מעשה איז טאַקע יאָ אַזוי, פרעג איך אייך, וואָס פּאַר אַ סמיכות הפרשיות איז פאַראַן צווישן דרוקן אַ ייִנגן דיכטערס אַ ליד אין אונדזער אַ רעוואָלוציאָנערער צייטונג און צווישן זיין אַוועקשפּאַצירן קיין סיביר? אלא וואָס — דאַרפסט זיך ניט שרעקן, טייערינקער. דער חבר גבריאל מיכאַילאָוויטש איז דיר גוט בייגעשטאַנען! איידער וואָס־און־ווען האָט ער דיינע פּאַפּירעלעך אַוועקגעלאָזט אויפן פייער. מסתמא ווייסט דיין אייגענער ברודער דערפון; ווייל אויב ניט — — — ער האָט זיי אַוודאי אַריינגעקראָגן נאָך איידער זיי זיינען דיר געקומען אין דער האַנט אַריין. נו, מילא. גייסט דאָך אַוודאי אַריין אינעם לערער־אַנשטאַלט. אָלגאַ אַבראַמאָוונאַ וואַרט שוין אומגעדולדיק. אַ נאָענטקייט אַזעלכע דערפילט. זי וועט דיר שוין העלפן: זאָרג זיך ניט. אַ מענטש איז זיך טועה, ווערט ער אַ חוזר בתשובה. ס'וועט זיין גוט. מיר'ן דיר העלפן תשובה טאָן. דאָס ליד — אפשר וועלן מיר עס ווען עס איז טאַקע אַריינגעבן אין צייטונג. ניט געזאָרגט. מוזט אָבער פריִער עפּעס באַווייזן. זעט אויס: האָסט אַ גוטן לירישן געהער..."

זייט ער האָט אָנגעהויבן ריידן זיינען די אַנדערע אַנטשוויגן געוואָרן. מיט אַ מאָל, זעט אויס, איז עפּעס אין זיי אויפגעקומען וואָס האָט זיי דאָס וואָרט זייערס געשאָכטן. יענער קאַץ־און־מויז שפּיל איז, זעט אויס, זיך מיט אַ מאָל צעפאַלן, און פון דער שטייענדיקער שטילקייט האָט מיך דערגרייכט אַ מין גניבהשער מיטגעפיל פון זייער זייט. די לופט אין צימער האָט זיך אַלץ מער און מער אָנגעזאַפּט פון אַן אומגליק געשפּיר וואָס האָט זיי אַלעמען צעדריקט.

וואָס איז שייך דעם הויף־וועכטער, — איז ער געבליבן אין גאַנצן אַ פאַרפראָרענער אין זיין איינזאַם, פונקט ווי ניט גוט וואָלט אים געוואָרן אין יענער חברה וואָס איז מוקצה מחמת מיאוס. אין יענער מינוט האָב איך אויף זיכער געוווסט, אַז עפּעס אַ שרעקלעכס וועט דאָ באַלד געשען. איידער כ'האָב באַוויזן זיך פונאַנדערקלייבן, האָט גבריאל מיכאַילאָוויטש זיך צעלאָזן מיט אַ שטורעם און מיך אָנגע־כאַפּט פאַר מיין העמדל, אויפרייסנדיק די געדיכטע פינצטערניש וואָס איז ווי אַ חיה־רעה געלעגן אין אַלע ווינקעלעך פונעם צימער:

„קום, לאָמיר אַוועק פון דאַנען! מנוולים. אַ מין טנופותדיק אָרט דאָס איז. שמענטיליגענטן, משתינים בקיר אַזעלכע, אין אייער טאַטנס טאַטן אַריין. מיינען טאַקע אַז די רעוואָלוציע איז אַ זייעריקע, פּאַס־קודעס. מיר'ן איך נאָך ווייזן, ברידערלעך, וואָס־און־ווער רעוואָלוציע איז. אַ הוליענדיקע חתונה וועלן מיר אייך מסדר זיין אין גיכן. ווימלען ווי לייז אין דער רעוואָלוציע, פאַרוועמען איר בלוט־און־פלייש — און אַ לייטישן מענטשן פאַרשפּאַרט מען טיר־און־טויער. מיר'ן נאָך אייך פאַרשפּאַרן, וועלן מיר. פאַרגינען ניט אַ פּראָלעטאַרישן מענטשן זיין אייגן ליד. ס'שטייט זיי ניט אָן אַ מענטש אַ פּראָלעטאַ־רישער. איר'ט נאָך דערלעבן זען וואָס פאַר אַ כוח גבריאל מיכאַ־לאָוויטש פאַרמאָגט. ווייסט איר אַוודאי וואָס אַ וועכטערס אַן אויג קען אויפטאָן פאַר דער רעוואָלוציע? אַלע אָפּטריטן וועלן מיר, פּשוטע מענטשן, נאָך אויסגיסן אויף די קעפּ אייערע. וואָס, אַן אונדזעריקער וויים דען ניט וואָס פאַר אַ קאָנטעררעוואָלוציע דאָ טוט זיך? מיר ווייסן, מיר ווייסן. אַ מענטש אַ וועכטער האָט אַן אויג אַזעלכעס וואָס זעט און ווייס. און מ'ווייס אויך ווי צו עפענען אַ טיר אין דער רע־וואָלוציע. איר זעט אָט דאָס בחורל וואָס האָט מיין ליד אָנגעשריבן? איי האָט ער אַ ברודער. איר'ט נאָך שפּרינגען ביי מיר, טנופתן, פאַררעטערס. זעט נאָר ווי זיי פאַרשפּאַרן דאָס אַ טיר פאַר אַ יינגן פּאָעטישן בירגער! איר'ט זען וואָס אַ פּייערל מיר'ן דאָס מאַכן פון דער שמאַטע אייערער, זשידעס. אַ הוליאַנקע אַ פייערדיקע וועלן מיר מאַכן פאַר אַלע הויף־וועכטערס אין דער מדינה. פרעגט גבריאל

מיכאַליטשן וועט ער אייך זאָגן. מ׳ווייס וואָס ס׳טוט זיך; ביי אייך, טייוולאָנים שמוציקע. און ביי דיר חבר מנוח, טייערער קאָמאַנדיר מיינער, וועט פריילעכער זיין מער ווי ביי אַלעמען. אַלע הויף־וועכטערס זיינען ברידער, ווייסט איר ניט דערפון? איר׳ט נאָך קומען צו מיר זיך בעטן, הינטישע זין וואָס איר זענט. מ׳זשאַלעוועט עטלעכע קורצע שורות אַ מענטשן אַן אַרבעטנדיקן. ס׳געפעלן זיי ניט די פאַלנדיקע האַרבסט־בלעטער, קאַפּיטאַליסטישע בורזשויעס. ס׳ניט לויט זייער כבוד אַ מענטש אַן אונדזעריקער וואָס שאַרט בלעטער פון דער רעוואָלוציע. מיר׳ן אייך נאָך אויסקערן, אַז ס׳וועט קיין שריד ופליט פון אייך ניט בלייבן. קום, ברודערקע — האָט ער מיך אַ ריס געטאָן — לאָמיר אַוועק פון דעם עיפּוש. געדענקסט נאָך, חבר מנוח, די שפּאַצירן אונדזערע איבער שטאָט און דאָרף? געדענקסט די פייערן וואָס מיר האָבן געצונדן? אָ, ס׳טגעדענקען, גוט געדענקען!״.

ער האָט זיך געשליידערט פון אָרט צו אָרט אינעם פינצטערן צימער, ווי ער וואָלט מעשים אָפּגעטאָן. מנוח ארי איז געשטאַנען לעבן פענצטער: דער רוקן זיינער צו דער שטאָטישער נאַכט, און זיין פנים פאַרזונקען אין אַ שטומער בהלה. די אַנדערע האָבן זיך איינגעשרומפּן, יעדער איינער ווו נאָר ער איז געשטאַנען, פונקט ווי זיי וואָלטן זיך וועלן אויסוועפּן אין גאַנצן. סוף־כל־סוף האָט מיך דער וועכטער פון דאָרט אַרויסגעריסן. די גאַנצע צייט האָט ער מיך צוגעהאַלטן ביים קאָלנער, ביז מיר זיינען אַריין אין הויף. ביים אַרויפגאַנג צו די טרעפּ האָט ער מיך ערשט אָפּגעלאָזן. כ׳בין לאַנגזאַם אַרויף, פאַרניכטנדיק וואָס נאָר אַן עכאָ פון מיין טראָט — און ער האָט זיך אָפּגעטאָן אין דער פינצטערניש פונעם הויף.

— — — — — — — — — — — —

און דאָס ליד מיינס איז עד היום ניט געדרוקט געוואָרן. ס׳איז ביי מיר פאַרלאָרן געגאַנגען. אין יאָרן פון פורעניות — האָב איך אַלע

זיינע פערזן פאַרגעסן און זיך שוין קיין מאָל ניט אומגעקערט ווידער צו שרייבן קיין לידער. כ׳האָב נאָך געהאַט געוווינט אין יענעם הויף, ווען גבריאל מיכאַילאָוויטש איז ערגעץ־ווו פאַרשוווּנדן: אפשר איז ער אַרויס שפּאַצירן איבער די ווייטע שנייען פון דער צפונדיקער נאַכט־זון, און אפשר — אויף הוליאַנקעס שריפותדיקע אין יידישע שטעטלעך. כ׳האָב זיך קיין מאָל מער מיט אים ניט געטראָפן. אויך יענע, פון דער יידישער צייטונג „די פאָן״, זיינען אַוועק אַהין, ווו אַ מערדערישע האַנט האָט אויף זיי פון לאַנג שוין געוואַרט. איך — בלויז אַ סיפור־המעשה איז מיר אין האַנט פאַרבליבן.

פון וועג אויף וועג

א

איינעם אַ מאַן האָב איך געקענט ביי אונדז אין שטעטל — אין סאַמע מיטן דער רעוואָלוציע איז ער אויפגעשטאַנען און איז אַוועק אין טאָלסטאָיס יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ. יענער זקן, ווייסן מיר דאָך גוט, איז שוין פון לאַנג אַ בר־מינן; ערגעץ אין אַ פאַרשטויסענעם כוטאָר האָט ער זיין לעצטן אָטעם אויסגעהויכט, און ווער ווייס וואָס פאַר אַ ווידוי ער האָט אויף זיינע ליפּן אין יענער רגע געהאַט. אַפילו די צייכנס פון זיינעם אַ טראָט זיינען שוין פאַרשוווּנדן געוואָרן אויף די שטעגן ווו ער איז געווינט געווען אַרומצוגיין — ווייל פון יענער צייט אָן זיינען אַזויפיל איבערקערעניש אומגעגאַנגען איבער דער וועלט, און שטורעמס און וויוגעס האָבן פאַרשאָטן אַלע וועגן. מכל מקום, איין פאַרנאַכט האָב איך דער־זען ווי יאָסיף יאַראָשעצקי גייט טראָט נאָך טראָט אַרויף אויפן בערגל וואָס פירט פונעם וואַלד אין שטעטל אַריין און כ׳האָב געקלערט, אַז ער וועט זיך אַוודאי אָפּשטעלן ביי אונדזער הויז. דער גאַנצער טאָג איז געווען אַ צעפלאַקערטער זומער־טאָג און די זון איז שוין געלעגן אויפן פאַרטונקלטן רוקן פונעם וואַלד; פון דאָרטן האָט זי, כלומרשט, נאָכגעשפּירט יאָסיפן, ווי ער טיילט זיך אָפּ פון איר קופּער־רויטן פּרצוף און לאָזט זיך אַוועק אין אַ נאַכט וואָס זאַמלט זיך אויף די ברעגעס פון דער וועלט. אָט אַזוי איז דער מאַן אָנגעקומען אַלץ נאָענטער מיר אַנטקעגן: זיין ברייט־ביניקער פּנים נאָך אַלץ באַרירט פון דער קופּערנער רויטקייט פון דער זון, זיין באָרד און קאָפּ עטוואָס צעשויבערט, הגם אין דער לופטן איז געהאַנגען אַ שטומע שקיעה שטילקייט און אַ לייכט ווינטל אַפילו האָט קיין העזה ניט געהאַט צו בלאָזן. פונקט ווי יענע זון וואָס איז

שוין ממש געלעגן אונטער די שפּיצן שוואַרצע צווייגן פון די וואַלד־ביימער, אַזוי איז אויך יאָסיפּס פּנים פאַרטונקען געווען אין דעם שקיעהדיקן שטילשווייגן.

עפּעס האָט אין מיר אויפגעציטערט אים אַנטקעגן. כ׳האָב שוין פון לאַנג געהערט וועגן אים און די דרכים זיינע. מיין מאַמע פלעגט צוליב אַ משפּחה־קרובישאַפט אים אַ מאָל דערמאָנען; אין אירע רייד פלעגן דעמאָלט אויפלויכטן ווייטע רמזים — ווידער צאַנקען און פאַרגיין — וועגן יענע באַהאַלטענע שטעגן וואָס פירן פון שטעטל אין וואַלד אַריין און אין דאָרף פון יענער זייט וואַלד. דער טאַטע אָבער פלעגט זיך דעמאָלט רחבותדיק צערייזן וועגן אים. אָט דער אַלטער בחור, פלעגט ער זאָגן, וואָס הייסט יאָסיף, און נאָך פון די יאָראָשעצקיס — טיר־און־טויער פון עושר און פון כבוד, אויך פון חכמה ודעת, זיינען שטענדיק געווען פאַר אים אָפן. אָבער די יידישע „קליינע אותיות״ זיינען פון אים אין גאַנצן נעלם געוואָרן און מיט קיין גרויסער למדנות אין חכמת הגויים האָט ער זיך אויך ניט גע־קאָנט באַרימען. נאָר וואָס דען: אין שיינעם טאָג איז ער פלוצעם אויפגעשטאַנען און במקלו ותרמילו איז ער אַוועק פון טאַטע־מאַמעס הויז, און אַזוי איז ער אַרומגעגאַנגען מעיר לעיר ומכפר לכפר, ביז ער איז אָנגעקומען אַהין, ווו ליעוו ניקאָלאַייעוויטש טאָלסטאָי האָט כל ימיו געלעבט — און, כידוע, איז יענער גוי געווען אַ גרויסער שרייבער, און אַן אדם גדול, און פון די גרעסטע חסידי אומות העולם. איי־איי, פלעגט דער טאַטע מעמיק זיין, ווען נאָר ער פלעגט דערפון שמועסן מיט זיינע ידידים און חברים. אין יענע טעג איז דער זקן, טאָלסטאָי, שוין געווען אַ חולה מסוכן, אַ שכיב־מרע ממש, מיט אַ צעריסן געמיט, צוליב אַלערליי ספיקות און טירדות אין ענינים פון דת און אמונה און הוויות העולם, און פאַרזונקען אין עפּעס אַ שלעכטער מרה־שחורה צוליב משפּחה־עסקים, פונקט ווי אַלע שערי־הרחמים וואָלטן פאַר אים פאַרהאַקט געוואָרן. צאו וראו, פלעגט דער טאַטע זיך אויסריידן כלפּי חסידים און משכילים צו־זאַמען אין שטעטלשן בית־המדרש: טראַכט זיך נאָר אַריין, וואָס

פאַר אַן אדם גדול דער אַלטער איז דאָס געווען, אַז ער האָט זיך אָפּגעקערט פון זיין גרויסן פאַרמעגן והדיר עצמו הנאה פון פעלדער און וועלדער און דערפער וואָס ער האָט בירושה פון זיין טאַטן באַקומען, און האָט צעטיילט אַלע זיינע נחלות צווישן די פויערן און קנעכט; ער אַליין, אָבער, האָט קיין טראָפּן שלווה און רחבות־הדעת אַלע זיינע יאָרן ניט געקאָנט האָבן, ניט פון זיין ווייב, ניט פון זיינע קינדער.

נו, מילא. היינט, זאָגט דער טאַטע מיט התלהבות, שטעל זיך פאָר, אַז פּונקט אין יענע טעג, ווען דאָס לעבן איז טאָלסטאָיען געווען גוט פאַרביטערט, הייבט זיך אויף אונדזער יאָסיף לבית יאַראָשעצקי און איז עולה רגל קיין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ. אָנגעקומען במקלו ובתרמילו און זיך אָוועקגעשטעלט על פתחו של אותו זקן. און גאָרניט. קיין קול פון מויל ניט אַרויסגעלאָזן. ווער איר אפשר זאָגן, אַז דער אַלטער האָט זיך אויף אים אומגעקוקט — הייבט זיך עס ניט אָן. ווער ווייס וואָס מיט אַ מענטשן קאָן זיך טרעפן. אפשר האָט אים אין יענער רגע קיין כוח ניט געסטייעט. אַפילו קיין „שלום" ניט געגעבן יענעם בחור, וואָס קריעה־בליאה איז ער אַהין פאַרגאַנגען וכל עוד נפשו בו איז ער געפאַלן אויפן שוועל. אַ טאָג מיט אַ נאַכט, אַ טאָג מיט אַ נאַכט, זאָג איך, זיינען זייביידע געזעסן אויפן שוועל, און דאָס מויל — פאַרשלאָסן, שטום, רחמנא ליצלן. פאַר טאָג איז דער בחור דנן אויפגעשטאַנען און איז איינער אַליין אַוועק פון דאָרטן. כבואו כן צאתו. וואָס קען מען דען טאָן? אַזוי זענען היינט אַפילו גרויסע מענטשן אויס אויף דער וועלט. האָט גאָר ניט געזאָגט ווען ער איז צוריקגעקומען אין טאַטנס הויז, פּונקט ווי קיין זאַך האָט מיט אים ניט געטראָפן. אלא וואָס: דאָרפסלייט האָבן אָנגעהויבן אַהין אַריינקומען, איינער נאָכן צווייטן, און אָן אויפהער — ווער ס'רירט בלויז אָן זיינע אָפּגעריסן־אָפּגעשליסענע בגדים, ווער ס'בויגט אויך איין קאָפּ־און־רוקן און רירט אָן דעם שטויב פון די ווייטע וועגן וואָס אויף זיינע שיך. גלייך אַ דבר שבקדושה איז ער זיי צוליב זיין עולה־רגל־זיין געוואָרן. זיי לגמרי ניט פאַרווערט אַזוינע

זאָגן צו טאָן: פונקט ווי עפּעס אַ נייע בשורה זיי געבראַכט פון מרחקים — וליבא לפומיה לא גליא.

נו, מילא: גייט פרעגט אַ קשיא אויף אומות העולם — פלעגט דער טאַטע פאַרענדיקן דעם גאַנצן ענין מיט אַ באַהאַלטענעם שמייכל זיינעם און אַנטשוויגן ווערן. די ידידים זיינע פלעגן נאָך אַלץ צווישן זיך מפליג בשבחו זיין פון דעם זקן אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ, אָדער זיך אַריינלאָזן אין אייגענע ווייטערע טראַכטענישן, וואָס פלעגן זיך אַוועקציִען אין דער נידעריקער שקיעה אַריין. סיי די, סיי יענע, האָבן זיך נאָכגעלאָזן עפּעס אַ טיפן געהאַרך וואָס האָט ביי זיי דער־וואַכט פונעם טאַטנס רייד. די אַלע זאָגן זענען אָבער געשען מיט לאַנגע יאָרן צוריק, און ביני־לביני זענען אומגעגאַנגען איבערקערע־נישן איבער דער וועלט, און האַרבע שטורעמס שלאָגן אונדז נאָך עד היום אין פּנים אַריין. אַזוי איז יענער זקן געשטאָרבן און קיין זכר איז כמעט פון זיינעם אַ טראָט ניט געבליבן. דעריבער טאַקע בין איך עטוואָס פאַרציטערט געוואָרן, ווען כ׳האָב באַמערקט, אַז יאָסיף יאַראָ־שעצקי דערנענטערט זיך צו מיר אַרויפגייענדיק פון וואַלד אין שטעטל אַריין.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז ער שוין געשטאַנען מיר אַנטקעגן. די זון הינטער אים האָט מיט אַ מאָל אָנגעהויבן זינקען אין וואַלדיקן תהום, זינקען אָן טענות און אָן חרטה, און אַלע האַריזאָנטן האָבן זיך איינגעהילט אין איין צידוק הדין. צייט איז יאָ־און ניט־געווען, ווען יאָסיף איז געשטאַנען און זיין גערייד האָט געריזלט מיט טראָפּנס שלווה און בטחון, וואָס נאָך עד היום היט איך זיי ווי אַן אוצר אין אָפּגרונטן פון מיינע טעג און נעכט:

„גוטן אָוונט, גוטן אָוונט דיר, מיין פריינד. זע נאָר: כ׳האָב גאָר־ניט געוווּסט, אַז ביסט אַראָפּגעקומען אַ היים צום טאַטן. משמעות, זיך אָפּרוען אַ ביסל. טאַקע גוט אַזוי. אַ בן־אדם איז עלול מיד צו ווערן אַפילו אין סאַמע מיטן דער רעוואָלוציע. איך אָבער: אַ רוח שטות איז אין מיר לעצטנס אַריין: ווידער צו גיין אַהין, ווו דער אַלטער האָט געלעבט. גיי טו עפּעס: כ׳האָב קוים באַוויזן אָפּצושפּאַנען

עטלעכע טריט, און מײַנע פּיס האָבן זיך עס צעמאַנט: כ׳זאָל זיך ערגעץ צוזעצן, ווילן זיי, די הולכי־בטל. הייסט עס: מ׳עלטערט זיך אַ ביסל. ווי האָט עס דער אַמאָליקער חכם געזאָגט: עתיקים ויגעים. מן השמים, זעט אויס, האָט מען באַשערט כ׳זאָל דיך זען און דערווייל זיך צוזעצן אויף אייער שוועל. וואָס הערט זיך אין דער גרויסער וועלט?״.

„כ׳וועל זאָגן דער מאַמען״ האָב איך אים, ניט טראַכטנדיק צוליב וואָס, געענטפערט. שוין אַזוי פיל יאָרן דעם מענטשן ניט געזען, און קיין אַנדער וואָרט האָב איך פאַר אים ניט ווי נאָר: „כ׳וועל זאָגן דער מאַמען, וועט זי אייך אַרויסברענגען פרישע וואַסער צום טרינקען״.

ער האָט זיך ברייט צעשמייכלט, ווי אין מײַנע ווערטער וואָלט עפּעס אַ גוטע כוונה געווען באַהאַלטן. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטיקל באַלקן וואָס האָט אַרויסגעסטאַרטשעט פון דער וואַנט און זײַן ברייטבייניקער פּנים האָט זיך אַרײַנגעוועבט אין דעם וואַרעמען אָוונט־טונקל וואָס האָט זיך געצויגן איבער דער וועלט. ס׳האָט אָבער קיין מינוט ניט געדויערט, ווי מײַן מאַמע איז אָנגעקומען מיט אַ כלי אין דער האַנט: מיט אַן אָפן־וואַרעמער פרײַנדשאַפט האָט זי אים ווי באַוואָרפן מיט אירע לײַכטע רייד:

„זעט נאָר, גוטע מענטשן, ווער מען הײַנטיקער אָוונט האָט אונדז געבראַכט! איי, איי, שוין אַזוי לאַנג דיך ניט געזען. לאָזסט זיך שוין ווידער אַרויס אין ווײַטע מרחקים — אַפילו מיט טאַטע־מאַמע מסתמא זיך ניט געזעגנט. מ׳גייט. וווהין, פרעג איך דיך, גייט מען הײַנטיקע צײַטן? דו אַליין, בכבודו ועצמו, ווייסט דען וווהין דו גייסט? מ׳לאָזט זיך אין דער וועלט אַרײַן. דערצייל מיר נאָר ניט דײַנע אַמאָליקע מעשיות: כ׳קען זיי שוין פון אויסנווייניק. אַ טאָלסטאָי פאַרגלוסט זיך זיי אינמיטן דערינען — מיט קיין אײַזערנע קייטן קיין זיי ניט אָפּצוהאַלטן. איי־איי, יאָסיף, ביסט נאָך אַלץ אַ האַלבער פּרא־אדם: וואָס זשע וועט פון דיר סוף־כל־סוף זײַן, וואָס וועט פון אונדז אַלעמען אין אונדזערע שלעכטע צײַטן זײַן? וואָס שטייסטו אין דרויסן,

כעני בפתח, יאָסיף? האָלטסט זיך נאָך אַלץ ביי דיין כעני בפתח, יאָסיף טייערער? דיר׳ט שוין קיין דאָקטאָר און קיין טאַטער ניט העלפן. קיין גלאָז וואַרעמס ביי אונדז ניט טרינקען? שעמען מעגסטו זיך. כ׳בין אַזוי צופרידן וואָס האָסט זיך אָן אונדז דערמאָנט — קום אַריין, דו פאַרעקשנטער אייזל איינער. וואָס וועט זיין פון דיין טאַטע־מאַמע, אַז גייסט איצט אַוועק? זעט נאָר, גוטע מענטשן, אין וואָס פאַר אַ הילוך דער גייט עס. אַ דאַנק דעם רבונו של עולם: אַ טראָפּן וואַסער וויל ער כאָטש ביי אונדז טרינקען. אפשר וואָלסטו טאַקע אַריינגעקומען אויף אַ רגע? מיר האָבן אַ גאַסט ביי אונדז — מיין עטלס מאַן, משה־לייב; אַט די גוטע נשמה געדענקסטו ניט? אַט אַזוי פאַרגעסן מענטשן, מ׳פאַרגעסט. נו, מילא. זאָל זיין אַזוי. ווילסטו טאַקע ניט אַריינקומען אויף קיין מינוט?״

— ער האָט אָפּן געשמייכלט אונטערן פלוס פון אירע ווערטער און האָט גאָרניט געזאָגט. די מאַמע אַליין האָט, דוכט זיך, געשפּירט, אַז אירע רייד פליסן אַוועק אין דער נאַכט אַריין און ווערן איינגע־זאַפּט אין דעם טיפן שווייגן וואָס איז, ווי פאַרהאַנגען, געהאַנגען איבער שוין אומגעזעענע האָריזאָנטן. האָט יאָסיף פון איר האַנט גענומען די כלי מיטן וואַסער, זיין קאָפּ עטוואָס פאַרבויגן אויף צוריק — און אַזוי האָט ער געטרונקען צו זאַט אַנטקעגן די הימלען וואָס האָבן זיך געוויקלט בלוי — אין טיפערן בלוי, ביז זיי זיינען שוין גאָר פינצטער געוואָרן. אין יענער מינוט האָט זיך מיר געדוכט, אַ יאָסיף האָלט אין איין ברכה מאַכן איבער קאַלטן, לויטערן וואַסער און איבער דער כלי, וואָס איז פול געווען ביז אירע ברעגן — און אויך איבער דער מאַמעס האַנט וואָס האָט אים די כלי דערלאַנגט. מיט אַ קוים הערבאַרן דאַנק האָט ער דער מאַמען אומגעקערט די כלי, און זיין פּנים האָט דעמאָלט אָפּגעשפּיגלט עפּעס אַ בלייכקייט, מיט וועלכער דער אָוונט האָט אים אָנגערירט. דערנאָך האָט ער זיך שטיל ווידער אַוועקגעלאָזט אין וועג. אַ לענגערע מינוט האָט די מאַמע אים נאָכגעקוקט, צוזאַמענעמענדיק אירע טראַכטענישן, ווי זי נעמט אָפּט צוזאַמען אירע קליינע קינדער ווען דער אָוונט קומט אָן. ווען

זי איז צוריק אַריין אין הויז, האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ מין בהלה — און אין איין מינוט האָב איך אים דעריאָגט און בין אַ פּאָר טריט שווייגנדיק געגאַנגען ביי זיין זייט. ער האָט מיך דערשפּירט, אָבער האָט מיך ניט געפרעגט גאָרניט. אין עטלעכע טריט אַרום האָב איך אָנגעהויבן:

„יאָסיף נאַאומאָוויטש, וואַהין?"

„כ'טראַכט: לאָמיך נאָך אַ מאָל באַזוכן דעם מקום ווו דער אַלטער האָט געלעבט".

„ס'איז זייער ווייט אַהין, יאָסיף. און אויף די וועגן לויערט די סכנה — ספּעציעל אין יענע מקומות".

„כ'בין שוין געוווינט דערצו. מיר וועט גאָרניט געשען: ווען גיי איך דען אָן?"

„דער אַלטער איז שוין מער ניט צווישן די לעבעדיקע, יאָסיף: אויך דאָס וואָרט זיינס איז שוין נעלם געוואָרן; כ'האָב אַרומגע־וואַנדערט איבערן לאַנד און געזען, ווי מענטשן וויקלען שפּייז־אָפּפאַל אין די בויגנס פון זיינע ביכער. קער זיך אום. די וועגן איבערן לאַנד שיפּען מיט סכנות — אויך דאָ ביי אונדז קומט עפּעס פאָר, וואָס זאָגט קיין גוטס ניט אָן. אויך דיין אייגענעם דאַרף מיידט עס ניט אויס, יאָסיף. כ'בין צוליב דעם דאָך ספּעציעל אַראָפּגעקומען. דיין יאַסנאָיאַ פּאָליאַנאַ — בלויז שדים טאַנצן דאָרט אויף די חורבות פון ליעוו ניקאָלאַיעוויטשעס גוט. פּשוטו כמשמעו. ניט קיין צייט איצט אַוועקצוואַנדערן אין מרחקים. יאָסיף, כ'האָב גאַנץ באַשטימטע חשדים: די פויערן האָבן עפּעס פאַרטראַכט אויף אונדזער שטעטל. זע נאָר: דער אָוונט איז שוין אַ שפּעטער — אין מאַרק איז שטאָק־פינצטער און דער וואַלד ווימלט מיט באַנדיטן. כ'בין זיכער. קום, לאָמיר אַריינגיין צו אונדז אין הויז, וועסט אַ ביסל שמועסן מיטן טאַטן און מיטן פעטער משה־לייב. ווייסט דאָך ווי דער טאַטע האָט ליב צו ריידן פון טאָלסטאָיען. און דער פעטער משה־לייב — זאָל אַ ביסל שטילער ווערן איבער דער וועלט, וועל איך דיר דערציילן

וואָס פּאָר אַ שטילער צדיק ער איז. ער איך צוליב דער מהומה געקומען: אפשר וועט מען קאָנען דעם טאַטן מיט דער מאַמען אַריי־בערנעמען צו זיי אויף אַ ווילע, איידער ס׳קומט אַהין אָן. איי, יאָסיף, יאָסיף: אויך ביי מיין טאַטן איז יענער אַלטער דיינער געווען אַ גאַנצער חי־וקיים. נו, קום אַריין. נאָך דעם וועל איך דיך באַגלייטן אין דאָרף אַריין. אַ כלי אַזאַ האָב איך אין קעשענע, וואָס קאָן ביישטיין אַ מענטשן בשעת סכנה״.

כ׳האָב אויפגעהערט צו אים צושטיין. דערווייל זיינען מיר נאָך געגאַנגען אינעם תחום פונעם שטעטל, און די פויערן־גאַס האָט אַלץ מער אָנגעהויבן בולט ווערן — זי איז אַ שטומע געלעגן, אָן אָנ־געטראָגענע מיט שוואַרצע טראַכטעניישן. ביי זיך האָב איך שוין געהאַט געפּועלט: יאָסיף וועט מיך ניט פאָלגן. מיינע אייגענע רייד האָבן לכתחילה מיר אַליין זיך געהאַט אָפּגעשלאָגן ווי ניט אין גאַנצן קיין איבערצייגנדיקע. דערווייל זיינען מיר צוגעקומען צום סאַמע גרענעץ פון שטעטל — און די גוייִשע־גאַס האָט הינטער זיי זיך צוזאַמענגעטוליעט ווי אַ כנופיה פון שאַטנס, וואָס אַט־אַט וועלן זיי אַרויס מיט זייערע מעשים. מיט אַ מאָל האָט זיך יאָסיף אָפּ־געשטעלט און זייער שטיל אַ זאָג געטאָן:

„גוט. אפשר ביסטו באמת גערעכט״. מיר זענען אַריינגעקומען — און דער מאַמעס אויגן זענען טיפער געוואָרן פאַר געטריישאַפט און רחמנות. אויף דעם טאַטנס ליפּן האָט אויפגעלעבט אַ שמייכל: אַ מין זחיחות־הדעת אַזעלכע, וואָס האָט זיך אויך אָפּגעשפּיגלט אין זיינע אויגן און אויף זיין שטערן. גאָרניט זאָגנדיק, האָט ער געעפנט זיין פּושקע פון טערקישן טאַבאַק און האָט זיך געווענדט צו יאָסיפן, עלעהיי דער איז מיט אים געווען אין איין עלטער און אַ חבר פון לאַנגאַנען און איין מעמד האָבן זיי ביי אונדז אין שטעטל געהאַט און איין און דעם זעלבן „משמר״ זיינען זיי געזעסן אין בית־המדרש און די זעלבע שירים און מאמרים לייענען זיי אין „הצפירה״ און „השילוח״.

„פאַרקייקלט איך אַ פּאַפּיראָס, יאָסיף״, האָט דער טאַטע צו אים

געגרעדט בלשון „איר״, ווען איך האָב גאָר אין גאַנצן פֿאַרגעסן, און צוליב מײַנע פּחדים האָב איך אים „דו־דו׳קעט״. „ס׳וועט אײַך נישט שאַדן. אין אַזעלכע טעג וואָס מיר מאַכן דורך איז גוט אַז אַ מענטש זאָל זיך אַליין אַ מאָל פֿאַרשאַפֿן אַ שטיקל הרחבת־הדעת. האָב ניט קיין מורא, מענטש אײנער״, איז ער שוין אויך אַריבער אויף „דו״, צוליב עפּעס אַ התלהבות וואָס האָט זיך צערודערט אין אים. כ׳בין גאָרניט זיכער, צו דער זקן דײַנער וואָלט אויך אַזוי ניט געטאָן. פֿאַרקײַקל, זאָגט מען דיר. לײַטן זאָגן, אַז קלײַבסט זיך שוין ווידער אין יענע מקומות!״

האָט זיך יאָסיף פֿאַרנומען מיט פֿאַרקײַקלען זײַן פּאַפּיראָס. וואָס האָט זיך לײַכט געוועבט אין זײַנע שווער־בײַנערדיקע פֿינגער. אַ צעשויבערטער איז ער געשטאַנען אַנטקעגן מײַן טאַטנס שמייכל און מאַמעס פֿאַרטיפֿטן בליק. בלויז דער פֿעטער משה־לייב איז אָפּגעזונדערט געזעסן בײַם פֿענצטער, אַן אַרומגענומענער מיט זײַן אייגענעם אַ שווײַגן און אין אַ דביקות מיט דער שטילקייט פֿון דער אָנקומענדיקער נאַכט. נאָך דעם האָט יאָסיף זיך איבערגעבויגן איבער דעם לאָמפּ־גלאָז: מיט האַלב־פֿאַרמאַכטע אויגן האָט ער געצויגן דאָס פֿײַער און זײַן ברייטער פּנים איז ווי דינער געוואָרן און עטוואָס צעפּלאָמט. מיט אַ מאָל האָט ער זיך שאַרף אומגעקערט צו מיר:

„הער נאָר אַ מעשה: טאָקע מיר־ניט דיר־ניט אַראָפּגעקומען אין שטעטל אַרײַן. דערצייל אַ ביסל וואָס ס׳טוט זיך אויף דער גרויסער וועלט. מ׳ריידט אין דאָרף, אַז שטעקסט שוין כמעט אין הויכע פֿענצטער. איך האָב גאָרניט און דאַרף גאָרניט — כ׳בין פֿאַרלאָרן געגאַנגען אין דער רעוואָלוציע אונדזערער, איז מיר גוט. טו נאָר אַ קוק וואָס דאָ איז געשען: כ׳האָב זיך דאָך געלאָזט קיין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ, — בידים האָסטו מיך אָפּגעהאַלטן״.

האָט דער פֿעטער משה־לייב עוקר געווען פֿון זײַן פֿענצטער און האָט זיך אײַנגעקוקט אין יאָסיף יאַראָשעצקיס פּנים. אַוודאי געוואָלט וואָס זאָגן, און האָט ניט געזאָגט. בלויז אַ דורכזיכטיקער

שמייכל האָט זיך אים צעשיינט איבער זיין מאָגערן פּנים, און ער האָט גאָרניט געזאָגט. זיין שווייגן האָט ווי אָנגעפילט דעם גאַנצן צימער מיט אַ שווערן אומדערטרעגלעכן געמיט, און דעם טאַטנס הנאה פון יאָסיפס אַריינקומען איז ווי אָפּגעקוילעט געוואָרן, אפשר צוליב דעם טאַקע האָב איך אָפּן אָנגעוואָרפן יאָסיפן מיינע רייד, הגם כ׳האָב גוט געוווּסט וואָס פאַר אַ ווייטיק כ׳בין אים גורם.

„ערשט היינט אין דער פרי בין איך אַהער אָראָפּגעקומען. כ׳האָב זייער מורא, אַז פּאָגראָמען וועלן פאַרטראַכט אינעם גאַנצן וואָלדיקן געגנט. אפשר וועל איך מיטנעמען דעם טאַטן מיט דער מאַמען אין שטאָט אַריין, אויב זיי ווילן פאָרן צום פעטער משה־לייב. אין דעם זעלבן באַן איז אויך אָנגעקומען אַהער אַן אָפּטיילונג סאָלדאַטן. זיכער איז, אַז דאָס דאָרף ווידערשפּעניקט דער מאַכט גאַנץ אָפּן: מ׳דערלאַנגט ניט די געהעריקע צאָל תבואה; ניט די אָנגענומענע צאָל בהמות. נעכטן האָט מיך די מאַכט איינגעלאַדן אויף אַ ספּעציעלן שמועס. גאַנץ אָפענע דיבורים האָבן זיי מיט מיר דאָרט גערעדט: אין די דערפער אַרום וואַלד, זאָגן זיי, היט מען נאָך עפּעס אַ דרך פון יענעם אַלטן תרח, פון טאָלסטאָיען — אַ מין ווידערשפּעניקטע פּאַסיוויטעט, וואָס וועט סוף־כּל־סוף זיך אָנרייסן אין אַן אָפענעם אויפשטאַנד. אַן אייגענעם מענטשן האָבן זיי דאָרט, האָט מען מיר פון דער מאַכט געזאָגט, וואָס פלעגט עולה רגל זיין קיין יאָסנאַיאַ פּאָליאַנאַ און נאָך עד היום פאַרנעמט ער זיך מיט אָט די זאַכן; ער האָט אויף זיי אַ מאָדנע־משונהדיקע השפּעה, זאָגן זיי. ווען ער קומט צוריק פון יענע ווייטע מקומות, קושן אים די מוזשיקעס פון זיין דאָרף דעם שטויב וואָס אויף זיינע שטיוול. און וויסן זאָלסטו וויסן, האָבן זיי מיר אָנגעזאָגט, אַז אָט דער בן־אדם איז ניט מער און ניט ווייניקער ווי אַ ייִד, אפשר גאָר דיינער אַ קרוב. פאַר זיך אַהין, האָבן זיי מיך געוואָרנט, און רייד זיך מיט אים דורך. אַזוי געזאָגט, בפירוש. די וועלדער, האָבן זיי מיר אָנגעזאָגט, זיינען פאַרלייזיקט מיט כוליגאַנעס און קאָנטררעוואָלוציאָנערן, און היינט־מאָרגן וועט דאָס דאָרף אָנהויבן פּאָגראָמעווען. אַ שטאַרקע סאָלדאַטן־

אָפּטיילונג קומט דיר נאָך, האָבן זיי מיך געשטאַרקט. הייסט עס: מ׳גייט. פאַרשטייסט דאָך וואָס אַ באַפעל מיינט, האָבן זיי צוגעגעבן. דער קאָמאַנדיר האָט געוויסע אָנווייזונגען וואָס צו טאָן: באַשטימען הערשערס איבער פאָלק, אַ ראָט פון אַרבעטער, פויערן און סאָלדאַטן, ווי עס פירט זיך אין דער רעוואָלוציע. מ׳מוז האַלטן אָן אויג אויפן פאָלק אין אונדזערע צייטן. דו פיר נאָר צוזאַמען, האָבן זיי מיר געהייסן, יענעם קאָמאַנדיר מיטן מאָדנעם קרוב דיינעם, דעם חסיד טאָלסטאָיס — ווען שוין זיין גוט; מער דאַרפסטו ניט. דו דערצייל נאָר דעם יאַראָשעווקין דיינעם דברים כהוויתם. אַזוי ממש געזאָגט: יאַראָשעווקי. מיינט עס: מ׳וויס. ער מוז וועלן — און ער מוז אויך קענען; די רעוואָלוציע הייסט. איצט פאַרשטייסטו שוין דעם ענין. איך אַליין — ווער וויס ווי לאַנג כ׳וועל דאָ מוזן שטעקן".

ערשט דעמאָלט איז דער פעטער משה־לייב באמת אויפגעשטאַנען און זיך אָפּגערוקט פון פענצטער; ער איז צוגעקומען צו יאָסיפן און האָט אים זיין האַנט אויסגעשטרעקט צו נעמען ביי אים „שלום". ווען זיי האָבן זיך עטוואָס לענגלעך די הענט געדריקט, האָט אים דער פעטער געפרעגט: „וואָס מאַכט עפּעס אַ ייד?" און דער טאַטע איז געשטאַנען און געקוקט אויף זייביידן, עלעהיי שוין גאָר לאַנג האָט זיך די באַגעגעניש צווישן די צוויי מענטשן באַדאַרפט טרעפן, נאָר צוליב עפּעס וואָס איז זי ערשט איצט פאָרגעקומען. ביני־לביני האָט זיך די געדריקטע שטימונג, וואָס מיינע רייד האָבן אָנגעצויגן איבערן גאַנצן הויז, זיך אַלץ מער אָנגעהויבן אויסוועפּן. האָט דער טאַטע פריינדלעך אַוועקגעלייגט זיין האַנט אויף יאָסיפס אַקסל. אָבער ווענדן האָט ער זיך געווענדעט צום פעטער:

„ס׳ט נאָך זוכה זיין, משה־לייב, זיך פאַרשאַפן אַ געטרייען חבדניק פון אָט דעם דאַרפישן טאָלסטאָיאַנער אונדזערן. האָב אויף אים ניט קיין פאַראיבל וואָס ער לאָזט זיך מיר־ניט, דיר־ניט, אין כל המינים פרעמדע מרחקים. זעסט דאָך: געוואָלט האָט ער גיין ערגעץ אין אויסטרייסעניש — האָט אים מלכות געמאַכט אַ קפיצת־הדרך, אַז רחמנא ליצלן. אַזוי שטעקן מיר איצט אין אונדזערע

טעג — ווער ווייס נאָך, וואָס די נעכט וועלן ברענגען. ניט געזאָרגט. ער וועט נאָך, גלויב איך, אַ מאָל פּלייסיק זיך פאַרטיפן אינעם „תניא". באמת האָב איך גאָר אַ שטאַרקן ספק, צי ער געדענקט נאָך עפּעס אין די אותיות מרובעות; אָבער ניט דאָס איז איצט דער עיקר. אויב איך מאַך ניט קיין טעות — איז פאַר אים שוין געגרייט אַ גרויסער „תיקון" פון דער השגחה אַליין".

ער האָט מיר געוואָרפן אַ בליק — און צום ערשטן מאָל זינט איך בין אָנגעקומען האָט זיך, אָנשטאָט שרעק, אין מיר געעפנט אַ טיפע אָנונג פון טרויער. די נאַכט איז שווער געלעגן אויפן אַראָפּגאַנג פון שטאָט אין וואַלד אַריין: עמעצער האָט דאָרט געמישט מכשפה־קעסלען פון סכנות און פחדים. אין הויז אָבער האָט זיך צעשיינט דער מאַמעס פּנים. האָט זי זיך שטיל צוגעאיילט און אַרויפגעבראַכט דעם סאַמאָוואַר אויפן טיש.

ב

דער זומער האָט שוין אָנגעהויבן צוזאַמענגעמען זיינע לאַנגע פאַלעס: פעלדער און לאָנקעס האָבן זיך איינגעשרומפּן אויפן וועג צום דאָרף צו, צום שטעטל צו. אויס שניט, אויס זומער. קיין מענטשנס אַ פוס, און קיין בהמהס אַ פוס, האָט מען מער איבער גאָטס וועלט ניט געזען: די תבואה איז געלעגן איבער פעלדער אַ פאַרלאָזענע אויף הפקר. איבער דער וועלט איז אָנגעקומען אַ מין שטילשטאַנד — די זון אַליין האָט אויסגעזען ווי אַ ווייט, פרעמד אויג, וואָס גאַרניט גייט דעם אָן, הענגט איבער אַלץ און אַלעמען; בלויז אַ רשעות אַן איינגעגעסענע פירט עס אום איבער די גרענעצן פון דאָרף און וואַלד און שטעטל, און פאַרניכטעט יעדן חיתוך־הדיבור נאָך איידער ער קומט אָן אויף אַ מענטשנס ליפּן. האָט מען שוין געוווּסט: שלעכטע צייטן קומען אָן אַלץ נעענטער און נעענטער. ווייט, אין די רוישנדיקע גרויסע שטעט, גייט אַרום די רעוואָלוציע; דאָ אָבער, אינעם דאָרף, האָבן מענטשן אָפּגעלאָזט די פרוכט פון

זייער האַרעוואַניע אויפן ווינט, אויף רעגן און פּוילעניש און הונגער. פון ניט גאַר ווייטע מרחקים האָבן אָנגעהויבן אָנקומען שלעכטע בשורות פון שטעטלשע שריפות — נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג וועלן אויך דאָ אין שטעטל פייערן זיך אָנהויבן רייסן אין טיף־פינצטערע נעכט. דאָס גאַנצע לאַנד האָט זיך צערודערט מיט פּאָגראָמען, און איבער די פעלדער און וועלדער פון אוקראַינע האָבן זיך צעלאָזט באַנדיטישע הילוליות צעהיצט פון פעטליורישע און הײדאַמאַקישע רייד. אַ ווילדע חדווה האָט געיוירן אין דער סאַמע וויסטער שטומע־ניש, וועלכע דאָרף־און־וואַלד האָבן איינגענומען — אַ חדווה וואָס אין אוקראַינע האָט זי אָנגעיאָגט די גזירות ת״ח ות״ט. באַהאַלטע־נערהייט האָט דאָס דאָרף זיך צעוויגט, ווי עס צעוויגט זיך באַהאַלטן דער וואַלד, איידער דער אמתער שטורעם נעמט אים אָן ביים קאָפּ און ביי אַלע איברים זיינע. כנופיות ייגעגן און מיידן פּלעגן זיך אַלע נאַכט אַרויסדרייען פון דאָרף אין יענעם טייל וואַלד וואָס שטייט כמעט ביים ברעג אַרויפגאַנג אין אונדזער שטעטל אַריין. יידן האָבן געאָנט די סכנה וואָס אָן אויפהער קריכט זי אויף זיי אָן — איז אונדזער שטעטל פאַרקראָכן אין אָן אומהיילבאַרער איינ־זאַמקייט און איינגעגעסענעם פּחד. אָט אַזאַ מין זומערדיקער טאָג איז עס געווען, ווען כ׳האָב צוזאַמען מיט יאָסיפן זיך אָוועקגעלאָזט צו אים אין דאָרף אַריין.

די אָפּטיילונג פון דער אַרמיי האָט זיך שוין דאָרט גוט געהאַט איינגעשטעלט. עטלעכע סאָלדאַטן האָבן זיך אַרומגעדרייט איבערן דאָרף, ניט וויסנדיק וואָס צו טאָן: אָן אומזיסטיקער צאָרן אַזעלכער האָט זיי געגלאַנצט אין זייער פּרצוף שטומערהייט. יאָסיף האָט זיך געלאָזט אַהיים צו זיך, און איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויפן ברעג פונעם ברונעם. מיט אַ מאָל איז פאַר מיר אויסגעוואַקסן איינער פון יענע סאָלדאַטן, האָב איך אים צוגעשליידערט אַ באַפעל: גיי ברענג דיין קאָמאַנדיר. כ׳האָב זיך מיינע אייגענע אויגן ניט געגלויבט: יענער האָט ממש באותו הרגע געפאָלגט. קיין צוויי־דריי מינוט זיינען ניט פאַריבער, ווען דער קאָמאַנדיר האָט שוין

געהאַלטן אין אַריינשמועסן מיט מיר איבער פאַרשידענע פורעניותן וואָס קלייבן זיך דאָ אָן אין דאָרף אויפן יידישן שטעטל. כ׳האָב געזען, אַז ער האָט זיך גוט אַריינגעקוקט אין דאָרף און אין וואַלד, האָב איך אים דערציילט וועגן יאָסיף יאַראָשעצקי, ווי ער האָט זיך געקליבן עולה־רגל זיין קיין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ און ווי איך האָב אים צוריקגעקערט. האָט זיך דער חבר קאָמאַנדיר פון דער ספּעציעלער אָפּטיילונג צעשמייכלט מיר אַנטקעגן, און שפּאָט־שדימלעך האָבן זיך אים צעטאַנצט אין זיינע שוואַרצאַפּלען און אין זיינע דיבורים איבער אַ מענטשן ווי איך, וואָס לעבט דאָך, דוכט זיך, אין דער רעוואָלוציע און דאָך זעט ער זי ניט ווי ס׳באַדאַרף צו זיין פאַר זיין טובה וועגן און פאַר איר טובה וועגן. זיין קול האָט אָבער זיך אַוועקגעלאָזן אין אַן איינגעהאַלטענעם, אָבער זייער שאַרפן, באַשלוס:

„ניט געזאָרגט, מענטש איינער. נאָך היינט, פאַר נאַכט צו, וועלן מיר מזכה זיין אונדזערע ברידערלעך, די מוזשיקעס, מיט אַ ניצוץ פון דער רעוואָלוציע. למען ישמעו וייראו. אַדרבא, לאָמיר טאַקע הערן וואָס דאָס פאָלק האָט צו זאָגן. כמה וכמה קלויסטער פּאָגראָם־גלעקער האָבן מיר שוין איינגעשטילט; אין זייערע געדערים וועלן מיר זיי די גלעקער פאַרשטאָפּן. דאָס הייליקע פּאָטערל אַליין וועלן מיר בכבודו ועצמו מטריח זיין צו זיין היינט מיטן פאָלק. וועסט זען: זיבן און זיבעציק מאָל מער פון פשוטן פאָלק וועט דער מנוול איינ־בויגן זיין רוקן פאַר דער רעוואָלוציע. אויף אים זאָגט מען, אַז ער פלעגט אויך אַמאָליקע יאָרן עולה רגל זיין קיין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ. ווען דער אַלטער אָבער איז נפטר געוואָרן, איז דאָס פּאָטערל אונדזערס צעפוילט געוואָרן און האַלט זיך נאָר אין איין טובלען אין די קולות און ווידער־קולות פון די הייליקע גלעקער. וועסט זען, וויפל שרצים עס קריכן ביי זיי אַרום אין האַרצן: וויסנדיק און ניט־וויסנדיק. אַ שלעכטע ביטרעקייט בורעט ביי זיי אין בויך — אַ דרך־הטבע איז עס ביי אונדזערע הייליקע פויערלעך. ארחם ורבעם. דער אַלטער פלעגט אַלע מאָל נתפעל ווערן פון דעם „ריינעם

אומשולד" דעם פויערישן. מהיכא תיתי. איך אַליין ווייס שוין וואָס פּאַר אַן אומשולד אַ הייליקער דאָס איז. אַרומגעגאַנגען איבערן לאַנד און געזען וואָס אָט דער אומשולד קען נאָר טאָן. מירן לעבן וועלן מיר זען. אַ סך אַזעלכע נסיונות שוין אויסגעשטאַנען — אויך אין מיין דאָרף, אין אייגן דאָרף. ווען די אוראַלטע חיה דערוועקט זיך אין אָט דעם אומשולד — היט, חברל, די וועלט, זי זאָל ניט אַוועק אויפן פייער. דו אָבער, האָט ער זיך צו מיר עטוואָס פאַר־שטילט געווענדט, אַז דו ביסט שוין יאָ אַ ייד, דאַרפסטו ניט שטעכן די אויגן פון דאָרפישע מענטשן. בלייב בעסער אין שאָטן. וואָלט מען מיך אין שטאָט געפרעגט, וואָלט מען זיך אויף דיר לגמרי ניט סומך געווען. ס'אַ סכנה, זאָג איך דיר. מ'דערקענט, אַז דער ענין איז דיר ניט ניחא. נו, מילא: זאָרגן זיך איז ניט כדאי. עס'ט זיין גוט, ברודערקע. אפשר — אויך פריילעך זיין. מיין האַרץ זאָגט מיר, אַז אויף אַ שמחה קומען מיר אָן".

מיט אַ מאָל אָבער האָט זיך עפּעס אַ טרויער פאַרזעצט אין זיינע דיבורים: אין מיטן דערינען האָט ער מיך איבערגעלאָזן אַליין ביים ברונעם. כ'האָב געזען ווי מיט געמאָסטענע טריט האָט ער זיך דערנענטערט צו דער קירכע.

דער טאָג האָט שוין געהאַלטן ביים אָפּגיין, און משפחותווייז האָבן די פויערן זיך אָנגעהויבן צונויפזאַמלען אויף דער לאָנקע ביים קלויסטער. מענער, פרויען, קינדער. זיי האָבן זיך געצויגן פון אַלע דאָרפישע הייזער, מיטן פּנים געווענדט צום אָנקומענדיקן אָוונט; דער דיבור אָבער, זעט אויס, האָט זיך פון מויל זיי אויס־געלאָזן — אַפילו אַן עכאָ פון אַ טראָט זייערן האָט זיך ניט געהערט. זענען אָנגעקומען, און זיך אָפּגעשטעלט — און זיך אַלע צונויפ־געגאָסן אין עפּעס אַ דערוואַרטונג וואָס איז אין זיי געלעגן ווי אַ שווערער שטיין. דער קלויסטער אַליין האָט אַ מעלאַנכאָליש־שווייגנדיקער איבער זיי אַלעמען געהויערט מיט זיינע פאַרשטומטע גלעקער, פּונקט ווי אַ שוואַרצער בונד אַזעלכער איז געשלאָסן געווען צווישן אים און דעם פאַרשטיינערטן פאָלק אונטן. כ'האָב

זיך פאַרשטופּט אין אַ ווינקל פון אַ נאָענטן הויז, און פון דאָרט האָב איך דערזען ווי דער קאָמאַנדיר גייט איינער־אַליין אַרויף די קלויסטער־טרעפּ. ער האָט נאָך ניט געהאַט דערגרייכט קיין זעקס־זיבן טרעפּ, ווי ער האָט זיך שאַרף אויסגעדרייט צום עולם אונטן. אָט אַזוי איז ער געשטאַנען אַ שטילער און אים באַטראַכט, פּונקט ווי זיין אויג וואָלט דורכגעדרונגען עפּעס, וואָס אָט־אָט און עס וועט זיך טרעפן — און די שפּעטע שקיעה האָט פון צייט צו צייט זיך צעגלאַנצט און געצאַנקט אין זיינע שוואַרצאַפּלען. איין קורצע ווײַלע האָט ער מיר אויסגעזען ווי אַ מענטש וואָס נויטיקט זיך זייער אין רחמים — און ווייס ניט פון וואַנען דער רחמים וועט קומען: אַן איינזאַמער איז ער געשטאַנען אַנטקעגן דעם שווייגנדיקן, אַנגעטראָגענעם פאָלק. אין דער צווייטער רגע, אָבער, איז מיר ווי אַ שטורעמדיקע כוואַליע אָנגעקומען דאָס וויסן: אָט קומט ער, דער אומגליק; אַוודאי וועט עס אויפרייסן אָט דאָס וויסטע שווייגעניש זייערס. אין דער רגע־כמימרא האָב איך דערזען ווי אַ מין וווּנדער־זיכערקייט שפּרייט זיך אויס אויפן פּנים פון דעם קאָמאַנדיר: ווי אַ פּורפּור־אָפּגלאַנץ פון דער כמעט־אויסגעלאָזטער שקיעה האָט זיך צעשפּילט אין דעם שמייכל וואָס האָט פאַרנומען זיין גאַנצן פּנים. אָנגעהויבן האָט ער איצט מיט בייגן זיך און בוקן זיך אַנטקעגן דעם פאָלק, און זיינע דיבורים זיינען געפלאָסן און ביז צו ברעגן האָבן זיי אָנגעפילט די מנחהדיקע שעה:

„פון די הויכע הימלען ביז צו דער סאַמע ערד בוקט זיך דער זון פאַר זיינע עלטערן און ברידער און שוועסטער; אַ גרוס אייך געבראַכט און אַ ברכה פון דער מאַמע־רעוואָלוציע. אויף מיין פאַרטקע האָט זי אָנגעקלאַפּט די גוטינקע, דאָס האַרץ האָט זי מיר אויסגערעדט די רחמימדיקע, און אָט־אַזוי האָט זי גערעדט: „גיי אָקאָרשט, זע וואָס דאָס פאָלק טוט און וואָס מאַכן די שאָף און רינדער, און אויך די תבואה פון פעלד און די פּרוכט פון דער ערד און די ביימער”. „און איך, טייערע טאַטעס און מאַמעס, חשובע ברידער און שוועסטער, קינדערלעך גאָטס ליבינקע, בין

דאָך מער ניט ווי איינער פון די קלענסטע דינערס פון אונדזער רעוואָלוציע און איך טו נאָר וואָס זי הייסט. זי האָט עס מיר געהייסן, בין איך געקומען. אַלע מיינע ברכות זאָלן אויף דעם הייליקן פאָלק דאָ רוען״.

ער האָט געהאַלטן אין איין בוקן זיך פאַר זיי, און זיי אויך בוקן זיך פאַר אים. פון זיך אַליין, זעט אויס, זיינען די קעגנזייטיקע בוקענישן געקומען אָן אויפהער. אָבער זאָגן עפּעס האָט קיינער ניט געזאָגט. געשטאַנען געענגט, ווי אָנגעטשעפּעט איינער אָן צווייטן ווי איין געוואַלטיקע אור־חיה וואָס אייביק בלייבט זי אַזוי, ניט אַ ריר זיך צו טאָן. בלויז דער גלח, וואָס לכתחילה איז ער ווי איינגעשלונגען געווען אין זיין עדה, האָט זיך עטוואָס אַרויסגערוקט אויף אַ צוויי־דריי טריט פאָרויס צו די טרעפּ צו. דאָרט איז ער געבליבן שטיין, כמעט אין גאַנצן אָן אַרומגענומענער מיט שאָטנס, אַנטקעגן דעם קאָמאַנדיר וואָס האָט אויף די טרעפּ געוואַרט. איין רגע בלויז איז דער גלח אַזוי געשטאַנען; נאָך דעם איז ער אויך אויף די טרעפּ אַרויף, פאַריבער געגאַנגען דעם קאָמאַנדיר, זיך ניט ווענדנדיק אפילו צו אים, עלעהיי יענער וואָלט דאָרט גאָרניט געווען. מיט אַ מאָל איז ער נעלם געוואָרן — און באַלד האָבן גלעקער אָנגעהויבן אָנשיקן כוואַליעס געקלאַנגען, וואָס האָבן אַלץ און אַלעמען פאַרפלייצט אין פאַרגעפילן פאַר שריפות וואָס האַלטן ביים אָנקומען. דער שמייכל איז פּלוצלינג אין גאַנצן אויסגעוועפּט געוואָרן פונעם קאָמאַנדירס פּנים; זיין זיכערער בליק איז שטאַרק פאַרהאַרטעוועט געוואָרן, אין די מוסקלען פון זיין פּנים האָבן זיך איינגעפלאָכטן אינעם אָונטיקן טונקל. ער האָט זיך אויסגעצויגן אין זיין פולער הויך. אין דעם טיפער ווערנדיקן אָוונט האָט זיין קערפּער אויסגעזען, ווי ער וואָלט אַלץ העכער און העכער געוואָרן — און זיין קאָפּ האָט זיך שאַרף אַריינגעשניטן אין דעם געברום פון די קלויסטער־גלעקער. איך בין אין גאַנצן איינגעקאָרטשעט געווען אין מיין באַהאַלטענעם ווינקל, אָבער זיין האַרבע שטים,

האָט אויך מיך אויסגעזוכט און אָנגעזאָגט, אַז די שעה פון רעכענונג האַלט שוין אין אָנקומען:

„אָ, הייסט עס, אַז אָט אַזוי אָ קומט איר זיך צוזאַמען. גוט: איר ווילט אַזוי, איז אַזוי. כ'האָב ניט דערוואַרט אַ קבלת פנים מיט גלעקער פאַר דער רעוואָלוציע אונדזערער. איר טוט דאָס אַוודאי ניט פאַר מיין כבוד וועגן און ניט פאַר מיין טאַטנס כבוד וועגן. איז טאַקע גוט. אַ גרויסן דאַנק אייך, פון טיפן האַרצן אַ דאַנק. און אויב טאַקע יאָ אַזוי, איז דאָך אַוודאי אַ יושר, אַז עמעצער אַ חשובער מענטש ביי אייך, אַ בעל בעמיו, אַ זקן אָדער אַן עלטסטער פון דער קהילה קדושה אייערער, זאָל זיך באַווייזן און שלום אָפּגעבן דער רעוואָלוציע. על פי דין און על פי יושר. ניט אַזוי? אַנדערש טויג דאָך ניט צווישן לייטישע מענטשן. אַ יינגער באַלעבאָס, אָדער אַן עלטערער — ס'מאַכט ניט אויס. אַלע זיינען מיר קינדער פון דער מאַמע־רעוואָלוציע. איך האָב דעם גרויסן כבוד אַ מינוט, און אפשר גאַנצע צוויי, צו וואַרטן".

האָבן זיך אויסגעלאָזן זיינע דיבורים און שטיל איז געוואָרן ווי פריער. בלויז די גלעקער האָבן אימהדיקער געקלונגען, ווי זיי וואָלטן וועלן דערוואַרגן יעדן ווידערקול פון זיינע רייד און באַהערשן יעדן איינציקן אונטן אין דעם געדיכט געוואָרענעם אוונט־פינצטער.

„כ'זע שוין, אַז ניט אַלץ איז ביי אייך כשורה", האָט דער קאָמאַנדיר זיך אַריינגעשטאָכן אין דער אָנגעצויגענער לופט אַריין. קיין מינדסטער שפּור פון מנחהדיקן תחנון איז איצט אין זיין קול ניט געבליבן. זיין פריערדיקער פויערישער ניגון האָט זיך אין גאַנצן אויסגעלאָזט און דאָס וואָרט זיינס איז געוואָרן שאַרף און טרוקן: „איך — די רעוואָלוציע האָט מיך אַהער אין דאָרף געשיקט; איר אָבער שווייגט. איז גוט. וועלן מיר שווייגנדיק עפּעס טאָן. מיר ווייסן שוין פון לאַנג וואָס פאַר אַ מחשבה רעה עס טאַטשעט אייך, וואָס פאַר אַ בייזע חיה עס פרעסט אייך אין האַרצן. אַ מענטש ווי איך איז שוין גאָר געניט אין אַזעלכע זאַכן. איז טאַקע בעסער איר זאָלט שווייגן — איך וועל אייך שוין זאָגן וואָס צו טאָן. בקיצור

מוזן אין אונדזערע צייטן מענטשן ריידן — קורץ און שאַרף. ווי די רעוואָלוציע ריידט, דאַרפן מיר דאָ ריידן, און טאָן. בשם ובמלכות זאָג איך אייך: קיין גוטע גרוסן הערט מען פון אייך ניט. איר גייט דאָ ניט אויף קיין ריכטיקן דרך. דעריבער בין איך אַהער אַראָפּ־געקומען — איך מיט אַ צאָל חברים מיינע. איר׳ט שוין מסתמא געהערט: אַן אָפּטיילונג פון דער רויטער אַרמיי. אוודאי געהערט עפּעס פון דער רויטער אַרמיי. איז גוט. איז שוין אַלץ קלאָר. איצט דאַרף מען צוקומען עפּעס טאָן״.

„כ׳דערקען אין אייך״, האָט אַ שפּאָט זיך צעגאָסן אין זיינע געשליידערטע דיבורים: „כ׳דערקען שוין גאַנץ גוט, וואָס פאַר אַ פאַרבלאָנדזשעטע שאָף איר זענט און ווי איר האָט אַפילו קיין פּתחון־פּה ניט. ווייל אָט האָט איר דאָך אַפילו ניט קיין פּרנס, ניט עפּעס אַ מנהיג, וואָס זאָל פאַר אייך ריידן צו דער רעוואָלוציע. הייסט עס: ניט גוט. מ׳שלעפּט זיך, ווי אַ נאַרישער הונט נאָך זיין אייגענעם צעפּוילטן עק. מ׳לאָזט זיך ביי דער נאָז פירן פון עפּעס אַ פאַרשטונקענעם גלחל, וואָס צעטרייבערט פאַרזשאַווערטע גלעקער. אַ בהלה, דענקט ער, וועט ער אַרויסרופן אין אַרנטלעכע מענטשנס הערצער. ער וועט שטיל ווערן, ער׳ט שטיל ווערן״.

תוך־כדי־דיבור האָט אויפגעהערט דאָס קלאַפּן פון די גלעקער; אָפּגעריסן געוואָרן אין איין כהרף־עין, ווי עמעצער וואָלט זיי פּלוצלינג דערוואָרגן. די נאַכט איז אַ געדיכטע אַנגעקומען, און גאַנץ קהל האָט געהאַלטן אין איין אַריינזינקען אין איר, ווי געטריבן פונעם קאָמאַנדירס רייד וואָס האָבן אויפגעריסן דעם דאַרפישן חלל. איך, אין מיין ווינקל, האָב מיין אָטעם איינגעהאַלטן — וואָלט איך נאָר געקאָנט, וואָלט איך זיך אוודאי אַרויסגעדרייט פון דאָרט און אַוועק צום טאַטן אין הויז. דעם קאָמאַנדירס ווערטער האָבן מיר אָבער ווי געפּאַטשט איבער מיין פּנים און מיך צוריק געשטופּט:

„הכלל״, האָט זיך איצט מיט אַ באַזונדער קלאָרקייט צעלאָזן זיין קול, ווי עס וואָלט געקומען פון פריידיקע מרחקים: „חברים אַרבעטער, פּויערן, סאָלדאַטן, מענטשן סאָוועטישע! אַ שליחות האָב

איך צו אייך פון דער סאָוועטישער רעגירונג: אַ צווייענדיקע שליחות. איידער די וואָך גייט אַוועק זאָלט איר אַזוי גוט זיין און זיך פאַרשאַפן אַ פּאָלקישע פירערשאַפט אַ רעוואָלוציאָנערע. כדת וכדין: ווי ס׳פירט זיך איצט אין אונדזער לאַנד. כ׳בין אָהער געקומען אייך העלפן. כ׳ווייס ווי מ׳טוט עס — קיין מכשול וועט שוין איצט ניט געשען. טוט אַכטונג ס׳זאָל ניט געשען! געדענקט: די רויטע אַרמיי שטייט דאָ היינטער מיר. איז גוט: נאָך היינט אָוונט זאָלט איר עס טאָן. אַ הערשאַפט אַ פּאַסיקע: אַ רעגירונג. די מאַמע־רעוואָלוציע זאָל האָבן אויף וועמען אויסצושפּרייטן אירע פליגל. ברידערלעך־סאָלדאַטעלעך שטייען איצט ביי אַלע וועגן־און־שטעגן אַריין־און־אַרויס צווישן דאָרף און וואַלד און שטעטל דאָ אויבן. איז גוט: הכל שריר וקיים. והשנית, דאָס פאָלק דאָ צעבלאָנדזשעט זיך. רעוואָלוציע קוקט זיך די אויגן אויס נאָך אַ ביסן ברויט — און איר, אויף פּוסטע ווינטן צעלאָזט איר עס, אויף הפקירות עס צעשליידערט. הערט זשע, רבותי: הערט אויף כוליגאַנעווען; אַ לייטיש פאָלק טוט ניט אַזוינס דער רעוואָלוציע. געהערט אַ מאָל שטומע ביקסן־קלאַנגען אין טיפע קעלערס? איבערן גאַנצן הייליקן לאַנד אונדזערן וואַרטן קעלערס אַזעלכע. אויך דאָ ביי אייך. איז גוט. אַן אָפּן אויג האָט די רעוואָלוציע, און דורך די געדיכטסטע וועלדער זעט זי וואָס גוטע מענטשן פון אונדזער פאָלק טוען אָפּ אין די נעכט. הערט: געשוואָלענע פון הונגער וואַלגערן זיך מענטשן אויף די ברעגן פון דער וואָלגאַ, און איר — גאָטס הייליק ברויט פאַרניכטעט איר, די פּרוכט פון מוטער־ערדס טראַכט לאָזט איר פוילן, לעבעדיקע שטומע באַשעפענישן, גוטע קי און שאָף, צעהרגעט איר! היט זיך: איבער פויערישע דערפער גייען שוין חדשימוויז פייערן אַרום. רירעוודיקע סאָלדאַטן האַלט איך דאָ ביי אייך אין מיין האַנט. איז גוט! כ׳האָב געהערט: איר האָט דאָ אַ מאָל געהאַט אַ גרויסן לערער און מורה־דרך. וואָלט יענער אַלטער געלעבט, וואָלט ער אייך געלאָזט אַזוי זיך צעכוליגאַנעווען? הייסט עס: אויפהערן! אויפהערן, הייס איך! פון ווייטן נאָך געהערט, וואָס איר

טראַכט צו טאָן אין שטעטל. איי, ליבינקע מיינע: וואָס־וואָס, אָבער קיין קוילן פעלן אונדז ניט. ווי משוגענע הינט וועל איך אייך צעשיסן, קאָנטעררעוואָלוציאָנערן. ווייסט זשע: עד היכן הדברים מגיעים. מאָרגן זאָלט איר מיר האָבן אַ רעווקאָם, גאַנץ פרי. און האַלט אַן אויג אויף אייערע שרצים, פּאָגראָמשטשיקעס וואָס איר זענט! פון הויכן הימל ביז צו דער נידעריקער ערד בוק איך זיך צו אייך".

פינצטער און שטום האָט ער זיך זיי אַנטקעגן געבוקט. קיינער פון זיי האָט זיך קיין ריר ניט געטאָן, קיין פּיפּס ניט געגעבן. שנעל איז ער אַראָפּ פון די טרעפּ און ווי אַ ווינט איז ער איבער מיר פאַריבער. ערגעץ ווו האָט דער הימל געהאַלטן אין איין פאַרפּאַלן ווערן: כ׳בין כמעט ווי צופרידן געווען, וואָס ער האָט מיך אין יענע מינוטן פאַרגעסן. באַלד אָבער האָט ער אָנגעהויבן נישטערן דאָ און דאָרט און האָט מיך דערטאַפּט. כ׳בין מיטגעגאַנגען מיט אים, אָבער זיין פּנים האָט ער צו מיר ניט אומגעקערט. אונדזער טראָט איז שנעלער געוואָרן, ווען מיר האָבן שוין געהאַלטן ביים אַרויס־גאַנג פון דאָרף. מיט אַ מאָל האָט ער מיר מיט אימפּעט צוגעוואָרפן:

„דער יאָסיף דיינער, ווו וווינט ער? איך מוז אים גלייך האָבן. אָט דאָס פאָלק, ווער ווייס וואָס עס קאָן זיך אַליין אָפּטאָן, איידער מיר נעמען איבער".

ג

מיר זיינען אַרויף אויפן בערגל, ווו יאָסיפס דירה איז געשטאַנען. אין יענער שעה האָט דאָס הויז זיך אָפּגעגעבן מיט אַ מין אייגענער איינזאַמקייט זיינער, פאַרטיפט אין זיין איינזאַמקייט, זיך געהייליקט אין איר אַנטקעגן דער אָנקומענדיקער שפּעט־זומער־נאַכט. פינצטער־ניש האָט זיך שוין געכוואַליעט אין דער לופט, אָבער דער גאָר־ווייטער האָריזאָנט, וואָס האָט זיך מיט אַ מאָל אויפן בערגל אונדז באַוויזן, האָט זיך נאָך געהאַלטן ביי עפּעס אַ פאַרגעסענער רויטקייט,

וואָס מיטן גאַנצן געבליבענעם כוח אירן האָט זי זיך אויף נאָך אַ רגע צעאָטעמט אין די גלאַנציק־שוואַרצע שויבן פון די פענצטער. ווען מיר זיינען אַריינגעקומען, איז יאָסיף געזעסן ביים טיש: זיין רונדער, ברייט־ביינִיקער און צעשויבערטער קאָפּ איז ווי באַהאָפטן געווען מיט דער איינזאַמקייט וואָס האָט געקוועלט אַרום הויז. ווען ער האָט אונדז דערשפּירט, איז ער מיט אָפענער פריידיקייט אויפגעשטאַנען און אַ שטילער ניגון האָט געריזלט אין זיינע ווייך־קלאָרע רייד:

„ברוכים הבאים, ברוכים הבאים. זע נאָר וועמען דער רבונו של עולם האָט מיר אַלס געסט געשענקט. שלום עליכם, איך ביידע".

כ'האָב פאַרוואונדערט אַריינגעקוקט דעם קאָמאַנדיר אין פּנים: אַפילו קיין רמז שפּאָט האָט זיך אויף דעם ניט באַוויזן; און ניט קיין רמז פאַרדראָס און קיין שמץ מורא, ווי אַלע וואָלטן זיי דאָ אויפן שוועל זיך אָפּגעטאָן פון אים. אַלע דריי זיינען מיר שטילע אַריינגעקומען: יאָסיפס שמייכל האָט כמעט געשיינט אינעם טונקל פון הויז, ווען מיר האָבן זיך אויסגעזעצט — ער אינמיטן, דער קאָמאַנדיר אויף זיין רעכטער זייט און איך אויף דער לינקער. אַ מינוט בלויז זיינען מיר אַזוי געזעסן. באַלד האָט זיך יאָסיף צוגעאיילט און אויסגעשפּרייט אַ גראָב־פּויערישן לייוונט פאַר אונדז אויפן טיש, האָט געשטעלט ברויט און זאַלץ און קעז, און ווידער פאַרנומען זיין אָרט צווישן אונדז. שווייגנדיק האָבן מיר זיך פאַרנומען מיט דער סעודה אין דער מעריבדיקער שעה, בלויז דער קעז האָט עטוואָס געגלאַנצט אין אָפענער סודותדיקייט זיינער. האָט דער חבר קאָמאַנדיר זיך אָנגערופן און געזאָגט יאָסיפן:

„כ'האָב קיין מאָל ניט דערוואַרט, אַז דווקא אַזוי וועלן מיר זיך ווידער באַגעגענען.

יאָסיף האָט מיט איין האַנט געהאַט אָנגערירט דאָס ברויט זיינס און די צווייטע איז געווען אויסגעשטרעקט צו דער זאַלץ. בינו־לבינו האָט ער זיך אָפּגערופן:

„מ'טרעפט זיך, ברודערקע לעאָניד, מ'טרעפט זיך. געדענקסטו

ווי ליעוו ניקאָלאַיעוויטש פלעגט זאָגן: אַז אַ מענטש גייט אַרויס אויפן וועג — מעג עס אַפילו זיין אויף קאַטאָרגע קיין סיביר — וועט ער שוין ווען עס איז אָנטרעפן אַ מענטשן וואָס ברענגט אים אַ „גאָט־העלף" פון מרחקים. איז דערפון געדרונגען, מיין ליבער לעאָניד, אַז אַ מענטש איז אַלע זיינע יאָרן מחויב האַלטן גרייט אויף זיינע ליפן עפּעס אַ ברכה פאַר איינעם וואָס קען אים אַנטקעגן קומען אויף אַן אָפענעם צי אויף אַ זייטיקן וועג. ווייסטו, אַ שטייגער, ווי דערפרייט איך בין געוואָרן, ווען כ׳האָב דיך אויף מיין שוועל דערזען? באמת ניט דערוואַרט. כ׳האָב ערשט די טעג געהאַט געטראַכט פון דיר: ווי איין ים אַריין; כ׳האָב זייער אָפט דיינע דרכים ניט געקענט באַנעמען. און אַט ביסטו טאַקע דאָ".

האָט דער קאָמאַנדיר זיך איינגעהאַלטן צעלאַכט און האָט יאָסיפן רויק געענטפערט:

„כ׳האָב מורא, אַז ניט פאַרשפּרייטן דעם אַלטנס תורה בין איך אַהער אַראָפּגעקומען, יאָסיף נאַאומאָוויטש. כ׳מיין — אַן אַנדער תכלית האָב איך דאָ צו מאַכן אין דאָרף. כ׳בין באמת באַזאָרגט: אַ ביטערער עסק. מענטשן דאָ פאָלגן ניט דער רעוואָלוציע — און איר אַז מ׳פאָלגט ניט, איז שלעכט. מיין ליבער פריינד יאָסיף: ווייסט דאָך מסתמא, אַז די מאַכט איז לגמרי ניט גורס אונדזער רבינס תורה".

ער האָט זיך גענומען, ווי פאַרטיפן, אינעם ברויט מיטן קעז. אַזוי האָבן מיר שוין געגעסן שווייגנדיק אין דרייען, און די מינוטן האָבן זיך זייער לאַנג אויסגעצויגן. סוף־כל־סוף האָט זיך יאָסיף ווי דערמאָנט, אַז ער מוז זיך אָפּרופן אויף די רייד פון זיין אַמאָליקן פריינד און חבר נאָך פון זייער ביידנס עולה־רגל זיין קיין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ. האָט ער מיט אַ שטילן ערנסט דערציילט:

„זיכער איז: עפּעס ראַיעט זיך דאָ. ס׳ניט גוט. דאגות און פחדים. שלעכטע מעשים ווערן דאָ אין דאָרף אויסגעברויעט. וואָס וועט זיין מיטן שטעטל אויבן, ווער ווייס. איך שעם זיך גאָרניט זאָגן, לעאָניד: דיין אָפּטיילונג סאָלדאַטן איז אַ דבר בעתו".

אַ ווייטער, איינגעהאַלטענער טרויער האָט זיך געמיניעט אין יאָסיפּס רייד און זיך צעצויגן איבער דעם ברויט און דעם קעז אין די הענט פון די מסובים: די גאַנצע דרויסנדיקע נאַכט האָט זיך געטויליעט צום פענצטער און דעם טרויער אין זיך איינגעזאַפּט.

„אַ שאלת־תם קומט מיר אַ מאָל אויפן זינען, לעאַניד. וואָלט דער זקן געלעבט, וואָס וואָלט ער געטאָן אין די טעג אונדזערע? אָ, ניטאָ דער אַלטער, און זיין וואָרט האָט זיך אָפּגעטאָן פון אונדז, און אַלץ וואָס ער האָט געהאַט איז צונישט געוואָרן. ס׳איז אַ פאַקט, ווי מ׳זאָגט היינט ביי לייטן. פאַר דער צייט האָב איך שוין אויסגע־לערנט: מ׳קען זיך ניט אויסבאַהאַלטן פון פאַקטן. פון דעסטוועגן האָב איך זיך געטראַכט: לאָמיר אַליין באַזוכן דאָס אַלטע אָרט; כ׳וויל זען וואָס מענטשן טוען דאָרט — און צי ס׳איז נאָך פאַרבליבן עפּעס אַ שריד־ופליט פונעם אַלטנס טריט. איז דערפון גאָרניט אַרויסגעקומען. מן השמים, זעט אויס, האָט מען, פאַרהאַלטן. אָט דער יינגער פריינד אונדזערער, וואָס זיצט ביים טיש מיט אונדז און ריידט קיין וואָרט ניט אַרויס, האָט עס מיר אַזוי אָפּגעטאָן; ער האָט זיך מיר אָנגעטראָפן פונקט ביי מיין אַוועקגיין — און מיך פאַרהאַלטן. ניט־ווילנדיק האָב איך אים געפאָלגט".

„אָט דעם ענין ממש בין איך אַראָפּגעקומען אַהער דיר אויפ־צוקלערן, חבר יאַראָשעצקי", האָט דער קאָמאַנדיר זיך עטוואָס פּייערלעך צערעדט. עטוואָס געאיילט האָט ער זיך אַרויסגעדרייט פון זיין אָרט ביים טיש און האָט צוגעלייגט זיין פּנים צו אַ שויב פון פענצטער. דער געבליבענער קעז אויפן טיש האָט געגלאַנצט אין זיין ווייסקייט, און כ׳האָב געטראַכט, אַז יאָסיפּס פּנים מוז איצט זיין אַ סך בלאַסער ווי שטענדיק. ער איז אויפגעשטאַנען און האָט זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען מיטן לאָמפּ, ביז ער האָט אים אָנגעצונדן און אַרויפגעצויגן, אויף ווי ווייט ער האָט נאָר געקאָנט, דעם פלאַם. דער קאָמאַנדיר אָבער איז נאָך אַלץ געשטאַנען מיט זיין פּנים אויפן שויב. ער איז אַריינגעטאָן געווען אין דער נאַכט וואָס האָט אין

גאַנצן דאָס דאָרף פֿאַרשטעלט; אַ שווערער שטיין איז אים געלעגן אויפֿן האַרצן.

„נאָך היינט ביי נאַכט מוז מען דעם ענין צוברענגען צו עפּעס אַ סוף. מיט געוואַלט וועלן מיר אויסראַמען די ווידערשפּעניקייט וואָס גייט ווי אַ מגיפה אַרום צווישן די הייזער אין דאָרף. זיי וועלן שוין פֿון אַלעם ברענגען, ווי אין פּסוק שטייט: בהמות, תבואה, גריננס, און אַלץ! אויך מענטשן, וויפֿל מ׳באַדאַרף. מירן זיי אויס־לערנען כדבעי: אחריות! כ׳זאָג זיי: הונגער גייט אום אין די שטעט פֿון דער רעוואָלוציע — שווייגן זיי. זאָג איך זיי: דענקט איר טאָקע אַז מלכות וועט זיך גאָר ניט אומקוקן אויף אייערע מעשים טובים? האָבן זיי אויך אויף דעם גאָרניט וואָס צו זאָגן. אויב אַזוי, איז דאָך גוט: מיין אָפּטיילונג סאָלדאַטן וועל איך אַ וווּנק טאָן, די ברידערלעך מיינע וועל איך אַ פֿייף טאָן. אַ הוליאַנקע וועלן זיי אָט די גוטע מענטשן אויסריכטן, אַז זיי וועלן אונדז געדענקען ביזן אלף השׂשי אַריין. די כוליגאַנעס ווייסן ניט, אַז ביי אונדז לעשט מען שׂריפֿות מיט אַזעלכע פֿייערן וואָס האָבן שוין אויף אייביק קיין תקנה ניט. איר׳ט זען מיט וואָס אַ שׂריפֿה מיר וועלן אָט דעם הינטישן דאָרף אַרומנעמען".

האָט שוין יאָסיף אין גאַנצן אָפּגעלאָזן דעם לאָמפּ: האָט אויס־געגלייכט דעם רוקן און צער און דערוואַרטונג האָבן זיך אים באַנאַנד געמיניעט אויף זיין פּנים:

„די מענטשן דאָ, לעאָניד, זיינען דיר אוודאי באַקאַנט מכמה וכמה יאָרן. פֿיל פֿון זיי זיינען ערשט ניט לאַנג צוריקגעקומען פֿון סיבירער קאַטאָרגע־מינען. זיי האָבן דעם אַלטן געפּאָלגט און פּאַסיוו האָבן זיי דער צאַרישער מאַכט ווידערשפּעניקט. פּאַסיווער ווידער־שטאַנד — איז דאָס ניט די תורה וואָס מיר האָבן זיי איינגעחזרט אַנטקעגן דריקנדיקער, יעדער דריקנדיקער, מאַכט? האָבן דערהערט די בשׂורה פֿון דער רעוואָלוציע און זיך אומגעקערט אַהיים אין דאָרף אַריין. וואָס קאָנסטו זאָגן אָט יענע וואָס זיינען ערשט אַהיים געקומען?"

האָט דער קאָמאַנדיר אויסגעגלייכט זיין צעצאָרנטן רוקן; אַן אָנגעלאָדענער מיט גורלדיקן שוויגן, האָט ער זיין פּנים אומגעקערט צו יאָסיפן און זיך עטוואָס צו אים דערנעענטערט. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך גענומען צו אַ חיתוך־הדיבור, ווי אַ גזירה וואָס קיינעם קען זיך אַפילו ניט חלומען זי אָפּצורופן. זיין לינקן אָרעם האָט ער אַרויפגעלייגט יאָסיפן אויפן אַקסל, און מיט דעם רעכטן האָט ער זיך געפּאָרעט מיט אַרויף־און־אַראָפּציען דעם קנויט פונעם לאָמפּ:

„היינו־הך, יאָסיף, היינו־הך. וואָס ס'שייך דער רעוואָלוציע, איז היינו־הך — יאָ פון טאָלסטאָיס מויל, ניט פון טאָלסטאָיס מויל. ניטאָ קיין מיוחסים ביים ווידערשפּעניקן דער רעוואָלוציע. וויסן זאָלסטו וויסן, ליבער יאָסיף: די רעוואָלוציע — אַן אויפשטאַנד פאַרגיכטעט זי אָפּן, ווידערשטאַנד אָבער צעמאָלט זי מיט אירע שווערסטע מיל־שטיינער: קיין שריד ופליט זאָל ניט בלייבן. דעם אמת זאָג איך דיר: יאָ סיביר, ניט סיביר — די רעוואָלוציע וועט אָט די מוזשיקעס אַריינגעמען אין אירע הענט, וועט זי זיי זייערע שוואַרצע ברויענישן פון די געדערים אַרויס צעטרייבערן. פון די וועלדער וועט זי אָט די שוואַרצע מגיפה אַרויסברענען. בעט איך דיר, יאָסיף: גיי דו צו זיי אַרויס און זאָג זיי: נייע צייטן זיינען אָנגעקומען אויף דער וועלט. כ'האָב געהערט — אָנגענומען ביסטו ביי זיי. איידער שריפות צעברענען זיך אין דעם יידישן שטעטל פון יענער זייט וואַלד — גיי בעסער און רייד זיך מיט זיי דורך. אפשר וועסטו קענען צוגישט קיינער וועט אים סיי־ווי ניט דערהערן:

אַ מין ווייטער געבעט האָט זיך פאַרצויגן אינעם קאָמאַנדירס רייד. וואָס ווייטער ער האָט גערעדט, אַלץ מער האָט זיך אין יאָסיפס אויגן פאַרזעצט אַ האַרבע תביעה: אַ תביעה אַ פאַריתומטע, וואָס האָט זיך גאַרניט מער צו ווענדן צו ווענדן און דעריבער, איז זי טאַקע מער ניט ווי אַן איינגעהאַלטענער אומגליק־געשריי, וואָס קיינער וועט אים סיי־ווי ניט דערהערן:

„און וואָס וועט זיין פון אונדזער רבינס תורה, לעאָניד?

פאסיוויטעט, האט דער אלטער מיט אונדז שטענדיק איינגעחזרט, וואקסט פון דער מוטער־ערד אליין: צוזאמען מיט דעם זאנג וואס אין פעלד, מיט א דיבעם גרעזל אויף דער לאנקע, מיט אויפגע־גראבענע שטיקער ערד און מיטן שטאם פון דעמב און סאסנע אין וואלד. ליידן — און פאסיוו ווידערשפעניקן: דאס איז דער דרך פון א בעסערער וועלט. א מענטש איז א בוים אין פעלד, שטייט געשריבן — אט אזוי האט ער די פויערן געלערנט. שטענדיק, האט ער געהאלטן, גלוסט דער מענטש צו זיין שורש — צו מוטער־ערד. געדענקסטו, ווי מיר פלעגן זיך אליין איינחזרן דעם אלטנס ווערטער, לעאניד? מיט זיי פלעגן מיר דאך ארומגיין איבער די הייזער פונעם פאלק: פאסיווע ווידערשפעניקונג האט אונדז געברענט אויף די ליפן און אין סאמע הארצן. מאכט, פלעגן מיר איינטענהן, לעאניד, יעדער מין מאכט אין די הענט פון שטאטישע מענטשן, ווערט סוף־כל־סוף פארוואנדלט אין א מלכות הרשעה. געדענקסט, לעאניד? איז טאקע אונדזער רבינס תורה אין גאנצן אן ארויסגעווארפענע, גוטער ברודער מיינער?"

האט דער קאמאנדיר איבערגעלאזן יאסיפן און זיך גאר אוועק־געזעצט אויבן־אן ביים טיש. ער האט אויסגעצויגן זיינע אָרעמס, איינער אנטקעגן צווייטן, איבערן טיש צום לאמפ צו און צו זיין פולשטענדיק־רויִקן פלאם. דער צארן האט זיך שוין איצט אין גאנצן אפגעטאן פון זיין רוקן: בלויז דער געבעט האט נאך געצאנקט אין זיינע רייד. זיין קערפער האט זיך נאכגעלאזן עפעס א טיפער מידקייט, פונקט ווי ער וואלט אן אפגאנג דערפילט אין אלע זיינע איברים. זיין קול איז איצט געווען אן קאליר, אן דערווארטונג, אן האפענונג:

„וואלסט זיי נאר באדארפט אנקוקן, יאסיף. מנחה צייט האב איך זיי אלעמען ארויסגעצויגן פון זייערע הייזער און זיי אוועק־געשטעלט אנטקעגן קלויסטער. כ׳בין געשטאנען אויף א טרעפל זיי אנטקעגן — און זיי שוויגן: ווי דער פינצטערער וואלד נאך שקיעה שוויגן זיי. עפעס איינע א זאך האט געברויעט אין זייער

אַלעמענס ווענס — געברויעט און געווירן פון זיך אַליין, אין דעם טונקל פון גלוסט, שלא מדעת בעלים. האָסטו אַ מאָל שוין געזען, ווי יעדן איינציקן מענטשנס פּנים ווערט אויסגערונען אין דער אַלגעמיינער עדה, ווי אין אַ פּאַרצייטיקן געצנדינערישן קיבוץ? ווי אַ מיטאָלאָגישע, פיל־קערפּערדיקע חיה זיינען זיי געשטאַנען אַנטקעגן מיר; אַט־אַט, און כ׳פאַרליר זיך — און לאָז זיך אַליין אין זיי אַריין, כדי אויך מיין פּנים זאָל אין זיי פאַרלאָרן ווערן. הערסט?: כ׳האָב פאַר זיי געדרשנט אין פאָלקס לשון, אויף זייער אייגענעם שטייגער, ווי דער אַלטער פלעגט עס פון אונדז פאָדערן. זיי אָבער — דאָס לשון איז ביי זיי אין גאַנצן געווען אָפּגענומען. איין רגע בלויז ווען איך באַהערש זיך ניט, האָב איך אַליין געהאַלטן ביים אויסשרייען: אָט דאָס האָט אייך דער אַלטער געלערנט? ס׳איז מיר דעמאָלט ניט געגאַנגען דווקא אין דעם וואָס זיי פאַרדאַרבן די תבואה און פאַרניכטן די בהמות—נאָר די שטומעניש וואָס אין זייערע געדערים, אָן אַ פאַרוואָס און אַ פאַרווען. כ׳האָב שיער ניט אויסגעשריען: האָט דען דער אַלטער אייך ניט אָוועקגעגעבן אַלץ, און פון זיין אייגענעם גוטן ווילן? כ׳האָב זיך אָבער איינגעהאַלטן: כ׳האָב מורא געהאַט אַרויסצורייזן דעם בפירושדיקן נאָמען: ליעוו ניקאָלאַיעוויטש טאָלסטאָי. זיינען מיר אַזוי געשטאַנען: זיי אונטן, ביי די טרעפּ פון קלויסטער; און איך זיי אַנטקעגן, אויף עטלעכע טרעפּ. איין רגע, אמת, האָב איך מורא געקראָגן פאַר זיי — און אין דער רעוואָלוציע בין איך לגמרי ניט פון די שרעקעוודיקע: פאַר זייער שטום־טויבער הייליקייט האָב איך זיך דערשראָקן. ווען דו וואָלסט נאָר וויסן, ווי כ׳האָב דעמאָלט זיך געריסן, מיט מיינע אייגענע הענט צו פאַרניכטן אָט די שוואַרצע הייליקייט זייערע! יאָסיף, יאָסיף! ווייסטו אפשר, פאַר וואָס כ׳האָב אין יענער שעה פיינט געהאַט דעם אַלטן בתכלית השנאה? כ׳האָב געפילט ווי ער וואַרגט מיר מיין האַלדז, ניט צו אָטעמען. האָב איך אין זיך געשריען נאָך הילף, די רעוואָלוציע גערופן — — —״.

אַזוי האָבן זיך זיינע דיבורים אויסגעלאָזן, פּונקט ווי דער גאַנצער

כוח זיינער איז ווי אויסגעגאַנגען. ער האָט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן אויף די אויסגעשפּרייטע אָרעמס, און איז שוין געבליבן אַזוי גאַנצע מינוטן. יאָסיף איז געשטאַנען לעבן אים: קיין ריר האָט ער זיך ניט דערלויבט — ניט צו פאַרשווערכן דעם טיפן טרויער וואָס האָט פאַרפלייצט דעם צימער. מיך האָבן זיי אַוודאי אין גאַנצן פאַרגעסן, האָב איך אין זיך געטראַכט. כ׳האָב געזען, אַז יאָסיפס פּנים איז זייער דורכזיכטיק געוואָרן און אַ מאָדנע דערוואַכונג בליט אים אין זיינע שוואַרצאַפּלען. די דערוואַכונג האָט איצט זיך צעאָטעמט אין זיינע רייד און געריזלט איבערן קאָמאַנדירס אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ.

„איין מאָל בין איך אָנגעקומען במקלי ובתרמילי צום אַלטן אין דאָרף אַריין: קיין נפש האָט זיך ניט באַוויזן אין יענער שעה אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ, פּונקט טיר־און־טויער זיינען דאָרט פאַרהאַקט געוואָרן. דער לאַנגער וועג האָט מיך געהאַט דערשלאָגן — האָב איך זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שוועל פון עפּעס אַ דירה דאָרט, און אויפן האַרצן איז מיר זייער שווער געווען: אַ מין פאַריתומטקייט איז אויף מיר אָנגעקומען, און וויפל כ׳האָב זיך אַליין געפּרוווט טרייסטן, האָט זיך מיר ניט איינגעגעבן. סוף־כל־סוף האָט זיך באַוויזן דער אַלטער, ווי ער דערנענטערט זיך מיט אַ שוואַכן טראָט, איז ער צוגעקומען, זיך אַוועקגעזעצט לעבן מיר אויפן שוועל — און קיין וואָרט פון מויל ניט אַרויסגערעדט. אַ מין מושב־אבלים געזעסן: אַזוי ער, אַזוי איך. מיט אַ מאָל האָט מיך אומגעהויער פאַרכאַפּט אַ מטורפדיקער געדאַנק: כ׳מוז אויפשטיין און אַוועק פון יענעם אָרט; פאַרלאָזן דעם אַלטן און אַנטלויפן פון דאָרטן כל זמן ס׳איז נאָך פאַראַן צייט. כ׳האָב גוט געוווסט אַז ער האָט מיין מחשבה דערשפּירט; ער האָט אָבער קיין חיתוך־הדיבור ניט געקנט אויפברענגען אויף די ליפּן. אפשר צוליב דעם טאַקע בין איך ניט אַוועק פון דאָרט תיכף־ומיד. די זון האָט דעמאָלט אַן איינזאַמע אָנגעהויבן אָפּגיין פון דעם הויכן הימל, און שאָטנס האָבן זיך אויסגעצויגן איבערן דאָרף; בין איך אויפגעשטאַנען און געשטעלט מיין ערשטן טראָט — ערשט דעמאָלט האָט ער מיר אָפּגעגעבן שלום און געפרעגט צוליב וואָס

כ׳בין געקומען. האָב איך אים געזאָגט: וועגן ווערן צעדרייט אויף דער וועלט, רבי. אָט אַזוי האָב איך צו אים גערײדט. דאָס פֿאָלק צווישן וועלכן דו האָסט אונדז מיט דיין תורה געשיקט, רבי, פֿאַגראָ־מירט איצט יידישע שטעטלעך איבערן לאַנד. בלוט גיסט זיך, רבי, האָב איך אים געזאָגט, אין יידישע הייזער — דאָס טוען די קינדער פֿון גאָט און ערד, וועמען דו האָסט דיינע נחלות צעטיילט, רבי. האָט ער מיך לאַנג אָנגעקוקט און מיר געענטפֿערט: קאַרג שולדן האָב איך, וואָס דו פֿאַלסט אויף מיר אָן אויך מיט דער? האָב איך אים צוריקגעזאָגט: האָסטו ניט צו זיי אונדז געשיקט? גייט אין פֿאָלק, האָסטו אונדז געלערנט: דאָרט וועט איר דעם אמת פֿון לעבן געפֿינען. האָט ער זיך צערעדט ניט ווי זיין דרך איז געווען. — עד היום קלינגט מיר נאָך אין קאָפּ דער אומגליק וואָס האָט באַטריבט זיינע ווערטער: „זע נאַר, וויפֿל יאָרן מיינע כ׳האָב זיי אָפּגעגעבן, כ׳מיין ניט דאָס, וואָס כ׳האָב דאָס פֿאַרמעגן זיי צעטיילט; ניט דאָס. כ׳האָב מיין לייב־און־לעבן זיי געבראַכט אַ קרבן. אַ מענטש אַ פֿויער, האָב איך געטראַכט, מיט זיין נשמה וואַקסט ער אַרויס פֿון דער ערד: גראָז וואָס וואַקסט אַרויס; בוים וואָס וואַקסט אַרויס. צוליב־וואָס איז מיר מיין האַרץ תמיד אויסגעאַנגען נאָך דער ערד? איי, דו קאָנסט עס אַוודאי ניט וויסן. ווער ווייס ווי לאַנג אַ ייד האָט שוין פֿאַרגעסן וואָס דאָס מיינט. ס׳האָט מיך געצויגן צו דער הייליקער שטילקייט וואָס וואַקסט איבער דער ערד, וואָס הילט איין אַ מענטשן און בינדט אים צו אויף אייביק צו זיין מוטער־ערד. און זע־נאַר־זע, וואָס מיר איז איצט געבליבן: אַן אומגליק וואָס כ׳קען אים אַפֿילו קיין נאָמען ניט געבן צעבליט זיך ווי אַ ווונד אין אַלע מיינע איברים״.

אַ פּחד איז מיך באַפֿאַלן פֿון זיינע רייד. דער אמת איז: כ׳האָב וואָס שנעלער געוואָלט אַוועק פֿון דאָרטן. דער אַלטער האָט דאָס גלייך דערשפּירט, האָט מיר אַ ווייט־פֿרעמדן שמייכל געשענקט און מיך באַגלייט עטלעכע טריט. ער האָט פֿאַרעקשנט געשוויגן — אין מיר אָבער איז אויפֿגעקומען אַ מאָדנע תאווה אים צו זאָגן גלייך אין די אויגן אַריין דאָס וואָס כ׳האָב געוווסט אַז מ׳טאָר ניט זאָגן.

„כ׳האָב אַליין געזען — האָב איך עס קורץ און שאַרף געמאַכט — ווי דער מוטער־ערדס קינדער שפּייזן זייערע מחשבות מיט מערדע־רישע בלוטן. ברודער־מאָרד זידט תאוותדיק אין זיי; אָן אַ פּאַרוואָס און אַ פאַרוואָס זידט ער. ער וואַקסט מיט זיי צוזאַמען אַרויס פון מוטערס טראַכט: פון הימל און ערד, און פון דער תבואה אין פעלד, און פון וואַלד און טייך. דיינע ברידער גייען אַרויס אויף מאָרד פיל חדווהדיקער ווי צום אַקער און שניט. דאָס איז דאָס שוואַרצע שווייגן וואָס פאַרגיסט דאָס בלוט פון יידן אין שטאָט און שטעטל — די הייליקע שטומקייט פון פויער. האָט ער מיך איין רגע אָנגעקוקט, און נאָך דעם איז ער אַוועק פון מיר ווי פון אַ וויסטן חלום. אַפילו אַ „זיי געזונט" ניט צוגעוואָרפן. כ׳האָב זיך איין מאָל אומגעקערט אַ קוק צו טאָן אויף אים: ער איז איינגעקאָרטשעט געווען אין פאַריתומטער נעבעכדיקייט און צעבראָכן פון עלטער".

לעאָניד האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ פון די אָרעמס. ווען ער האָט נאָר דערהערט די לעצטע ווערטער יאָסיפס, האָט עס אים ממש אַוועקגעטראָגן צו זיין אַמאָליקן פריינד.

„די רעוואָלוציע, יאָסיף, בלויז זי קען אויסלייזן אַ מענטשן פון זיין פאַריתומטקייט. דיך אַזוי ווי מיך. מיך אפשר פיל מער ווי דיך. אַ מענטש ווי איך האָב ניט וווהין זיך אַליין צו פאַרטראָגן, אויב ניט אין דער רעוואָלוציע אַריין. זי לייזט עס אויס אונדזערן אַ מענטשן פון דער שטומער ערד. קום, לאָמיר זיך צוזאַמען, יאָסיף: אויב ניט, וועט זיך עפּעס שרעקלעכס היינטיקע נאַכט טרעפן אויבן אין שטעטל. לייג צו אַ פּלייצע, יאָסיף. נאָך היינט אָוונט מוזן מיר אויפשטעלן אַ רעגירונג איבער אונדזער גוטן פאָלק. אַ גזירה איז עס, אַ באַפעל! ביסט דאָ אָנגענומען ביים פאָלק, וועט מען דיך ניט חושד זיין אין קיין זאַך. יענע גוטע טעג דעם אַלטנס וועלן דיר ביישטיין, ברודער, טו אָבער אַכטונג, אַז דיין האַנט זאָל אַ שטאַרקע זיין. ווען ניט, וועלן זיי דערשפּירן, די הינטישע זין, און ביטער וועט זיין, יאָסיף. יענע תאווה וואָס גייט ביים פאָלק אין די בלוטן אַרום, וועלן מיר מיט דער הילף פון מיינע סאָלדאַטן מיט אַן אייזערנעם פויסט פאַרניכטן!"

ער האָט נאָך ניט באַוויזן צו פאַרענדיקן זיין צאָרנדיק וואָרט, ווי די עלטסטע פונעם דאָרף האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפזאַמלען באַרג אַרויף. פאַרלעכווייז זיינען זיי אַריינגעקומען צו יאָסיפן, ביז דאָס הויז איז מיט זיי פול געוואָרן. זיינען זיי געשטאַנען צוזאַמענ־געשטופּטע און שווייגנדיק — וואַרטנדיקע, און דער קאָמאַנדיר מיט יאָסיפן זיי אַנטקעגן. סוף־כל־סוף איז איינער צווישן זיי אַרויס, זיך טיף פאַרנייגט, און זיין גערייד האָט זיך געלאָזט מיט ערמומיותדיקער הכנעה און חנופה:

„ס'פאָלק אין דאָרף האָט אונדז אַהער געשיקט אין הייליקער שליחות: געטריי זיינען מיר דעם דערהויבענעם מלכות און מיט ברידערלעך־קריסטלעכער ליבע טראָגן מיר זיין עול. ווי עס שטייט געשריבן אין די הייליקע שריפטן: וואָס צו גאָט — צו גאָט; וואָס צום קיסר — צום קיסר. מיר קוקן זיך אונדזערע אויגן אויס אויף חסד און אויף רחמים, וואָס ווי מים־חיים זיינען זיי אין דעם בוזעם פון דער מוטער־רעוואָלוציע. ריכטער ווילן מיר אויף זיך אויפשטעלן — זאָל דאָס פאָלק ניט זיין ווי פאַרלאָרענע שעפּסן — פּירערס דאָרף אונדזער הייליקע עדה אין דאָרף. מאָרגן־איבערמאָרגן וועט דאָס געשען; אַמשפּעטסטן אין אַ וואָך אָדער צוויי אַרום. דאָס איז די שליחות וואָס מיר ברענגען פון אונדזער פאָלק צו אונדזערע האַרן און חברים!"

האָט דער קאָמאַנדיר זיך זיי אַנטקעגן טיף געבויגן, און האָט גאָרניט געזאָגט. אויף זיין פּנים האָט זיך אויסגעלייגט אַ טיפע זאָרג. ער האָט באַטראַכט די „שליחים פון פאָלק", און אַ ביטערער שמייכל האָט ערגעץ ווו געצאַנקט אין זיינע אויגן. ער האָט אָבער קיין רגע ניט פאַרפעלט און האָט זיך אָפּגערופן צו די עלטסטע פונעם דאָרף:

„אַוודאי ווייס איך, וויפל געטריישאַפט עס קלאַפּט אינעם הייליקן האַרץ פון פאָלק. האָט אונדז דען ניט געלערנט מורנו ורבנו ליעוו ניקאָלאַיעוויטש, ווי טייער אַ מענטשנס לעבן איז? האָט ער אונדז ניט צום הייליקן פאָלק געשיקט? זעט־נאַר־זעט: די השגחה אַליין האָט מיך געבראַכט אַהער, אין הויז פון אונדזער ברודער יאָסיף

נאַאומאָוויטש יאַראָשעצקי. איר געדענקט נאָך אַוודאי, ברידער, ווי מיר ביידע פלעגן עולה־רגל זיין קיין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ! איז גוט: מאָרגן־איבערמאָרגן מאַכט איר אָרדענונג אין דאָרף; מיין פריינד יאָסיף האָט מיר צוגעזאָגט אייך מיט אַן עצה טובה אַרויסהעלפן; אַ פּלייצע וועט ער צולייגן כדי אַרויפצופירן דאָס פּאָלק דאָ אויפן דרך הישר. אַ געטרייער ברידער צו זיינע ברידער און שוועסטער אין דאָרף. איי, ווי מאַמע־רעוואָלוציע וועט זיך פרייען מיט אייך. זעצט זיך, געהויבענע געסט, זעצט זיך. מיר'ן דערלאַנגען כיבוד די עלטסטע פונעם פאָלק״.

ער האָט אומגעשמייעט און זיי אַלעמען באַזעצט ביים לאַנגן טיש. אין־זיך פאַרטאָן האָט יאָסיף אַרויפגעבראַכט דעם זודיקן סאַ־מאָוואַר: ער האָט זיך אויך אַוועקגעזעצט צווישן זיי און לאַנג דער־ציילט מעשיות פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ און דעם זקן דאָרט. שפּעט האָבן די עלטסטע זיך אָנגעהויבן פונאַנדערצוגיין, און זייער אויג האָט געגלאַנצט מיט אַ משונהדיק־פרעמדן פייער — אין הויז איז געהאָנגען אַ שפּירונג פון גרויסן אומגליק.

אין יענער נאַכט איז שטיל געווען אין דאָרף, פּונקט ווי עס וואָלט זיך אין גאַנצן אויסגעליידיקט פון מענטשן. און יענע נאַכט איז אַוועק מיטן פייער נאָך איין שטעטל אַ יידישס אין אוקראַינע. נאָך גלייך ביים אַרויסגיין פון די „שליחים״ האָבן מיר אַלע דריי דערזען די שריפה, וואָס האָט זיך צעלאָזט אין דער חשכות אויפן האָריזאָנט און אַרומגערינגלט מיין שטעטל.

בלוי

א

עס ווילט זיך מיר זאָגן בתכלית הפשטות: יענער האַרבסט־פרימאָרגן איז געווען אַ געשאַנק פון גאָטס האַנט אַליין; אַ לויטערער פרימאָרגן אין הימל און אויף דער ערד. איז איינע אַ שעת־רצון פון יענעם פרימאָרגן אויך אַראָפּ אויף מיר, און כ׳האָב דערזען, ווי אונדזערע מאַמעס פלעגן אַ מאָל זאָגן, אַז די וועלט איז אַ ציכטיקע, און אַז די גאַסן פון שטאָט לאָזן זיך אַוועק אין אַ הפקרדיקער פריידיקייט פון קאַלירן־געזאַנג וואָס לאָזט זיך ניט באַהערשן פון קיינעם. אין אַזאַ פרימאָרגן, האָב איך זיך אַליין אַ זאָג געטאָן, איז אַ מצווה אַז אַ מענטש זאָל פריילאָזן זיינע פיס: זאָלן זיי זיך גיין אַליין, וווהין זיי ווילן נאָר, אַן תכליתדיקן אַנלאָד און אָן משא פון חלומות. זיכער איז: אָנהייב און סוף האָבן זיך אויסגעוועפּט אינעם בלוי וואָס האָט באַהערשט הימל און ערד. אויף די פיס האָבן זיך אַוועקגעלאָזן אין בלוי־רחבותדיקע מרחקים — און גיי טו זיי עפּעס. אַ גרויסע קלאָרקייט האָט געהאַלטן אין דורכנעמען די וועלט, פון וועלכער עס זיינען אויסגעשייערט געוואָרן אַלטע בענקשאַפטן וואָס ביי טאָג באַהאַלטן זיי זיך ווי שאָטנס און ביי נאַכט לויערן זיי פון תהומות אַרויס איבער אַ מענטשנס נשמה.

ווייל איך, אויב אַזוי, זאָגן פּראָסט־פּשוט: אין אַזאַ מין פרימאָרגן איז טאַקע בעסער אַז אַ מענטש זאָל זיך וואָס ווייניקער אַריינלאָזן מיט זיך אַליין אין ווייטע מחזקות. לכל הפּחות, היטן דאַרף ער זיך אין דער שעה פון גוטן רצון, זיך ניט צערײדן מיט זיינע בענקשאַפטן. אויב ניט — קען דאָך טרעפן, אַז אַ קליין וואָלקנדל, ווי אַ מענטשנס האַנט די גרייס, זאָל זיך מיט אַ מאָל באַווייזן אויפן

ברעג בלויען האַריזאָנט — און ווער קען וויסן, מיט וואָס די גאַנצע מעשה וועט זיך ענדיקן? אין רגע בלויז האָב איך דאָך זיך נאָכ־געלאָזן נאָך אַ וויטן עכאָ אין מיר — האָבן זיך אָנגעהויבן אויפ־וויקלען איבער מיר פאַרהאַנגען־הינטער־פאַרהאַנגען פון זכרון. תוך כדי דיבור האָב איך דערשפּירט, אַז אַ מכשול איז געשען. פאַרפאַלן. געפּרוווט אים אָפּשטופּן, איבעררייִדן, איינגעמען, איבערבעטן, צע־שמעטערן — ער אָבער האָט זיך שווער־אויסגעלייגט ווי אַן אור־אַלטע חיה אין אַלע חדרים מײַנע. צום סוף האָב איך זיך געכאַפּט, ווי כ׳בלאָנדזשע שוין אַרום אין פרימאָרגן־נעפּלען פון שפּעטן האַרבסט, טאַפּטשענדיק מיט די פיס אין גאַנצע קופּעס פאַרוויאַנעט־אַראָפּגע־פאַלענע בלעטער. דעמאָלט האָט שוין דאָס אָפּגעגנאַרטע האַרץ נעבעך זיך גענומען בעטן רחמים אויף אַ שטיקל אַחיזה, און די נשמה האָט אָנגעהויבן ריידן תכלית. האָב איך זיך, ווי מײַן שטייגער איז אַ מאָל, זיך אַליין אַ זאָג געטאָן: מענטש איינער, ווי לאָזסטו עפּעס אָפּ דײַנע פיס, זיי זאָלן דיך פאַרפירן אין אלף השׂשי אַריין? פאַרפאַלן, כ׳בין געפאַנגען אין מײַנער אַן אייגענער נעץ, הגם עד היום ווייס איך ניט אין וואָס די נעץ איז אייגנטלעך באַשטאַנען. האָב איך אַרײַנגע־שטעקט מײַן אָרעם אין אָרעם פון מײַנעם אַ געטרייען חבר; אַלע מײַנע יאָרן איז ער מיר דער בעסטער ידיד פאַרבליבן: דער יאוש מײַנער. זײַנע אויגן שווייגן שטענדיק מיט אַ טיפער קלאָרקייט, אין וועלכער אַ מענטש קען אַ מאָל אָפּטובלען זײַן טרויער — איז מיר טאַקע לײַכטער געוואָרן אויף דער נשמה און כ׳האָב ווידער אָנגע־הויבן אַרומגיין ניט־פרעגנדיק, ניט־דערקלערנדיק, בלויז די אַראָפּ־געפאַלענע בלעטער האָבן מיך באַגלייט אין דער יאוש־ברודערשאַפט אין וועלכער די וועלט האָט געאָטעמט. ווער ווייס ווי לאַנג ס׳האָט אַזוי געדויערט — די שעה האָט זיך אָבער צעשפּילט מיט אַלע בלוי־ניגונים, ביז זי האָט מיר אַ געשאַנק ווי אַן אוצר אַוועקגעגעבן: אַ פולע, ביז צו די ברעגן פולע מידקייט, האָט מיך פון אינעווייניק און פון דרויסן אײַנגעהילט. אַלע מײַנע צעלן האָבן זיך איר אַנטקעגן געעפנט, ביז רו האָט מיך אַרײַנגענומען אונטער אירע פליגל און

גאָרניט איז אין מיין זכרון געבליבן, אויסער אפשר צוויי־דריי ווער־טער אין אַ שורה פון מיין דיכטער חיים נחמן. אַזוי אַרום איז מיין כוס פול געוואָרן און כ׳האָב זיך איבערגעגעבן אַ דרימל אָן זעונג און אָן קאָשמאַרן. ווען מיין דרימל האָט זיך סוף־כל־סוף אָפּגעטאָן פון מיר, האָב איך דערזען, אַז כ׳זיץ אויף איינער אַ באַנק אונטער אַ בוים לעבן דעם אוניווערסיטעט־בנין, ווו כ׳בין ערשט־ניט־לאַנג געזעסן און האָב געהערט ווערטער פון תורה און חכמה. מיך ניט פּרעגנדיק, האָבן מיינע פיס מיך אויפגעהויבן און פאַרטראָגן אין דעם ביכער־הויז פון יענעם בנין.

פון צייט צו צייט פלעג איך זיך דאָרט אַרומדרייען צווישן די פּאָליצעס ביכער, וואָס אין די זומער־טעג פלעגט עמעצער, אַ זייער קלאָרער און נעלמדיקער, זיי באַגיסן מיט אלכסונדיקע שטראָמען שיין פון פרייַקן הימל־בלוי. די ביכער־פּאָליצעס האָבן דאָס אָנגע־נומען שווייגנדיקע, יעדע איינע פון זיי אין איר באַזונדערן יחוד, און יעדע איינע פון זיי דורכגענומען מיט אירן אַ בטחון כלומרשט. דער סוף האָט געמוזט זיין, אַז עמעצער זאָל אַהער אָנקומען; איינער וועט היינט אַוודאי מיט זיינעם אַן אינערלעכן ציטער פירן מיט זיין פינגער דאָ און דאָרט איבער אונדז.

אין יענע טעג בין איך ווידער פאַרטאָן געווען אין לערנען — ווי עס טרעפט שטענדיק מיט מיר, ווען אָט דאָס וואָלקנדל, ווי אַ מענטשנס האַנט די גרייס, באַווייזט זיך ערגעץ אויף אַ הימל־ברעג אין מיר — פלעג איך אָפט אָנקומען צו יענע שווייגנדיקע פּאָליצעס אין ביבליאָטעק. די מיידלעך, פאַרטאָן אין זייערן אַ תכלית איבער די ביכער, פלעגן שטיל זיך איבערקוקן צווישן זיך, און אויך אַפילו זיך דורכוואַרפן מיט איינגעשטילטע ווערטער, רמזימדיקע און קוים־געהערטע פראַזעס, ווען נאָר כ׳פלעג צווישן זיי דורכגיין אַהין, ווו די פּאָליצעס זיינען געשטאַנען. קיין מאָל פלעג איך דעמאָלט ניט אויסמיידן אַ נאָכקלער אַזעלכן וואָס האָט זיך לייכטערהייט אויף מיר אָנגעזעצט, אַז די מיידלעך זאָגן שטענדיק די זעלבע ווערטער: אָט

איז ער שוין ווידער דאָ, דער אָרעמענקער, וואָס ווייס איז שוין צעזייט איבער זיין שוואַרצער טשופּרינע...

עס קען גאָר אַוודאי זיין, אַז די ביבליאָטעק־מיידלעך, ניט זיי פּלעגן ריידן, ניט טראַכטן — בלויז נאָך איינע אַ מעשה, צווישן פּיל אַנדערע, האָב איך זיך אויסגעטראַכט. ווי די זאַך זאָל אָבער ניט געווען זיין — דער אמתער אמת איז טאַקע, אַז די מיידלעך זיינען שטענדיק שוויגנדיק־דערוואַרטנדיקע געווען, און זיי פּלעגן מיר אַלע אַרויסווייזן אַ באַזונדערע סימפּאַטיע, ווען כ׳האָב געבלאָנדזשעט צווישן די פּאָליצעס ביכער ווי אין אַ געדיכטן אור־וואַלד. די אַדער יענע פלעגט שוין, מיט אַ שמייכל וואָס האָט באַלויכטן און אַלע מאָל דורכזיכטיק געמאַכט זייערע בלאַסע געזיכטער, אירע פינגער אַרויפּ־לייגן אויף דעם געגאַרטן בוך — פלעגט עס מיר אויסקומען ווי אַ מעשה פון טויזנט־און־איין־נאַכט, הגם געוויס וועלכע מעשה האָב איך זיך ניט אָפּגעגעבן די מי אויסצוקלערן. פון דעסטוועגן, פלעג איך שטענדיק מיינע טריט צוטרייבן ווען גאָר כ׳פלעג זיך צו זיי דער־גענטערן, פּונקט ווי זיי וואָלטן זיך געניטיקט אין רחמים — און מיין זיין דאָרטן וואָלט זייער אָרעמקייט נאָך שאַרפער געמאַכט. — זיכער: יענעם פרימאָרגן בין איך טאַקע אַראָפּגעקומען צו די ביכער־פּאָליצעס אין דער ביבליאָטעק, און צו די מיידלעך וואָס זיינען ממונה איבער זיי. גייענדיק אַזוי האָב איך אָנגעהאָנגען מיינע קלערונגען אַן דעם בלוי פון דעם ליכטיקן טאָג, ווי עס הענגען זיך אַן די דינע געוועבן, ווי שפּינען־געוועב, אַן די לייכטע, קוים־געשפּירטע ווינטלעך אין אַ שפּעט־זומערדיקן נאָכמיטאָג. אַוודאי, אויך אַ דין־דינער טראָפּן חרטה האָט זיך ערגעץ געמיניעט אין מיר, כלומרשט אַזוי צו זאָגן: איי דו, מעשים טוסטו אָפּ, און דערציילסט גאָרניט דיינע פּיס צוליב וואָס זיי גייען; ביכער שוויגן איצט לחלוטין: וואָס נאָך פּאַר אַ מעשה טראַכסטו זיך איצט אויס, ווען אַלע מעשיות זיינען ניט־געשטויגן, ניט־געפלויגן; אַלע שוויגנדיקע מיידלעך זיינען שוין אַוועק צום ים — בלויז דאָרטן וועלן זייערע תפילות אָנגענומען. כ׳האָב אָבער צופיל פּאַרשפּעטיקט זיך צו צוהערן צום טראָפּן חרטה אין

מיר: מיין האַנט האָט זיך שוין געהאַט אַוועקגעלייגט אויפן הענטל פון שלאָס, און אַ שווער־דעמבענע טיר האָט געפּאָלגט און זיך לייכט געעפנט; בין איך אַריינגעקומען.

„גוט־מאָרגן", איז אַרויס אַ מימרא פון מיין מויל, גלייך עפּעס אַ גירסא אַזעלכע, צי גאָר אַ מין תפילה, ניט מיינענדיק קיינעם און גאָרניט ווילנדיק. תוך כדי דיבור האָב איך זיך געוווּנדערט אויף אָט דער פאַמיליאַריטעט, וואָס איז גאָר ניט מיין דרך, ווייל קיין מאָל קומט מיר ניט אָן לייכט זיך צו פילן היימיש אין אַן אַנדערנס תחום און תמיד זאָרג איך זיך, טאָמער מאַך איך עמעצן ענג זיינעם אַ טראָט. העלפן אָבער האָב איך זיך שוין ניט געקאָנט: גאַנצע שטראָמען פריילעך־קינדישער לויטער זיינען צוזאַמען מיט מיר אַריין אַהין, אָנגעלאָפן אַהין פון זייער הייליקן בלוי איבער הימל און ערד, זיך צעלאָזן מיט אַ שטילער חדווה צווישן די פּאָליצעס ביכער, און צום סוף זיך צעשיינט כוואַליעסווייז איבער די גאָלדענע האָר פון דער יינגער ביבליאָטעקאַרין, וואָס איז איינע־אַליין געזעסן יענעם פרימאָרגן אין אַ ווינקל. כ'האָב דערפילט אַ תשובה־פלאַטער אין מיינע שפּינוועב־קלערונגען אין יענער מינוט. אָבער ביז כ'האָב באַוויזן אַ טראַכט צו טאָן וועגן דער השגחה וואָס לייגט מיר אויס מיין טראָט יענעם פרימאָרגן, האָט זיך מיר אַנטקעגן אַוועקגעשטעלט דאָס מיידל מיט די גאָלענע האָר. לכתחילה, ביים אַריינקומען, האָב איך זי אפשר פאַרטראַכט ווי אַ כהן גדולס אַ טאָכטער אין היכל פון הייליקן לויטער; אָבער אַז זי האָט שוין עוקר געווען פון איר אָרט און זיך דערנענטערט צו מיר מיך צו באַדינען, האָט זיך אויס־געלאָשן דער גאָלד־בלוי דורכזיכט פון אירע האָר, און איר פּנים האָט זיך געלאָשן אין אַן אַשיקער בלאַסקייט. בלויז דער שמייכל האָט נאָך געפלאַטערט אין אירע שוואַרצאַפּלען — פּונקט ווי דווקא אָט־דעם באַזוך מיינעם און דעם גוט־מאָרגן מיינעם האָט זי דער־וואַרט.

„אַ גוטער, שיינער מאָרגן", האָט זי מיר געענטפערט: „אַ חסד פון גאָטס האַנט אַליין".

כ׳ווייס עד היום ניט, צוליב וואָס האָב איך עס איר געררייד געהאַלטן אַלס אַ טובה וואָס זי האָט מיר אין יענער מינוט געטאָן. זי טאַקע האָט דאָך מיר שטענדיק געהאָלפן אַרויסצוגיין בשלום פון די פּאַליצעס־לאַבירינטן. זי האָט שטענדיק פאַרמאָגט אַ באַזונדערע זיכערקייט, ווען זי פלעגט מיך פירן צווישן די ביכער גלייך צו מיינעם אַ תכלית. כ׳פלעג נתפּעל ווערן איבער אירע שטיל־באַוועג־לעכע הענט: פון זיך אַליין הייבן זיי זיך מיט אַ פלאַטערנדיקער באַוועגונג און זיכערער פּעסטקייט וווהין נאָר אַ לייענער האָט פאַר־טראַכט. עס פלעגט זיך טאַקע טרעפן, אַז צוליב מיין התפעלות פלעגן אין מיר אויפטויכן פריילעכע נאָכקלערונגען אַזעלכע: אָט דאָס מיידל דאָ, זאָל זי נאָר וועלן, קען זי אַנטפלעקן ווונדער מיט איין וואָרט בלויז וואָס זי היט אויף אירע ליפּן; זע נאָר דעם אומעטיק־ליכטיקן שמייכל, וואָס פלאַטערט קוים אויפן אָפּדרוק פון אירע ליפּן: אָט־אָט וועט ער אַלץ אַנטפּלעקן; הער זיך נאָר צו צו די הענט אירע וואָס, וואַנדערנדיק אין לאַבירינטן, עפענען זיי שטענדיק אַ ליכטיק־לויטערן שטעג צו ווייטע האָריזאָנטן. און נאָך אַזעלכע זאַכן, וואָס אין יענע טעג האָב איך גאָרניט חושד געווען, אַז באַהאַלטענערהייט לאָקערן זיי אויף אַ מענטשן און קאָנען אים אָפּט מאָל פאַרכאַפּן אין נעצן וואָס וואַרטן אויף אים פון לאַנגאָנען. איך פלעג זיך גאַנץ לייכט אָפּטרייסלען פון יענע זיסע הרהורים — און אפשר האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז כ׳באַפריי זיך פון זיי; ווייל אַלע מיינע יאָרן פיר איך דאָך מיט זיי אַ מין אייביקע מלחמה און כ׳נעם אָן אַנטקעגן זיי כלערליי תחבולות, גוטע אָדער שלעכטע, און אין האַרצן זיצט מיר אַ באַשטענדיקע מורא פאַר זיי, ווי פאַר אַן עכו״ם. אָבער ניט דאָס בין איך דאָך דאָ בעיקר אויסן. האָב איך געדאַנקט דעם מיידל פון די ביכער פאַר איר גוט־האַרציקייט: על כל פנים כ׳האָב גע־מיינט איר צו דאַנקען פאַר איר גוט־האַרציקייט און לייכטערהייט זיך אָפּטאָן פון דאָרט. אָבער איצט איז זי אַ יונגע געשטאַנען מיר אַנטקעגן, פונקט ווי איך וואָלט געווען איר דערוואַרטעטער טייערער גאָסט, אָדער עפּעס אַן אַלטער ידיד אויף וועלכן זי האָט אַזוי לאַנג

אַרויסגעקוקט, און דערלאַנגט אים איצט אַ שוין־פון־לאַנג־צוגעגרייטן קבלת־פּנים:

„האָט איר שוין אַ מאָל געזען אַזאַ מין פּראַכטפולן פרימאָרגן אַלע אייערע יאָרן? קוקט נאָר אָן אונדזער קאַמפּוס, ווי ער איז דורכגענומען מיט גין־גאָלדענע חלומות! וואָס דענקט איר: איז טאַקע כדאי אַ מענטשן אין אַזאַ פרימאָרגן זיך נישטערן אין אַלטע ביכער?"

זי האָט דערכאַפּט עפּעט אַן אויפברוך אין אירע רייד און האָט זיך גלייך גענומען זיי פאַרריכטן און פאַרדעקן און פאַרשטעלן:

„איר מוזט מיר אַנטשולדיקן, בירגער. בלוי אין הימל פאַרדרייט מיר אַ מאָל מיין קאָפּ. ס׳טרעפט זיך: דאָס מויל פרעגט זיך גאָרניט אָן און ריידט נאַרישקייטן. אַזאַ לויטערער פרימאָרגן. קאָן איך אייך באַהילפיק זיין, מיין פריינד?"

„זעט־נאָר־זעט", האָב איך זיך געאיילט זי צו באַרויקן: „אַ נבואה, זאָג איך אייך, פאַלט אַ מאָל אַ מענטשן אַריין אין מויל אַריין, און ער ווייס אַפילו ניט. באמת ווילט זיך גאָר היינט קיין סימן פון קיין בוך ניט אָנקוקן. דער יצר־הרע האָט עס אַ כאַפּ געטאָן מיינע פיס היינטיקן פרימאָרגן; ס׳האָט זיך זיי אַוודאי פאַרגלוסט צו פאַרנעמען זייערע אייגענע טריט אין דער שטיל־שווייגעניש וואָס האָט דאָ אַלע זאַכן דורכגענומען. אַ מענטש איז געוווינט אַ מאָל צוריקקומען אויף זיינע אייגענע אַלטע טריט — אָפּט ניט־וויסנדיק אַפילו. האָט איר שוין ממילא זיך ניט וואָס צו זאָרגן איבער די אַלטע ביכער אייערע: באמת זוך איך אַרום מיינע אייגענע גלגולים אין אָט דעם גאָלד־און־בלוי אונדזערן. איז אויב ס׳איז טאַקע יאָ אַזוי, וועט איר מיר מסתמא דערלויבן זיך דאָ צו פאַרזאַמען אַ מינוט אָדער צוויי. איר זענט דאָך אַוודאי ניט אַזוי פאַרנומען?"

האָט זיך זיבן־מאָל־מער צעשיינט דער שמייכל אין אירע אויגן. כ׳האָב באמת איבערגעטראַכט, טאָמער וועט זי טאַקע בפירוש אַנט־פלעקן דאָס וואָס זי האַלט די גאַנצע צייט איין אויף אירע ליפּן: פּונקט ווי ס׳האָט אין דעם עפּעס אַ סכנה געוועזן פאַר דעם מיידל וואָס שטייט מיר אַנטקעגן, אין גאַנצן אַן איינגעהילטע אין אַ געבעט

אַרויסצרײדן דאָס וואָס זוכט גאָר ניט קיין טעם און קיין עיקר און קיין תכלית. איר שמײכל איז אָבער סוף־כּל־סוף געבליבן אַן אײנ־געהאַלטענער אין אומעט. טיף־טיף האָט ער געאָטעמט מיט אַן אָפּע־נער הדווה אין דעם רייד־געפּלוס פון דער ביבליאָטעקאַרין:

„זיכער, זיכער! זעט נאָר אין וואָס פאַר אַ מאָדנער שעה איך איז אויסגעקומען אַרײנקומען צו אונדז. אַלץ איז דאָ הײנט איבער־געקערט: מ׳איז דאָ משנה סדרי בראשית; מ׳קוקט איבער דאָס פאַרמעגן; מ׳דאַרף דאָס הויז דאָ באַנײען; אויך די ביכער. ווײס טאַקע ניט די רעכטע האַנט וואָס די לינקע טוט: די רעכטע האַנט זינגט, און די לינקע דרינגט. פון מײנעטוועגן קענען זײ דאָס הויז איבערקערן מיטן קאָפּ אַראָפּ. מיר איז גוט — כ׳קום צום גרײטן. נו, מילא. אַ מאָל טרעפט זיך אַז קײנער טרעפט אַהער ניט אַן: כאַפּ איך זיך צו צום לײענען, פּונקט ווי כ׳האָב קיין בוך שוין לאַנג ניט געהאַט אָנגעקוקט. טעג און נעכט — אַ שגעון אַזעלכער. עס טוט באַנג וואָס כ׳קאָן איך הײנט ניט באַדינען", האָט זי עטוואָס פאַרשײט פאַרענדיקט: „סײ ווי האָט איר דאָך קיין בוך ניט אין זינען געהאַט".

אַט־אַזוי, אַט־אַזוי גײט עס. וואָס איז דער טעם, וואָס דווקא הײנט האָבן דיך די פיס דײנע אַהער געבראַכט, דו פרײנד מײנער. אָנגעפּאַנגען מיט דעם מאָרגן־בלוי, פאַרגאַנגען אין בלעטערפאַל, און פאַרענדיקט מיט עפּעס אַ יאָ־און־ניט־ווידוי פון אַן אויסגעבלײכטער ביבליאָטעק־באַדינערין. דער גאַנצער ענין, האָב איך אַלײן זיך מודה געווען, איז אַ משוגעהדיקער — אַ פּאַטאַלער, ווי לײטן זאָגן. זי איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַנטקעגן מיר, ווי איך בין איר עפּעס אַ חוב שולדיק, און איך מאַך זיך ניט ווײסנדיק... איז די חדווה איר אויס־געגאַנגען פון גערײד, און דער אומעט האָט זיך ווי לײכטער אַש איבער איר פּנים אויסגעלײגט — מי יודע וויפל אירע רײד וועלן זיך נאָכשלעפּן מײנע טריט יענעם גאַנצן טאָג. זי האָט, זעט אויס, דערשפּירט אין מיר אַן אײנגעהאַלטענעם געריר אין דער ריכטונג פון דער טיר, עלעהיי כ׳בין אומגעדולדיק צוליב עפּעס.

„זייער אַנגענעם געווען", האָט זיך מיך אָנגעהויבן אַרויסבאַ־גלייטן — און אַ באַהאַלטן שוויַגן האָט שוין געהאַט אָנגעשטעקט אירע ווערטער: „אַ פרייע שעה געהאַט, איז מיר אַנגענעם געווען מיט אייך צו ריידן; אָ, גאָט מיינער! איך אַזאַ פרימאָרגן וועט דיר יעדער מענטש פון וויטן אויסשטרעקן אַ האַנט, דיר שלום אָפּגעבן. האָט ניט קיין פאַראיבל אויף מיר: דער יצר הרע פון ריידן האָט זיך היינט אויף מיר אָנגעזעצט. כ'טראַכט, איר זענט מסתמא איצט פאַר־נומען, אָדער איר קלייבט זיך זיין פאַרנומען. זייט געזונט! אפשר איז גאָר אַ טובה געווען וואָס כ'האָב אייך קיין בוך היינט ניט געקאָנט געבן. ווער ווייס, וואָס אין דער האַנט אַריין קאָן אָנקומען. מיט מיר אַליין האָט זיך עס דאָך געטראָפן. נעכטן האָט זיך מיין האַנט אַוועק־לאָזן צווישן די פּאָליצעס אָן מיין וויסן און איז נעבעך פאַרבלאָנ־דזשעט געוואָרן, די אָרעמינקע. קוקט נאָר אָן, וואָס זי האָט מיר אַרויסגעבראַכט..."

זי האָט זיך בפירוש געבעטן איך זאָל זיך נאָך אַ רגע פאַרזאַמען. דאָס מיידל, האָב איך אַ טראַכט געטאָן, דאָס האַרץ גייט איר אויס נאָך עמעצן — נאָך אַן אויער וואָס זאָל פאַרנעמען. כ'האָב אין זיך אַליין דערקענט אַ נייגעריקייט וואָס גייט אין מיר אויף ווי אַ ווייטער זין פאַר אַלע מאָדנע „געשעענישן" פונעם טאָג. אויב שוין טאַקע יאָ אַזוי, האָב איך באַשלאָסן, לאָמיר זיך בפירוש גוט איינהערן אין דעם וואָס קען נאָך געזאָגט ווערן. האָב איך אָנגעלענט מיינע עלנ־בויגנס אויפן ברייטן שטענדער, הינטער וועלכן די ביבליאָטעקאַרין האָט זיך שוין געהאַט פאַרנומען מיט איר אַרבעט.

„אָט־אַזוי גייט עס", האָב איך איצט איר נאָכגעשיקט אַ טייך אַ גאַנצן פון מליצה־גערייד: „דער הוילער אמת איז עס. אַ מענטש גייט דיר אַרויס גלאַט אַזוי זיך, הנאה צו האָבן פונעם הימל־בלוי גייט ער. איז אָט — טרעפן זיך אים מיסטעריעס אויפן וועג. דער־לויבט מיר, כ'בעט אייך, אויסצונוצן די פרייע צייט, וואָס די געטער אַליין האָבן מיר געשענקט היינטיקן פרימאָרגן. אַן עגאָיזם אַזעלכער האָט זיך אין מיר דערוועקט די מינוט. כ'בין אַ ליטעראַטור־קריטי־

קער — פרעג איך זיך שטענדיק: ווי ווייס עס אַ מענטשנס אַ האַנט אַנצורירן אַ בוך, עלעהיי מן־השמים האָט מען אַנגעוווּנקען? איי־איי, זאָג איך אייך, טייערער פריינד מיינער: נעכטן אָוונט האָט מיין האַנט געזוכט אַ בוך פון אַ דיכטער וואָס פלעגט זיין בעטל אויפהענגען אויף אַ האָרן פון דער איינזאַם־פאַרליבטער לבנה — נאָך דעם פלעגט ער זיך אַליין שלאָגן קאָפּ־אָן־וואַנט — און האַקן דעם קאָפּ פון זיין געליבטער טענצערין אָן די שטיינער פון דער ערד. דאָס אָבער איז געשען אין זייער אַ ווייטן לאַנד. כ׳ווייס אַפילו ניט, צי איר האָט ווען עס איז געהערט דעם נאָמען פון דעם דיכטער. ס׳איז אויך מסתמא ניט כדאי. וואָס טו איך אָבער מיט זיך אַליין, וואָס מן־השמים האָט מען מיין האַנט געפירט, און ניט דערפירט — און ביי מיר מיין רו צוגענומען און מיך אין דרויסן פאַרטריבן צווישן צעפאַלענע בלעטער פון אַ ליכטיק־בלויען האַרבסט־טאָג? עפּעס אַ זאַך איז מיר איצט קלאָר געוואָרן — און כ׳ווייס נאָך דערווייל ניט, וואָס פאַר אַ זאַך דאָס איז. איז עס טאַקע יענער דיכטער, וואָס פון דעם סאַמע הימל־בלוי לויערט ער איבער מיר? איצט בין איך זיכער, אַז איר האָט מיר עפּעס וויכטיקס געהאַט צו זאָגן — און כ׳האָב אייך ניט דערלאָזט״.

זי האָט זיך תיכף־ומיד צערודערט. כ׳בין זיכער, אַז כ׳האָב זי צעטומלט; אפשר איר גאָר ווי געטאָן. באמת האָב איך חרטה גע־קראָגן אויף דער גאַנצער מעשה־שטות מיינער. עס זעט אָבער אויס, אַז כ׳בין שוין סיי־ווי אויסגעשטעלט געווען אויף אַלערליי פּורעניותן וואָס רייסן זיך אַליין אַרויס פון גלאַט־אַזוי־זיך אַ שמועס איינעם אַ בלויען האַרבסט־פרימאָרגן. מיט אַ מאָל האָב איך דערזען, אַז מיינע רייד האָבן ווי אויפגעוועקט צוגווינטן אין דעם מיידלס אויגן. וואָלט איך געווען געקענט, וואָלט איך זי אַוודאי געווען געטרייסט, ניט־וויסנדיק אַפילו צוליב וואָס; און וואָלט איך נאָר געווען געקענט, וואָלט איך זיך אַוודאי מיט איין מאָל געווען אָפּגעטרייסלט און אַוועק פון דאָרטן: אויס אַן עסק. כ׳האָב אָבער נאָך אַלץ געציטערט, טאָמער וועל איך מיטן אַוועקגיין אַנרירן אין איר עפּעס וואָס מיר איז עס

לחלוטין אומבאַקאַנט. ביז וואָס־ווען, האָט זי זיך צו מיר געווענדט מיט אַ פּלוצעמדיקער זיכערקייט, וואָס האָט אין דער זעלבער רגע געקוועלט מיט טיפן ערנסט און אויך מיט דין־ריזלדיקער איראָניע. כ׳האָב זיך אָנגעהויבן פילן אַ טראָפּעלע באַזאָרגט פון דער גאַמע שטימונגען וואָס שפּילן מיט מיר אין באַהעלטערלעך דעם גאַנצן פרימאָרגן — אָבער איר שמייכל האָט זיך אָפן אָנגעהאַנגען אָן אירע אויגן־ווינקעס און האָט אין גאַנצן באַלויכטן איר געזיכט:

„זע־נאַר, זע־נאַר״, האָט זי אויסגערופן מיט אַ באַזונדערער התלהבות: „טאַקע ממש, ווי דער מענטש האָט נאַר־וואָס געזאָגט! מן־השמים! הוילער אמת. השגחה גייט אום איבער דער וועלט. אַ שרייבער, בכבודו ובעצמו, האָט זי מיר צוגעשטעלט דעם גאָל־דענעם פרימאָרגן. איי, ווי עס קען זיך צעשיינען אַ מענטשן זיין מזל!״

פון ערגעץ ווו האָט זי אַרויסגעצויגן אַ בוך און האָט אים מיר אויסגעשטרעקט. עס איז געווען דאָס לעבנס־בוך פון איזידאָראַ דונקאַן. דאָס האָט שוין זיכער אויף מיר אָנגעווייעט אַ מין בהלה: עד היכן הדברים מגיעים! עמעצער טרייבט מיך וווהין היינטיקן פרימאָרגן. אַ מענטש לייגט אַוועק זיין פען אויפן טיש, אָדער פאַרשליידערט אים ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקל, ליידיקט אויס זיין מוח פון עפּעס אַ קרענק וואָס יעסענין הייסט זי, און וואַשט אָפּ זיינע הענט פון יענעם אומגליקלעכן און שיכורן פּאָעט. אַרויסגייענדיק צו די האַרבסט־בלעטער און צו די גראָזן פון דער ערד. יענע, דענקסטו, זיינען שטיל־שוויגנדיקע, פאַרוווּנדערטע איבער דער שלווה וואָס רינט אין זייערע אָדערן: אפשר אויך איבער דער חברותא וואָס אַ מענטשנס אַ טראָט פאַרשאַפט זיך מיט זיי. ווי איז אָבער דער דין, אַז יענע האָבן מיך בלויז פאַרכישופט מיט זייערע אַראָפּגע־פאַלענע בלעטער, און שטילערהייט שמייכלען זיי איבער דעם גורל וואָס באַגלייט אָט דעם פריינד זייערן אויף טריט און שריט, און צעפרייען זיך טאַקע צוליב דעם שפּיל פון אָט־אָפן, אָט־פאַרמאַכט, וואָס טוט זיך דאָ אָפּ? ביני־לביני האָט דער קול פון דער ביבליאָ־טעקאַרין זיך פאַרפעסטיקט און געמאָנט:

„ניט־וויסנדיק האָט מיין האַנט זיך אַראָפּגעלאָזן אָט אויף דער כאַרלאָזענער קופּע ביכער ביי דער וואַנט, דונקאַנס לעבנס־בוך אַרויס־געצויגן. כ'האָב זי ווי דערוועקט פון לאַנגן שטויב: מענטשן דאָ האָבן שוין אַ צייט פאַרגעסן אָן איר; שפּאַנט די דונקאַן דעם גאַנצן פריי־מאָרגן מיר אַנטקעגן, קומט אָן אַלץ נענטער און נענטער — און דאָך, מיט איין טראָט אַפילו טיילט זי זיך ניט אָפּ פונעם גלאַנץ וואָס פלאַטערט אין בלויע האָריזאָנטן. איר מוזט דאָך אַוודאי קענען דאָס בוך. כ'בין זיכער — איר האָט זי געמוזט זען ביי איר אַרבעט ממש, ווי זי טאַנצט. איך — איין מאָל בלויז האָב איך זי געזען. איין מאָל, פרילינג, אָדער אפשר גאָר שפּעט־זומער, האָב איך זי געזען. איי, רבונו של עולם: ווי לאַנג די טעג ציִען זיך. נאַקעטערהייט האָב איך זי געזען טאַנצן. האָט איר אַ מאָל באַמערקט, ווי איר קערפּער האָט זיך געצויגן צום הימל־בלוי? ווי געבענקט איר קערפּער האָט צו דער ערד?

„אין אייך דערקען איך: איר האָט זי גוט געקענט. ביי אונדז פלעגט מען זיך סודען, אַז זי טאַנצט ערגעץ אין אַ קאַלטן ווייטן לאַנד, און דאָרט האָט זי אַ געליבטן וואָס איז אַ גרויסער דיכטער און ער פייניקט זי און צעביילט איר שטענדיק איר קערפּער, ביז זי ווערט אין גאַנצן בלוי ניט צו דערקענען. זעט נאָר: אפשר קאָנט איר מיר טאַקע עפּעס דערציילן וועגן יענעם שיכורן דיכטער וואָס שלאָגט זיך קאָפּ־אָן־וואַנט און ביילט איזידאָראַס קערפּער? כ'וועל אייך דאַנקען דערפאַר. איר האָט אַוודאי צייט איצט: מ'זעט עס אָן אייך; איר זענט דאָך אַליין אַ מענטש אַ שאַפנדיקער; זאָגט זשע מיר: ווי קאָן עס אַ דיכטער צעביילן יענעם גוף וואָס גלוסט אַזוי צו דער ערד און צום הימל? וואָס פאַר אַ ווייטיקן האָבן עס געריסן זיין האַרצן, אַז אַזוינס האָט ער געקענט טאָן איזידאָראַן? האָט ער עס אַזוי שטאַרק מורא געהאַט פאַר די לייכטע גראָזן אויף דער ערד, וואָס שטענדיק האָבן זיי געפּרוווט טאַנצן איזידאָראַס טאַנץ? האָט ער ניט געקאָנט ביישטיין דאָס ליכט וואָס האָט פון איר קערפּער

געפלאָסן? ווי קאָן עס אַ מענטש, וועמענס האַרץ איז אַזוי צעטרייסלט, אַנגיין און לעבן?

„כ׳לאָז אייך קיין וואָרט ניט אויסריידן: כ׳פאַרפלייץ אייך מיט מיינע דיבורים — קאָנט איר קיין וואָרט ניט אַרויסריידן. אָבער עס קומט אויף מיר אָן אַ יאוש צוליב עפּעס, וואָס כ׳האָב פאַר דעם קיין נאָמען ניט. האָט אויף מיר קיין פאַראיבל ניט צוליב מיין פּלוידעריי. איך טראַכט: אַפילו ווען איר וואָלט מיך איצט פאַרלאָזט און אַוועק פון דאַנען, וואָלט איך זיך נאָך אַלץ ניט געקאָנט אָפּשטעלן.

„היינט אין דער פרי האָב איך געזען, ווי די דונקאָן דערנענט זיך צו מיר פון עק הימל: געהאַלטן אין איין ווונקען צו מיר פון דאָרטן. געווען געפאַנגען אינעם לויטער, אין וועלכן הימל האָט זיך צו דער ערד געצויגן. בענקשאַפטן האָט זי עס געמיינט אין מיין אייגן האַרץ אויסלייזן! האָט איר אַ מאָל באַמערקט דעם שרעקלעכן דורשט וואָס באַטרייבט איזידאָראַס איברים, די פחדים וואָס זאַמלען זיך אין אירע אויגן, דעם גלוסט וואָס פאַרכאַפּט איר האַרצן? זאָגט מיר, זאָגט מיר: ווי קען עס אַ מענטש עפּענען אַלע זיינע צעלן אַנטקעגן די ליכטיקסטע לעבנס־שטראָמען, און אין דער זעלבער צייט זיך אַזוי טוליען צום טויט צווישן גראָזן פון פעלד און ביי ברעגן פון טייך? דערציילט מיר, דערציילט מיר, ווי זי פלעגט שטענדיק אַנטקעגן גיין איר גורל: ווי אַלע אירע יאָרן איז זי געגאַנגען איר אייגענער עקידה אַנטקעגן!

„איי — די ליבע וואָס זי האָט פאַרמאָגט. איז דאָס לעבן געווען וואָס האָט אין איר געקוועלט, אָדער טויט וואָס איז אין איר טאָג־איין, טאָג־אויס געוואַקסן? האָט איר אַ מאָל באַמערקט, ווי איזידאָראַ האָט טאַנצנדיק געהייליקט לעבן אין טויט? ווי זי פלעגט זיך עס אין גאַנצן צעציטערן אין איר ליבשאַפט ראַדענס שטאַרקער האַנט אַנטקעגן. יענער האָט געקנאָטן און געקנאָטן איר שיינענדיק לייב, פונקט ווי ער וואָלט זיך אין דעם דערגראָבן צום סאַמע שורש פון מענטשנס לעבן. די תקיפות פון לעבן האָט ער אין איר געזוכט. איי, נשמה מיינע, פלעגט אַ מאָל מיין באָבע זינגען: נשמה מיינע

אָרעמע. דער אור־כוח וואָס פּלעגט זיך דערוועקן אין יעדן מוסקל אירן, ווען איר טאַנץ האָט זיך אַוועקגעלאָזן אין אַ גערזאַנג צו וועלט, און צו גאָט וואָס פון־יענער־זייט וועלט. נאָכגעלאָזן האָט זי זיך די גוואַלטיקע גלוסטונגען וואָס אין ראָדענס פינגער, די תקיפותדיקע גלוסטונגען וואָס האָבן געפּלייצט אין זיין וועזן. האָט איר זי אַ מאָל געזען טאַנצן איר ראָדען־טאַנץ?

„אָט — זעט נאָר וווהין כ׳בין פאַרקראָכן צוליב עפּעס אַ פּאַר־שטויבט בוך, וואָס יאָרן לאַנגע איז עס געלעגן אַ פאַרגעסנס און פאַרשלאָסנס. דער פינגער פון אַ ווייטן פרילינג רירט מיר איצט אָן מיינע ליפּן. האָב רחמנות, דו האַר פון אַלע וועלטן. איצט ווייס איך שוין: היינט ביי נאַכט וועל איך פאַר בושה מיין פּנים ניט קאָנען ווייזן די ווענט פון מיין אייגענעם צימער; ווי קען עס אַ מענטש אַרויסשטעלן אַ נאַקעטס זיין אייגן האַרץ אַנטקעגן אַ מענטשן וואָס צופעליק טרעפט ער דיר זיך אָן ביי דער אַרבעט? איך פאַרענטפער זיך פאַר עפּעס אַ זינד וואָס כ׳ווייס אַפילו ניט צי כ׳בין זי באַגאַנ־גען — און איר שטייט נאָר און שמייכלט. אפשר באַהאַלטענערהייט שפּאָט איר גאָר פון מיר. איר שווייגט אַזוי ערנסט: כ׳זע דאָס לויט דעם ווייס וואָס איז צעשפּילט אין אייערע האָר.

„וועט איר מיר דערלויבן אייך איין פראַגע בלויז צו שטעלן: דער מענטש וואָס לעבן פליסט אין אַלע אָדערן זיינע — וואָס פאַר אַ קולות באַפעלן עס אים, וואָס ער פאַרשיקט זיך אַליין אַוועק אין אַ מדבר? יענעם פרימאָרגן האָב איך זי געזען, איזידאָראַן, ווי זי האָט געטאַנצט די הימלען אַנטקעגן. ווייס איך ניט פאַר וואָס כ׳האָב דעמאָלט געוואָלט וויינען. די חדווה וואָס איז דעמאָלט אין איר אויפ־געקומען אַנטקעגן טויט... אַ געהיימע האַנט, האָב איך געזען, ווונקט איר פון דעם בלוי, אָן אויג אַ געהיימס זאָגט איר נביאות פון דאָרט. צוליב וואָס האָט זי אַזוי ליב געהאַט דעם טויט, אַז זי האָט אַזש געדאָרשט נאָך די קלעפּ פון אַ שיכורן פּאָעט, אַ כוליגאַן פון ערגעץ אַ וויט־קאַלטן לאַנד? זאָגט מיר, זאָגט מיר: אַ דיכטער אַז ער

קלאַפּט זיך קאָפּ־אָן־וואַנט, גייט אים אויך זיין האַרץ אויס נאָכן בלוי, ווי איזידאָראַס האַרץ האָט געטאָן?״

סוף־כּל־סוף האָט אויף איר אַראָפּגענידערט אַ מידער שווייגן. איצט איז זי שוין גאָר שטיין געבליבן. זי האָט צוריקגעלייגט דאָס בוך אין דער קופּע פאַרעלטערטע ביכער, און זיך געוואָנדן צו עמעצן וואָס איז אַריינגעקומען אין יענער רגע. האָט אַפילו ניט באַוויזן צוזוואַרפן אַ „זיי געזונט״ אויף מיין זייט און איז ווי פאַרזונקען אין איר אַרבעט. מיט אַ מאָל איז מיר דער פרימאָרגן געבליבן אַן אויס־געליידיקטער, אַן אויסגערונענער פון ממשות, פּונקט אַ קאָשמאַר אַזעלכער וואָלט ער געווען. האָב איך זיך צוגעשלייכט צום שוועל פון דעם צימער, ווילנדיק, זעט אויס, שנעלער זיך אַרויסדרייען פון דאָרטן. אָנשטאָט דעם האָב איך זיך גאָר אומגעקערט און דערנענ־טערט צום ביכער־שטענדער: יענער וואָס איז נאָר־וואָס אַריינגעקומען האָט שוין געהאַט זיינס באַקומען און זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג; נאָך איידער ס׳האָט זיך באַוויזן אַ סימן פאַרווונדערונג אין די אויגן פון דער ביבליאָטעקאַרין, האָב איך זיך אַוועקגעלאָזן אין אַ גע־שעפּטלעכן גערייד, פּונקט דאָס וואָס פריִער איז פאָרגעקומען לא היה ולא נברא:

„העלפט מיר, כ׳בעט איך, אַרויסבאַקומען די לידער זאַמלונג פון דעם דיכטער סערגיי יעסענין. אַ רוסישער דיכטער איז ער געווען. דורך די פרייע טעג אויפן קאַמפּוס האָט אים אַוודאי קיינער ניט אַרויסגענומען״.

האָט זי מיר גאָרניט געענטפערט. אַפילו קיין בליק מיר ניט געשענקט. פאָליצעס ביכער האָבן זיך נאָכמער פאַרטיפט אין זייער געהאָרך אין דעם חלל פונעם גאַנצן הויז. עטוואָס דערווייטערט, האָט זי זיך אָנגעהויבן פאָרען אין דער קופּע אַלטע ביכער. יאָ, דאָס פאַרלאַנגטע בוך איז דאָרט געווען.

ב

כ׳האָב זיך אַריינגעטראַכט אינעם ענין: אויך דאָס איז מן־השמים; אַ מענטש איז עלול מקריב זיין זיין גאַנצן טאָג איינער אַ נאַכטיקער אשמורה וואָס ליגט אים אַ פאַרווונדערט־איינגעשטילטע אויף זיינע וויִעס. אַ שאלה, אָנגעלאָדן מיט סודות און דאָך פליסנדיק מיט אומגעהויערער קלאָרקייט, הילט זיך איין חצות. אָט דאָס בוך, וואָס „בלוי״ איז זיין נאָמען, וואָס פאַר אַן עלית־נשמה מאָנט עס ביי מיר אָט די נאַכט פאַר דעם דיכטער וואָס האָט עס געשריבן? שעהען איבער שעהען האָרך איך זיך איין אין דעם בלוי — אַן איינגעהאַלטענער געיאָמער ציט זיך איבער דער גאַנצער וועלט. אַ מאָל איז פרימאָרגן געווען, אַ לויטער־בלויער פרימאָרגן, און אַ בלאָס מיידל קלאָגט איבער איזידאָראַן — דער בלוי האָט זיך אין איר געעפנט ווי אַ ווונד. איצט איז נאַכט, און די שעה זינקט אין איר אשמורה. פון יענער זייט האָריזאָנט שוואַרצט זיך בלוי אין בלוי — צווישן די בלויע פאַרהאַנגען פאַרשטייפט יעסעניִן זיין טויט איבער איזידאָראַס האַלדז און זעצט מיט איר קאָפּ אָן דער ערד. איי, רבון העולמים: ווהין פירן עס אַ מענטשן זיינע פיס? וואָס איז דאָס מיט אַ מענטשנס אַ האַרץ וואָס האַלט אים נאָר אין נביאות זאָגן?

☆

— — אין יענע ווייטע טעג האָב איך שוין געהאַט באַשלאָסן „גיין אין דער רעוואָלוציע״ אַריין. כ׳פלעג זיך אַרומדרייען איבער פאַרשידענע קורסן, קרייזן, קלובן, זיך איינהערן אין כלערליי ענינים פון פאָליטיק, עקאָנאָמיע, פילאָסאָפיע פון דער רעוואָלוציע. נאָר צוליב עפּעס וואָס האָבן זיך די זאַכן ניט איינגעשטעלט ביי מיר אין זכרון, און כ׳בין גוט באַזאָרגט געווען. מתוך יאוש בין איך געוואָרן

„להוט" נאָך ווייטע זאַכן: קונסט און, ספּעציעל, ליטעראַטור. כ׳האָב זיך אַליין דערטאַפּט ווי כ׳בין פאַרטאָן אין זאַכן וואָס קומען פאַר בלויז ערגעץ אויף די ברעגן פון דער רעוואָלוציע און כ׳האָב זיך געהאַלטן אין איין מוסר זאָגן, הלמאי כ׳פאַרניכט בידים אַלע מיינע שעהען. ס׳האָט טאַקע אין מיר געוווירן אַ חשד אויף זיך אַליין, אַז כ׳בין גאָר ניט פעיִק זיך אַריינצופּאַסן אין יענער מעכטיקער „דיאַלעקטיק" וואָס באַוועגט, כידוע, דאָס גאַנצע וועזן און צעאַקערט מיט איר זין די גאַנצע מענטשלעכע געשיכטע. פון דער צווייטער זייט, אָבער, האָב איך צו זיך אַליין געטענהט, אָט בין איך דאָך תופס בחוש דאָס גדלות פון דער רעוואָלוציע, אַ גדלות וואָס פאַרפלייצט ממש די גאַסן פון דער גרויסער שטאָט: פון די אויגן ביי אַלעמען האָט זי געגלאַנצט אין דעם אייביקן מענטשן־געשפּאַן אַנטקעגן אַ פּראַכטפולן תכלית אַזעלכן וואָס באַרוישט דעם גאַנצן שטאָטישן קיום. איך, אָבער, האָב בלויז אין דרויסן אַרום איר פּאַלאַץ געוואַנדערט — אינעווייניק בין איך ניט אַריינגעקומען. איין שפּאַן האָט מיר שטענדיק אויסגעפעלט איך זאָל אַ געהיימע שוועל אַריבערטרעטן און באַגלייך מיט אַלעמען זיך אַריינכאַפּן אינעווייניק. ניט ביכער האָבן געהאָלפן, ניט די צענדליקער און צענדליקער לעקציעס. די לעקציעס — פלעגט מיר עפּעס אַ מין גרויער איינזאַם אונטערזאָגן — די לעקציעס ווייסן אַלץ און זעען אַלץ — דאָך דערגייען זיי קיין מאָל ניט צום אמת וואָס אַן איינצלנעם מענטשן פעלט. אויך מיין קוריער־אַרבעט אין „סאָוונאַר־כאָז" פלעגט האַלטן אין איין אַריינזאָגן מיר אין אויער, אַז זי הויבט ניט אָן האָבן קיין תכלית, און טאָג־איין, טאָג־אויס האָט זי זיך אָנגעלייגט אויף מיר ווי אַ גרוי־דריקנדיקע משא. צייטנווייז פלעג איך באַשליסן זיך אָוועקצוזעצן אין מיטן וועג אויף ערגעץ אַ שליחות מיינער און אַזוי בלייבן: ניט דערגיין, ניט דערטראָגן, ווייל סיי ווי האָט עס קיין תכלית ניט. דער סוף פלעגט אָוודאי זיין, אַז כ׳פלעג זיך אָנלאָדן מיט פאַרשידענע ניט־געשטויגענע שולדן כלפּי דער רעוואָ־לוציע — און, צום סוף, ביי זיך פועלן, אַז מיר וועט שוין גאָרניט העלפן. צוליב אַן אומפאַרשטענדלעכער סיבה פלעגט מיר לייכטער

ווערן דערפון — און מיט אַ טראָפּן דערהויבנקייט אין האַרצן פלעג איך זיך אַוועקלאָזן אויף ליטעראַריש־קינסטלערישע אָוונטן, וואָס אין יענער שטאָט זיינען זיי אַ שם־דבר געווען. איינעם אַן אָוונט האָב איך געזען איזידאָראַ דונקאַן אין איר טאַנץ פון דער רעוואָלוציע.

אַ פייכטע קעלט האָט זיך דעמאָלט געהאַט איינגעשטעלט אין דעם גאַנצן חלל פונעם זאַל — זי אָבער האָט ניט מוותר געווען אויף איר נאַקעטקייט אינעם טאַנץ, ווי איר שטייגער איז געווען. דער עולם איז געזעסן אַן איינגעשרומפּענער, פּונקט ווי עס וואָלט געווען אין אַן אויפגעריסענעם מאַרק פאַרוואָרפן אויף אַלע שלעכטע צוגווינטן: יעדער פּרצוף פון אַ מענטשן האָט זיך אויסגעוועפּט און אַרויפגעצויגן אויף זיך אַן אַשיקן גרוי וואָס האָט אַלעמען פאַראייניקט אין איין פאַריתומטן קיבוץ. אין זאַל האָט געהערשט אַ מין ציבור־איינזאַם, אַן דערוואַרטונג און אַן חרטה. שווער האָט דער אָוונט זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן קאָפּ פון יעדן איינעם, און יעדער איינער האָט זיך אפילו קיין חשבון דערפון ניט אָפּגעגעבן, אַזוי צוזאַמענגעשמידט איז דער עולם געווען אין זיין הוילן איינזאַם. כ׳בין געזעסן צווישן זיי, און ס׳איז מיר גוט געווען און וואַרעם געווען אין קיבוצדיקן גרוי. מיט אַ מאָל האָט זי זיך באַוויזן אויף דער בינע: פון ערגעץ ווו איז זי אין איין העלם אַריינגעקומען. אָבער באַלד האָט זיך מיר שוין געדוכט, אַז באמת איז זי שוין דאָרט געזעסן דעם גאַנצן אָוונט אַריינגעטאָן אינעם גאַנצן עולם — צוליב דעם האָט מען איר פּנים ניט דערקענט. אפשר האָט זי, ווי יעדער אַנדערער, אַריינגענומען קאָפּ צווישן אַקסל, צו פאַרהיטן די לעצטע טראָפּנס וואַרעם אירע; אָדער זי אַליין גאָר, די דונקאַן, האָט זיך ביז איצט געהאַט אַריינגעטוליעט אין אַ באַהאַלטענעם ווינקל אויף דער בינע, בעטנדיק אויף אַ שטיקל וואַרעם־חסד פאַר איר נאַקעטן קערפּער, אין איר דורכזיכטיקן וואָל. אָבער ווען זי איז שוין טאַקע געווען אַרויס אויף דער בינע, געווענדט אין דער ריכטונג פון דעם עולם, האָט ווי א נס געטראָפן און אַנגעפילט דעם זאַל; עס האָט אויסגעוועפּט די נעץ און די קעלט און מכפּר־געווען אויף דער פאַריתומטקייט און דעם שטומען מושב־אבלים וואָס די

מענטשן זיינען געזעסן אין דער רעוואָלוציע.

כ׳געדענק ניט געגוי, וואָס זי האָט דעמאָלט אויסגעטאַנצט: דעם „אינטערנאַציאָנאַל״, אָדער עטוואָס אַנדערש. איר טאַנץ עפּנט זיך מיר, ווי עס עפּנט זיך אַ זומער־האָריזאָנט פון־יענער־זייט געדיכטע נאַכט־יוירונגען. אַנטקעגן יעדן איינציקן באַזונדער אין יענעם זאַל האָט זי געטאַנצט, זיין גרוי־קאַלטע שעה האָט זי געהייליקט, זיינע אויסגעלאָזענע קוואַלן אים ווידער געעפּנט, וונדער־בריקן אים אויס־געלייגט צו דעם ליכט אין ווייטע הימלען. אַ מין דביקות האָט געשטייגט אין דעם מסירות־נפש אירן, אין דער תפילה וואָס האָט געלויטערט אין איר קערפּער, אינעם געזאַנג פון אירע הענט, אין די תהלות ותשבחות וואָס איר טראָט האָט געוועבט. אָבער אין דער זעלבער צייט האָט זיך אין אַלע אירע איברים אויך צעפּלאָטערט אַן אוראַלטע קינה, וואָס קוועלט אַן טאָקע פון סאַמע יענעם מרחקים־לויטער: ווי מיט גאָלדענע שטריק הילט זי איין און וויקלט אַרום איר טאַנץ. אַן אומגעהויערער לעבנס־זין האָט זיך געכוואַליעט אין דעם טאַנץ און האָט פאַרוואַנדלט דעם גאַנצן עולם אין איין קהילה קדושה. כ׳געדענק: יענעם אָוונט איז דונקאַן אין גאַנצן ניט באַגלייט געווען פון אַן אָרקעסטער; לכל הפּחות — ניט פון דעם גרויסן עסק וואָס אַן אָרקעסטער מאַכט אָפּט אין זיינער אַ באַגלייטונג: אַ באַגליי־טונג פון אויסערלעכער מוזיק וואָלט אַוודאי געווען צעשטערט דעם אינערלעך־מוזיקאַלישן בונד צווישן דעם חדווה־לויטער און דעם קינה־לויטער אין איזידאָראַס טאַנץ. אָבער די קינה רייסט זיך איצט, אין דער נאַכטיקער שעה, אַ גוואַלטיק באַהערשנדיקע די פינגער וואָס פירן איצט מיין פען. זיכער האָט דעמאָלט געלויערט די קינה אין האַרצן פון יעדן מענטשן אין דער רעוואָלוציע, וואָס זיין טאָג דריקט אים שווער אויף זיין לעבן, און אין דער שקיעה־שעה באַהעפט ער זיך מיט דעם גאַנצן פאָלק אין זיין שטומען מאַרש אַנטקעגן אַ זינלאָזער נאַכט ווי אַנטקעגן זיין גורל. דער ניגון פון גורל האָט דורכגענומען איר טאַנץ, זיך באַהעפט מיט די עקזאַלטירטע באַוועגונגען פון איר קערפּער, זיך אַריינגעגאָסן אין אַלע איברים

אירע. פון ערגעץ אַ לאַנד וואָס פון יענער זייט ים איז אָט די פרוי אָנגעקומען אין רעוואָלוציע־לאַנד. דאָרט, אין דער היים, ווערן אויוונס געהייצט, און קעלט האָט קיין שליטה ניט אויפן קערפער וואָס קאָן קיין קליידער־מחיצות ניט פאַרטראָגן צווישן זיך און לעבן־און־טויט. די רעוואָלוציע, אָבער, האָט ניט באַוויזן אָנצוואַרעמען אַ מענטשן: בלוי פון קעלט איז איר קערפער געוואָרן; אין איר טאַנץ האָט זי רגעסווייז אויסגעזען ווי זי קעמפט מיט אַ גרוי־וואַרגנדיקער סיטרא־אחרא וואָס האָט זיך פאַרנומען צו פאַרניכטן אַלע שטראָמען ליכט וואָס זי האָט מיט איר עקזאַלטירטן קערפער געהאַט געעפנט אינעם קאַלטן זאַל. קאָנוואַלסיע־סימנים פון אַ געפערלעכן ווייטיק האָבן אַלץ מער און מער זיך געריסן אין די איברים פון דער פרוי וואָס האָט זיך געראַנגלט פאַר איר עליה, פונקט ווי מיטאַמאָליקע פחדים וואָלטן אויף איר אָנגעפאַלן פון איר גאָענט־אָנקומענדיקן טויט. אין רגע האָט זיך געדוכט, אַז אָט־אָט און אַלץ איז שוין פאַרפאַלן, און איר צעבראָכענער קערפער וועט זיך פונאַנדערפאַלן. אירע אָרעמס, וואָס נאָר־וואָס האָבן זיי זיך געטובלט אין לויטערסטן בלוי, וועגן זיך געבראָכענע אַראָפּ צו דער ערד, און דאָס לעצטע געבעט נאָך הילף גייט אויס צווישן זייערע פינגער. אָבער איר תפילה הייבט זיך ווידער אויף, זי ווערט דערהערט, זי ווערט אָנגענומען און געענט־פערט — און צוזאַמען מיט אירע עקזאַלטירט־דערהויבענע אָרעמס גייט אויך אויף אַ נצחון־בשורה אין די אויגן פון דעם עולם, און דער שמייכל צעבליט זיך אין זייערע גרויע פנימער. די דונקאַן־בשורה איז שוין ווידער געוואָרן אַ שפע פון קוועלנדיקן קיום, אַ ליבע־טאַנץ אַנטקעגן דעם אייגענעם גורל. פינצטערע דראָונגען האָבן זיך איינגעשטילט, און פחדים האָבן זיך אויסגעלאָזט, און דער געראַנגל האָט זיך געענדיקט, און דער מענטש גייט האַנט־אין־האַנט אַרום מיט זיין גורל. אַלע טויט־שפּירונגען זיינען אויסגעוועפט געוואָרן פון דעם קערפער פון אָט דער שטיל־טאַנצנדיקער פרוי — איר קערפער איז איצט מער ניט ווי אַ געוועב פון דביקותדיקער מחשבה וואָס הילט

אין אַלע וואָרצלען פון לעבן און באַוועגט זיך אין אַלע אייביקע ענדערונגען און פאַרוואַנדלונגען אין לעבן.

אין יענע טעג האָב איך כמעט גאָרניט געוווּסט וועגן די „אַוואַנטיורעס" איזידאָראַס, איר פּיין און אירע מאַטערנישן. ווייניקער פון אַלץ האָב איך געהערט וועגן דעם וואָס דער דיכטער סערגיי יעסענין האָט איר געהאַט געטאָן. כ'בין ניט זיכער, צי דער „חשבון" וואָס איך אַליין ריכט זיך איצט אויס אין דער שפּעטער אשמורה פון פּיינלעכע־ניט־פּיינלעכע זכרונות, וואָלט אויך ביי מיר אין יענע טעג געגאָלטן. די רעוואָלוציע, האָב איך דעמאָלט געטראַכט, איז אַוודאי דעם מענטשנס אַ קאַמף פאַר ברויט, פאַר אַ דאַך איבערן קאָפּ, און פאַר חברישקייט — אַ האַנט אויף אַן אַקסל, אַן אויג וואָס דערקענט אַן אויג, אַ וואָרט וואָס דערגרייכט די טיפענישן פון אַ צווייטן. אָבער איצט ווייס איך שוין גאָרניט: דאָס בוך פון איזידאָראַס לעבן ברענט אין דער ביבליאָטעקאַרינס הענט, און דער דיכטער, געקליידט אין טאַקסידא און ווייסע הענטשקעס און לאַקירטע שיך, שוועבט ביי מיר אין טיפסטן נאַכט־בלוי צווישן פאַרשיכורטע שטערן. דאָרטן רייסט ער זיך אויס, ווי מ'רייסט בלומען אין פעלד, צוויי זילבערנע שטערן: איינעם שטעקט ער אַריין אין זיין טאַקסידא לאַץ; דעם צווייטן שטרעקט ער אויס איזידאָראַן, וואָס אַ צעקיילטע און צעביילטע פון זיינע קלעפּ ליגט זי ערגעץ אַ נאַקעטע פאַרשליידערט אויף דער שמוציקער ערד פון זיין דאָרפישן טראַקטיר. ער, אָבער, שוועבט זיך ווייטער אַוועק צו סטענקא ראַזין, און פאַרשיכורטע צום טויט טאַנצן זיי ביידע אויס אינעם בלוי אַ לויב־געזאַנג דער רעוואָלוציע פון דער הייליקער מוטער־רוסלאַנד.

—✶—

ס'איז געווען אַ פרימאָרגן, און נאַכט איז געקומען. אַ בלאַס מיידל לייגט ערגעץ־ווו איר קאָפּ אויף די פאַרשטומטע ווענט פון איר צימער און ראַנגלט זיך מיטן בלוי־ווייטיק פון אַ לויטערן האַרבסט־פרימאָרגן.

איזידאָראַ דונקאַן שפּאַנט צו איר אייגענער עקידה אין הימלישן בלוי, און איר האַלדז־טוך ציט זי אַלץ מער און מער אַראָפּ אינעם טויט־שאָטן פון דער שוואַרצער ערד. סערגיי יעסענין איז ערגעץ צעגאַנגען אין דאַמפן בלוי וואָס פאַרדעקן די וועלט: בלויז איין קליין שטערנדל זיינס ציטערט נאָך מיט זיין לעצטן טראָפּן כוח ביים אָפּגאַנג פון האָריזאָנט.

—✶—

צוליב עפּעס־וואָס טוט מיר אַזוי באַנג, מיין באַשעפער!

אַ ליכט ברענט

„ושם נר דלוק על ראשו
ומביט ורואה מסוף העולם ועד סופו".
„דאָרט איז אַ ליכט אָנגעצונדן איבער זיין קאָפּ
און ער קוקט און זעט פון איין עק וועלט ביזן צווייטן".
(תנחומא, פקודי.)

דאָס ליכט וואָס ברענט איבערן קאָפּ פון דעם נאָך־ניט־געבוירענעם קינד ווערט טאַקע אַן אַספּקלריה המאירה און הענגט שוין תמיד איבערן מענטשנס וועג און באַלויכט אים זיין לעבן. דערמיט האָט מיין רבי אַ מאָל פאַרענדיקט זיין פּסוק חומש־מיט־רש"י, זיך פאַרטאָן אין זיינע הרהורים פאַר די תלמידים אין די אויגן, און האָט שוין קיין מאָל ניט מפרש געווען, צי די מימרא האָט ער געקראָגן בקבלה פונעם „אַלטן צדיק", אָדער זיין אייגענע אַ שעת־רצון האָט אים געשענקט דעם רעיון אין זיין האַרצן. איך, אָבער, טראַכט זיך צייטנווייז נאָך אַלץ איין און איין אין זיינע רייד, און קיין מאָל — דוכט זיך מיר — וועל איך זיך שוין צו זייער תמצית ניט דערטראַכטן. פון פאַרהוילענע יוגנט־יאָרן באַגלייטן זיי מיך אין טאָג־און־נאַכט לאַבירינטן, ווי אַ חלום וואָס קאָן זיך גאָרניט זעטיקן מיט קיין פּתרון. אַ מאָל מאַכט זיך — ווען דער טאָג ווערט איינגעשטילט, און אַלע קולות ציען זיך אַוועק צו די ימים און אַ טיפער געהאָרך נידערט אַראָפּ אויף דער וועלט — הענגען זיי זיך אָן אויף די האָריזאָנטן, אין־זיך באַהאַלטענע, און דאָך דורכגענומענע פון עפּעס אַ מעכטיקן זין וואָס באַאָטעמט אין אָט־דער מנחה־שעה אַלץ וואָס איז נאָר פאַראַן. און אַ מאָל טראַכט איך זיך: ס'איז דאָך מער ניט ווי איינע אַן אַלטע אגדה, אַ מין משל וואָס די קדמונים האָט זיך פאַרגלוסט צו וועבן, און ניט צוקומענדיק קיין מאָל צום נמשל,

אָדער גלאַט עפּעס אַן אַלטער ספּור־המעשה וואָס האָט זיך פּאַר־גלוסט מענטשן וועמען לעבן איז זייער שווער, און זיי זוכן זיך אַ טראָפּן טרייסט אין אויסטראַכטענישן. פון דעסטוועגן גייט מיר נאָך מיין רבינס מימרא ווי אַ באַזונדערער זכות פון מיין קינדהייט אָן ביז צום היינטיקן טאָג: מיר דוכט זיך גאָר, אַז איך צערטל זי און גלעט זי און שפּיגל זיך אין איר און דערצייל זי תמיד מיינע נאָענטע און פריינד. די נאָענטע און פריינד מיינע — אַ פּאַרוווּנ־דערונג צעוויגט זיך אַ מאָל אין זייערס אַן אויג צוליב מיין מאָדנעם מעשה־ילדות וואָס לאָזט מיך ניט צורו. עס טרעפט זיך אָבער, אַז אַ טיפער, חסידימדיקער פאַרשטאַנד צעשיינט זיך באַהאַלטענערהייט אין אַן אויג פון מיינעם אַ חבר. בחוש הער איך דעמאָלט ווי פּלאַי־פּלאים צעוויגן זיך אין זיין געדייד; ווערט דעמאָלט מיין סוד זיבן מאָל גרעסער און טיפער און הייליקער.

האָט זיך איין מאָל געטראָפן, אַז כ׳בין געקומען אויף אַ וואָקזאַל מיט אַ גאַנצער חבורה מענטשן מקבל־פּנים זיין זייערן אַן אַמאָליקן חבר און לערער. יענער האָט זוכה געווען און האָט זיך דערוואָרבן פיל תלמידים — פלעגט זיי דאָס האַרץ אָפּטמאָל אויסגיין נאָך זייער רבין. די שעה איז שוין דעמאָלט געווען זייער אַ שפּעטע און מידע. האָבן זיך אַלע צונויפגעטוליעט אַרום דעם גאַסט, פּונקט ווי זיי וואָלטן געדאַרשט צו שטיין אין זיין מחיצה. ווער עס האָט זיך באַמיט אים אָפּצוגעבן אַ בפירושדיקן שלום עליכם; ווער בלויז אים געבן אַ שטיל־שווייגנדיקע האַנט, און ווער גלאַט אַזוי אַ קוק צו טאָן אויף אים עטוואָס פון וויטן. האָבן זיי אים אַזוי באַגלייט, ביז מ׳איז אָנגעקומען אין אַ טונעל וואָס האָט געפירט פונעם וואָקזאַל אינעם האָטעל, וווּ ער איז איינגעשטאַנען. דער טונעל איז געווען אַ גאַר־שמאָלער און זיין ברייט וואָלט ניט גענוג געווען פאַר אַ לאַנגער שורה באַגלייטער וואָס וואָלטן געגאַנגען רעכטס און לינקס פון רבין — האָט מען זיך צעטיילט אויף צוויי־דריי כיתות. איייניקע האָבן צוליב דרך־ארץ זיך אָפּגערוקט אַהינטער, כדי ניט צו שטופּן זיך בראש; האָט מען צווישן זיי געקענט באַמערקן, אַז זיי ווילן ניט

שטערן די פאַרקלערטע איינזאַמקייט אין וועלכער דער לערער איז זיי אַנגעקומען אַנטקעגן. דער סוף איז געווען, אַז אַלע כמעט זיינען אין טראַט אָדער צוויי אָפּגעשטאַנען פון זייער רבינס טראַט — איז ער טאַקע געבליבן איינער אַליין אַ רגע אָדער צוויי, און צוליב עפּעס־וואָס האָט עס מיך זייער שטאַרק געדריקט. האָב איך געבראָכן דעם אָנגענומענעם דרך פון דער חברהס מדות טובות און איינער אַליין האָב איך זיך צוגעאיילט און זיך צוגעשטעלט צום רבינס רעכטער זייט, פּונקט ווי אַ געלעגנהייט איז מיר אין דער האַנט אַריין און כ׳האָב מורא געקראָגן, טאָמער וועל איך זי צעפּטרן. פּונקט אין יענער מינוט, אָבער, האָט מיר מיין קלאָרער לשון ווי אָפּגענומען — בין איך גאַנצע מינוטן געגאַנגען ביי זיין זייט אַ פאַרשטומטער, ביז ער האָט מיך דערשפּירט און האָט מיך לייכט אָנגערירט אָן מיין אָרעם און אָפּן זיך געווענדט צו מיר:

„נעכט זענען שלאָפלאָזע, מיין ליבער. וואָס האָסטו עפּעס לעצטנס געלערנט, חבר? גיב מיר עפּעס אַ פּסוק דיינעם וואָס פאַלט דיר איצט איין".

כ׳האָב זיינע ווערטער פאַרנומען ווי זיי וואָלטן געקומען פון הינטער אַ דין־דורכזיכטיקער מחיצה. אוודאי האָט ער ממשיך געווען עפּעס אַ רעיון זיינעם נאָך פון פריער און האָט אים געהאַלטן אין וועבן אַפילו נאָך ווען ער איז געווען אויף אַ קורצער ווײַלע אָן שפּיץ פון דער חבורה. האָב איך אַרויסגערעדט מיין אייגענע משנה: „נעכט זיינען שלאָפלאָזע, רבי ומורי; און טעג הוילע רינגלען אַ מענטש צוקאָפּנס אַרום אין די נעכט. נעכטן, ווען די אַשמורה תיכונה איז געהאַנגען איבער דער וועלט — האָט זיך מיין האַנט פון־זיך־אַליין געצויגן צו עפּעס אַ ספר און גערוט אויפן „נר דולק" פון מדרש תנחומא. ביי מיר אין „חדר" האָט דער רבי איין מאָל געזאָגט: אַן אַספּקלריה המאירה ווערט ער און באַשיינט דעם מענטשן זיין לעבן".

ער האָט זיך אין גאַנצן ניט אָפּגערופן אויף מיינע רייד. די גאַנצע

חבורה איז אַרויף די טרעפּ און אים אַרומגערינגלט אויבן, ביים אַריינגאַנג פון זיין צימער.

צו חצות צו האָבן זיך די חברים אָנגעהויבן צעשיידן. איינ־געהאַלטן און עטוואָס פאַרזאָרגט זיינען מענטשן זיך צעגאַנגען פונעם צימער. אַ מאָל פלעגט זייער חבר און לערער זיי אַריינפירן מיט התעוררות און התלהבות אין אַ טיפער דביקות וואָס קיין נאָמען דאַרף מען אויף איר גאָר ניט האָבן. איצט אָבער האָט מען קלאָר דערקענט אַ נאָגנדיקע מידקייט אויף זיין פּנים און אין די אויגן — האָבן זיי זיך אַרויסגעדרייט כמעט, זיך אָפּגעטאָן פון דאָרט, און טונקל־שווערע נאָכטראַכטענישן האָבן אויף יעדן איינעם פון זיי געדריקט. מיר אָבער האָט ער אַ מין רמז געגעבן צו בלייבן אויף נאָך אַ ווײַלע ביי אים. און אַז מיר זיינען טאַקע אין גאַנצן איינע אַליין געבליבן, האָט די מידקייט געהאַט אָנגעוואָרפן אַ מין מאָדנעם גלאַנץ אויף זיין פּנים. האַלב־צעבראָכן האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אויף זיין שטול.

„אַ מענטש", האָט ער געשמייכלט, „דער כוח גייט אים פּשוט אויס פון צופיל נסיעות: היינט דאָ, מאָרגן דאָרט. וואָלט איך ניט געוווּסט אַז עמעצער וואַרט אויף מיר אַלע מאָל, וואָלט איך אַוודאי אַריינגעפאַלן אין גרויס עצבות, וואָס גאָט אַליין ווייס צי איך וואָלט זי געקאָנט ביישטיין. פאַר דעם האָב איך טאַקע אַ ביסל מורא, הגם מיטן גאַנצן כוח באַמי איך זיך צו דערוויטערן עצבות פון זיך. איך שפּיר אָבער ווי זי לויערט אויף מיר אין האַרצן. כ'זיץ צווישן חברים און פריינד, און פון ערגעץ אַ פאַרשטויסן ווינקל וואַרט זי באַהאַלטענערהייט אויף מיר — אָפּט מאָל ווייס איך ניט, צי נאָר ביי מיר אַליין, אָדער אויך אין האַרצן ביי אונדזערע חברים. האָסטו באַמערקט ווי שווייגנדיקערהייט רופן זיי נאָך אַ ניגון, גלייך עמעצער וואָס רופט אין אַ פינצטערער נאַכט נאָך הילף: אַ פּחד גייט ביי מיר אין האַרצן אַרום צוליב דעם איינזאַם וואָס הענגט איבער יעדן איינעם פון זיי. אַ נדבה — אַ ניגון בעטן זיי. איי, רבונא דעלמא כולא; וויפל ניגון, דענקסטו, פאַרמאָג איך אַליין?

„נו גוט! ניגון. מ׳זיצט בחברותא. מ׳מיינט אַרויסרייסן דעם איינזאַם בחברותא. אַרויסצוציען דעם צער פון ניגון בחברותא. וואָס אָבער טוט מען, אַז דווקא אין יענער שעה קומט עצבות אויף דיר אָן. אין חברותא רירט זיך עצבות אָן עצבות; עצבות וואָס נעמט אַרום מעמקים — נעמט אַרום אַלע חדרים אין אַ מענטשנס נשמה. אויך פון איר קוועלט דאָך דער סאַמע ניגון אַרויס. איי, רבונו של עולם: ווי ווייט קען עס דערגיין דיין עצבות, וואָס דו שיקסט אָן אויף אַ מענטשן אין זיין אָנסופיקער התלהבות? דעריבער טאַקע שלאָפט ניט אַ מענטש דורך די נעכט און ווייס אַפילו ניט פאַר וואָס״.

אַט אַזוי איז אַלץ רייפער געוואָרן דער יאוש וואָס ער האָט אָנגעצויגן אין דעם חלל פונעם צימער. איינע אַ מחשבה אַ געהיימע האָט זיך איינגעהאַלטן אין דער לופטן, און איז צו קיין אויסדרוק ניט צוגעקומען. כ׳בין געזעסן שווער־שווייגנדיק, פונקט ווי אַלע ווערטער זיינען מיר אויסגעטרוקנט געוואָרן. ער אָבער האָט מיט אַ מאָל אָפּגעריסן זיין קאָפּ וואָס איז אָנגעלענט געווען אויף אַ ווינקל צווישן צוויי ווענט און מיט באַנייטער פרישקייט האָט ער אָנגעהויבן אַרומגיין איבער דער לענג און ברייט פונעם צימער. אַ באַזונדערער לויטער האָט איצט געפלאָסן אין זיין קול, פונקט ווי ערשט איצט וואָלט קלאָר געוואָרן אַן ענין וואָס איבער אים האָט ער לאַנג און שווער געטראַכט. אַרומגייענדיק אַזוי, האָט ער זיין מידן רוקן אויסגעגלייכט, און פון זיינע אויגן האָט איצט אַרויסגעשיינט אַ ליכטיקייט, צוליב וועלכער זיין געזיכט האָט אויסגעזען אומגעהויער וואַכזאַם. לאַנג איז ער אַזוי אַרומגעגאַנגען און געוועבט זיין מחשבה:

„ס׳איז נאָר צום לאַכן, זאָג איך דיר. נאָך גאָר אַ קינד, נעמט זיך אַ מענטש אין האַרצן אַריין זיין רבינס אַ מימרא — טראָגט זי שוין אַלע זיינע טעג אַרום בשקו ותרמילו און זוכט פאַר איר אַ פירוש, אַפילו ווען זיינע יאָרן וואַרפן אים אָן גרוי אין זיינע האָר. אַ נבואה־פסוק ווערט זי ביי אים פאַר אַ מענטשן וואָס קאָן

ניט שלאָפֿן און מוזן מוז ער וואַנדערן פֿון איין מקום צו אַן אַנדערן. איי, בן־אדם דו — וואָס וועלן לייטן וועגן דיר זאָגן? אַ מענטש, אַלע זיינע יאָרן טוט ער נאָר הערן און זען, הערט אַ סך און זעט אַ סך — און צום סוף איז ער מער ניט ווי אַ יורד מנכסיו און מוז זיך ווענדן נאָך הילף צו עפּעס אַ מימרא פֿון זיין חברס אַן אַמאָליקן דרדקי־מלמד".

אויף אַ רגע האָט ער זיך לעבן מיר אָפּגעשטעלט, ווי ער וואָלט זיך אין עפּעס געוואָלט איבערצייגן. איינער אַן אַקסל זיינער איז געווען עטוואָס אַראָפּגעבויגן, ווי אונטער אַ לאַסט פֿון פֿאַרשידענע קלערונגען, און איינס אַן אויג זיינס האָט זיך איינגעקוקט אין מיר, אַריינדרינגענדיק בשעת־מעשה אין אַ מחשבה וואָס איז אַ רייפֿע געפּלאָסן ווי אַ פֿרישער קוואַל איבערן צימער.

„מיך ווונדערט אויף דיר: ביסט דאָך אַוודאי אַ בן־תורה — און אַזאַ סוגיא, ווי דיין רבינס, זאָל פֿון דיר אַזוי נעלם ווערן. און אפֿשר איז גאָר די מעשה אַ פֿאַרקערטע, איפּכא מיסתברא. אַ שרייבער ביי יידן איז עלול זיך אַוועקצושטעלן אויף אַלע פּרשות־דרכים און זיך נאָכפֿרעגן נאָך אַ פּירוש אויף זיין אַלטן מלמדס אַ מימרא: אָט דער נר דולק וואָס הקדוש־ברוך־הוא האָלט אים, כביכול, איבערן קאָפּ פֿונעם נאָך־ניט־געבוירענעם קינד, אַן אַספּקלריה המאירה ווערט עס — און הענגט זיך אָן אַ מענטשן אָנטקעגן אויף זיינע וועגן".

הינטער זיינע ווערטער האָט אָנגעהויבן אויפֿבליִען אַ ניגון, געוואָקסן אין דער שטילער רו פֿונעם צימער, אַריינגעדרונגען אין דער שפּעט־נאָכטיקער שעה. די מידקייט איז שוין אין גאַנצן געווען אָפּגעגאַנגען פֿון אים. ער האָט זיך ווי געטובלט אין אַ וואַכזאַמקייט וואָס דורך די שויבן פֿון פֿענצטער איז זי אויך געפּלאָסן אין דער דרויסנדיקער נאַכט אַרייַן. די וואַכזאַמקייט, אָבער, איז אַן איינגע־האַלטענע געווען, איינגענומען אין איר אייגענעם זין, קוועלנדיק בניחותא און אָנפֿילנדיק אַלע קנייטשן פֿון זיין פּנים מיט אָט דעם ליכטיקן זין. עס האָט קיין לענגערע מינוט ניט געדויערט, ווי ער

איז שוין ווידער אַרומגעגאַנגען איבערן צימער מיט טיפער רחבות, עלעהיי פרייטיק צו נאַכט וואָלט עס געווען און ער איז עס מקבל־פנים די מלאכי־השרת. אין אַלע ווינקעלעך איז ער איצט אויסגעווען, אַלע זאַכן אין צימער באַזוכט, און זיי באַשענקט פון יענעם וואַכזאַמען זין:

„אַט־די מימרא דיין רבינס — באמת זיינען מיר נאָך פון ששת ימי בראשית אָן אָנגעזאָגט געוואָרן זי צו היטן. דער סוד פון אַ מענטשנס קיום איז אין איר פאַרבאָרגן. דיין מלמד האָט זיך אין איר דערגראָבן צו אַ שלימותדיקן אויסדרוק וועגן אַ מענטשנס תכלית. אַוודאי איז ער, דער אַלטער, געווען בבחינת לא קרא ולא שנה אין די חכמות פון די אומות העולם, אין זייערע קונסט־זאַלן האָט ער אַוודאי קיין דריסת־הרגל ניט געהאַט, און פון זייער ליטעראַטור ניט געוווסט. איך האָב אַ זיכערן חשד, אַז קיין מאָל האָט ער זיך ניט פאַרנומען מיט קושיות ואבעיות פון קינסטלערישער עסטעטיק, רחמנא ליצלן. ס'איז אים גאַנץ ניחא געווען אָן זיי. אַ חסיד אָבער איז ער יאָ געווען, און האָט געקנעלט מיט יידישע קינדער אַ פסוק אין חומש־מיט־רש״י, אפשר אויך אַ כזית גמרא, און ביני־לביני האָט ער זיי זייערע אויערן געעפנט מיט די ספורי־מעשיות פונעם בעש״ט און דעם בראַסלאַווער, אפשר אויך עפּעס פונעם אר״י הקדוש אַליין, און ווער ווייס אויב ניט עטוואָס העכער. האָט ער, בכן, געהאַט אַ מימרא גרייט אויף זיינע ליפּן, כ'דענק באמת, אַז שטענדיק איז ער גרייט געווען מיט דער מימרא זיינער, אַבי ער האָט נאָר דערשפּירט אַן אָפענעם אויער. פון־זיך־אַליין, זעט אויס, פלעגט זי בוקע זיין פון מעמקים, וואָס ער אַליין האָט זיך מסתמא איבער זיי קיין חשבון ניט אָפּגעגעבן. אַזעלכע מענטשן ווי ער דערגראָבן זיך צו מעמקים ניט־ווי־לנדיק און ניט־וויסנדיק. האָט ער זי אַרויסגעזאָגט, די מימרא, און לחלוטין שוין ניט באַדאַרפט נאָכזוכן עפּעס אַ פירוש אירן. לגבי אים איז זי דאָך אין גאַנצן בבחינת „נגלה״. עס קאָן אַוודאי זיין, אַז געוויסע נאָכקלערונגען פלעגן אויף אים יאָ אָנווייען, אָבער מער גאָרניט. נר דולק — וואָס

איז נאָך פּשוטער לגבי אַ יידן אַ מאמין. אויך אַן אַספּקלריה המאירה. אוודאי. מסתמא פלעגט זי זיך אים בחוש ווייזן. מיט אונדז, אָבער, איז די מעשה גאָר האַרבער, ביי אונדז — שאני.

„בוא וראה — קום וועל איך דיר ווייזן: אין אַט־דער מינוט אונדזערער קומט אויף מיר אַן אַ גאָר גרויסער בתמיהה. אַ גרויסן ברודער האָבן מיר פאַרמאָגט: פרויד. איי פרויד. כ'האָב זוכה געווען אים צו זען פּנים־אל־פּנים. אַ שורש־נשמה האָט ער פאַרמאָגט — גאָר ניט ווייט פון דיין דרדקי־מלמד. זיך שטענדיק געהאַלטן ביי מעמקים. שטענדיק אָפן געווען צו פאַרנעמען דעם אָטעם פון מימרות, כיסופים, פּליטת־הלב און פּליטת־הפה. ווער ווייס, אויב צו אים איז טאַקע ניט אָנגעקומען דיין רבינס אייגענע מימרא. עס איז כדאי, אַז מיט ליכט זאָלן מיר זי זוכן אין דער תורה פרוידס: מיט ליכט זי זוכן. מסתמא האָט ער ניט געהערט. זיכער איז, אַז ער האָט געשפּירט דעם נר דולק און די אַספּקלריה; פאַר זיי האָט ער דאָך זיין גאַנצן לעבן געקעמפט. לכתחילה מסתמא בלא־יודעים דערשפּירט; נאָך דעם זיך צו זיי געריסן פון אַלע חדרים אין זיין נשמה: פון דעם אונטערגרונט אין זיין נשמה, פון די פערזענלעכע מעמקים־לאַבירינטן זיינע. וואָלט ער דאָס ניט דערשפּירט, וואָלט ער דאָך אין גאַנצן ניט געווען וואָס ער איז געווען. דעריבער טאַקע האָבן אַזוי פיל תלמידים זיינע פורש געווען פון אים, און אייניקע, וואָס די עבודה־זרה אין זייער נשמה האָט זיך שטאַרק צעשפּילט, האָבן אַפילו אָן אים רשעותדיק געבריקעט. יענע האָבן דאָס ליכט פונעם נר און פון דער אַספּקלריה ניט געקאָנט פאַרטראָגן. אפשר האָט ער אויך, ווען נאָך אַ קינד, געכאַפּט אַזאַ מימרא פון זיין רבינס אַ וואָרט, און דרך־הליכה איבער די גאַסן פון דער וועלט האָט ער זי דערווייל פאַרלאָרן — האָט ער זי שוין זיין גאַנצן לעבן אַרומגעזוכט איבער אַלע גאַסן פון דער וועלט אין אַ מענטשנס נשמה. אַן אדם גדול געווען.

„זע־נאָר: ווו איז ערגעץ אַהין געקומען אַט־יענע מידקייט מיינע? איצט בין איך שוין זיכער, אַז כ'וועל וואָך זיין היינטיקע

נאַכט. ווי עס שטייט געשריבן: אעירה שחר. דו ביסט אַוודאי טויב שוין פון די דיבורים מיינע. וואָלסטו אָבער נאָר געוווסט וואָס פאַר אַ זכות ס'איז מיר צוליב דיר אין די הענט אָנגעקומען. הער נאָר אַ מעשה: כ'האָב אַפילו ניט דערהערט אַז דו שוויגסט די גאַנצע צייט. כ'האָף אַז ביסט, חס־ושלום, ניט געוואָרן קיין שותק. אַ מענטש האָט אַ טבע זיך צוהערן צו זיך אַליין, אַפילו ווען אַן אַנדערער האַלט אים אין איין אַריינריידן אין אויער. אפשר אַליין טאַקע צייטנווייז צופיל איינגעהערט אין זיך אַליין. כ'בין גרייט שווערן, אַז כ'ווייס באמת ניט, וואָס מיט מיר איז היינטיקע נאַכט געשען. כ'האָב דאָך דיר אַפילו קיין פּתחון־פּה ניט געלאָזן. כ'באַצווינג דיך, דאָס אַלעס. אָבער פון וואַנען נעמט זיך צו מיר די ווונדערלעכע שפּירונג, אַז עפּעס האָב איך אַ וויכטיקע זאַך פאַרלאָרן — און זי נאָר־וואָס געפונען? אם תמצא לומר: אַ באַשטימטן ענין האָב איך געהאַט קומענדיק אַהער — איצט איז ער מיר מטושטש געוואָרן, און מיך אַרט עס גאָרניט. ווייל אַ גאָר־אַנדערע, אַ טיפערע זאַך ווערט מיר אין אַט־דער מינוט קרישטאָל־קלאָר. אַ יאָ: פרויד. אויך ער שוין איינגעזאַמלט צווישן זיין פאָלק".

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן מיר אויף אַ ווייַלע. כ'געדענק ניט אויף זיכער, צי ער האָט נאָך אַלץ ווייטער געהאַלטן אין איין ריידן, אָדער ער האָט מיט אַ מאָל אויפגעהערט. כ'געדענק זיך אַליין ניט אין יענער שעה. וויפל כ'זאָל זיך ניט באַמיען זיך אַליין צו באַשטימען אויף אַן אָרט צווישן דעם מעבל פונעם צימער אין יענער נאַכטיקער אַשמורה, גיט זיך עס מיר ניט איין. דער צימער איז פאַרפולט געוואָרן מיט אים: אַלע כלים האָבן זיך איינגעשמידט אין זיין גערייד; דער גאַנצער חלל פונעם צימער איז אָנגעזעטיקט געוואָרן מיטן ניגון וואָס איז איינגעהאַלטן געווען אין זיינע רייד און זיך סוף־כל־סוף צעשיינט אין זיין פּנים. אפשר האָב איך, צוליב באַקוועמלעכקייט וועגן, געהאַט אַראָפּגעלאָזן מיין קאָפּ אויף מיינע הענט, און אפשר — אויפן געזימס פונעם פענצטער. עס קאָן גאָר זיין, אַז אַ פּאָר מינוטן בין איך אומגעקערט געווען צו אים מיט

מיין רוקן און מיטן פּנים געווענדעט צום דרויסן: כ׳האָב אַריינ־געזאַפּט אין זיך די גרויסע וואַכזאַמקייט וואָס איז געקוואָלן אין דער נאַכטיקער אשמורה אַריין איבער וועלט־מרחקים. דעמאָלט, זעט אויס, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט הינטער מיר: כ׳האָב דערשפּירט דעם ליכטיקן שמייכל זיינעם:

„די נעכט — אין אַן אייגענעם חותם זייערן האָט גאָט־ברוך־הוא יעדע איינע פון זיי באַשאַפן. אַ מאָל נעמט זיי קיין שלאָף ניט, טייערער פריינד מיינער; זיינען אָנגעלאָדן מיט פּחדים פּאַר עפּעס אַ בלויז וואָס דריקט אויפן האַרצן ווי בליי. און אַ מאָל זיינען זיי לילות־שימורים, אָט ווי די היינטיקע נאַכט אונדזערע, וואָס פול מיט רחמנות און אהבה איז זי. זע נאָר, ווי די נאַכט אונדזערע איז רייף מיט דער נבואה שנזרקה מפיך בשם דעם מלמד דיינעם. איי, ווי איך האָב עס זיך געניי׳טיקט אין אַ חיזוק: דער כוח לאָזט זיך אַ מאָל אויס, און דער נפש רופט נאָך הילף; האָבן מענטשן אַמאָליקע יאָרן גוט געוווּסט ווען זיי האָבן זיך ביי אַ קינד געבעטן: פּסוק לי פּסוקך”.

ער האָט מיר זיינע אַ האַנט אַוועקגעלייגט אויף אַן אַקסל: פּונקט ווי מיין זכרון וואָלט זיך ערשט איצט צו מיר צוריקגעקערט, דערזע איך ווידער דעם צימער אין געהעריקן סדר און זיך אַליין אויף אַ באַשטימטן אָרט אין צימער. אַ מין נייע ממשותדיקייט האָט זיך מיר דעמאָלט דערשפּירט אין דער וועלט. זיינען מירביידע געשטאַנען ביים פענצטער און געאַנט ווי די וועלט טובלט זיך אין אַ לויטערן ים פון דערוואַרטונג, און אַ נייער נס ווערט דערוואַרט פון מרחקים. זיינע קלערונגען האָבן זיך דעמאָלט אָפּן געגאָסן פון האַרצן, ווי ער וואָלט מתפּלל געווען אין דער אָנקומענדיקער שעת־רצון:

„כ׳ווייס אַז ביסט געניט אין דער ליטעראַרישער שאַפונג פון אונדזער דור: ווייל איז דיר, וואָס דיין מלמדס מימרא איבערן נר דולק גייט דיר נאָך. טו און מאַך אים ווי אַן עיגול, ווי ר׳ לייב שרהס פלעגט טאָן, כדי שדים און מזיקים זאָלן זיך ניט אַריינרייסן אין

דיין רשות אַריין. ווייל מיר ווייסן דאָך וויפל שלעכטע צוגווינטן רייסן זיך היינטיקע צייטן אין דער ליטעראַטור: דער שטן אַליין שיקט זיי אַרויס איבער דער וועלט און פאַרקליידט זיי אין בגדים פון הוילער קונסט. תאָ חזי: דיין דרדקי־מלמד האָט זיך געשאַפן תלמידים: אוודאי גייען אייניקע פון זיי אַרום בשכונותיהם של ישראל און פראַוועןּ שימורים. וויפל אָבער זיינען אַוועק, און וויפל וועלן דעם נסיון ניט קאָנען ביישטיין: אין איין רגע־כמימרא פאַרבלאַנדזשען זיי און מיט די גרעסטע תאוות זייערע לאָזן זיי זיך אַראָפּ אינעם שאול־תחתית פון זייער אייגענער נשמה און פון אַן אַנדערנס נשמה. טו נאָר אַ קוק וואָס חכמים אחינו בני ישראל האָבן מיט זייער אייגענעם רבין, מיט פרוידן, געטאָן: ניט נאָר האָבן זיי פון אים פורש געווען, נאָר אויך מיט אַ מעסער פון קאַרל יונג רבם דקרו. זיין ליכט גייען זיי אַרום צו פאַרלעשן איבער דער וועלט. פאַרנעמען זיך צו פאַרלעשן דעם ערשטן שטערן וואָס דער בורא עולם האָט אויפגעהאָנגען אין זיין הימל, כדי צו באַלייכטן אַ מענטשן זיין וועג. דער עיקר ווילן זיי פאַרלעשן דיין רבינס נר דולק. זייער געשריי נאָך מעמקים איז ווי דער געוואָי פון אַ ווילד־איינזאַמער חיה, וואָס דער הונגער און די תאוות אירע האָבן זיך אויף איר גובר געווען, און זי קען זיך אַפילו קיין חשבון ניט אָפּגעבן — לאָזט זי אויס איר ניט־געוווסטן צער אויף פוסטע פעלדער און וועלדער און אַנטקעגן אַ חרוב־ווערנדיקער לבנה. דאָס לויטערע אויג פונעם שכל העליון ווערט אַלץ אָפּגעטאָן פון אונדזער פאַרווירטער וועלט. איי, מיין טייערער חבר: ווי גוט עס איז וואָס די השגחה עליונה פירט דיינע אַ האַנט אין טיפע נעכט צו אַ פסוק חומש־מיט־רש״י און צום נר דולק״.

ערגעץ ווו אין דער תהומישער טיפקייט פון דער נאַכט האָט זיך באַוויזן אַ רמז פון אַן ענדערונג וואָס יוירט אין דער וועלט; אַ ווונק און אַ צייכן און אַן ענטפער. מיין חבר און רבי איז געשטאַנען אין גאַנצן אָן אָפענער אַנטקעגן דער אילת השחר. פון געהיימע

קוואַלן אין דעם ים פון זיין וווּנדערלעכער דערוואַרטונג זיינען מיר איצט זיינע רייד אָנגעפלאָסן:

„וואָס שווייגסטו איצט, חבר? יסיחנה, שטייט געשריבן — און זע נאָר ווי עס ליכטיקט זיך אַ מעכטיקע שעת־רחמים איבער דער וועלט. זאָג עפּעס נאָך, אויסער דעם פּסוק דיינעם: כ׳בין גוזר אין אָט דער שעה אונדזערער״.

האָב איך אים דערציילט און דערציילט. ווער ווייס, צי כ׳האָב זינט דעמאָלט ווידער פאַרמאָגט אַזאַ קלאָרקייט אין מיין וואָרט. ער האָט זיך טיף איינגעהערט, שטייענדיק אַנטקעגן דער מלכות־דיקער גדלות אין וועלכער דער הימל האָט זיך אָנגעטאָן איידער די זון אַליין האָט זיך באַוויזן. מיט איינגעהאַלטענער התפעלות זיינען מיר ביידע געשטאַנען אַנטקעגן דער אויפגייענדיקער זון. ער האָט געשוויגן; איך אָבער האָב סוף־כל־סוף זיך ניט געקאָנט באַהערשן און אים דערציילט, פּונקט ווי ערשט אַ נייע בשורה וואָלט איך אים געבראַכט:

אַ ליכט ברענט איבערן קאָפּ פונעם נאָך־ניט־געבוירענעם קינד — — — אַן אספּקלריה המאירה ווערט עס — — — און הענגט איבער אַ מענטשנס וועגן און באַלויכט אים זיין לעבן.

שיקאַגאָ, תשכ״ג.

אינהאַלט:

צום לייענער	6
זייער זכות זאָל מיר בײשטיין	7
גלוי וידוע	34
שנײ	68
וואָס אַ דיכטער קאָן	87
משיח בן יוסף	119
איינגעזאַמלט צווישן זיין פאָלק	173
אַ מעשה מיט אַ וועכטער און אַ ליד	207
פון וועג אויף וועג	243
בלוי	276
אַ ליכט ברענט	298